STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04937

KINDHEYT UN YUGNT

Leo Tolstoy

Permanent preservation of this book was made possible
by Joshua Brand
in honor of
Miriam & Jack Brand

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פרוזמון
לון - מכ/00.

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

ל ע ו ו ט אָ ל ס ט אָ י

קינדהייט און יוגנט

יידיש דוד קאַסעל

אין צוויי טייל

ע ר ש ט ע ר ט י י ל

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאָבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמישער
אויסגאַבע פון רוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג פון 1928

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Kindhajt un Jugnt“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

ק י נ ד ה י י ט

Gift to the Workmens Ci...
in Memory of Jacob Freedman
147 So. Wetherly Dr.
Los Angeles, Ca.

I.

דער לערער קאַרל איוואַניטש

דעם 12־טן אויגוסט ...18 יאָר, פונקט דעם דריטן טאָג נאָך מיין געבורטסטאָג, ווען מיר איז געוואָרן צען יאָר און איך האָב באַקומען אַזוינע וווּנדערשיינע מתנות, האָט מיך קאַרל איוואַניטש אויפגעוועקט זיבן אַ זייגער אינדערפרי מיט זיין קלאַפּער — פון צוקער־פּאַפּיר מיט אַ שטעקעלע — אַ קלאַפּ טוענדיק אַ פליג איבער מיין קאָפּ. ער האָט עס אַזוי אומגעלומפּערט געמאַכט, אַז ער האָט אָנגערירט דאָס בילדל פון מיין מלאך, וואָס איז געהאַנגען אויפן דעמבענעם ווענטל פון בעט, און די דערהרגעטע פליג איז מיר אַרויפגעפאַלן גלייך אויפן קאָפּ. איך האָב אַרויסגעשטעקט די נאָז פון קאָלדרע, אָפּגעשטעלט מיט דער האַנט דאָס בילדל, וואָס האָט זיך געוויגט, אַראָפּגעוואָרפן די דערהרגעטע פליג אויף דער פּאָדלאָגע און נאָך מיט פאַרשלאָפענע, נאָר מיט בייזע אויגן אַ קוק געטון אויף קאַרל איוואַניטשן. נאָר ער איז זיך אַרומגעגאַנגען בײַ די ווענט אין זיין פאַרביקן וואַטענעם שלאָפראָק, אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל פון דעם זעלבן שטאָף, אין אַ רויטער געשריקטער יאַרמולקע מיט אַ פרענזעלע, אין ווייכע שטיוול פון ציגן־פעל, און געהרגעט פליגן.

„טאַקע — האָב איך געטראַכט — איך בין אַ קליינטשיקער, אָבער פאַרוואָס שטערט ער מיר? פאַרוואָס הרגעט ער נישט קיין פליגן לעבן וואָלאָדיעס בעט? אַזוי פיל פליגן דאָרטן! ניין, וואָלאָדיע איז עלטער פאַר מיר, און איך בין קלענער פאַר אַלעמען, פייניקט ער מיך טאַקע. דאָס גאַנצע לעבן טראַכט ער נאָר — האָב איך אַרויסגעשעפּטשעט — ווי צו פאַרשאַפן מיר עגמת־נפש. ער זעט דאָך זייער גוט, אַז ער האָט מיך אויפגעוועקט און דערשראָקן, אָבער אַ מינע מאַכט ער, ווי ער וואָלט עס

גאָרנישט באַמערקט... אַן עקלדיקער מענטש ! און דער שלאָפראָק, און דאָס היטעלע, און דאָס פרענזעלע — ווי ס'עקלט פון זיי !"

אין דער צייט, בשעת איך האָב אויף אַזאַ שטייגער אויסגעדריקט במחשבה מיין פאַרדראָס אויף קאַרל איוואַניטשן, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין בעט, אַ קוק געטון אויפן זייגער, וואָס איז געהאָנגען איבער אים אין אַ שיכעלע, באַנייט מיט פאַטשערקעס, אויפגעהאָנגען דעם קלאַפּער אויף אַ טשוואָק און זיך אומגעקערט צו אונז, ווי עס איז געווען קענטיק, זייער אַ צופרידענער.

— Auf, Kinder, auf... s'ist Zeit. Die Mutter isf schon in Saal, — האָט ער אַ געשריי געטון מיט אַ גוט דייטשיש קול ; דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו מיר, אַנידערגעזעצט זיך באַ די פיס און ארויסגענומען פון קעשענע אַ טאַבאַק-פושקעלע. לאַכנדיק, האָט ער מיך געקיצלט באַ די פּיאַטעס.

— Nun, nun, Faulenzer! — האָט ער געזאָגט.

ווי איך האָב מיך נישט געשראָקן פאַר קיצלען, בין איך דאָך נישט אויפגעשטאַנען פון בעט און אים נישט געענטפערט ; איך האָב נאָר טיפער פאַרגראָבן דעם קאָפּ אונטער די קישנס, שטאַרק געבריקעט מיט די פיס און מיט אַלע כוחות זיך געסטאַרעט נישט צו לאַכן.

— סאַראַ גוטער ער איז און ווי ער האָט אונז ליב, און איך האָב נאָך געקאָנט אַזוי שלעכט טראַכטן וועגן אים.

מין האָט פאַרדראָסן אי אויף זיך, אי אויף קאַרל איוואַניטשן, עס האָט זיך געוואָלט לאַכן און עס האָט זיך געוואָלט וויינען ; די נערוון זענען קאַליע געוואָרן.

— Ach, lassen sie, קאַרל איוואַניטש ! — האָב איך אויסגעשריגן מיט טרערן אויף די אויגן, אַרויסשטעקנדיק דעם קאָפּ פון אונטער די קישנס.

קאַרל איוואַניטשן איז עס אויסגעקומען קשה, ער האָט געלאָזט צורו מיינע פיס און אומרויק גענומען מיך אויספרעגן : וואָס איז עס אַזוינס ? צי האָב איך נישט געהאַט אַ שלעכטן חלום ?... זיין גוט דייטשיש געזיכט און די מיטלייד, מיט וועלכער ער האָט זיך באַמיט צו טרעפן די סיבה פון מיינע טרערן, האָבן נאָך פאַרגרעסערט דעם טרערן-קוואַל : איך האָב געהאַט פאַרדראָס און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי האָב איך עס מיט אַ מינוט פריער נישט געקאָנט ליב האָבן קאַרל איוואַניטשן און ווי אַזוי האָט עס מיר אויסגעוויזן עקלדיק זיין שלאָפראָק, זיין הי-

טעלע און דאָס פרענזעלע? איצט איז עס מיר, פאַרקערט, אויסגעקומען זייער ליב און אפילו דאָס פרענזעלע האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ דייטלעכער באַווייז פון זיין גוטסקייט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך ווייַן דערפאַר, ווייל איך האָב געהאַט אַ שלעכטן חלום — די מאַמע איז מיר געשטאָרבן און מען טראָגט זי צו דער קבורה. דאָס אַלץ האָב איך אויסגעטראַכט, ווייל איך האָב באַין אופן נישט געוווסט, וואָס מיר האָט זיך אין דער נאַכט געחלומט. נאָר אַז קאַרל איוואַניטש, גערירט פון מיין געשיכטע, האָט מיך אָנגעהויבן טרייסטן און באַרויקן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב באמת געזעען דעמדאָזיקן שרעקלעכן חלום, און די טרערן האָבן זיך שוין געגאָסן צוליב אַן אַנדערער סיבה.

אַז קאַרל איוואַניטש איז אַוועק און איך האָב מיך אויפגעהויבן אויף מיין געלעגער און גענומען אָנציען די זאָקן אויף מיינע קליינטשיקע פיס, זענען די טרערן עטוואָס געשטילט געוואָרן, אָבער די פינצטערע רעיונות וועגן דעם אויסגעטראַכטן חלום האָבן מיך נישט פאַרלאָזט. עס איז אַריינגעגאַנגען דער דיאַדקע ניקאָלאַי — אַ קליין ריין מענטשעלע, שטענדיק אַן ערנסטער, אַ פּינקטלעכער, אַ העפלעך-הכנעהדיקער און אַ גרויסער פריינט פון קאַרל איוואַניטשן. ער האָט געטראָגן אונזערע קליידער און שיך: פאַר וואָלאָדיען שטיוול און פאַר מיר נאָך אַלץ די נמאסדיקע שיכעלעך מיט בענדלעך. פאַר אים האָב איך נישט געקאָנט וויינען; אויך האָט אין פענצטער פריילעך אַריינגעשיינט די פרימאָרגנדיקע זון און וואָלאָדיע, נאָכקרימענדיק מאַריע פּאַוולאָוונען, דער שוועסטערס גוווערנאַנטין, האָט אַזוי הילכיק געלאַכט, שטייענדיק באַם וואַש-טישעלע, אַז אפילו דער ערנסטער ניקאָלאַי, מיט אַ האַנטוך אויפן אַקסל, מיט זייף אין איין האַנט און מיט אַ קרוג אין דער צווייטער, האָט שמייכלענדיק געזאָגט:

— געגוג אייך, וואָלאָדימיר פּעטראָוויטש, וואַשט זיך בעסער.

איך בין גאָר פריילעך געוואָרן.

— Sind sie bald fertig? — האָט זיך דערהערט פון קלאַס-צימער קאַרל איוואַניטשס קול.

זיין קול איז געווען אַ שטרענגס און האָט שוין נישט געהאַט יענעם אויסדרוק פון גוטסקייט, וואָס האָט מיך גערירט ביז טרערן. אין קלאַסצימער איז קאַרל איוואַניטש געווען גאָר אַן אַנדערער מענטש: דאָרט איז ער געווען אַ מדריך. איך האָב מיך באַלד אָנגעטון, זיך איינגעוואַשן און,

נאָך מיטן בערשטעלע אין האַנט, צוגלעמנדיק די נאַסע האָר, בין איך געקומען אויף זיין רוף.

קאַרל איוואַניטש, מיט ברילן אויף דער נאָז און מיט אַ בוך אין דער האַנט, איז געזעסן אויף זיין געווײנלעכן אָרט, צווישן דער טיר און דעם פענצטער. לינקס פון דער טיר זענען געווען צוויי פּאָליצעס: איינע — אונזערע, אַ קינדערישע, די צווייטע — קאַרל איוואַניטשס, אַן א י י ג ע נ ע. אויף אונזער פּאָליצע זענען געווען פאַרשידענע מינים ביכער — צום לערנען און נישט צום לערנען: מאַנכע זענען געשטאַנען, אַנדערע געלעגן, בלויז צוויי גרויסע בענד, Histoire des voyages, אין רויטן איינבונד, האָבן זיך זייער סאָליד צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט; ווייטער אָבער זענען געגאַנגען — לאַנגע, דיקע, גרויסע און קליינע ביכער — טאָוולען אָן ביכער און ביכער אָן טאָוולען; אַלץ פלעגט מען אַהין אַריינקוועטשן און אַריינרוקן, בשעת מען פלעגט, פאַר דער הפסקה, הייסן ברענגען אין אָרדנונג די ביבליאָטעק, ווי קאַרל איוואַניטש פלעגט הויך אָנרופן דידאָזיקע פּאָליצע. אויב די קאָלעקציע ביכער אויף דער א י י ג ע נ ע ר איז נישט געווען אַזוי גרויס, ווי אויף אונזערע, איז זי אָבער געווען נאָך פאַרשידנאַרטיקער, ווי אונזערע. איך געדענק דריי פון זיי: אַ דייטשישע בראָשור ווי צו באַמיסטיקן דעם באָדן צו פאַרזייען קרויט — אָן אַן איינבונד, אַ באַנד געשיכטע פונם זיבניעריקן קריג — אין אַ פּאַרמעט-איינבונד, אין איין ווינקל דורכגעברענט, און אַ פולשטענדיקער קורס פון הידראָסטאַטיק. קאַרל איוואַניטש האָט דעם גרעסטן טייל צייט געפּטרט אויף לייענען; ער האָט אפילו דורכדעם קאַליע געמאַכט די ראיה. אָבער אויסער דידאָזיקע ביכער און דער „צפונדיקער בין“, האָט ער מער גאָרנישט געלייענט.

צווישן די זאַכן, וואָס זענען געלעגן אויף קאַרל איוואַניטשס פּאָליצע, איז געווען איין זאַך, וואָס דערמאַנט מיך מער ווי אַלץ: דאָס איז אַ קרייז פון קאַרטאָן, אַרויפגעשטעלט אויף אַ הילצערן פיסל, אויף וועלכן דערדאָזיקער קרייז האָט זיך באַוועגט מיט שטיפטלעך. צום קרייז איז געווען צוגעקלעבט אַ בילדל — עפּעס אַ קאַריקאַטור אויף אַ פריצהטע און אַ פּאַריקמאַכער. קאַרל איוואַניטש האָט זייער גוט געקלעבט, און דעמדאָזיקן קרייז האָט ער אַליין אויסגעמייסטרעוועט, צו באַשיצן זיינע שוואַכע אויגן פון צו-שטאַרקן ליכט.

ווי איצט זע איך פאַר זיך די לאַנגע פיגור אין וואַטענעם שלאָפראָק און אין רויטן היטעלע, אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעזעען

שיטערע גרויע האָר. ער זיצט לעבן טישל, אויף וועלכן עס שטייט דער קרייז מיטן פֿאַריקמאַכער. וואָס לייגט אַ שאָטן אויף זיין פּנים; אין איין האַנט האַלט ער אַ בוך, די צווייטע ליגט אויפֿן אָנלען פֿון שטול; לעבן אים — אַ זייגער מיט אַן אויסגעמאָלטן יעגער אויפֿן ציפֿערבלאַט, אַ געקסטלט נאָז־טיכל, אַ שוואַרץ קיילעכיק טאַבאַק־פּושקעלע, אַ גרין שיידל צו די ברילן און צוועגנגלעך אין אַ מולטערל. דאָס אַלץ איז אַזוי אַרטיק, אַזוי פּינקטלעך אויסגעלייגט אויף זיין אָרט, אַז פֿון דער דאָזיקער אָרדנונג אַליין קאָן מען באַלד אַרויסדרינגען, אַז בײַ קאַרל איוואַניטשן איז דאָס געוויסן ריין און די נשמה רויק.

און אָט, אַז דו פֿלעגסט זיך אַמאָל גענוג אָנלויפֿן אונטן, אין זאַל, און גנבעסט זיך דערנאָך אויף די שפּיץ פֿינגער אינדערהייך, אין קלאַסצימער, זעסטו — קאַרל איוואַניטש זיצט זיך אַליין אין זיין שטול און לייענט מיט אַ מאַיעסטעטיש־רויקער מינע איינס פֿון זיינע געליבטע ביכער. טײלמאָל האָב איך אים געטראָפֿן אין אַזוינע מינוטן, ווען ער האָט נישט געלייענט: די שפּאַקולן זענען אים אַראָפּגערוקט אויף דער גרויסער אָדלער־נאָז; די בלויע האַלב־פֿאַרמאַכטע אויגן קוקן מיט עפּעס אַ באַזונדערן אויסדרוק און טרויעריק שמייכלען אים די ליפּן. אין צימער איז שטיל; עס הערט זיך נאָר זיין מעסיק אָטעמען און דאָס קלאַפּן פֿון זייגער מיטן יעגער.

אַמאָל פֿלעגט ער מיך נישט באַמערקן — און איך שטיי מיר בײַם טיש און טראַכט: אָרימער, אָרימער אַלטער! מיר זענען אַ סך, מיר שפּילן, אונדז איז פֿריילעך, און ער איז אַליין, ווי אַ שטיין, און קיינער טוליעט אים נישט צו. ס׳איז אַן אמת, וואָס ער זאָגט, אַז ער איז אַ יתום. און די געשיכטע פֿון זיין לעבן, וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכע! איך געדענק, ווי ער האָט זי דערציילט ניקאָלאַיען — שרעקלעך צו זיין אין זיין לאַגע! און עס טוט דיר אַזוי באַנג, אַז דו גייסט צו צו אים, נעמסט אים אָן פֿאַר דער האַנט און זאָגסט „lieber קאַרל איוואַניטש“. ער האָט עס ליב געהאַט, ווען איך פֿלעג מיך אַזוי אָנרופֿן צו אים. ער פֿלעגט מיר תּמיד אַ גלעט טון אין אַזאַ פֿאַל און פֿלעגט, קענטיק, זיין זייער גערירט.

אויף דער צווייטער וואַנט זענען געהאָנגען מאַפּעס, אַלע כּמעט אַרומגעריסן, אָבער קאַרל איוואַניטש האָט זיי גוט פֿאַרקלעבט. אויף דער דריטער וואַנט, ווו אינמיטן איז געווען אַ טיר אַראָפּצוגיין אונטן, זענען פֿון איין זייט געהאָנגען צוויי ליניייקעס; איינע אַ צעשניטענע — אונזערע,

די צווייטע, אַ נייע — אַן אייגענע, וואָס ווערט מער געברויכט אויף צוצוגעבן חשק, איידער צו לינירן. פון דער צווייטער זייט — אַ שוואַרצער טאָוול, אויף וועלכן עס זענען מיט קרייזלעך פאַרצייכנט גע-וואָרן אונזערע גרויסע חטאים און מיט קרייצלעך — די קליינינקע. לינקס פונם טאָוול איז געווען אַ ווינקל, וווּ מען פלעגט אונז שטעלן אויף די קני.

ווי מיר געדענקט זיך דאָסדאָזיקע ווינקל! איך געדענק דאָס דעקל אין אויוון, דאָס צוג-לאָך אין דעמדאָזיקן דעקל און דאָס גערויש, וואָס דאָס פלעגט מאַכן, בשעת מען פלעגט עס איבערדרייען. שטייסטו אַמאָל אין ווינקל, קני און רוקן בעמען דיר ווי טון און דו טראַכטסט: פאַרגעסן האָט מיך קאַרל איוואַניטש. אים איז, אַפנים, גוט צו זיצן אויף דער ווייכער שטול און לייענען זיין הידראָסטאַטיק, אָבער ווי איז מיר? און כדי צו דערמאַנען וועגן זיך, נעמסטו פּאַמעלעך עפענען און פאַרמאַכן דאָס דעקל, אָדער פאַרקען דאָס ליים פון וואַנט; זאָל אָבער פּלוצלינג אַראָפּפאַלן אַ צו גרויס שטיק אויף דער פּאָדלאָגע, איז, כ'לעבן, די שרעק אַליין ערגער פון אַ יעדער שטראָף. ווערסט אַ קוק טון אויף קאַרל איוואַ-ניטשן — זיצט ער זיך מיטן בוך אין דער האַנט און ווי נישט אים מיינט מען.

אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ טיש, באַדעקט מיט אַן אָרומ-געריסענער שוואַרצער צעראַטע. אונטער דעראָזיקער צעראַטע האָט מען געקאָנט זען, ווי די בּרעגן פון טיש זענען אין אַ סך ערטער צעשניצט מיט קליינע מעסערלעך. אַרום טיש זענען געשטאַנען עטלעכע נישט-געמאָלטע טאַבורעטן, וואָס זענען — פון לאַנגן זיצן אויף זיי — באַצוינגן געוואָרן מיט אַ מין לאַק. אין דער לעצטער וואַנט זענען געווען דריי פענצטער. אָט וואָס עס האָט זיך געזען אונטער די פענצטער: אַ וועג, וווּ יעדעס גריבל, יעדעס שטיינדל, יעדער ראָד-צייכן איז מיר געווען פון לאַנג באַקאַנט און ליב; הינטער דעם וועג — אַ געשוירענע ליפּן-אַלעע, און וווּ-נישט-ווו זעט זיך דורך איר אַ געפלאָכטענער פּאַרקאַן; דורך דער אַלעע קאָן מען אויך זען אַ לאָנקע, פון איין זייט אַ שייער און אַנטקעגן — דער וואַלד; ווייט אין וואַלד זעט זיך דעם שומרס הייזל. רעכטס פון פענצטער זעט זיך אַ טייל טעראַסע, אויף וועלכער די גרויסע פלעגן זיצן ביז מיטאָג. פלעגט טרעפן — ביזוואַנען קאַרל איוואַניטש פאַררריכט דאָרטן אַ בויגן, וואָס ער האָט פריער דיקטירט, קוקסטו אַרויס אין יענער זייט, זעסטו דער מאַמעס שוואַרצע קעפּל, עמעצנס אַ רוקן

און הערסט קוים-קוים, ווי מען רעדט דאָרט און מען לאַכט. און ווי פאַר-דראָסיק ווערט עס, וואָס מען קאָן דאָרט נישט זיין און דו טראַכטסט בעת-מעשה: „ווען פאָרט וועל איך שוין ווערן אַ גרויסער, כ'וועל אויפהערן צו לערנען און צו זיצן תמיד נישט מיט די דיאַלאָגן, נאָר מיט יענע, וואָס איך האָב ליב ?" דער פאַרדראָס גייט איבער אין אַן אומעט און דו פאַרטראַכסט זיך אַזוי, ווייסט אַיין גאָט פאַרוואָס און וועגן וואָס, אַז דו הערסט נישט, ווי קאַרל איוואַניטש בייזערט זיך פאַר די גריַיזן.

קאַרל איוואַניטש האָט אַראָפּגענומען דעם שלאָפּראָק, אָנגעטון דעם בלויען פראַק מיט די בופעס און קרייזן אויף די אַקסלען, פאַרריכט באַם שפּיגל דעם קראַוואַט און אַראָפּגעפירט אונז אונטן — אָפּגעבן גוט מאָרגן דער מאַמען.

II.

MAMAN

די מאַמע איז געזעסן אין גאַסטצימער און אָנגעגאָסן טיי ; מיט איין האַנט האָט זי צוגעהאַלטן דעם טשייניק, מיט דער צווייטער — דעם קראַן פון סאַמאָוואַר, און דאָס וואַסער האָט זיך געגאָסן איבערן טשייניק אויף דער טאַץ. זי האָט זיך אפילו שאַרף צוגעקוקט, אָבער זי האָט עס נישט באַמערקט ; נישט באַמערקט אויך דאָס, אַז מיר זענען אַריין.

עס שווימען אַרויס אַזוי פיל דעריבערונגען פון עבר, ווען דו ווילסט אויפלעבן אין דמיון די שטריכן פון אַ ליב וועזן, אַז דורך דידאָזיקע זכרונות, ווי דורך טרערן זעסטו זיי נעפּלדיק. דאָס זענען טרערן פון דמיון. בשעת איך וויל מיך דערמאָנען די מאַמען, אַזאַ, ווי זי איז געווען אין יענער צייט, זע איך בלויז אירע ברוין-גרויע אויגן, וואָס דריקן שטענדיק אַלצאיינס אויס גוטסקייט און ליבע, דאָס לייב-פינטעלע אויפן האַלז, עטוואָס נידעריקער פון יענעם אָרט, וווּ עס קרייזלען זיך קליינטשי-קע הערעלעך, דאָס אויסגענייטע ווייסע קראַגעלע, די צאַרטע טרוקענע האַנט, וואָס האָט מיך אַזוי אָפט געגלעט און וואָס איך האָב אַזוי אָפט געקושט ; אָבער דער אַלגעמיינער אויסדרוק אַנטלויפט פון מיר.

לינקס פון דיוואַן איז געשטאַנען אַן אַלטער ענגלישער קלאַוויר; לעבן קלאַוויר איז געזעסן מיין שוואַרצהנעוודיק שוועסטערל ליובקע מיט ראָזע פינגערלעך, נאָר-וואָס אויסגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער און האָט מיט קענטיקער אַנשטרענגונג געשפּילט און איבערגעשפּילט די עטיודן clementi. עלף יאָר איז איר געווען; זי האָט געטראָגן אַ קורץ לייוונטן קליידעלע, ווייסע הייזעלעך מיט שפּיצן, און אָקטאַוועס פלעגט זי נעמען בלויז "arpeggio". לעבן איר, עטוואָס אָפּגערוקט, איז געזעסן מאַריע איוואַנאָוונע, אין אַ הויב מיט ראָזע לענטעס, אין אַ בלוי קאַפּטאַנדל, מיט אַ רויט ברוגזדיק פּנים, וואָס איז נאָך שטרענגער געוואָרן, ווען קאַרל איוואַניטש איז אַריינגעקומען. זי האָט בייז אַ קוק געטון אויף אים, נישט געענטפערט אויף זיין פאַרבייגן זיך, געטופּעט מיטן פוס און געציילט: un, deux, trois, un, deux, trois, נאָך העכער און באַפעלערישער, ווי פריער.

קאַרל איוואַניטש האָט עס גאָר אין אַכט נישט גענומען און, ווי זיין שטייגער איז, צוגעגאַנגען גלייך צו דער מאַמעס הענטל מיט אַ דייטשישער באַגריסונג. די מאַמע האָט זיך אַ כאַפּ געטון, אַ שאָקל געגעבן מיטן קאָפּ, פּונקט ווי זי וואָלט וועלן מיט דערדאָזיקער באַוועגונג פאַרטרייבן די טרויעריקע מחשבות, דערלאַנגט קאַרל איוואַניטשן די האַנט און אַ קוש געטון אים אויף זיין צעקנייטשטן שלייף אַקוראַט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט איר געקושט די האַנט.

— Ich danke, lieber קאַרל, — און רעדנדיק ווייטער אויף דייטש, האָט זי געפרעגט:

— זענען די קינדער גוט געשלאָפן?

קאַרל איוואַניטש איז געווען טויב אויף אַן אויער און איצט האָט ער גאָרנישט געהערט צוליב דעם רעש פון קלאַוויר. ער האָט זיך מער אָנגעבויגן צום דיוואַן, זיך אָנגעשפּאַרט מיט אַ האַנט אָן טיש, שטייענדיק אויף איין פוס, און מיט אַ שמייכעלע, וואָס האָט מיר דעמאָלט אויסגעוויזן פאַר דעם העכסטן אויסדרוק פון פיינקייט, האָט ער אויפגעהויבן דאָס היטעלע איבערן קאָפּ און געזאָגט:

— איר וועט מיר אַנטשולדיקן, נאַטאַליע ניקאָלאַיעווונע!

קאַרל איוואַניטש האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגענומען זיין רויט היטעלע, כדי ער זאָל נישט צוקילן זיין נאַקעטן קאָפּ, אָבער יעדעס מאָל, בשעת ער איז אַריינגעקומען אין גאַסטצימער, האָט ער געבעטן דערויף אַ דערלויבעניש.

— טוט אָן, קאַרל איוואַניטש... איך פרעג אייך, צי די קינדער זענען גוט געשלאָפן? — האָט די מאַמע גאַנץ הויך געפרעגט און זיך צוגערוקט צו אים.

אָבער ער האָט ווידער נישט געהערט, האָט צוגעדעקט דעם הוילן קאָפּ מיטן רויטן היטעלע און נאָך ליבער געשמייכלט.

— וואַרט נאָר אַ מינוט, מימי, — האָט די מאַמע אַ זאָג געטון צו מאַריע איוואַנאָוונען מיט אַ שמייכל — מען הערט גאָרנישט.

ווי ד'ער מאַמעס געזיכט איז נישט געווען שיין, נאָר אַז זי האָט געשמייכלט, איז עס געוואָרן אַ סך שענער און אַרום איר איז אַזוי ווי פריילעכער געוואָרן. ווען איך וואָלט אין די שווערע מינוטן פון לעבן געקאָנט כאָטש אויף אַ רגע זען דעמדאָזיקן שמייכל, וואָלט איך נישט געוווסט, וואָס איז עס אַזוינס צער. מיר דאַכט זיך, אַז בלויז אין שמייכל ליגט דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן שיינהייט פון געזיכט: אויב דער שמייכל גיט צו דעם געזיכט חן, איז עס שיין; אויב ער פאַרענדערט עס נישט, איז עס אַ געוויינלעך געזיכט; אויב דער שמייכל מאַכט עס קאַליע, איז עס אַ מיאוס געזיכט.

באַגריסנדיק זיך מיט מיר, האָט די מאַמע גענומען מיט ביידע הענט מיין קעפּל, פאַרבייגט עס אַהינטער, דערנאָך זיך שטאַרק איינגעקוקט אין מיר און געזאָגט:

— דו האָסט היינט געוויינט?

איך האָב נישט געענטפערט, זי האָט מיר אַ קוש געטון אין די אויגן און געפרעגט אויף דייטש:

— פאַרוואָס האָסטו געוויינט?

בשעת זי האָט מיט אונז פריינטלעך גערעדט, איז עס שטענדיק געווען אויף דער שפּראַך, וואָס זי האָט אויסגעצייכנט גוט געקענט.

— דאָס האָב איך אין חלום געוויינט, מאַמע — האָב איך געזאָגט און זיך דערמאָנט אָן דעם אויסגעטראַכטן חלום מיט אַלע פּרטים; נישט-ווילנדיק, האָב איך אַ ציטער געטון בײַ דעם געדאַנק.

קאַרל איוואַניטש האָט באַשטעטיקט מיינע ווערטער, אָבער דעם חלום האָט ער פאַרשוויגן. מען האָט געכאַפּט אַ שמועס וועגן וועטער — אין דעם שמועס האָט זיך אויך מימי באַטייליקט — און דערנאָך האָט די מאַמע אַרויפגעלייגט אויף דער טאַץ זעקס שטיקלעך צוקער פאַר אייניקע בכּבודיקע דינער, זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צו דער האַפּט-ראַם, וואָס איז געשטאַנען בײַם פענצטער.

— נו, גייט איצט צום פּאַפּאַ, קינדער, און זאָגט אים, ער זאָל אומבאַדינגט אַריינגיין צו מיר, איידער ער גייט אין תבואה־שפּייכלער.

די מוזיק, דאָס ציילן און די בייזע בליקן האָבן זיך פונדאָסניי אָנגעהויבן, און מיר זענען אַוועק צום פּאַפּאַ. דורכגייענדיק דאָס צימער, וואָס האָט נאָך פאַר דעם זיידנס צייטן געהייסן אָפּיציאַנטענצי־מער, זענען מיר אַריין אין קאַבינעט.

III.

דער פּאַפּאַ

ער איז געשטאַנען לעבן שרייבטיש און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף קאָנווערטן, פּאַפּירן און הויפנס געלט, זיך געקאָכט און מיט היץ געערעדט עפּעס צום פּריקאַזשטשיק יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש, וואָס איז געשטאַ־נען אויף זיין שטענדיקן אָרט — צווישן דער טיר און דעם באַראָמעטער, פאַרלייגט די הענט אַהינטער, און זייער שנעל און אין פאַרשידענע ריכ־טונגען באַוועגט מיט די פינגער.

וואָס מער דער פּאַפּאַ האָט זיך געקאָכט, אַלץ שנעלער האָבן זיך באַוועגט די פינגער, און פאַרקערט: בשעת דער פאָטער איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָבן זיך אויך די פינגער צוגעשטעלט. אָבער אַז יאַקאָוו אַליין האָט גענומען רעדן, זענען די פינגער אַריינגעפאַלן אין אַ געוואַלטיקער אומרויִקייט און פאַרצווייפלט אומגעשפּרונגען אין אַלע זייטן. לויט זייערע באַוועגונגען, דאַכט מיר, האָט מען געקאָנט טרעפן יאַקאָווס געהיימע מחשבות; זיין פּנים איז אָבער שטענדיק געווען רויִק — עס האָט אויס־געדריקט דאָס באַוווסטזיין פון אייגנווירדע און צוזאַמען דערמיט אויך נאָכ־גיביקייט, וואָס האָט געהייסן; איך בין גערעכט, און ווילט איר, טאָ זאָל זיין, ווי איר זאָגט.

דערזעענדיק אונז, האָט דער פּאַפּאַ בלויז געזאָגט:

— וואַרט אַ ווײַלע, באַלד.

און מיט אַ קאָפּ־באַוועגונג אָנגעוויזן אויף דער טיר, אַז עמעצער פון אונז זאָל זי צומאַכן.

— אַך, גאָט דערבאַרעמדיקער! וואָס איז מיט דיר היינט אַזוינס געשעען, יאַקאָוו? — האָט ער ווייטער גערעדט צום פּריקאַזשטשיק, צוקנדיק מיט אַן אַקסל (ער האָט געהאַט אַזאַ טבע) — דער קאָנווערט מיט די אַכטהונדערט רובל...

יאַקאָוו האָט צוגערוקט די רעכנביינדלעך, אַראָפּגעוואָרפן 800 און אויסגעגלאָצט די אויגן אין אַן אומבאַשטימטן פּינטל, וואַרטנדיק, וואָס ווייטער וועט זיין.

— ...אויף דער הוצאה פון דער ווירטשאַפט אין מיין אָפּוועזנהייט. פאַרשטייסט? פאַר דער מיל באַדאַרפסטו באַקומען 1.000 רובל... אַזוי, צי נישט אַזוי? 8.000 משכנות-געלט דאַרפסטו צוריק באַקומען פון קאַזנאַ. פאַרן היי, וואָס מען קאָן, לויט דיין אייגענעם חשבון, פאַרקויפן 7.000 פוד — צו 45 קאָפּיקעס — וועסטו באַקומען 3.000. וויפיל, אַלזאָ, וועסטו האָבן אינגאַנצן געלט? 12.000... אַזוי, צי נישט אַזוי?

— טאַק טאָטשנאָ-ס, — האָט יאַקאָוו געענטפערט.

אָבער לויט דער פלינקער באַוועגונג פון די פינגער, האָב איך באַמערקט, אַז ער האָט געוואָלט איינווענדן דערויף; דער פּאַפּאַ האָט אים איבערגעשלאָגן:

— נו, פון די דאָזיקע געלטער וועסטו טאַקע שיקן 10.000 אין סאָוועט פאַר פּעטראָווסקאָיע... איצט וועסטו דאָס געלט, וואָס ליגט אין קאַנטאָר — האָט דער פּאַפּאַ ווייטער געזאָגט (יאַקאָוו האָט צעמישט די פריערדיקע 12.000 און אַראָפּגעוואָרפן 21.000) — מיר ברענגען און טאַקע מיט דער היינטיקער דאַטע וועסטו עס אָנצייכענען אין הוצאה-בוך (יאַקאָוו האָט צעמישט און איבערגעדרייט די רעכנביינדלעך. דערמיט, אפנים, האָט ער באַוויזן, אַז אויך דאָס געלט 21.000 וועט פאַרפאַלן ווערן). — דעמדאָזיקן קאָנווערט מיטן געלט וועטסטו איבערגעבן פאַר מיינעטוועגן לויטן אַדרעס.

איך בין געשטאַנען נאָענט צום טיש און האָב אַ קוק געטון אויפן אַדרעס. דאָרט איז געשטאַנען: „פאַר קאַרל איוואַנאָוויטש מויער".

דער פּאַפּאַ האָט, אַ פּנים, באַמערקט, אַז איך האָב איבערגעלייענט דאָס, וואָס איך האָב נישט באַדאַרפט, האָט ער מיר אַוועקגעלייגט די הענט אויפן אַקסל און מיט אַ לייכטער באַוועגונג אָנגעוויזן די ריכטונג ווייטער פון טיש. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, צי דאָס איז געווען אַ צערטלעכקייט אָדער אַ באַמערקונג, און איך האָב אויף יעדן פאַל אַ קוש

געטון די גרויסע אָדערדיקע האַנט, וואָס איז מיר געלעגן אויפן אַקסל.

— סלושאַיו-ס, — האָט יאַקאָוו געזאָגט — און מכּוח כאַבאַראָוקער געלט, ווי וועט זיין ?

כאַבאַראָוקאַ איז געווען דער מאַמעס דאָרף.

— איבערלאָזן אין קאָנטאָר און בשום אופן נישט רירן אָן מיין באַפעל.

א פּאָר מינוט האָט יאַקאָוו געשוויגן; דערנאָך האָבן זיך פלוצלינג גענומען באַוועגן זיינע פינגער מיט א פארשטאַרקטער שנעלקייט, און, פאַרענדערנדיק דעם אויסדרוק פון געהאָרכזאַמער טעמפּקייט, מיט וועלכער ער האָט אויסגעהערט דעם פּריצס אינסטרוקציעס, אויף זיין שטענדיקן אויסדרוק פון א מענטש מיט א גנביש-פלינקער תּפיסה, האָט ער צוגע- רוקט די רעכנביינדלעך און אָנגעהויבן רעדן:

— דערלויבט מיר אייך צו מעלדן, פּעטער אַלעקסאַנדראָוויטש, ווי איר ווילט אייך, נאָר אין סאָוועט צום טערמין וועט נישט זיין געצאָלט. איר האָט באַוויליגט צו זאָגן, — האָט ער זיך ווייטער אָנגערופן מיט א הפסקה, — אז עס וועט זיין געלט פון די משכנות, פון מיל און פון היי... (פאַרעכענענדיק די הוצאות, האָט ער זיי קאָנטראָלירט אויף די רעכנ- ביינדלעך). נאָר איר האָב מורא, מיר זאָלן זיך נישט טועה זיין אין חשבון, — האָט ער מוסיף געווען, עטוואָס צוגעשוויגן און טיפזיניק א קוק געטון אויפן פּאַפּאַ.

— פאַרוואָס ?

— אָט וועט איר זען: מכּוח דער מיל — איז שוין דער מילנער בא מיר געווען צוויי מאָל בעטן, מען זאָל אים אָפּלייגן און ער האָט געשוווירן בא גאָט, אז ער האָט קיין געלט נישט... ער איז טאַקע איצט דאָ: אפשר וואָלט איר באַוויליקט מיט אים צו רעדן ?

— וואָס זאָגט ער ? — האָט געפרעגט דער פּאַפּאַ און געמאַכט א צייכן, אז ער וויל נישט רעדן מיטן מילנער.

— מען ווייסט דאָך: נישט געווען, זאָגט ער, וואָס צו מאָלן, און דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער אריינגעלייגט אין דער הרעבליע. נו, אז מיר וועלן אים אַראָפּנעמען, האַרעלע, וועט עס זיך אונז דען לוינען ? מכּוח די משכנות האָט איר באַוויליקט צו רעדן, האָב איך אָבער אייך, דאַכט זיך, שוין געמאָלדן, אז אונזער געלט האָט זיך דאָרטן איינגעזעצט און באַקומען וועט מען דאָס נישט אזוי גיך. איך האָב אַנומלט געשיקט אין שטאָט צו איוואַן אַפאַנאַסיטשן א וואָגן מעל מיט

א צעטעלע מכוח דעמדאָזיקן ענין, האָבן זיי אָבער געענטפערט, אַז פאַר פעטער אַלעקסאַנדריטשן וואָלטן זיי זיך זייער געסטאַרעט, נאָר דער עסק ליגט נישט אין זיינע הענט. הכלל, ס'איז נאָך אַ ספק, צי אונזער קוויטאַנציע וועט קומען אין אַ פּאָר חדשים אַרום. מכוחן היי האָט איר באַוויליקט צו רעדן, לאָמיר אָננעמען, אַז מען וועט פאַרקויפן פאַר 3.000 רובל...

ער האָט באַרעכנט די 3.000 רובל אויף די ביינדלעך, א מינוט האָט ער געשוויגן, דאָ געקוקט אויף די ביינדלעך, דאָ אין דעם פּאַפּאַס אויגן אַריין מיט אַזאַ מינע:

„איר זעט דאָך אַליין, ווי דאָס איז ווייניק! אַז מען זאָל דאָס היי איצט פאַרקויפן, וועלן מיר ווידעראַמאָל צולייגן, דאָס ווייסט איר אַליין...”

עס איז געווען קענטיק, אַז ער האָט נאָך אַ סך ראיות, און, אַפּנים, דערפאַר האָט אים דער פּאַפּאַ איבערגעשלאָגן.

— איך וועל מיינע פאַראָרדנונגען נישט ענדערן, — האָט ער ביים געזאָגט — נאָר אויב עס וועט זיין אַ מניעה באַם באַקומען דאָס געלט, איז, מילא, וועסטו נעמען פון כאַבאַראָווקער, וויפיל מען דאַרף.

— סלושאיו־ס.

לויטן אויסדרוק פון יאַקאָווס פּנים און פינגער, איז געווען צו מערקן, אַז די לעצטע אינסטרוקציע האָט אים פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן.

יאַקאָוו איז געווען אַ לייב־פּויער, זייער אַ פלייסיקער און אַן איבערגעגעבענער מענטש; ווי אַלע גוטע פּריקאַזטשיקעס, איז ער געווען זייער קאַרג לטובת זיין האַר און האָט געהאַט גאָר מאָדנע השגות וועגן די הכנסות פון זיין פּריץ. ער האָט שטענדיק געזאָרגט דערויף, אַז דעם פּריצס אייגנטום זאָל זיך פאַרגרעסערן אויפן חשבון פון דער פּריצהטעס און זיך געסטאַרעט צו דערווייזן, אַז מען דאַרף פאַרברויכן די אַלע הכנסות פון איר גוט לטובת פּעטראָווסקאָיע (דאָס דאַרף, וווּ מיר האָבן געוווינט). באַ דער איצטיקער מינוט האָט ער טריומפירט, וואָרים ער האָט אויסגעפירט, וואָס ער האָט געוואָלט.

באַגריסנדיק זיך מיט אונז, האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט, אַז ס'איז שוין גענוג צו פּוסטעפּאַסעווען אין דאָרף, אַז מיר זענען שוין אויסגעוואַקסן און מען דאַרף אָנהייבן זיך ערנסט צו לערנען.

— איר ווייסט שוין, מיין איך, אַז איך וועל היינט באַנאַכט פאָרן

קיין מאָסקווע און וועל אייך מיטנעמען מיט זיך, — האָט ער געזאָגט. — איר וועט וווינען בא דער באָבען, און די מאַמע מיט די מיידלעך וועלן דאָ בלייבן. זאָלט איר־זשע וויסן, אַז די איינציקע טרייסט פאַר דער מאַמען וועט זיין, ווען זי וועט הערן, אַז איר לערנט זיך גוט און מען איז מיט אייך צופרידן.

לויט די הכנות, וואָס זענען געווען צו מערקן פאַר די לעצטע עטלעכע טעג, האָבן מיר אפילו געוואַרט אויף עפּעס אומגעוויינלעכס, דאָך האָט אונז דאָסדאָזיקע נייעס געוואַלטיק איבערראַשט. וואָלאָדיע איז רויט געוואָרן און מיט אַ ציטערדיק קול איבערגעגעבן דער מאַמעס בקשה.

„אָט וואָס מיר האָט פאָרגעזאָגט מיין חלום!" — האָב איך אַ טראַכט געטון. — „זאָל נאָר גאָט געבן, עס זאָל נישט געשען נאָך עפּעס ערגערס".

עס האָט מיר זייער באַנג געטון די מאַמע און גלייכצייטיק האָט מיך געפרייט, וואָס מיר זענען שוין טאַקע געוואָרן גרויסע.

„אויב מיר וועלן היינט פאָרן, וועט מען היינט נישט לערנען, אויס־געצייכנט!" — האָב איך געטראַכט. — „פונדעסטוועגן איז אַ שאָד קאַרל איוואַנאָוויטשן. מען וועט אים מסתמא באַפרייען פון זיין פּאָסטן, וואָרים אַנישט וואָלט מען דאָך נישט צוגעגרייט פאַר אים דעם קאָנווערט. איז דאָך שוין גלייכער זיך צו לערנען אייביק און נישט אָוועקפאָרן, נישט זיך שיידן מיט דער מאַמען און נישט באַליידיקן דעם בידנעם קאַרל איוואַניטשן. ער איז אַזוי אויך גענוג אומגליקלעך!"

דידאָזיקע געדאַנקען זענען מיר אַדורכגעלאָפן אין קאָפּ; איך האָב מיך נישט גערירט פון אָרט, געשטאַנען און געקוקט אויף די שוואַרצע בענדלעך פון די שיכלעך.

אויסגערעדט עטלעכע ווערטער מיט קאַרל איוואַניטשן וועגן פאַלן פון באַראָמעטער און אָנגעזאָגט יאַקאָוון נישט צו געבן עסן די הינט, מחמת ער וויל פאָרן אָוועקפאָרן, נאָכן מיטאָג, אויספּרובירן די יונגע יאַגד־הינט, האָט דער פּאַפּאַ אונז פּלוצלינג אָוועקגעשיקט לערנען, באַ־רויקנדיק אונז פונדעסטוועגן מיט דער הבטחה, אַז ער וועט אונז מיטנע־מען אויף יאַגד.

גייענדיק אין קלאַסצימער, בין איך אַרויפגעלאָפן אויף דער טע־ראַסע. בא דער טיר, אויף דער זון, איז געלעגן פאַרזשמורעט דעם טאַטנס ליבסטער הונט — מילקע.

— מילקעלע, — האָב איך געזאָגט, געגלעט און געקושט אין פּיסק אַריין — מיר פאָרן היינט אַוועק. זיי געזונט! מיר וועלן זיך שוין קיינמאָל נישט זעען!

דאָס האַרץ איז מיר ווייך געוואָרן און איך האָב מיך צעוויינט.

IV.

אין קלאַסצימער

קאַרל איוואַניטש איז געווען שטאַרק נישט אויפגעלייגט. דאָס איז געווען קענטיק פון דעם, ווי ער האָט צונויפגעדריקט די ברעמען, ווי ער האָט אַ שליידער געטון דעם סורדוט אין קאָמאָד אַריין, ווי ער האָט זיך בייז צוגעגאַרטלט און ווי ער האָט שטאַרק אַ קריץ געטון מיטן נאָגל איבערן דיאַלאָגן־בוך, אָנצואווייזן דאָס אָרט, ביזוואַנען מיר דאַרפן אויסחזרן. וואָלאָדיע האָט זיך געלערנט, ווי געהעריק; איך בין אָבער געווען אַזוי צערודערט, אַז איך האָב גאָרנישט געקאָנט טון. לאַנג האָב איך אָן שום זין אַריינגעקוקט אינם דיאַלאָגן־בוך, אָבער צוליב די טרערן, וואָס האָבן זיך מיר אָנגעזאַמלט אין די אויגן באַם געדאַנק, אַז איך דאַרף מיך שיידן, האָב איך נישט געקאָנט לייענען. בשעת איך האָב באַדאַרפט דאָס אויסגעחזרטע איבערזאָגן פאַר קאַרל איוואַניטשן, האָט ער מיך אויסגעהערט אַ פאַרזשמורעטער (דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן). און גראָד אויף דעם אָרט, ווו איינער זאָגט: „Wo Kommen sie her?“ — און דער צווייטער ענטפערט: „Ich Komme vom Keffeehause“ האָב איך נישט געקאָנט מער איינהאַלטן די טרערן און פון געוויין נישט געקאָנט אַרויסרעדן די ווערטער: „Haben sie die Zeitung nicht gelesen?“ און אַז איך האָב באַדאַרפט איבערשרייבן אויף ריין, האָב איך צוליב די טרערן, וואָס זענען געפאַלן אויפן פּאַפּיר, געמאַכט אַזוינע טינט־פלעקן, פּונקט ווי איך וואָלט געשריבן מיט וואַסער אויף פּאַק־פּאַפּיר.

קאַרל איוואַניטש איז זייער בייז געוואָרן, אַנידערגעשטעלט מיך אויף די קני, געטענהט, אַז דאָס איז עקשנות, אַ מין פּופּענקאָמעדיע (דאָס

איז געווען זיין געליבט ווערטל), געסטראַשעט מיט דער לינייקע און גע־פּאָדערט, אַז איך זאָל אים איבערבעטן; צוליב די טרערן האָב איך אָבער קיין איין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסזאָגן. צולעצט, פילנדיק, אַפּנים, אַז ער איז נישט גערעכט, איז ער אַוועק אין ניקאָלאַיס צימער און אַ קלאַפּ געטון מיט דער טיר.

אין קלאַסצימער האָט זיך געהערט דער שמועס אין דעם דיאַד־קעס צימער.

— האָסטו געהערט, ניקאָלאַי, אַז די קינדער פאָרן קיין מאָס־קווע? — האָט קאַרל איוואַניטש געזאָגט, אַריינגייענדיק אין צימער.

— אוודאי געהערט, — ניקאָלאַי האָט זיך, אַפּנים, געוואָלט אויפ־הייבן, מחמת קאַרל איוואַניטש האָט געזאָגט: „זיץ, ניקאָלאַי!" — און באַלד דערויף פאַרמאַכט די טיר. איך בין אַרויס און צוגעגאַנגען צו דער טיר — צולייגן אַן אויער.

— וויפיל גוטס דו זאָלסט נישט טון מיט מענטשן, ווי טריי דו זאָלסט זיי נישט זיין, זאָלסטו אויף קיין דאַנק פון זיי נישט וואַרטן, ני־קאָלאַי, — האָט קאַרל איוואַניטש געזאָגט מיט האַרץ.

ניקאָלאַי איז געזעסן באַם פענצטער בײַ אַ שוסטערישער מלאכה און האָט איינשטימיק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

— צוועלף יאָר, אַז איך וווין אין דעמדאָזיקן הויז, און ווי פאַר גאָט קאָן איך זאָגן, ניקאָלאַי, — האָט קאַרל איוואַניטש ווייטער גערעדט, אויפהייבנדיק די אויגן און דאָס טאַבאַק-פּושקעלע צום סופיט, — אַז איך האָב זיי ליב געהאַט און זיך פאַרנומען מיט זיי מער, ווי מיט אייגענע קינדער. געדענקסטו, ניקאָלאַי, בשעת וואָלאָדקעלע איז געלעגן אין אַ היץ-קרענק, געדענקסטו, ווי איך האָב ניין טעג נישט צוגעמאַכט קיין אויג און נישט אָפּגעטרעטן פון זיין בעט. יאָ! דעמאָלט בין איך געווען דער גוטער, דער ליבער קאַרל איוואַניטש, דעמאָלט בין איך נייטיק גע־ווען. און איצט — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן איראָנישן שמייכל — איצט זענען די קינדער אויסגעוואַקסן: ערנסט דאַרפן זיי זיך לערנען, פּונקט ווי דאָ וואָלטן זיי זיך נישט געלערנט, ניקאָלאַי?

— וויפיל נאָך לערנען, דאַכט זיך? — האָט ניקאָלאַי געזאָגט, אַוועקגעלייגט די אָל און מיט ביידע הענט אַדורכגעצויגן די דראַטווע.

— יאָ, איצט בין איך שוין נישט נייטיק, באַדאַרף מען מיך דורכ־טרייבן; אָבער וווּ זענען די הבטחות? וווּ איז די דאַנקבאַרקייט? נאַטאַליע

ניקאָלאַיעוונען שעץ איך און האָב זי ליב, ניקאָלאַי, — האָט ער געזאָגט און צוגעלייגט די האַנט צום האַרץ — אָבער וואָס איז זי?... איר דעה אין שטוב איז אַלצאיינס, וואָס אַט דאָס — דערביי האָט ער מיט אַן אויסדריקלעכן זשעסט אַ וואָרף געטון אַ שטיקל לעדער אויף דער פּאָדלאָגע. — איך ווייס ווּעמענס שפּיצלעך דאָס זענען און פאַרוואָס מען דאַרף מיך שוין נישט: דערפאַר וואָס איך קאָן נישט חנפענען און צו באַמקען אויף אַלץ, ווי אַנדערע מענטשן. איך בין געווינט תמיד צו זאָגן אַלעמען דעם אמת — האָט ער מיט שטאָלץ געזאָגט. — מילא! דערפון, וואָס איך וועל נישט זיין, וועלן זיי רייכער נישט ווערן, און איך, גאָט איז אַ גוטער, וועל מיר געפינען מיין שטיקעלע ברויט... נישט אַזוי, ניקאָלאַי?

ניקאָלאַי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ קוק געטון אויף קאַרל איוואַניטשן, פונקט ווי ער וואָלט זיך וועלן איבערצייגן, צי וואָלט ער באמת געקאָנט געפינען אַ שטיקעלע ברויט, אָבער ער האָט גאָרנישט געזאָגט.

אַ סך און לאַנג האָט קאַרל איוואַניטש גערעדט אויף דעם שטייגער; ער האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי מען האָט בעסער געקאָנט אָפּשאַצן זיינע פאַרדינסטן בּאַ איינעם אַ גענעראַל (מיר איז עס זייער פיינלעך געווען צו הערן), גערעדט וועגן זאַקסן, וועגן זיינע עלטערן, וועגן זיין פריינט, דעם שניידער Schönheit און א. וו. א. וו.

איך האָב מיטגעפילט זיין צער און עס האָט מיר וויי געטון, וואָס דער טאַטע און קאַרל איוואַניטש, וועלכע איך האָב ליב געהאַט כמעט אין אַ גלייכער מאָס, האָבן איינאַנדער נישט פאַרשטאַנען. איך בין צוריק אין ווינקל אַוועק, זיך אַוועקגעזעצט אויף די פּיאַטעס און געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מען ברענגט זיי צו אַ הסכם.

אַריין צוריק אין קלאַסצימער, האָט מיך קאַרל איוואַניטש געהייסן אויפשטיין און צוגרייטן דעם העפט פאַרן דיקטאַט. אַז אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט ער זיך מאַיעסטעטיש אַראָפּגעלאָזט אויף זיין שטול און מיט אַ קול, וואָס איז, דאַכט זיך, אַרויסגעקראָכן פון ערגעץ אַ טיפעניש, האָט ער אָנגעהויבן דיקטירן פאָלגנדיקס: „Von allen Leidenschaften die grausamste ist... Haben sie geschrieben?" דאָ האָט ער זיך צוגעשטעלט, לאַנגזאַם אַ שמעק געטון טאַבאַק און מיט אַ נייער קראַפט פאַרגעזעצט: „die grausamste ist die Undankbarkeit...

"Ein grosses U. אַז איך האָב געשטעלט דאָס לעצטע וואָרט און דער־נאָך געוואָרט אויפן ווייטערדיקן, האָב איך אַ קוק געטון אויף אים.

— Punctum, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל קוים צו מערקן און געמאַכט אַ צייכן, מיר זאָלן אים דערלאַנגען די העפטן.

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעלייענט דאַקדאַזיקע ווערטל מיט פאַרשידענע אינטאָנאַציעס און מיט אַן אויסדרוק פון געוואָלטיקער הנאה; דאָס ווערטל האָט אויסגעדריקט זיין אינטימע מחשבה. דערנאָך האָט ער אונז געגעבן אַ לעקציע איבער געשיכטע און זיך אַנידערגעזעצט באַם פענצטער. זיין פּנים איז שוין נישט געווען אַנגעברוגזט, ווי פריער. עס האָט אויסגעדריקט די צופרידנקייט פון אַ מענטש, וואָס האָט, ווי געהעריק באַצאָלט פאַר אַ באַליידיקונג.

עס איז געווען איינס אַ זייגער אָן פינפצען מינוט. קאַרל איוואַ־ניטש האָט, ווייזט אויס, גאָרנישט געטראַכט אונז אָפּצולאָזן: ער האָט אונז ווייל־נאָך אונטערגערוקט נייע אַרבעט, לאַנגווייליקייט און אַפּעטיט האָבן זיך געגרעסערט אין אַ גלייכער מאָס. מיט שטאַרקער אומגעדולד האָב איך נאָכגעשפּירט די אַלע סימנים, וואָס ווייזן, אַז דאָס מיטאָג איז נאָענט. אָט גייט שוין דאָס הויף־ווייבל וואַשן די טעלער, אָט הערט זיך, ווי עס קלינגען די כּלים אין בופעט, ווי מען רוקט פונאַנדער דעם טיש און מען שטעלט אַרום שטולן, אָט איז אויך מימי מיט לובקעלען און קאַטיעלען (קאַטיעלע — מימיס צוועלפיעריק טעכטערל), זיי גייען פון גאָרטן. אָבער פּאַפּאַ איז נישטאָ, דער ווירטשאַפט־פירער פּאָקאַ, וואָס קומט שטענדיק און זאָגט־אָן, אַז דאָס עסן איז פאַרטיק. ערשט דעמאָלט וועט מען קאָנען אַ וואָרף טון די ביכער און, נישט געקוקט אויף קאַרל איוואַ־ניטשן, אַראָפּלויפן אונטן.

אָט הערן זיך טריט אויף די טרעפּ. אָבער דאָס איז נישט פּאַפּאַ! איך קען גוט זיינע טריט און דערקען שטענדיק דעם סקריפּ פון זיינע שטיוול. די טיר האָט זיך געעפנט און אין איר האָט זיך באַוויזן אַ גע־שטאַלט, וואָס איז מיר גאָר אומבאַקאַנט געווען.

V.

דער חסור-דעה

אין צימער איז אריין א מענטש פון א יאָר פינפציק מיט א בלאַס לענגלעך פנים, צעאַקערט מיט פּאָקן-גריבעלעך, מיט לאַנגע גרויע האָר און מיט א שיטער געל בערדל. ער איז געווען אַזוי הויך, אַז בשעת ער האָט באַדאַרפט אריינגיין אין צימער, האָט ער נישט בלויז געמוזט אַרונ-טערבייגן דעם קאָפּ, נאָר אויך זיך אויסבייגן מיטן גאַנצן גוף. געטראָגן האָט ער עפּעס א צעריסענעם בגד, ענלעך צו א קאַפּטן און צו א גלחישן לייב-ראָק; אין האַנט האָט ער געהאַלטן א גרויסן שטעקן. אריין אין צי-מער, האָט ער מיט אַלע כּוחות א קלאַפּ געטון איבער דער פּאָדלאָגע מיטן שטעקן, דערנאָך אויסגעקרימט די ברעמען, שרעקלעך פונאַנדערגעעפנט דאָס מויל און אָנגעהויבן לאַכן אויף אַן אימהדיקן און אומנאַטירלעכן אופן. ער איז געווען בלינד אויף איין אויג און דאָס ווייסע פינטל פון דעמדאָזיקן אויג איז כּסדר אומגעשפרונגען און צוגעגעבן זיין מיאוסן פנים נאָך א מער אָפּשטויסנדיקן אויסדרוק.

אהאַ! אריינגעפאַלן! — האָט ער אויסגעשריגן און צוגעלאָפן מיט קליינע טריטלעך צו וואָלאָדיען, אָנגעכאַפּט אים באַם קאָפּ און גוט באַ-טראַכט דעם שאַרבן-שפּיץ, דערנאָך אָפּגעטראָטן פון אים מיט אַן ערנסט פנים, צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעהויבן בלאָזן אונטער דער צעראַטע און איבערצלמען זי: אָ-אָך, א שאָד! אָ-אָך, א ווייטיק! האַרציקע... אוועק-פליען, — האָט ער אָנגעהויבן רעדן מיט א ציטערדיק קול פון טרערן, האַרציק געקוקט אויף וואָלאָדיען און גענומען מיטן אַרבל אויסווישן די אויף אַן אמת פאַלנדיקע טרערן.

זיין ק..ל איז געווען גראָב און הייזעריק די באַוועגונגען אייליק און נערוועיש, די רייד אָן שום זין און אָן א צוזאַמענהאַנג (ער האָט קיינמאָל נישט געברויכט דאָס נאָמענוואָרט), נאָר דער אַקצענט איז געווען זייער א רירנדער, און זיין געל העסלעך פנים האָט טיילמאָל אָנגענומען אַזא אָפנהאַרציק-טרויעריקן אויסדרוק, אַז הערנדיק אים, האָט מען זיך נישט

געקאָנט איינהאַלטן פון עפּעס אַ געמישט געפיל פון באַדויערונג, שרעק און אומעט.

דאָס איז געווען דער חסור־דעה און דער נעונדניק גרישע.

פונוואַנען קומט ער? ווער זענען זיינע עלטערן? וואָס האָט אים געצוווּנגען צו פירן אַ נע־ונד־לעבן? קיינער האָט עס נישט געוווּסט. איך ווייס נאָר, אַז פון פינפצען יאָר אָן האָט ער באַקומען אַ שם פון אַ חסר דעה, וואָס גייט זומער און ווינטער באָרוועס, וואָס באַזוכט מאָנאַסטירן, שענקט בילדלעך די־יעניקע, וואָס ער האָט ליב און רעדט מאָדנע ווער־טער, וואָס אַנדערע האַלטן עס פאַר נביאות; אַז קיינער האָט קיינמאָל נישט געזען ער זאָל אויסזען אַנדערש, אַז ער פלעגט טיילמאָל קומען צו דער באָבען און אַז מען האָט געשמועסט, אַז ער איז אַן אומגליק־לעכער זון פון רייכע עלטערן און אַ מענטש מיט אַ ריינער נשמה; אַנדערע, ווידער, האָבן גערעדט, אַז ער איז פשוט אַ פויער און אַ פוילער.

צולעצט, איז פאַרט געקומען דער געווינטשטער און דער פּינקט־לעכער פּאַקאַ, און מיר זענען אַראָפּ אונטן. גרישע, וואָס האָט צוגעכלי־פּעט און נאָך אַלץ גערעדט פאַרשידענע נאַרישקייטן, איז געגאַנגען הינ־טער אונז און געקלאַפּט מיטן גרויסן שטעקן איבער די טרעפּלעך. דער פּאַפּאַ און די מאַמע זענען געגאַנגען געאָרעמט איבערן גאַסטצימער און וועגן עפּעס שטיל געשמועסט. מאַריע איוואַנאָווּנע איז מיט גרויס דרך־ארץ געזעסן אויף דער שטול, וואָס איז געשטאַנען האַרט באַם דיוואַן, און מיט אַ שטרענג, נאָר שטיל קול, געלייענט נאָטאַציעס די מיידעלעך, וואָס זענען געזעסן לעבן איר. באַלד ווי קאַרל איוואַניטש איז אַריין אין צימער, האָט זי אַ קוק געטון אויף אים און תיכף זיך אָפּגעקערט, און דאָס פּנים אירס האָט אָנגענומען אַן אויסדרוק, וואָס וואָלט געקאָנט הייסן: „איך באַמערק אייך נישט, קאַרל איוואַניטש". אָן די אייגלעך פון די מיידעלעך איז געווען קענטיק, אַז זיי האָבן אונז איבערצוגעבן זייער אַ וויכטיקע ידיעה; אָבער אויפשפּרינגען פון די ערטער און צוגיין צו אונז — וואָלטן דערמיט געבראָכן געוואָרן מימיס געזעצן. מיר האָבן לכתחילה באַדאַרפט צוגיין צו איר, זאָגן: bonjour Mimi, אַ שאַר טון מיטן פוס און דערנאָך האָבן מיר שוין געמוזט אָנהייבן רעדן.

וואָס פאַר אַ מין אומדערטרעגלעכע בריאה די דאָזיקע מימי איז! פאַר איר האָט מען פון קיין זאַך נישט געטאָרט רעדן: זי האָט אַלץ גע־

האַלטן פאַר נישט אָנשטענדיק. אויסערדעם, איז זי נאָכאַנאַנד צוגעשטאַנען: „parlez donc français", און דאָ האָט זיך אויף צו להכעיס דווקא גע־וואָלט פּלאַפּלען אויף רוסיש; אָדער באַם מיטאָג, אַ שטייגער, — נאָר־וואָס דו גייסט אַריין אין טעם פון עפּעס אַ מאכל און ווילסט, אַז קיינער זאָל דיר נישט שטערן, גיט זי באַלד אַ זאָג: „Mangez donc avec du pain", אָדער „Comment ce que vous tenez votre fourchette?"*) אָבער וואָס גייט עס איר אָן? — טראַכטסטו זיך. זאָל זי לערנען אירע מיידלעך. מיר האָבן דערויף קאַרל איוואַניטשן. איך האָב באמת מיטגע־פילט זיין פריינטשאַפט צו אַ נ ד ע ר ע מ ע נ ט ש ן.

— בעט דער מאַמעשי, מען זאָל אונז נעמען אויף יאַגד — האָט קאַטיעלע שטילערהייט אַ זאָג געטון און אַ צי געגעבן מיך פאַרן קורט־קעלע, בשעת די גרויסע זענען אַוועק אין עסצימער.

— גוט, מיר וועלן זי בעטן.

גרישע האָט געמיטאָגט אין עסצימער, נאָר באַ אַ באַזונדער טישל. ער האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פון זיין טעלער, געמאַכט שרעק־לעכע תּנועות און געזעדט אַזוי ווי צו זיך אַליין: „אַ שאָד!... אַוועקגע־פלויגן... לויפט אַוועק די טויב אין הימל אַריין... אַך, אויפן קבר אַ שטיין..." אַ. אַז. וו.

די מאַמע איז אויפגעגעגט פון אינדערפרי; גרישעס מיט זיין קומען, מיט זיינע ווערטער און מעשים האָט נאָך פאַרשטאַרקט דידאָזיקע שלעכטע שטימונג אירע.

— אַך, יאָ, איך האָב גאָר פאַרגעסן דיך צו פרעגן עפּעס! — האָט זי געזאָגט און דערלאַנגט דעם טאַטן אַ טעלער זופּ.

— וואָס אַזוינס?

— הייס, איך בעט דיך, פאַרשפּאַרן די שרעקלעכע הינט. זיי האָבן שיער נישט צעריסן דעם אָרימען גרישען, בשעת ער איז דורכגעגאַנגען דעם הויף. אַזוי קאָנען זיי דאָך אויך אויף די קינדער אָנפאַלן.

דערהערט, אַז מען רעדט וועגן אים, האָט זיך גרישע אויסגעדרייט צום טיש, גענומען באַווייזן די צעריסענע פּאָלעס פון זיין בגד און, קייענ־דיק, צוגערעדט:

— געוואָלט, זאָלן אויפרעסן... גאָט נישט געלאָזט... אַן עבירה

---

*) עסט נאָר מיט ברויט, און ווי האַלט איר דעם גאָפּל?

אָנצורייצן הינט... אַ גרויסע עברה! נישט שלאָג, באָלשאָק...*) צו וואָס שלאָגן? גאָט וועט מוחל זיין... די טעג זענען אַנדערע.

— וואָס רעדט ער? — האָט דער פּאַפּאַ געפרעגט און אים שאַרף און שטרענג אָנגעקוקט. — איך פאַרשטיי גאָרנישט.

— און איך פאַרשטיי יאָ — האָט די מאַמע געענטפערט — ער האָט מיר דערציילט, אַז עפּעס אַ יעגער האָט אומישנע אָנגערייצט אויף אים הינט, זאָגט ער עס: „ער האָט געוואָלט, מען זאָל אים צערייסן, נאָר גאָט האָט נישט געלאָזט, און ער בעט דיך, אַז דו זאָלסט יענעם דערפאַר נישט באַשטראָפן".

— אַ. גאָר דאָס! — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט — פונוואַנען ווייסט ער, אַז איך וויל באַשטראָפן דעם יעגער? דו ווייסט, איך האָב נישט גאָר ליב דידאָזיקע הערן — האָט ער געזאָגט אויף פראַנצויזיש, — נאָר דער איז מיר באַזונדערס נישט געפעלן און דאַרף...

— אַך, רעד עס נישט, מיין פריינד, — האָט אים די מאַמע איבערגעריסן, ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס איבערגעשראָקן — פון וואַנען ווייסטו?...

— איך האָב, דאַכט מיר, געהאַט אַ געלעגנהייט צו קענען דידאָזיקע לייט — זיי גייען אָזויפיל צו דיר. אַלע זענען זיי ווי פון איין שניט, אייביק איין-און-דיזעלבע געשיכטע...

געוועזן קענטיק, אַז די מאַמע האָט גאָר אַן אַנדערע מיינונג געהאַט וועגן דעם, נאָר זי האָט זיך נישט געוואָלט שפּאַרן.

— דערלאַנג מיר, איך בעט דיך, דאָס פּלאַדענדל, — האָט די מאַמע געבעטן, — וואָס, זיי זענען הייגט געראָטן?

— ניין, עס קאָכט מיך אויף, — האָט דער פּאַפּאַ ווייטער גערעדט, נעמענדיק אין האַנט אַ פּלאַדענדל און האַלטנדיק עס אַזוי, אַז די מאַמע זאָל דאָס נישט קאָנען באַקומען. — ניין, עס קאָכט מיך אויף, בשעת איך זע, ווי קלוגע און געבילדעטע מענטשן קריכן אַריין אין אַ שווינדל.

און ער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן גאָפּל איבערן טיש.

— איך האָב דיך געבעטן, דו זאָלסט מיר געבן דאָס פּלאַדענדל, — האָט זי געזאָגט און אויסגעצויגן די האַנט.

— און מען טוט טאַקע זייער גוט, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט,

---

*) אַזוי האָבן בײַ אים געהייסן אַלע מאַנסבילן.

אָפּרוקנדיק די האַנט, — וואָס מען זעצט אַריין אַזוינע מענטשן אין תּפיסה. די איינציקע פּעולה, וואָס מען האָט פון זיי, איז די, וואָס זיי מאַכן קאַליע די אַזוי אויך שוואַכע נערוון בײַ אַנדערע נפשות, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל, באַמערקנדיק, אַז דערדאָזיקער געשפּרעך איז דער מאַמען זייער נישט צום האַרצן, און ער האָט איר דערלאַנגט דאָס פּלאַדענדל.

— דערויף וועל איך דיר נאָר דאָס זאָגן: שווער צו גלייבן, אַז אַ מענטש, נישט געקוקט אויף זיינע פינפציק יאָר, זאָל זומער און ווינטער אַרומגיין באָרוועס און זאָל כּסדר טראָגן אונטערן מלבוש צווייפוּדיקע קייטן און נישט איינמאָל זיך אָפּזאָגן פון דער פּראָפּאָזיציע צו לעבן רויק און אויף אַלעם פאַרטיקן — שווער צו גלייבן, אַז אַזאַ מענטש זאָל עס אַלץ טון בלויז פון פוילקייט וועגן.

— און וועגן זיין נביאות, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ זיפץ און עטוואָס צוגעשוויגן, — האָב איך אַ סמך דעריין צו גלייבן. איך האָב דיר, דאַכט זיך, דערציילט, ווי קירושע האָט טאָג אין טאָג, שעה אין שעה פאָרגעזאָגט דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטעשי זיין סוף.

— אַך, וואָס האָסטו געמאַכט מיט מיר! — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט, שמייכלענדיק און צושטעלנדיק די האַנט צום מויל פון יענער זייט, ווו מימי איז געזעסן (בשעת ער פלעגט אַזוי טון, פלעג איך מיך שטאַרק צוקוקן, ריכטנדיק זיך אויף עפּעס קאָמישס). פאַרוואָס האָסטו מיר דערמאַנט זיינע פיס? איך האָב אַ קוק געטון און איצט וועל איך שוין נישט קאָנען עסן.

דאָס מיטאָג האָט געהאַלטן בײַם סוף. ליובקעלע און קאַטיעלע האָבן אונז כּסדר געווונקען, זיך באַוועגט אויף זייערע שטולן און בכלל אַרויסגעוויזן אַ סך אומרויקייט. דאָס ווינקעניש האָט געהייסן: „וואָס בעט איר נישט, מען זאָל אונז מיטנעמען אויף יאַגד?" איך האָב אַ שטויס געטון וואָלאָדיען מיטן עלנבויגן, וואָלאָדיע האָט מיך אַ שטויס געטון און, ענדלעך, זיך באַשלאָסן: אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ ציטערדיק קול, דערנאָך דרייסטער און העכער: היות ווי מיר פאָרן היינט אַוועק, וואָלטן מיר געוואָלט, אַז די מיידלעך זאָלן מיט אונז אויך מיטפאָרן אויף יאַגד אין אַ וועגעלע. נאָך אַ קורצן ישוב הדעת האָבן די גרויסע באַשלאָסן אונז נאָכצוגעבן, און — וואָס עס איז געווען נאָך אָנגענעמער — די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט אויך פאָרן מיט אונז.

VI.

די הכנות צום יאַגד

אַז מען האָט געהאַלטן באַ די פּלאַנען, האָט מען אַרויסגערופן יצקאָוון, און ער האָט באַקומען פאַראָרדנונגען וועגן אַ וואָגן, הינט און רייטפערד — אַלץ איז באַוואָרנט געוואָרן מיט די קלענסטע פרטים און יעדעס פערד איז אָנגערופן געוואָרן באַ זיין נאָמען. וואָלאָדיעס פערד האָט געהינקען; האָט דער פּאַפּאַ געהייסן אָנזאָטלען פאַר אים אַ יאַגדפערד. דאָס וואָרט: „יאַגדפערד" האָט עפּעס מאָדנע געקלונגען אין דער מאַמעס אויערן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַ יאַגדפערד דאַרף זיין עפּעס אַ ווילדע חיה, וואָס וועט זיך זיכער ווילד צעטראָגן און וועט דערהרגענען וואָלאָדיען. הגם דער פּאַפּאַ האָט זי באַרויקט און וואָלאָדיע האָט נאָר מעשה גרויסער כוואַט געזאָגט, אַז דאָס איז גאָרנישט און אַז ער האָט דווקא זייער ליב, אַז דאָס פערד צעטראָגט זיך ווילד, דאָך האָט די אָרימע מאַמע אַלץ געטענהט, אַז דאָס גאַנצע פאַרגעניגן וועט איר קאָסטן געזונט.

דאָס מיטאָג האָט שוין געהאַלטן באַם סוף; די גרויסע זענען אַוועק אין קאַבינעט טרינקען קאַווע און מיר זענען אַוועקגעלאָפן אין גאָרטן אַריין שאַרן מיט די פיס איבער די שטעגעלעך, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אָראַפּגעפאַלענע געלע בלעטער, און כאַפּן דערווייל אַ שמועס. געשמועסט האָט מען וועגן דעם, וואָס וואָלאָדיע וועט פאָרן אויף אַ יאַגדפערד, וועגן דעם, אַז ס'איז מיאוס, וואָס לובקעלע לויפט שוואַכער פאַר קאַטיעלען, און וועגן דעם, אַז ס'וואָלט געווען אינטערעסאַנט צו זען גרישעס קייטן א. ד. גל. וועגן דעם אָבער, אַז מיר וועלן זיך שיידן, איז קיין איין וואָרט נישט געזאָגט געוואָרן. אונזער געשפּרעך איז איבערגעריסן געוואָרן דורך דעם קלאַפּעריי פון אַ וואָגן, ווו אויף יעדער אַקספעדער איז געזעסן אַ הויף־יינגל. הינטערן וועגל זענען געפאָרן יעגער מיט הינט, הינטער די יעגער — דער טרייבער איגנאַט אויף אַ פערד, באַשטימט פאַר וואָלאָדיען, און פאַרן צוים האָט ער געפירט מיין אַלטן

קלעפּער. לכתחילה האָבן מיר זיך אַ וואָרף געטון צום פּאַרקאַן, ווו מען האָט געקאָנט זעען די אַלע אינטערעסאַנטע זאַכן און דערנאָך זעען מיר מיט ליאַרם און טופּעריי אַרויפגעלאָפן אויבן — זיך אָנטון; און געוואָלט האָבן מיר זיך אָנטון אַזוי, אַז מיר זאָלן וואָס מער ענלעך זיין צו יעגער. אַריינלאָזן די הויזן אין די שטיוול — דאָס איז געווען איינס פון די בעסטע מיטלען דערצו. אָן שום שהיות האָבן מיר זיך באַלד גענומען פאַר דער זאַך. זיך געאיילט וואָס גיכער זיך אָפּפּאַרטיקן מיטן אָנטון און לויפן אויפן גאַניק, ווו מען קאָן זיך מחיה נפשות זיין מיטן בילד פון די הינט, פערד און מיטן שמועס פון די יעגער.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער. ווייסע פאַנטאַסטישע וואָלקנדלעך האָבן זיך פון אינדערפרי באַוויזן אויפן האָריזאָנט, דערנאָך האָט זיי אַלץ נענטער און נענטער גענומען טרייבן אַ קליין ווינטעל, און זיי האָבן טיילמאָל פאַרשטעלט די זון, נאָר ווייניק וואָלקנס עס זענען נישט געגאַנגען און ווי שוואַרץ זיי זענען נישט געוואָרן, איז זיי דאָך נישט באַשערט געווען צונויפצוגיסן זיך אין אַ געוויטער און שטערן אונז צום לעצטן מאָל אין אונזער פאַרגעניגן. צו אָוונט-צו האָבן זיי זיך ווידער גענומען פונאַנדערגיין; מאַנכע זענען בלאַסער געוואָרן, האָבן זיך אויסגעצויגן און געלאָפן צום האָריזאָנט; אַנדערע, סאַמע איבערן קאָפּ, האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין ווייסע דורכזיכטיקע שיפּען. בלויז איין גרויטער שוואַרצער וואָלקן איז געבליבן שטיין אין מזרח. קאַרל איוואַניטש האָט שטענדיק געוווּסט, וווהין, אַ שטייגער, אַזאַ וואָלקן וועט זיך אַוועקרוקן. ער האָט דערקלערט, אַז דער וואָלקן וועט גיין קיין מאַסלאָווקע און קיין רעגן וועט נישט זיין, נאָר אַ שיין וועטער.

פאָקאַ, נישט געקוקט אויף זיינע עלטערע יאָרן, איז זייער געשיקט און שנעל אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ, אַ געשריי געטון: „פאָר-צו אַהערן!" און, פונאַנדערשפּרייטנדיק די פיס, האָט ער זיך פעסט געשטעלט אין דער מיט פון צופאָר, צווישן דער שוועל און יענעם אָרט, ווו דער אָנטרייבער האָט באַדאַרפט קומען מיטן וואָגן, אין דער פּאָזע פון אַ מענטש, וואָס מען דאַרף אים נישט דערמאַנען זיינע פליכטן. די דאַמען זענען אַראָפּגעקומען און נאָך קורצע דעבאַטן, ווער אויף וועלכן אָרט זאָל זיצן און ווו אָן וועמען זיך צו האַלטן (הגם מיר דאַכט זיך, אַז מען האָט זיך גאָר נישט באַדאַרפט האַלטן), האָבן זיי זיך אויסגעזעצט, געעפנט די שירעמלעך און אַוועקגעפאָרן. אַז דער וואָגן האָט זיך גערירט, האָט די מאַמע אָנגע-

וויזן אויפן „יאַגדפערד" און מיט אַ ציטעריק קול געפרעגט באַם אָנ-טרייבער:

— דאָס איז פאַר וולאַדימיר פעטראָוויטשן אַ פערד?

און אַז דער אָנטרייבער האָט באַשטעטיקט, האָט זי אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און זיך אָפּגעקערט. איך בין געווען שרעקלעך אומגע-דולדיק. אַרויפקריכנדיק אויף מיין פערד, האָב איך אים געקוקט צווישן די אויערן און געמאַכט איבערן הויף פאַרשידענע עוואָלוציעס.

— איר, צעטרעט נישט קיין הינט, — האָט מיר באַמערקט עפּעס אַ יעגער.

— זיי רויק, דאָס איז מיר נישט דאָס ערשטע מאָל, — האָב איך שטאָלץ געענטפערט.

וואָלאָדיע האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין „יאַגדפערד" און גע-כאַפּט אַ ציטער, כאָטש ער איז געווען אַ דרייסטער פון נאַטור; גלעטנ-דיק עס, האָט ער עטלעכע מאָל געפרעגט:

— אַ רויק פערד?

אויפן פערד האָט ער אויסגעזען זייער שיין, פונקט ווי אַ גרויסער. די איינגעצויגענע לענדן זענען געלעגן אויפן זאָטל אַזוי שיין, אַז איך האָב אים מקנא געווען, באַזונדערס דערפאַר, וואָס איך, לויט איך האָב געקאָנט זען פון שאָטן, האָב גאָרנישט אויסגעזען אַזוי שיין.

אָט האָבן זיך דערהערט דעם פּאַפּאַס טריט אויף די טרעפּ. דער הינט-אויפזעער האָט צוגעטריבן די אָפּגעשטאַנענע יאַגדהינט; די יעגער מיט די שפּירהינט האָבן צוגערופן די זייעריקע און זיך גענומען אַוועק-זעצן. דער יאַגד-דינער האָט צוגעפירט צום גאַניק אַ פערד; די הינט פון דעם פּאַפּאַס סוואָרע, וואָס זענען פריער געלעגן אין פאַרשידענע מאָלע-רישע פּאָזעס, האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו אים. באַלד נאָך זיי איז פריי-לעך אַרויסגעלאָפן מילקע, מיט אַ האַלז-באַנד פון פּאַטשערקעס, צוקלאַפּנ-דיק מיט די אייזנדלעך. אין דרויסן האָט זי זיך שטענדיק באַגריסט מיט די סוואָרע-הינט. מיט אייניקע האָט זי געכאַפּט אַ שפּיל, מיט אַנדערע זיך איבערגעשמעקט און געוואָרטשעט און בא אַנדערע האָט זי געזוכט פליי.

דער פּאַפּאַ האָט זיך אַרויפגעזעצט אויפן פערד, און מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

VII

דער יאַגד

דער הינט-אויפֿזעער, וואָס האָט געהייסן טורקע, איז געפֿאָרן פֿאָרויס אויף אַ האָרבנאָזיק פֿערד, מיט אַ גרויסן האָרן אויפֿן רוקן און מיט אַ מעסער באַ דער גאַרטל. לויט דעם אָנגעכמורעטן און ווילדן אויסזעען פֿון דעמדאָזיקן מענטש, האָט מען גיכער געקאָנט מיינען, אַז ער פֿאָרט זיך שלאָגן אויף טויט און אויף לעבן, איידער אויף יאַגד. באַ די הינטערשטע פֿיס פֿון זיין פֿערד זענען געלאָפֿן די יאַגדהינט אין אַן איינגעשלאָסענער, אומרויקער און בונטער מחנה. אַ רחמנות איז געווען אויף יענעם אומגליקלעכן הונט, וואָס האָט באַ זיך געפּועלט אָפּצושטיין. מיט גרויסע אָנשטרענגונגען האָט ער באַדאַרפֿט פֿריער אַריבערשלעפּן זיין חבר, און אַז ער האָט עס שוין דערגרייכט, האָט ער געכאַפּט שמיץ פֿון דעם הינט-אויפֿזעער, וואָס איז געפֿאָרן פֿון הינטן און צוגעשריגן: „אין מחנה אַריין!“ אַרויסגעפֿאָרן פֿון טויער, האָט דער פּאַפּאַ געהייסן די יעגער און אונז פֿאָרן מיטן וועג און אַליין האָט ער זיך פֿאַרקירעוועט אין קאָרן=פֿעלד.

דער תּבֿואה-שניט האָט געהאַלטן אין רעכטן ברען. דאָס אומענדלעכע גלאַנציק=געלע פֿעלד האָט זיך בלויז פֿון איין זייט געשלאָסן מיטן הויכן בלוילעכן וואַלד, וואָס האָט מיר דעמאָלט אויסגעוויזן פֿאַר זייער אַ וויט און געהיים אָרט, הינטער וועלכן עס לאָזט זיך אויס די וועלט, אָדער עס הייבן זיך אָן אומבאַוווינטע לענדער. דאָס גאַנצע פֿעלד איז געווען באַדעקט מיט גאַרבן און פּויערים. אין דעם הויכן געדיכטן קאָרן, אויף אַן אָפּגעשניטענעם פּאַס, האָט זיך וו=נישט-ווו געזעען דער אויסגעבויגענער רוקן פֿון אַ שניטערין, דער בויג פֿון די זאַנגען, בשעת זי לייגט זיי איבער צווישן די פֿינגער; אַ פֿרוי אין שאָטן, איינגעבויגן איבער אַ וויגל, און פֿונאַנדערגעוואָרפֿענע סנאָפּעס איבערן שניטפֿעלד, באַזייט מיט בלויע בלימעלעך. אין אַ צווייטער זייט האָבן פּויערים אין בלויזע העמדער, שטייענדיק אויף די פֿורן, אַרויפֿגעלייגט די גאַרבן-הויפֿנס און אָנ-

געמאַכט אַ שטויב אין טרוקענעם אָנגעגליטן פעלד. דער סטאַראָסטע, אין שטיוול מיטן קאַפטאַן אויף די אַקסלען, מיט צייכן-שטעקעלעך אין דער האַנט, האָט פונווייטן באַמערקט דעם פּאַפּאַ און אַראָפּגענומען דעם הוט, אויסגעווישט מיט אַ האַנטוך דעם געלן קאָפּ און די באָרד און אָנגעשריגן אויף די פויערטעס. דאָס געלע פערדל, אויף וועלכן דער פּאַפּאַ איז געריטן, איז געגאַנגען מיט לייכטע שפּילנדיקע טריט, אַראָפּגעלאָזט טיילמאָל דעם קאָפּ צו דער ברוסט, אָנגעצויגן די לייצעס און געפּאָכעט מיטן געדיכטן עק איבער די בינען און פליגן, וואָס האָבן זיך איינגעגעסן אין אים. צוויי יאַגדהינט מיט אויסגעבויגענע עקן, ווי אַ סערפּ און מיט הויך אויפגעהויבענע פיס, זענען גראַציעז געשפּרונגען איבערן שניטפעלד, הינטער דעם פערדס פיס. מילקע איז געלאָפן פאָרויס און, פאַרבייגנדיק דעם קאָפּ, געוואַרט מען זאָל איר צווואַרפן עפּעס עסן. דער געמורמל פון מענטשן, דאָס טופּעריי פון פערד און וואָגן, דאָס פריילעכע פייפעריי פון פעלדהינער, דאָס זשומען פון פליגעלעך, וואָס האָבן זיך, ווי אומבאַוועגלעכע מחנות, אומגעדרייט אין לופטן, דער ריח פון פּאָלין, שטרוי און פערד-שווייס, די טויזנטער קאָלירן און שאָטנס, וואָס די הייסע זון האָט צעגאָסן איבער דעם ליכטיק-געלן שניטפעלד, איבער דעם ווייט-בלויען וואַלד און איבער די ליליענווייסע וואָלקנס, די ווייסע שפּינוועבסן, וואָס האָבן זיך געטראָגן אין לופטן אָדער זיך צעלייגט איבערן פעלד — דאָס אַלץ האָב איך געזען, געהערט און געפילט.

צוגעפאָרן צו קאַלינאָווס וואַלד, האָבן מיר שוין דאָרט געפונען אונזער וואָגן און — גאָר אומגעריכט פאַר אונז — נאָך אַ וואָגן געשפּאַנט מיט איין פערד, מיטן בופעטשיק אין דער מיט. פון אונטערן היי האָט זיך אַרויסגעזען אַ סאַמאָוואַר, אַ צעבערל מיט פאָרמען פון ליאָדעס און נאָך אַזוינע אימפּאָנירנדיקע פעקלעך און קעסטעלעך. מען האָט זיך נישט געקאָנט טועה זיין: דאָס איז געווען טיי אויף דער פרישער לופט, ליאָדעס און פרוכטן. דערזעען דעם וואָגן, האָבן מיר רוישיק אויסגעדריקט אונזער שמחה, ווייל טרינקען טיי אין וואַלד, אויפן גראָז, און בכלל אויף אַזאַ אָרט, ווו קיינער האָט נאָך קיינמאָל נישט געטרונקען טיי, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ גרויסן תענוג.

טורקע איז צוגעפאָרן צום וועלדל, זיך אָפּגעשטעלט, אויפמערקזאַם אויסגעהערט דעם פּאַפּאַס אינסטרוקציע, ווי זיך אויסצוגלייכן און ווו אַרויסצוגיין (איבעריקנס, האָט ער זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט דער דאָזיקער אינסטרוקציע און געטון, ווי אים איז איינגעפאַלן); דערנאָך

האָט ער אויפגעבונדן די הינט, זיך אַנידערגעזעצט אויפן פערד און פאַרשווונדן געוואָרן הינטער די יונגע בעריאָזקעס. די אויפגעבונדענע הינט האָבן קודם-כל אויסגעדריקט זייער תּענוג מיט דעם דרייען מיטן עק, דערנאָך זיך גוט דורכגעטרייסלט, זיך צורעכט געמאַכט און לאַנגזאַם אַוועקגעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן, שמעקנדיק די ערד און דרייענדיק מיטן עק.

— דו האָסט בײַ זיך אַ טיכל ? — האָט דער פּאַפּאַ געפרעגט.

איך האָב אַרויסגענומען אַ טיכל פון קעשענע און געוויזן אים.

— נו, טאָ נעם דעם גרויען הונט אויפן טיכל.

— זשיראַנען ? — האָב איך געפרעגט מיט אַ מינע פון אַ מבין.

— יאָ. און לויף מיטן וועג. אַז דו וועסט קומען צו דער וואַלדלאַנקע, זאָלסטו בלייבן שטיין און קוקן : אָן אַ העזל זאָלסטו צו מיר נישט קומען !

איך האָב אַרומגעוויקלט מיטן טיכל זשיראַנס געדיכט-האָריקן האַלז און הענדום-פּענדום זיך געלאָזט לויפן צום באַשטימטן אָרט. דער פּאַפּאַ האָט געלאַכט און מיר נאָכגעשריגן :

— גיכער, גיכער, אַנישט וועסטו פאַרשפּעטיקן !

זשיראַן האָט זיך ווײַלנווײַז צוגעשטעלט, אויפגעהויבן די אויערן און זיך צוגעהערט צום גערויש פון די יעגער. איך האָב נישט געהאַט קיין כּוח צו שלעפּן אים פון אָרט, פלעג איך אָנהייבן שרייען : „אַטו ! אַטו !” דעמאָלט פלעגט זשיראַן זיך אַ ריס טון אַזוי שטאַרק, אַז איך פלעג אים קוים איינהאַלטן, און נישט איין מאָל בין איך געפאַלן, ביז איך האָב מיך דערקריגן צו דעם באַשטימטן אָרט. בײַ די וואָרצלען פון אַ הויכן דעמב האָב איך אויסגעקליבן אַ באַשאָטנט גלאַט אָרט, זיך אַנידערגעלייגט, זשיראַנען אַנידערגעזעצט לעבן מיר און אָנגעהויבן וואַרטן. מײַן פאַנטאַזיע, ווי עס געשעט שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן, איז זייער ווייט אַוועק פון דערווירקלעכקייט : איך האָב מיך משער געווען, אַז איך יאָג שוין דעם דריטן האָז אין דער צייט, ווען אין וואַלד האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער יאַגדהונט. אין וואַלד האָט זיך דערהערט טורקעס קול — העכער און לעבעדיקער. אַ יאַגדהונט האָט אַ קוויטש געטון און זײַן קול האָט זיך דערטראָגן אָפּטער און אָפּטער ; באַלד האָט זיך פאַרייניקט אַ צווייטער מיט אַ באַסן-קול, אַ דריטער, אַ פערטער... די דאָזיקע קולות פלעגן דאָ אַנטשוויגן ווערן, דאָ איבערשלאָגן איינס דאָס אַנדערע. ביסלעכווײַז זענען די קלאַנגען געוואָרן שטאַרקער און שטאַרקער, און,

צולעצט, זיך צוזאַמענגעגאָסן אין אַ הילכיק ברייט-צעגאָסן ברילעריי. אינם וועלדל האָט שטאַרק אָפּגעהילכט יעדער קלאַנג און די הינט זענען ממש געשפּרונגען פֿון דער הויט.

דערהערט דידאָזיקע קולות, בין איך פֿאַרגליווערט געוואָרן אויפֿן אָרט. איך האָב אויסגעגלאָצט די אויגן אין וואַלד אַריין, און האָב געלאַכט אָן שום זין. דער שווייס האָט זיך מיר געגאָסן עמערווייז, און כאָטש די טראָפּעלעך, לויפֿנדיק צו דער גאָמבע, האָבן מיך געקיצלט, פֿונדעסטוועגן האָב איך זיי נישט אויסגעווישט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז די סאַמע אַנטשיידענע מינוט. די אָנשטרענגונג איז געווען אַ צו-אומנאַטירלעכע, אַז זי זאָל לאַנג דויערן. די יאַגדהינט האָבן זיך דאָ צעגאָסן אין אַ בילעריי כאַמע לעבן ברעג פֿון וואַלד, דאָ זיך ביסלעכווייז דערווייטערט פֿון מיר. קיין האָז איז נישט געווען. איך האָב מיך גענומען אַרומקוקן באַ די זייטן. מיט זשיראַנען איז אויך געשען דאָס אייגענע: פֿריער האָט ער זיך געריסן און צוגעקוויטשעט. דערנאָך האָט ער זיך אַנידערגעלייגט לעבן מיר, מיטן פּיסק אויף מיינע קני און זיך באַרויקט.

לעבן די נאַקעטע וואָרצלען פֿונם דעמב, אונטער וועלכן איך בין געזעסן, אויף דער גרויער טרוקענער ערד, צווישן טרוקענע דעמבענע בלעטער, זשאָלודעס, אויסגעטרוקנטע, אַרומגעריבענע צווייגן, געל-גרינעם מאָך און קליינע שיטערע דינע גרעזלעך, האָט געשווינבלט און געגריבלט פֿון מוראַשקעס. איינע נאָך דער צווייטער האָבן זיי געאיילט איבער די שטעגעלעך, וואָס זיי האָבן זיך אַליין אויסגעטרעטן. אייניקע זענען געגאַנגען מיט משא, אַנדערע מיט ליידיקן. איך האָב גענומען אַ צווייגל און פֿאַרשטעלט זיי דעם וועג. מען האָט באַדאַרפֿט זען, ווי אייניקע, וואָס האָבן זיך לגמרי נישט אומגעקוקט אויף דער סכנה, זענען אַרונטערגעקראָכן אונטערן צווייגל, די אַנדערע זענען אַריבערגעקראָכן און מאַנכע, ווידער, באַזונדערס יענע, וואָס זענען געגאַנגען מיט משא, האָבן גאָר פֿאַרלוירן דעם קאָפּ און נישט געוווּסט, וואָס צו טון: זיי זענען געבליבן שטיין, געזוכט אַ זייטיקן וועג אָדער זיך אומגעקערט צוריק, אָדער מיטן צווייגל דערגאַנגען צו מיין האַנט און, דאַכט זיך, געוואָלט אַרונטערקריכן אונטערן אַרבל פֿון מיין קורטקעלע. פֿון דידאָזיקע אינטערעסאַנטע אָבסערווירונגען האָט מיך אָפּגעריסן אַ פֿלאַטערל, וואָס האָט זיך רייצנדיק-שיין געדרייט איבער מיר. באַלד ווי איך האָב אָנגעהויבן קוקן אויף אים, איז ער אָפּגעפֿלויגן פֿון מיר אויף אַ פּאָר טריט, זיך אַרומגעדרייט איבער כמעט אַ פֿאַרוועלקט פּאַשע-בלימל און דערנאָך זיך אַוועקגעזעצט דערויף.

איך ווייס נישט, צי די זון האָט אים געוואַרעמט, צי ער האָט געצויגן זאַפט פון דערדאָזיקער פלאַנצונג, נאָר קענטיק איז געווען, אַז אים איז זייער גוט. טיילמאָל האָט עס אַ פּאַך געטון מיט די פליגעלעך און זיך צוגעדריקט צום בלימל; צולעצט איז עס גאָר פאַרגליווערט געוואָרן. איך האָב אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף ביידע הענט און מיט גרויס תענוג געקוקט אויפן פלאַטערל.

פלוצלינג האָט זשיראַן אָנגעהויבן צו וואַיען און זיך אַ ריס געטון מיט אַזאַ כּוח, אַז איך בין שיער נישט אומגעפאַלן. איך האָב מיך אַרומגעקוקט. אַ האָז איז אַדורכגעשפּרונגען באַם ברעג וואַלד, איין אויער פאַרלייגט, דאָס צווייטע אויפגעשטעלט. אין קאָפּ האָט מיר אַ זעץ געטון דאָס בלוט און איך האָב אַלץ פאַרגעסן אין דער מינוט: איך האָב אָנגעהויבן שרייען מיט אַן אוממענטשלעך קול, פרייגעלאָזט דעם הונט און זיך געלאָזט לויפן. אָבער איידער איך האָב עס באַוויזן רעכט צו טון, האָב איך שוין חרטה געהאַט: דער האָז האָט זיך צוגעזעצט, אַ שפּרונג געטון און — מער האָב איך שוין אים נישט געזען.

אָבער ווי גרויס איז געווען מיין חרפּה, בשעת הינטער די קוסטעס האָט זיך באַוויזן טורקע און פאַרויס זענען מיט קולות געלאָפן די יאַגדהינט צום ברעג וואַלד! ער האָט געזען מיין פעלער (וועלכער איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס איך האָב נ י ש ט א ו י ס ג ע ה אַ ל ט ן), אַ קוק געטון אויף מיר מיט פאַראַכטונג און נאָר געזאָגט: „עך, פּריצל!" מען דאַרף אָבער וויסן, ווי אַזוי דאָס איז געזאָגט געוואָרן! עס וואָלט מיר לייכטער געווען, ווען ער וואָלט מיך, ווי אַ האָז, אויפגעהאָנגען אויפן זאָטל.

לאַנג בין איך געשטאַנען אין שטאַרקער פאַרצווייפלונג אויף דעם זעלבן אָרט, געקלאַפּט זיך איבער די לענדן, נישט גערופן דעם הונט און אַלץ געחזרט.

— גאָט אין הימל, וואָס איך האָב דאָ געטון!

איך האָב געהערט, ווי די יאַגדהינט זענען געלאָפן ווייטער, ווי מען האָט גענומען קלאַפּן אויף דער צווייטער זייט פון יאַגד־פלאַץ, ווי מען האָט אָפּגעשלאָגן דעם האָז און ווי טורקע האָט מיט זיין גרויסן האָרן צונויפגערופן די הינט, — אָבער איך האָב מיך נישט גערירט פון אָרט...

VIII.

שפּילערייען

דער יאַגד האָט זיך געענדיקט. אינם שאָטן פון יונגע בערעזע־ביימלעך איז געווען פאַרשפּרייט אַ טעפּיך און אויפן טעפּיך איז אין אַ קרייז געזעסן די גאַנצע געזעלשאַפט. דער בופעטשיק גאַברילע, צוטרעטנדיק אַרום זיך דאָס גרינע פעטע גראָז, האָט איבערגעווישט די טעלער און פון אַ קעסטעלע אַרויסגענומען פלוימען און פערסיקעס, פאַרוויקלט אין בלעטער. צווישן די צווייגן פון די יונגע בערעזעס האָט אַדורכגעלויכטן די זון און געוואָרפן אויף די טעפּיך־אוזאָרן, אויף מיינע פיס און אפילו אויף גאַברילעס פליכעוואַטן פאַרשוויצטן קאָפּ קיילעכיקע באַוועגלעכע ליכט־פלעקן. אַ לייכט ווינטל איז דורכגעלאָפן איבער די ביימער, איבער מיינע האָר און פאַרשוויצטן פנים און מיך שטאַרק אָפּגעפרישט.

אַז מען האָט אונז אָפּגעגעבן דאָס חלק ליאָדעס און פרוכטן, האָבן מיר שוין נישט געהאַט מער וואָס צו טון אויפן טעפּיך, האָבן מיר זיך אויפגעהויבן, נישט געקוקט אויף די קרומע ברענענדיקע שטראַלן פון דער זון, און אַוועק שפּילן.

— נו, אין וואָס? — האָט לובקעלע געפרעגט, זיך פאַרזשמורענדיק פון דער זון און אונטערשפּרינגענדיק אויפן גראָז — לאָמיר שפּילן אין ראָבינזאָן.

— ניין... לאַנגווייליק, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט און פויל זיך אַ וואָרף געטון אויפן גראָז, קייענדיק אַ בלאַט — שטענדיק ראָבינזאָן! אויב איר ווילט נישט אַנדערש ווי שפּילן, טאָ לאָמיר מאַכן אַ גראָז־הייזעלע.

וואָלאָדיע האָט זיך קענטלעך שטאַרק איבערגענומען. ער האָט זיך, אָפּנים, איבערגענומען דערמיט, וואָס ער איז געפאָרן אויף אַ יאַגדפערד און געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער איז זייער מיד. עס איז אויך מעגלעך, אַז ער האָט שוין געהאַט צופיל פּראַקטישן שכל און צו וויניק פאַנ־

טאַזיע, אַז ער זאָל הנאה האָבן פון שפּיל אין ראָבינזאָן. דערדאָזיקער שפּיל איז באַשטאַנען דערין, וואָס עס זענען פאָרגעשטעלט געוואָרן סצענעס פון „Robinson suisse”, וואָס מיר האָבן נישט לאַנג געלייענט.

— נו, זאָג, פאַרוואָס ווילסטו אונז נישט טון דאָס פאַרגעניגן? — זענען צו אים צוגעשטאַנען די מיידעלעך — דו וועסט זיין Charles אָדער Ernest, אָדער דער פאָטער, ווי דו ווילסט — האָט קאַטיעלע געזאָגט און זיך געסטאַרעט אויפצוהייבן אים פון דער ערד פאַר די אַרבל פון קורטקעלע.

— כ'לעבן, עס ווילט זיך נישט — לאַנגווייליק! — האָט זיך וואָלאָדיע אויסגעצויגן און געשמייכלט אַ צופרידענער.

— איז שוין בעסער אינדערהיים צו זיצן, אַז קיינער וויל נישט שפּילן, — האָט לובקעלע געזאָגט מיט טרערן אין די אויגן.

זי איז געווען זייער לייכט אויף טרערן.

— נו, קומט. אָבער ווייַן נישט, איך בעט דיך. איך לייד ז נישט.

די טובה, וואָס וואָלאָדיע האָט אונז דאָ געטון, האָט אונז פאַרשאַפט קנאַפּ פאַרגעניגן; פאַרקערט, זיין פויל און לאַנגווייליק אויסזעען האָט צעשטערט דעם גאַנצן רייץ פון שפּילן. בשעת מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און זיך משער געווען, אַז מיר מאַכן די וואַסער-נסיעה צו כאַפּן פיש און מיט אַלע כוחות געדרודערט, איז וואָלאָדיע געזעסן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און אין אַזאַ פּאָזע, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער פּאָזע פון אַ פישפאַנגער. איך האָב עס אים באַמערקט; ער האָט אָבער געענטפערט, אַז דערפון, וואָס מיר וועלן מאַכן מער אָדער ווייניקער מיט די הענט, וועלן מיר סיי ווי סיי גאָרנישט אויסשפּילן און גאָרנישט פאַרלירן און ס'וועט אונז ווייטער נישט רירן פון אָרט. איך האָב נישט ווילנדיק איינגעשטימט מיט אים. אַז איך האָב באַדאַרפט כלומרשט גיין אויפן געיעג, בין איך אַוועק אין וואַלד אַריין מיטן שטעקן אויף דער פּלייצע. וואָלאָדיע האָט זיך אויסגעצויגן אויפן רוקן, פאַרוואָרפן די הענט אונטערן קאָפּ און געזאָגט, אַז ער איז אויך כלומרשט געגאַנגען. אַזעלכע מעשים און ווערטער האָבן אונז קאַלט געמאַכט צום שפּילן און זענען געווען זייער אומאָנגענעם, בפרט נאָך, אַז מיר האָבן בא זיך אין האַרץ געמוזט איינשטימען, אַז וואָלאָדיע האַנדלט, ווי אַ קלוגער.

איך ווייס אַליין, אַז פון אַ שטעקן קאָן מען נישט נאָר נישט דערהרגענען קיין פויגל, נאָר מען קאָן בשום אופן נישט אויסשיסן. דאָס איז אַ שפּיל. אַז מען זאָל אַזוי רעדן קאָן מען דאָך אויך אויף שטולן נישט פאָרן; און וואָלאָדיע, מיין איך, געדענקט אַליין, ווי מיר פלעגן אין די לאַנגע ווינטער-אָוונטן באַדעקן די לענשטול מיט טיכער און מאַכן פון אים אַן עקיפּאַזש; איינער האָט זיך אַנידערגעזעצט פאַר אַן אַנטריי-בער, אַ צווייטער פאַר אַ לאַקיי, די מיידעלעך אין מיטן, דריי שטולן — פאַר דריי פערד, און היידאַ אין וועג אריין. און וואָס פאַר אַ פאַרשיי-דענע פאַסירונגען עס פלעגן מיט אונז טרעפן אין דידאָזיקע נסיעות! און ווי פריילעך און גיך עס פלעגן אַדורכלויפן ווינטער-אָוונטן!... אַז מען זאָל נעמען די זאַך מיט שכל, וועט קיין שום שפּיל נישט זיין. און אַז עס וועט נישט זיין קיין שפּיל, טאָ וואָס בלייבט דעמאָלט?...

IX.

עטוואָס ענלעך צו דער ערשטער ליבע

לובקעלע האָט פאַרגעשטעלט, ווי זי רייסט אַראָפּ פון אַ בוים עפּעס אַזעלכע אַמעריקאַנישע פרוכטן און האָט אַראָפּגעריסן אויף אַ בלאַט אַ גרויסן וואָרעם, אַ וואָרף געטון אים מיט אימה אויף דער ערד, אויפגע-הויבן די הענט אינדערהייך און אָפּגעשפּרונגען, פונקט ווי זי וואָלט זיך געשראָקן, ער זאָל זי נישט אָפּשפּריצן מיט עפּעס. דער שפּיל האָט אויפ-געהערט; מיר אַלע זענען צוגעפאַלן צו דער ערד מיט די קעפּ אין איין שורה באַטראַכטן דידאָזיקע מציאה.

איך האָב געקוקט דורך קאַטיעלעס אַקסל; קאַטיעלע האָט זיך גע-סטאַרעט אויפצוהייבן דעם וואָרעם אויף אַ בלאַט, וואָס זי האָט אים אונ-טערגעלייגט אויפן וועג.

איך האָב באַמערקט, אַז פיל מיידעלעך האָבן די געוווינהייט צו צוקן מיט אַן אַקסל; מיט דערדאָזיקער באַוועגונג ווילן זיי ברענגען אין אָרדנונג דאָס קליידל, וואָס האָט אַן אָפּגענעם האַלז. איך געדענק נאָך, ווי מימי פלעגט זיך שטענדיק בייזערן פאַר דערדאָזיקער באַוועגונג און

פּלעגט זאָגן: „C'est un geste de femme de chambre”*) קאַטיעלע, וואָס האָט זיך איינגעבויגן צום וואָרעם, האָט געמאַכט די אייגענע באַוועגונג און אין דער זעלבער צייט האָט דער ווינט אויפגעהויבן דאָס האַלזטוך פון איר ווייס העלזל. בשעת דערדאָזיקער באַוועגונג איז איר אַקסעלע געווען ווייט פון מײַנע ליפּן אויף אַ צוויי פינגער. האָב איך שוין נישט געקוקט אויפן וואָרעם; איך האָב געקוקט, געקוקט און מיט אַלע כּוחות אַ קוש געטון קאַטיעלעס אַקסל. זי האָט זיך נישט אויסגעדרייט, אָבער איך האָב באַמערקט, אַז דאָס העלזל און די אויערן זענען איר רויט געוואָרן. נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט וואָלאָדיע מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטון:

— וואָס פאַר אַ צערטלען זיך?

איך האָב שוין געהאַט טרערן אויף די אויגן.

איך האָב נאָר געקוקט אויף קאַטיעלען. איך בין שוין לאַנג צוגעוווינט צו איר פריש, העל פּנימל און האָב עס שטענדיק ליב געהאַט, אָבער איצט האָב איך מיך אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו אים און נאָכמער עס ליב באַקומען. אַז מיר זענען אַוועק צו די גרויסע, האָט דער פּאַפּאַ, צו מײַן גרויסער פרייד, געמאָלדן, אַז אונזער נסיעה ווערט אָפּגעלייגט, לויט דער מאַמעס בקשה, ביז אויף מאָרגן אינדערפרי.

צוריק איז מען געפאָרן צוזאַמען אין וואָגן. וואָלאָדיע און איך, ביידע האָבן מיר געוואָלט איבערשטייגן איינאַנדער אין דער קונסט פון רייטן און כוואַטישקייט, און האָבן זיך אַרומגעטומלט אויף די פערד. מײַן שאָטן איז געווען לענגער, ווי פריער, און טאַקע לויטן שאָטן, האָב איך משער געווען, אַז איך זע אויס גאָר נישקשה פון אַ רייטער. אָבער דאָס געפיל פון צופרידנקייט איז אינגיכן צעשטערט געוואָרן דורך דעם פאָלגנדיקן אומשטאַנד. איך האָב געוואָלט איבעררעשן דעם עולם, וואָס איז געזעסן אין וואָגן, בין איך עטוואָס אָפּגעשטאַנען, און דערנאָך מיט דער הילף פונעם בייטשל און די פיס שטאַרק אַ טרייב געטון דאָס פערדל, האָב מיך אַוועקגעזעצט אין אַן אומבאַצוווונגן-גראַציעזער פּאָזע און געוואָלט זיך אַדורכטראָגן, ווי אַ וויכער, פאַרביי זיי, פון יענער זייט, וווּ קאַטיעלע איז געזעסן. איך האָב מיך נאָר געשלאָגן מיט דער דעה, וואָס איז בעסער: צי זאָל איך מיך דורכטראָגן שווייגנדיק, אָדער אויסשרייען. אָבער דאָס

*) דאָס איז אַ זשעסט פון אַ דינסט-מיידל.

צרהדיקע פערדל, אַז עס האָט זיך אויסגעגלייכט מיטן וואָגן, איז עס, נישט געקוקט אויף אַלע מיינע אָנשטרענגונגען, געבליבן שטיין אַזוי אומגעריכט, אַז איך בין איבערגעשפּרונגען פון זאָטל אויפן האַלז און זיך שיער נישט געבראָכן האַלז און נאַקן.

X.

וואָס פאַר אַ מענטש איז געווען מיין פאָטער?

דאָס איז געווען אַ מענטש פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, און געהאַט האָט ער די אומפאַרקבאַרע טבע פון ריטערלעכקייט, אונטערנעמונגס-גייסט, זעלבסטפאַרטרויונג, העפלעכקייט און חשק צו אַ ברייט לעבן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער יוגנט פון יענעם יאָרהונדערט. אויף די היינטיקע מענטשן האָט ער געקוקט מיט פאַראַכטונג, און דערדאָזיקער קוק האָט געשטאַמט אַזוי פיל פון איינגעבוירענעם שטאָלץ, ווי פון פאַרבאָרגענעם פאַרדראָס, וואָס ער קאָן אין אונזער צייט נישט האָבן — נישט יענע השפּעה און נישט יענעם דערפאָלג, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין צייט. אין משך פון זיין לעבן האָט ער געוווּנען עטלעכע מיליאָן און האָט געהאַט באַציונגען מיט אַן אַ צאָל פרויען פון אַלע קלאַסן.

אַ הויכע שטאַלטיקע פיגור, אַן אויסטערלישער גאַנג מיט דראָבנע טריפּלעך, אַ געוווינהייט צו צוקן מיט אַן אַקסל, קליינינקע, שטענדיק שמייכלענדיקע אייגלעך, אַ גרויסע אָדלערנאָז, ליפּן נישט אין דער מאָס, וואָס האָבן זיך עפּעס נישט באַקוועם, נאָר אָנגענעם צוזאַמענגעלייגט, אַ פעלער אין דער אויסשפּראַך: פלעגט שעפּטשען — און אַ גרויסער פליך איבערן גאַנצן קאָפּ — דאָס איז דאָס געשטאַלט פון מיין פאָטער פון יענער צייט, וואָס איך געדענק אים; מיט דעמדאָזיקן אויסזעען האָט ער געקאָנט שמען נישט בלויז פאַר אַ מענטש אַ בעל-מזל, „à bonnes fortunes". נאָר אויך געפעלן אַלעמען אָן אַן אויסנאַם — מענטשן פון אַלע קלאַסן און פאַרמעגנס, באַזונדערס די-יעניקע, וועלכע ער האָט געוואָלט געפעלן ווערן.

אין דער באַציונג צו יעדן איינעם האָט ער געקאָנט האָבן די אויבערהאַנט. ער איז קיינמאָל נישט געווען דער מענטש פון דער זייער גרויסער וועלט, אָבער ער איז שטענדיק געווען געבונדן מיט די לייט פון דעמדאָזיקן קרייז און איז צווישן זיי געשעצט געוואָרן. אים איז געווען באַקאַנט יענע עקסטרעמע מאָס פון שטאָלץ און זעלבסטפאַרטרויונג, וואָס האָט דאָך קיינעם נישט באַליידיקט און וואָס האָט אים אויפגעהויבן אין דער מיינונג פון דער וועלט. ער איז געווען אָריגינעל, אָבער נישט אַלע מאָל, און דידאָזיקע אָריגינעלקייט האָט ער געברויכט ווי אַ מיטל, וואָס פאַרבייט אין מאַנכע פאַלן וועלטלעכקייט אָדער עשירות. קיין שום זאַך אין דער וועלט האָט אין אים נישט געקאָנט דערוועקן אַ געפיל פון פאַרווונדערונג; און וואָס פאַר אַ גלאַנצפולער לאַגע ער זאָל זיך נישט האָבן געפונען, האָט עס אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געווען אַקוראַט צוגעפאַסט פאַר איר. ער האָט אַזוי גוט געקאָנט פאַרבאָרגן פון אַנדערע און דערווייטערן פון זיך יענע טונקעלע, אַלעמען באַקאַנטע זייט פון לעבן, וואָס איז אָנגעזאַפט מיט קלייניטשקע אַנגסטן און ערגערנישן, אַז מען האָט אים געמוזט מקנא זיין. ער איז געווען אַ מבין אויף די אַלע זאַכן, וואָס האָבן פאַרשאַפט באַקוועמלעכקייט און תענוג און זיך געקאָנט באַנוצן מיט זיי. די קראַפט זיינע איז געווען — די גלאַנצפולע באַקאַנטשאַפטן, טיילווייז צוליב דער מאַמעס צד, טיילווייז צוליב די יוגנט־חברים, אויף וועלכע ער איז אָבער אין האַרץ געווען בייז דערפאַר, וואָס זיי האָבן זיך הויך אויפגעהויבן אין ראַנג און ער איז אויף אייביק געבליבן אַ פאָרוטשיק פון גוואַרדיע אויסער דער דינסט. ווי אַלע געוועזענע מיליטער־לייט, האָט ער זיך נישט געקאָנט אָנטון מאָדיש, דערפאַר אָבער האָט ער זיך געקליידט אָריגינעל און פיין. שטענדיק ברייטע און לייכטע קליידער, שיינע וועש, גרויסע אָפגעלייגטע מאַנזשעטן און קעלנערלעך... איבעריקנס, האָט זיך אַלץ געפאַסט צו זיין גרויסער וווקס, צו זיין שטאַרקן קערפער־בוי, צו זיין פליכעוואַטן קאָפ און רויקע זיכערע באַוועגונגען. ער איז געווען זייער אַ פילבאַרער און אפילו לייכט אויף טרערן. טיילמאָל, בשעת ער פלעגט הויך לייענען און דערביי אָנטרעפן אויף אַ פאַטעטיש אָרט, פלעגט אָנהייבן ציטערן זיין שטימע, טרערן פלעגן זיך אים ווייזן אויף די אויגן און ער פלעגט מיט פאַרדראָס אַוועקלייגן דאָס בוך. ער האָט ליב געהאַט מוזיק, האָט געזונגען, אַקאָמפאַנירנדיק זיך אויפן קלאַוויר, די ראָמאַנסן פון זיין

חבר אַ..., ציגיינער־לידער און מאַנכע מאָטיוון פון אָפּערעס; די ערנסטע מוזיק אָבער האָט ער נישט ליב געהאַט, און, נישט געקוקט אויף דער אַלגעמיינער מיינונג, האָט ער אָפן געזאָגט, אַז בעטהאָווענס סאָנאַטן וואַרפן אָן אויף אים שלאָף און לאַנגווייליקייט און אַז ער ווייסט נישט עפּעס בעסערס, ווי „וועקט מיך נישט אַ יונגע", אַזוי ווי סעמיאָנאָווע פלעגט עס זינגען און „נישט איינע", ווי דאָס פלעגט זינגען די ציגיינערין טאַניושע. זיין נאַטור איז געווען איינע פון יענע, וואָס באַדאַרפן האָבן אַ פּובליקום, כדי צו טון אַ גוטע זאַך. ווייסט איין גאָט, צי ער האָט געהאַט וואָסערע נישט איז מאָראַלישע איבערצייגונגען. אין זיין לעבן איז ער אַזוי אָפט געווען פאַרקאָכט אין פאַרשידענע זאַכן, אַז ער האָט קיין צייט נישט געהאַט זיך אויסצואַרבעטן איבערצייגונגען, אגב, איז ער אין לעבן געווען אַזוי גליקלעך, אַז ער האָט דערין נישט געזעען קיין שום נויטווענדיקייט.

אויף דער עלטער האָט ער שוין געהאַט אַ שטענדיקן קוק אויף זאַכן און אומפאַרענדערלעכע כּללים, דער עיקר אָבער פון פּראַקטישער באַדייטונג. יענע מעשים און שטייגער לעבן, וואָס האָבן אים געגעבן גליק אָדער פאַרגעניגן, האָט ער געהאַלטן פאַר גוט און איינגעפונען, אַז אַלע דאַרפן אַזוי טון. מיט זיין שיין רעדן האָט ער געקאָנט ממש מיטרייסן, און דידאָזיקע פּעיקייט, דאַכט זיך מיר, האָט פאַרשטאַרקט די עלאַסטישקייט פון זיינע לעבנס־כּללים: וועגן איין־און־דערזעלבער טאַט האָט ער געקאָנט דערציילן ווי וועגן אַ ליבער שטיפעריי אָדער געמיינער נבלה.

XI.

אין קאבינעט און אין גאסטצימער

שוין פינצטערלעך געווארן, בשעת מיר זענען געקומען אהיים. די מאמע האט זיך געזעצט באם קלאוויר, און מיר, קינדער, האבן געבראכט פאפיר, בלייפעדער, פארבן און זיך אויסגעזעצט צייכענען באם קיילעכ־דיקן טיש. איך האב געהאט בלויז בלויע פארב. דאך אבער האב איך בצוואלט אויסמאלן דעם יאגד. אויסגעמאלט גאנץ לעבעדיק א בלוי ייִנגל, רייטנדיק אויף א בלוי פערד און בלויע הינט, האב איך אויף זיכער נישט געוווסט, צי מען קאן אויסמאלן א בלויען האז, בין איך אוועקגע־לאפן צום פאפא אין קאבינעט זיך מישב זיין וועגן דעם. דער פאפא האט עפעס געלייענט און אויף מיין פראגע: „צי זענען פאראן בלויע האזן?" — האט ער נישט אויפהייבנדיק דעם קאפ, געענטפערט: „פאראן, מיין פריינד, פאראן". אוועק צוריק צום קיילעכיקן טיש, האב איך אויסגעמאלט א בלויען האז, דערנאך האב איך געפונען פאר נייטיק צו מאכן פון בלויען האז א קוסט. דער קוסט איז מיר אויך נישט געפעלן געווארן, האב איך געמאכט פון אים א בוים, פון בוים א קופע היי, פונם היי — א וואלקן און צולעצט אזוי צעשמירט מיט דער בלויער פארב דאס גאנצע פאפיר, אז איך האב עס פון פארדראס צעריסן און אוועק דרימלען אין דער וואלטער־שטול.

די מאמע האט געשפילט דעם צווייטן קאנצערט פון פילד — איר לערער. איך האב געדרימלט, און אין מיין דמיון זענען אויפגעשטאנען לייכטע, העלע און דורכזיכטיקע דערינערונגען. זי האט אנגעהויבן שפילן בעטהאווענס פאטעטישע סאנאטע, און איך האב מיך דערמאנט אן עפעס אומעטיקס, שווערס און טריבס. די מאמע פלעגט זייער אפט שפילן די דאזיקע צוויי פיעסן, דעריבער געדענק איך זייער גוט דאס געפיל, וואס זיי פלעגן אין מיר דערוועקן. דאס דאזיקע געפיל איז געווען ענלעך צו א דערינערונג; אבער וועגן וואס פאר א דערינערונג? עס האט זיך

געדאַכט, אַז דו דערמאָנסט זיך עפּעס אַזוינס, וואָס איז קיינמאָל נישט געווען.

פונקט קעגנאיבער מיר איז געווען די טיר אין קאַבינעט אריין, און איך האָב געזעען, ווי אַהין איז אַריין יאַקאָוו און נאָך עפּעס מענטשן אין קאַפּטאַנעס און מיט בערד. די טיר איז תיכף פאַרמאַכט געוואָרן הינ-טער זיי. „נו, עס האָבן זיך שוין אָנגעהויבן זייערע ענינים", — האָב איך אַ טראַכט געטון. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז וויכטיקערס פון יענע זאַכן, וואָס זענען געטון געוואָרן אין קאַבינעט, האָט גאָר אויף דער וועלט נישט געקאָנט זיין; דעמדאָזיקן געדאַנק האָט נאָך אין מיר פאַרשטאַרקט דאָס, וואָס צו דער טיר פון קאַבינעט איז מען געוויינלעך צוגעגאַנגען מיט אַ שעפּטשען און אויף די שפּיץ פינגער; פון דאָרטן, ווידער, האָט זיך געלאָזט הערן דעם פּאַפּאַס הויכע שטימע און דער ריח פון אַ ציגאַר, וואָס פלעגט מיך שטענדיק, איך ווייס נישט פאַרוואָס, שטאַרק צו לאָקן. אינם דרימל האָט מיך פלוצלינג איבערראַשט אַ באַקאַנטער סקריפּ פון שטיוול אין אָפיציאַנטענצימער. קאַרל איוואַניטש איז אַריין אויף די שפּיץ פינגער, צוגעגאַנגען צו דער טיר מיט אַ בייז אַנטשלאָסן פּנים, מיט עפּעס פּאַפּירן אין די הענט, און לייכט אָנגעקלאַפּט. מען האָט אים אַריינגעלאָזט, און די טיר איז פונדאָסניי פאַרמאַכט געוואָרן.

„זאָל נאָר נישט געשעען עפּעס אַן אומגליק", — האָב איך אַ טראַכט געטון. — „קאַרל איוואַניטש איז אין כּעס: ער איז גרייט אויף אַלץ".

איך בין ווידער אַנדרימלט געוואָרן.

קיין אומגליק איז דאָך נישט געשעען; אין אַ שעה אַרום האָט מיך אויפגעוועקט דער זעלבער סקריפּ פון די שטיוול. קאַרל איוואַניטש, אויס-ווישנדיק מיט אַ טיכל די טרערן, וואָס איך האָב באַמערקט אויף זיינע באַקן, איז אַרויס פון דער טיר, געמורמלט עפּעס אונטער דער נאָז און איז אַרויף אויבן. באַלד נאָך אים איז דער פּאַפּאַ אַרויס פון קאַבינעט אין גאַסטצימער.

— ווייסט, וואָס איך האָב איצט באַשלאָסן? — האָט ער פריילעך געזאָגט און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף דער מאַמעס אַקסל.

— וואָס, מיין פריינט?

— איך נעם קאַרל איוואַניטשן מיט מיט די קינדער. אַן אָרט אין װאָגן איז פאַראַן. זיי זענען געוווינט צו אים און ער איז צו זיי, דאַכט

זיך, אויך צוגעבונדן. און זיבנהונדערט רובל א יאָר שפּילן קיין ראָל נישט. et puis au fond c‘est un très bon diable*).

איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט משיג זיין, פאַרוואָס דער פּאַפּאַ איז נישט צופרידן מיט קאַרל איוואַניטשן.

— איך בין זייער צופרידן, — האָט די מאַמע געזאָגט, — פאַר די קינדער און פאַר אים: ער איז אַ בראַווער זקן.

— וואָלסטו געזען, ווי ער איז געווען גערירט, ווען איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל זיך איבערלאָזן די פינפהונדערט רובל אין דער פאָרם פון אַ מתנה... נאָר קאָמישער פון אַלץ איז דער חשבון, וואָס ער האָט מיר געבראַכט. דאָס דאַרף מען זען, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל און דערלאַנגט איר אַ פּאַפּירל, פאַרשריבן מיט קאַרל איוואַניטשס כתב: — אויסגעצייכנט!

דאָס איז דער אינהאַלט פונם פּאַפּירל:

„פאַר די קענדער צוויי ווענדקעלעך — 70 קאָפּ.

קאָלירטין פּאַפּיר, אַ גאָלדען בענדעלי, אַ קלעסטיר און אַ קלעצעל צו אַ קעסטעלי, אין געשאַנקען — 6 רוב. 55 ק.

„אַ בוך און אַ פייל און בויגן, אַ געשאַנקע די קענדער — 8 ר. 16 קאָפּ.

„אַ הויזען ניקאָלאַיען — 4 רובל.

פאַרשפּראָכן דורך פּיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטשן פון מאָסקווע אין יאָר 18... אַ גאָלדענער זייגער פון 140 רובל“.

סך־הכל קומט קאַרל איוואַניטשן חוץ דער פּענסיע — 159 רובל מיט 79 קאָפּיקעס.

אַז מען זאָל דורכלייענען דאָסדאָזיקע פּאַפּירל, ווי קאַרל איוואַניטש פאָדערט, מען זאָל אים איינצאָלן די אַלע געלטער, וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויף מתנות און אַז מען זאָל אים אפילו באַצאָלן פאַר אַ צוגעזאָגטן געשאַנק, וועט יעדער מיינען, אַז קאַרל איוואַניטש איז נישט אַנדערש ווי אַ מענטש אָן געפילן, וואָס האָט נאָר ליב זיך — און יעדער איינער וועט זיך טועה זיין.

אַריינגייענדיק אין קאַבינעט מיט די פּאַפּירלעך אין דער האַנט און מיט אַ פאַרטיקער דרשה אין קאָפּ, איז ער זיך מכין־געווען באריכות

---

*) אגב איז דאָס אַ גאַנץ גוטער מענטש אויך.

אויסצולייגן פאַרן פּאַפּאַ די אַלע אומרעכטן, וואָס זענען אים געטון געוואָרן באַ אונז אין שטוב; נאָר אַז ער האָט אָנגעהויבן רעדן מיט יענעם ריירנדיקן קול און מיט יענע וואַרעמע אינטאָנאַציעס, מיט וועלכע ער פלעגט אונז געווייגלעך דיקטירן, האָט זיין מליצה אַמשטאַרקסטן געווירקט אויף אים אַליין; און אַז ער איז געקומען צו יענעם אָרט, ווו ער האָט געזאָגט: „ווי מיר איז נישט שווער זיך צו שיידן מיט די קינדער", האָט ער זיך גאָר אַראָפּגעשלאָגן פון וועג, די שטימע האָט אים גענומען ציטערן און ער איז געווען געצוווּנגען אַרויסצונעמען פון קעשענע זיין קעסטלדיק בּיכל.

— יאָ, פּיאָטר אַלעקסאַנדריטש, — האָט ער אַ זאָג געטון מיט טרערן אויף די אויגן (דאָסדאָזיקע אָרט איז גאָרנישט געווען אין דער צוגעגרייטער דרשה), — איך בין אַזוי צוגעוווינט צו די קינדער, אַז איך ווייס נישט, וואָס וועל איך טון אָן זיי. איך וועל אייך בעסער דינען אָן שכירות — האָט ער צוגעגעבן, מיט איין האַנט אויסגעווישט די טרערן, און מיט דער צווייטער דערלאַנגט דעם חשבון.

אַז קאַרל איוואַניטש האָט אין דער זעלבער מינוט גערעדט אויפריכטיק, דאָס קאָן איך פולשטענדיק באַשטעטיקן, וואָרים איך קען זיין גוט האַרץ; נאָר ווי אַזוי האָט זיך עס געשיקט דער חשבון מיט זיינע ווערטער — דאָס בלייבט פאַר מיר אַ סוד.

— אויב עס טוט אייך באַנג, טוט מיר נאָכמער באַנג צו שיידן זיך מיט אייך, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט און אַ קלאַפּ געטון אים איבערן אַקסל, — איך האָב איצט אַן אַנדערן פּלאַן.

איידער מען האָט זיך געזעצט צום אָוונטברויט, איז גרישע אַריין אין צימער. זינט ער האָט זיך באַוויזן באַ אונז אין שטוב, האָט ער נישט אויפגעהערט צו זיפצן און צו וויינען און דאָס האָט, לויט דער מיינונג פון יענע, וואָס האָבן געהאַלטן פון זיין נביאות, געוויזן עפּעס אויף אַ צרה פאַר אונזער הויז. ער האָט זיך גענומען געזעגענען און געזאָגט, אַז מאָרגן פרי לאָזט ער זיך אין וועג אַריין. איך האָב אַ ווונק געטון וואָלאָדיען און אַרויס פון צימער.

— וואָס?

— ווילסט זען גרישעס קייטן? טאָלאָמיר שוין גיין אויבן, צו די חדרים פון דער מאַנסבילשער דינערשאַפט. — גרישע שלאָפט אין דעם צווייטן חדר. אין אַלקיר איז זייער גוט צו זיצן, און מיר וועלן אַלץ זען.

— אויסגעצייכנט! דו װאַרט דאָ, איך װעל אַ רוף טון די מיידלעך.

זענען געקומען צו לויפן די מיידלעך און מיר זענען אַװעק אויבן. נישט אָן דעבאַטן האָבן מיר באַשלאָסן, װער עס זאָל אַריין דער ערשטער אין פינצטערן אַלקירל און דאָרט האָבן מיר זיך אויסגעזעצט און גענומען װאַרטן.

XII.

גרישע

אונז אַלעמען איז געװען זייער שומנע אין דער פינצטער; מיר האָבן זיך געדריקט איינער צום צװייטן און גאָרנישט גערעדט. כמעט באַלד נאָך אונז איז מיט שטילע טריט אַריין גרישע. אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן דעם שטעקן, אין דער צװייטער — אַ חלב־ליכט אין אַ קופּערנעם לייכטער. מיר האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם.

ער האָט גענומען דאַװנען און געחזרט די װערטער מיט פאַרשידענע אינטאָנאַציעס און פאַרקירצונגען, װי דאָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די־יעניקע, װאָס חזרן אָפטער איבער דידאָזיקע װערטער.

מיט אַ תפילה האָט ער אַװעקגעשטעלט דעם שטעקן אין װינקל, באַקוקט דאָס געלעגער און גענומען זיך אויסטון. ער האָט פונאַנדערגעבונדן זיין אַלטע שװאַרצע גאַרטל, לאַנגזאַם אַראָפּגעצויגן דאָס צעריסענע כאַלאַטל, פאָרזיכטיק עס צונויפגעלייגט און אַװעקגעלייגט אויפן װענטל פון שטול. איצט האָט זיין געזיכט נישט אויסגעדריקט קיין איילעניש און טעמפּקייט, װי זיין שטייגער איז; פאַרקערט, ער איז געװען רויק, פאַרטראַכט און אפילו מאַיעסטעטיש. זיינע באַװעגונגען זענען געװען לאַנגזאַמע און באַקלערטע.

פאַרבליבן אין בלויזע װעש, האָט ער זיך שטיל אַראָפּגעלאָזט אויפן בעט, באַצלמט עס פון אַלע זייטן און מיט קענטיקער אָנשטרענגונג — מחמת ער האָט זיך פאַרקרימט — פאַרריכט אונטערן העמד די קייטן. ער

אין עטוואָס געזעסן און גוט באַטראַכט די לעכער אין העמד, דערנאָך זיך אויפגעהויבן, צוגעשטעלט מיט אַ תּפילה דאָס ליכט צו די הייליקע בילדער, זיך איבערגעצלמט און איבערגעקערט דאָס ליכט מיטן פייער אַראָפּ. דאָס ליכט איז פאַרלאָשן געוואָרן מיט אַ קנאַק.

כמעט אַ פולע לבנה האָט אַ זעץ געטון אין די פענצטער. וואָס צום וואַלד. גרישעס לאַנגע ווייסע פיגור איז פון איין זייט באַלויכטן געוואָרן מיט דער בלאַסער זילבערנער ליכט פון דער לבנה, פון דער צווייטער זייט — זיך איינגעהילט אין אַ שוואַרצן שאָטן, וואָס איז צוזאַמען מיט די שאָטנס פון די פענצטער-ראַמען געפאַלן אויף דער פאָדלאָגע, אויף די ווענט און דערגרייכט ביזן סופיט. אינדרויסן האָט דער נאַכט-שומר געקלאַפּט אין מעשענעם ברעטל.

צונויפגעלייגט די גרויסע הענט אויף דער ברוסט, דעם קאָפּ אַראָפּ-געלאָזט און כסדר שווער אָפּגעקרעכצט, איז גרישע געשטאַנען שווייגנדיק פאַר די הייליקע בילדער, דערנאָך מיט אָנשטרענגונג זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען מתפלל זיין.

פון אָנהייב האָט ער שטיל געזאָגט באַקאַנטע תּפילות, אָנגעדריקט בלויז אויף געוויסע ווערטער, דערנאָך האָט ער זיי איבערגעחזרט, נאָר העכער און מיט מער באַגייסטערונג. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן זאָגן אייגענע ווערטער און זיך שטאַרק באַמיט צוצוגעבן זיי אַ סלאַווישע פאָרם. זיינע ווערטער האָבן נישט געהאַט קיין זין, אָבער זיי זענען געווען האַר-ציק. ער האָט מתפלל געווען פאַר אַלע זיינע בעלי-טובות (אַזוי האָבן בא אים געהייסן די-יעניקע, וואָס פלעגן אים אויפנעמען), דערין אויך פאַר דער מאַמען, פאַר אונז, פאַר זיך, געבעטן גאָט. ער זאָל אים מוחל זיין אַלע זיינע שווערע חטאים און אַלץ געחזרט: „רבונו של עולם, זיי מוחל מיינע פיינט"; קרעכצנדיק האָט ער זיך אויפגעהויבן, און, איבערחזרנדיק די זעלבע ווערטער, איז ער פונדאַסניי צוגעפאַלן צו דער ערד און ווידער זיך אויפגעהויבן, נישט געקוקט אויף דער משא פון די קייטן, וואָס האָבן אַרויסגעלאָזט אַ טרוקענעם שאַרפן קלאַנג, בשעת זיי האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אָן דער פאָדלאָגע.

וואָלאָדיע האָט מיר שטאַרק אַ קניפּ געטון פאַרן פוס; אָבער איך האָב מיך אפילו נישט אומגעקוקט; איך האָב נאָר אַ רייב געטון מיט דער האַנט דאָס אָרט פון קניפּ און ווייטער זיך צוגעקוקט און צוגעהערט מיט קינדערישער פאַרוווּנדערונג, רחמנות און יראת-הכבוד צו גרישעס באַוועגונגען און ווערטער.

אָנשטאָט פרייד און געלעכטער, אויף וועלכע איך האָב מיך גע־ריכט, אַריינגייענדיק אין אַלקירל, האָב איך איצט געשפּירט עפּעס אַ ציטערניש און דער אָטעם האָט מיך פאַרכאַפּט.

נאָך לאַנג האָט זיך גרישע געפונען אין דעמדאָזיקן צושטאַנד פון רעליגיעזן עקסטאַז און אימפּראָוויזירטע תפילות. דאָ האָט ער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט: „רבונו של עולם, זיי מיר מוחל" — און יעדעס מאָל מיט מער קראַפט און אויסדרוק; דאָ האָט ער געזאָגט: „פאַרגיב מיר, גאָט, לערן מיך אויס, וואָס צו טון... לערן מיך אויס, וואָס צו טון, גאָט?" — מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ באַלדיקן ענטפער; דאָ האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעך געוויין... ער האָט זיך אויפגעהויבן אויף די קני, צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרץ און אַנטשוויגן געוואָרן.

פאַוואָליע האָב איך אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ פון דער טיר און איינגעהאַלטן דעם אָטעם. גרישע האָט זיך נישט באַוועגט. אין דעם שטאַרן שוואַרצאַפּל פון זיין קרום אויג, באַלויכטן פון דער לבנה, איז געבליבן שטיין אַ טרער.

— זאָל זיין, ווי דיין רצון איז! — האָט ער פּלוצלינג אויסגע־שריגן מיט אַ געוואַלדיקן אויסדרוק, צוגעפאַלן מיטן שטערן צו דער ערד און זיך צעוויינט, ווי אַ קינד.

אַ סך וואַסערן זענען אָוועקגעשווומען פון יענער צייט אָן, אַ סך זכרונות פון עבר האָבן פאַרלוירן פאַר מיר זייער ווערט און זענען גע־וואָרן טונקעלע טרוימען; אפילו דער נע־ונדניק גרישע האָט שוין לאַנג פאַרענדיקט זיין לעצטע וואַנדערונג; אָבער דער רושם, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, און דאָס געפיל, וואָס ער האָט אין מיר דערוועקט, וועלן קיינמאָל נישט אָפּשטאַרבן אין מיין געדעכעניש.

אָ, גרויסער קריסט גרישע! דיין גלויבן איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז דו האָסט געשפּירט גאָטס נאָענטקייט, דיין ליבע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די ווערטער האָבן זיך דיר אַליין געגאָסן פון די ליפּן — מיטן שכל האָסטו זיי נישט קאָנטראָלירט... און וואָס פאַר אַ הויכן שבח האָסטו געשיקט צום בורא עולם, בשעת דו האָסט קיין ווערטער נישט גע־האַט און ביסט מיט טרערן צוגעפאַלן צו דער ערד!

דאָס געפיל פון חנינה, מיט וועלכן איך האָב מיך צוגעהערט גרישען, האָט לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן, ערשטנס, דערפאַר, ווייל מיין נייגיר איז געווען געזעטיקט און, צווייטנס, דערפאַר, ווייל איך האָב

מיר אָפּגעזעסן די פיס, מחמת איך בין די גאַנצע צייט געזעסן אויף איין אָרט, אגב האָב איך מיך אויך געוואָלט באַטייליקן אין דער אַלגעמיינער שעפּטשעריי אין רודערניש, וואָס האָט זיך געהערט הינטער מיר אין דעם פינצטערן אַלקירל. עמעצער האָט אָנגענומען מיין האַנט און שעפּטשענדיק געפרעגט: „וועמענס האַנט איז עס?" אין אַלקירל איז געווען שטאָק־פינצטער; אָבער לויט דער באַרירונג און דעם קול, וואָס האָט מיר אָנגעשעפּטשעט באַם סאַמע אויער, האָב איך באַלד דערקענט קאַטיעלען.

גאַנץ אומבאַוווסטזיניק האָב איך געכאַפּט די האַנט מיט אַ קורץ אָרבעלע ביז הינטערן עלנבויגן און צוגעפאַלן צו איר מיט די ליפּן. קאַטאַליע איז מסתמא בשתומם־געוואָרן פון דערדאָזיקער באַוועגונג און אַרויסגעריסן די האַנט. מיט איר באַוועגונג האָט זי אַ שטויס געטון אַ צעבראָכענע שטול, וואָס איז געשטאַנען אין אַלקירל. גרישע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך שטיל אַרומגעקוקט און גענומען באַצלמען אַלע ווינקעלעך. מיט טומל און שעפּטשעריי זענען מיר אַלע אַרויסגעלאָפן פון אַלקירל.

XIII.

נאַטאַליע סאַווישנע

אין מיטן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט איז איבער די הויפן פון דאָרף כאַבאַראָווקע אַרומגעלאָפן אין אַ פּראָסט גראָב־שטאָפּיק קליידל אַ באָרוועס, נאָר אַ פריילעך, דיק און רויטבאַקיק מיידל נ אַ ט אַ ש ק ע. צוליב די פאַרדינסטן און דער בקשה פון איר טאַטן, דעם קלאַרניסט סאַווע, האָט זי מיין זיידע אַרויפגענומען אין דעם אויבערשטן חדר — זי זאָל זיין צווישן דער באָבעס דינסטן. דאָס שטובמיידל נאַטאַשקע האָט זיך אויף דערדאָזיקער שטעלע אויסגעצייכנט מיט אַ גוטן כאַראַקטער און מיט פלייס. אַז עס איז געבוירן געוואָרן די מאַמע און מען האָט באַדאַרפט האָבן אַ ניאַניע, האָט מען נאַטאַשען איבערגעגעבן דידאָזיקע אַרבעט. און אויף אָט דער נייער שטעלע האָט זי פאַרדינט שבחים און מתנות פאַר איר אַרבעט, טרייהייט און צוגעבונדנקייט צו איר באַלעבאָסטע. אָבער

דער יונגער און געשיקטער אפיציאנט פאקא, וואס האט, צוליב זיין דינסט, אפטער פארקערט מיט נאטאשען, האט מיט זיין אנגעפודערטן קאפ און זאקן מיט שנאלן געפאנגען איר איינפאך, נארווארעם הארץ. זי האט זיך אפילו אליין באשלאסן גיין צום זיידן בעטן, ער זאל איר דערלויבן חתונה האבן מיט פאקען. דער זיידע האט אנגענומען איר בקשה פאר אן אויסדרוק פון אומדאנקבארקייט, איז ער זייער בייז געווארן און, אלס שטראף, אוועקגעשיקט די ארימע נאטאליע אויפן קי-הויף ערגעץ אין א סטעפישן דארף. קיינער האט אבער נישט געקאנט פארבייטן נאטאליען און אין זעקס חדשים ארום האט מען זי אומגעקערט צוריק אויף איר פריערדיקער שטעלע. געקומען צוריק פון איר גלות, איז זי אוועק צום זיידן, געפאלן אים צו די פיס און געבעטן, ער זאל איר מוחל זיין, ער זאל איר צוריק ארויסווייזן די פריערדיקע חסדים און זאל פארגעסן דאס משוגעת, וואס איז זי באפאלן, און זי האט געשווירן, אז מער וועט עס שוין נישט פארקומען. און זי האט באמת געהאלטןווארט.

פון יענער צייט אן איז נאטאשקע געווארן נאטאליע סאווישנע און אנגעטון א הויב. דער גאנצער קוואל פון ליבע, וואס האט געשלאגן אין איר, האט זי איבערגעטראגן אויף איר פריצהטע.

אז מען האט גענומען צו דער מאמען א גוווערנאנטין, האט נאטאליע סאווישנע באקומען די שליסלען פון שפי.שארניע און איר צו די הענט איז איבערגעגעבן געווארן די וועש און די גאנצע פראוויזיע. די-דאזיקע התחייבותן האט זי אויסגעפילט מיט דעם זעלבן פלייס און ליבע. זי האט בלויז געלעבט מיטן פריצישן פארמעגן, האט אין אלץ געזעען אומזיסטע הוצאות, היזקות און גנבה און האט זיך מיט אלע כוחות געווערט קעגן דעם.

אז די מאמע האט חתונה געהאט און געוואלט מיט עפעס אפדאנקען נאטאליע סאווישנען פאר איר צוואנציקיעריקער פראצע און טרייקייט, האט זי זי גערופן צו זיך, אויסגעדריקט איר אין ווארעמע ווערטער איר דאנק און ליבע און איבערגעגעבן איר א הערבאווען בויגן פאפיר, ווו עס איז געווען געשריבן, אז נאטאליע סאווישנע איז פריי; דערביי האט איר די מאמע באמערקט, אז זי קריגט דרייהונדערט רובל א יאר פענסיע, נישט געקוקט דערויף, צי זי וועט ווען ווייטער ארבעטן אין שטוב, צי נישט. נאטאליע סאווישנע האט דאס אלץ שווייגנדיק אויסגעהערט, דערנאך גענומען אין האנט אריין דעם דאקומענט, בייז א קוק געטון דערויף,

אַ מורמל געגעבן עפּעס צווישן די ציין, אַרויסגעלאָפן פון צימער און אַ האַק געגעבן מיט דער טיר. נישט פאַרשטייענדיק די סיבה פון אַזאַ מין טאַט, האָט די מאַמע עטוואָס אָפּגעוואַרט און דערנאָך אַריין צו נאַטאַליע סאַווישנען אין צימער. נאַטאַליע סאַווישנע איז געזעסן מיט פאַרוויינטע אויגן אויפן קאַסטן, מיט די פינגער געהאַלטן דאָס נאָזטיכל און שאַרף געקוקט אויפן צעריסענעם פרייהייטס-דאָקומענט, וואָס האָט זיך שטיקלעכווייז געוואַלגערט אַרום איר אויף דער פּאָדלאָגע.

— וואָס איז מיט אייך ? טייערע נאַטאַליע סאַווישנע, — האָט די מאַמע געפרעגט און אָנגענומען זי בײַ דער האַנט.

— גאָרנישט, מאַמעשי, — האָט זי געענטפערט — איך בין אייך, אַפנים, זייער נישט צום האַרץ, אַז איר טרייבט מיך פון הויף... מילא, וועל איך גיין.

זי האָט אַרויסגעריסן איר האַנט, און, קוים איינהאַלטנדיק די טרערן, האָט זי געוואָלט אַרויס פון צימער. די מאַמע האָט זי אָבער אָפּגעהאַלטן, האָט זי אַרומגענומען און ביידע האָבן זיך צעוויינט.

פון דער צייט אָן, וואָס איך געדענק מיך, געדענק איך אויך נאַטאַליע סאַווישנען, איר ליבע און צערטלעכקייטן ; אָבער בלויז איצט קאָן איך זיי אָפּשאַצן — דעמאָלט איז מיר גאָר אויפן רעיון נישט געקומען, וואָס פאַר אַ טייערע און זעלטענע זקנה דאָס איז. זי האָט נישט בלויז קיינמאָל נישט גערעדט, נאָר האָט, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געקלערט וועגן זיך — איר גאַנץ לעבן איז געווען לויטער ליבע און מסירת-נפש. איך בין געווען אַזוי געוווינט צו איר ריינער, הייסער ליבע צו אונז, אַז מיר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס האָט געקאָנט זיין אַנדערש, איך בין איר גאָרנישט דאַנקבאַר געווען און האָב מיר קיינמאָל נישט געשטעלט די פראַגע : אַנו, איז זי גליקלעך ? איז זי צופרידן ?

טיילמאָל, מיטן אויסרייד, אַז דו דאַרפסט עפּעס טון, פלעגסטו אַוועקלויפן פון דער לעקציע צו איר אין צימער אַריין, דאָרט זיך אַוועקזעצן און אָנהייבן פאַנטאַזירן אויפן קול און זיך בעת מעשה גאָרנישט אינטערעסירן. וואָס זי געפינט זיך דאָ דערביי. שטענדיק איז זי געווען מיט עפּעס פאַרנומען : אָדער זי האָט געשטריקט אַ זאָק, אָדער זי האָט פאַרשריבן די וועש, און, אויסהערנדיק יעדע נאַרישקייט, וואָס איך פלעג זאָגן, „ווי, אַז איך וועל זיין אַ גענעראַל, וועל איך חתונה האָבן מיט אַ וואונדערלעכער שיינהייט, וועל מיר קויפן אַ געל פערד, אויסבויען אַ

גלעזערן הויז און אויסשרייבן פון זאַקסן קאַרל איוואַניטשס קרובים" א. ד. גל. — פלעגט זי צושאָקלען מיטן קאָפּ: „יאָ, פּאָטערשי, יאָ". בשעת איך פלעג אויפשטיין און האַלטן באַם אַוועקגיין, פלעגט זי געווײנלעך עפענען איר בלויען קאַסטן, וווּ צום דעקל איז פון אינעווייניק — ווי איצט געדענק איך עס — געווען צוגעקלעבט: אַ פּאַפּירל מיט עפּעס אַן אויסגעמאָלטן גוסאַר, אַ בילדל פון אַ שאַכטעלע פּאָמאַדע און וואָלאָדיעס אַ צייכנונג — און אַרויסנעמען פון דאָרט אַ רויך־שפּרייטער, אָנצינדן אים און, פאָכענדיק, מיט אים, פלעגט זי זאָגן:

— דאָס איז נאָך, פּאָטערשי, אַן אָטשאַקאָווער רויך־שפּרייטער. בשעת אייער פאַרשטאָרבענער זיידע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, איז געגאַנגען אויפן טערק, האָבן זיי עס נאָך פון דאָרטן געבראַכט צו פירן. דאָס לעצטע שטיקעלע שוין געבליבן, — פלעגט זי צוגעבן מיט אַ קרעכץ.

אין די קאַסטנס, מיט וועלכע עס איז געווען פאַרשטעלט איר צימער, האָט זיך געפונען פון כל טוב. האָט מען באַדאַרפט עפּעס האָבן, פלעגט מען זאָגן: „מען דאַרף פרעגן נאַטאַליע סאַווישנען". און אַזוי איז געווען: זי פלעגט אַ זוך טון, געפינען די נויטיקע זאַך און זאָגן: „אָט גוט, וואָס איך האָב עס באַהאַלטן". אין דיזאָזיקע קאַסטנס זענען געווען טויזנטער זאַכן, וואָס קיינער אין שטוב האָט נישט געוווּסט און נישט געזאָרגט וועגן זיי, אויסער איר.

איינמאָל בין איך אין כעס געוואָרן אויף איר. געשען איז עס אַזוי. פאַרן מיטאָג האָב איך מיר אָנגעגאָסן קוואַס, איז אַרויסגעפאַלן פון האַנט די גראַפין און איך האָב פאַרגאָסן דאָס טישטוך.

— גיט נאָר אַ רוף נאַטאַליע סאַווישנען, זאָל זי האָבן נחת פון איר ליבלינג, — האָט די מאַמע געזאָגט.

נאַטאַליע סאַווישנע איז אַריין אין צימער, און, דערזעען די קאַלושע, האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ; דערנאָך האָט איר די מאַמע עפּעס אַ זאָג געטון אויפן אויער, האָט מיר נאַטאַליע סאַווישנע אַ סטראַשע געטון און איז אַרויסגעגאַנגען.

נאָכן מיטאָג בין איך, אין זייער אַ גוטער שטימונג, אונטערטאַנצנדיק, אַוועק אין זאַל, און דאָ איז פלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון הינטער דער טיר נאַטאַליע סאַווישנע, מיטן טישטוך אין דער האַנט, אָנגעכאַפּט מיך, און, נישט געקוקט אויף מיין פאַרצווייפלטן ווידערשטאַנד, אָנגעהויבן רייבן מיר דאָס פּנים מיטן נאַסן טישטוך, זאָגנדיק דערביי:

„ווייטער זאָלסטו נישט פלעקן קיין טישטיכער, נישט פלעקן קיין טישטי-כער !" דאָס האָט מיך אַזוי באַליידיקט, אַז איך האָב מיך פונאַנדערגע-ווייגט פון פאַרביטערונג.

„סטייטש ! — האָב איך זיך אַליין געזאָגט, אַרומגייענדיק איבערן זאַל און ווערגנדיק זיך מיט די טרערן. — נאַטאַליע סאַווישנע, פשוט נ אַ ט אַ ל י ע, זאָל מ י ר זאָגן ד ו און נאָך שלאָגן אי-בערן פּנים מיט אַ נאַס טישטוך, ווי אַ הויף-יינגל. ניין, דאָס איז שרעקלעך !"

אַז נאַטאַליע סאַווישנע האָט דערזעען, אַז איך האָב מיך צעוויינט, איז זי באַלד אַוועקגעלאָפן, און איך בין נאָך אַלץ אַרומגעגאַנגען און געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי צו באַצאָלן דער עזותדיקער נ אַ ט אַ ל י ע ן פאַר דער חרפּה, וואָס זי האָט מיר אָנגעטון.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז נאַטאַליע סאַווישנע צוריקגעקומען, צוגעגאַנגען צוגעגאַנגען צו מיר און מיך אָנגעהויבן טרייסטן :

— פּאַטערשי, גענוג, וויינט נישט... זייט מיר מוחל, דער נאַר... איך בין שולדיק... זייט מיר מוחל, מיין טייערער... נאַט אייך.

פון הינטערן קליידל האָט זי אַרויסגענומען אַ קאַרנעט, געמאַכט פון רויטן פּאַפּיר ; אין אים זענען געלעגן צוויי צוקערלעך און אַ ווייִ-ניאַגדע, און מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָט זי עס מיר דערלאַנגט. איך האָב נישט געהאַט קיין מוט אַ קוק צו טון דער גוטער אַלטער אין פּנים אַריין ; איך האָב מיך אויסגעדרייט און צוגענומען די מתּנה, און די טרערן האָבן זיך גענומען גיסן נאָך שטאַרקער, אָבער שוין נישט פון פאַרביטערונג, נאָר פון ליבע און בושה.

XIV.

דאָס שיידן זיך

אויף מאָרגן, נאָך די באַשריבענע געשעענישן, זענען צוועלף אַ זייגער אינדערפרי געשטאַנען באַם צופֿאָר אַן עקיפּאַזש און אַ ברישקע. ניקאָלאַי איז געווען אָנגעטון, ווי אַ וועג-מענטש, דאָס הייסט די הויזן אַריינגעטון אין די שטיוול און דער אַלטער סורדוט פעסט אַרומגעבונדן מיט אַ גאַרטל. ער איז געשטאַנען אין ברישקע און אַריינגעפּאַקט די מאַנטלען און די קישנס אונטערן געזעס. אַז דאָס געזעס האָט אים אויסגעוויזן אַ ביסל צו-הויך, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף די קישנס, אונטערגעשפּרונגען און איינגעפּרעסט זיי.

— דערבאַרעמט איך, ניקאָלאַי דמיטריטש, אפשר קאָן מען אַוועקלייגן באַ אייך דעם פּריצס אַ שאַכטעלע, — האָט זיך אָנגערופן דעם פּאַפּאַס קאַמערדינער, אַ פּאַרסאַפּעטער, זיך אַרויסשטעקנדיק פון עקיפּאַזש. — אַ קליין שאַכטעלע...

— וואָלט איר פריער געזאָגט, מיכיי איוואַניטש, — האָט ניקאָלאַי אַ מורמל געטון מיט פאַרדראָס. — גאָט איז אַן עדות, אַז דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר אַזוי אויך גענוג, קריכט איר נאָך אַהער מיט אייערע קעסטעלעך, — האָט ער צוגעגעבן, אונטערגעהויבן דאָס היטל און אַראָפּגעווישט פון פאַרברענטן שטערן די גרויסע טראָפּנס שווייס.

אַרום גאַניק זענען געשטאַנען הויף-פויערים אין סורדוטן, קאַפּטאַנעס און העמדלעך, אָן היטלען אויף די קעפּ. ווייבער אין פּראָסטע גראָב-שטאָפּיקע קליידלעך מיט עופּהלעך אויף די הענט און מיט באָרוועסע קינדער דערביי זענען געשטאַנען, געגלאָצט מיט די אויגן אויף די עקיפּאַזשן און געשמועסט צווישן זיך. איינער פון די אָנטרייבער — אַ האָרבאַטער זקן אין אַ ווינטערדיק היטל און אַן אַרמיאַק — האָט געהאַלטן אין האַנט דעם דישעל פונם עקיפּאַזש, אָנגערירט אים און מיט גרויס בקיאות זיך צוגעקוקט צו דעמדאָזיקן צוג; אַ צווייטער אָנטרייבער — אַ יונג מיט ביינער, אין אַ ווייס העמד מיט רויטע לייסטן אונטער די פּאַכ-

ווּעס, אין אַ שוואַרצן פּילצענעם הוט, ווי אַ שערבל, וואָס אַז ער האָט געקראַצט זיינע העלע קודלעס, האָט ער דעם הוט אַראָפּגערוקט דאָ אויף איין אויער און דאָ אויפן צווייטן — האָט אַרעקגעלייגט זיין אַרמיאַק אויפן גרעס, אַ וואָרף געטון דערויף די לייצעס, און, צושמייכלענדיק מיט זיין געפלאָכטן בייטשל, האָט ער זיך געקוקט אויף זיינע שטיוול, אויף די אַנטרייבער, וואָס האָבן געשמירט די ברישקע. איינער פון די אַנטרייבער האָט מיט אָנשטרענגונג אונטערגעהויבן דעם שטייגרונג; אַ צווייטער, אָנבייגנדיק זיך צום ראָד, האָט גוט אָנגעשמירט די אַקס און דעם שפּונט. די פאַרשידנפאַרביקע פּאָסטפּערד זענען געשטאַנען באַ דער צוים און געטריבן די פליגן מיטן עק. אַנדערע פון זיי האָבן אַרויסגערוקט זייערע סטרופּיקע אָנגעגאָסענע פיס, געזשמורעט מיט די אויגן און גע־דרימלט; אַנדערע, ווידער, האָבן געקראַצט איינאַנדער פון לאַנגווייליקייט אָדער געשטשיפּעט די בלעטער און דאָס שטאַמל פון האַרטן טונקל־גרינעם פאַרנקרויט, וואָס איז געוואַקסן לעבן גאַניק. עטלעכע יאַגדהינט האָבן אין שאָטן אַרומגעשפּאַנט אונטערן עקיפּאַזש און ברישקע און געלעקט דאָס פעטס באַ די אַקסן; איייניקע זענען געלעגן אויף דער זון און שווער געאָטעמט. אין לופטן איז געשטאַנען עפּעס אַ שטויביקע טונקלקייט, דער האָריזאָנט האָט אויסגעזעען גרוי־פיאָלעט; אָבער אויפן הימל איז קיין איין וואָלקנדל נישט געווען. אַ שטאַרקער מערב־ווינט האָט אויפגעהויבן זיילן שטויב פון די וועגן און פעלדער, געבייגט אין גאָרטן די שפּיצן פון די הויכע ליפּעס און בערעזעס און ווייט פאַרטראָגן די אַראָפּגעפאַלענע געלע בלעטער. איך בין געזעסן באַם פענצטער און מיט אומגעדולד געוואַרט דערויף, ווען עס וועלן זיך ענדיקן די אַלע הכנות.

בשעת אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גאַסטצימער באַם קיילעכיקן טיש, צו פאַרברענגען דאָס לעצטע מאָל איינעם עטלעכע מינוט, איז מיר גאָר אויפן רעיון נישט געקומען, וואָס פאַר אַ מין טרויעריקער מאָ־מענט עס שטייט אונז פאָר. פּוסטע מחשבות האָבן מיר אומגעבלאָנקעט אין קאָפּ. פרעגן האָב איך מיר געשטעלט: וואָסער אָנטרייבער וועט פאָרן מיט דער ברישקע און וואָסער מיטן עקיפּאַזש? ווער וועט פאָרן מיטן פּאַפּאַ און ווער מיט קאַרל איוואַניטשן? און צוּוואָס וויל מען מיך דורכויס איינבוטען אין אַ שאַל און אין אַ לאַנגן וואַטענעם מאַנטל?

„וואָס בין איך דען אַן עופּהלע? נישקשה. איך וועל נישט דער־

פרוירן ווערן. וואָלט עס זיך כאָטש גיכער ענדיקן: זיך אוועקגעזעצט און געפאָרן".

— ווּעמען זאָל איך אָפּגעבן דאָס צעטעלע פון די קינדע־רישע וועש? — האָט זיך אָנגערופן צו דער מאַמען נאַטאַליע סאַוויש־נע, וואָס איז אַריין אין צימער מיט פאַרווייינטע אויגן און מיט אַ פּאַפּירל אין האַנט.

— גיט אַפּ ניקאָלאַיען און קומט אַריין זיך געזעגענען מיט די קינדער.

די אַלטע האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער פּלוצלינג איז זי גע־בליבן שטיין, פאַרשטעלט מיט אַ טיכל דאָס געזיכט און, אַ מאַך טוענ־דיק מיט דער האַנט, אַרויס פון צימער. מיר האָט עטוואָס פאַרדריקט דאָס האַרץ, בשעת איך האָב דערזעען דידאָזיקע באַוועגונג, אָבער דער חשק צו פאָרן איז געווען שטאַרקער פון אָט דעם געפיל און איך האָב מיך גלייכגילטיק צוגעהערט צום שמועס צווישן דעם פּאַפּאַ און דער מאַמען. גערעדט האָבן זיי וועגן זאַכן, וואָס האָבן קענטיק גיידן נישט אינטערע־סירט: וואָס דאַרף מען קויפן פאַרן הויז? וואָס זאָגט מען דער פּיר־שטין madame Julie און Sophie? און צי וועט זיין גוט דער וועג?

אַריין פּאָקאָ און מיט דעם זעלבן קול, מיט וועלכן ער פלעגט, אוועקשטעלנדיק זיך בּאַ דער שוועל, מעלדן: „פאַרטיק דאָס עסן", האָט ער אַ זאָג געטון: „די פערד זענען גרייט". איך האָב באַמערקט, ווי די מאַמע האָט אַ ציטער געטון און בלאַס געוואָרן בּאַ דער־דאָזיקער ידיעה, פונקט ווי דאָס וואָלט פאַר איר געווען גאָר אומ־געריכט.

פּאָקען איז אָנגעזאָגט געוואָרן, ער זאָל פאַרמאַכן אַלע טירן פון צימער. מיך האָט עס זייער געוויילט, „פונקט ווי אַלע וואָלטן זיך פאַר עמעצן אויסבאַהאַלטן".

בשעת אַלע האָבן זיך אָנידערגעזעצט, האָט זיך פּאָקאָ אויך צוגע־זעצט אויף אַ בּרעג שטול, אָבער אין דער אייגענער מינוט האָט די טיר אַ סקריפּע געטון און אַלע האָבן זיך אומגעקערט. אין צימער איז האַסטיק אַריין נאַטאַליע סאַווישנע, און, נישט אויפהייבנדיק די אויגן, זיך צוגע־זעצט אויף איין שטול מיט פּאָקען. ווי איצט זע איך פּאָקעס פליכעוואַטן קאָפּ, זיין געקנייטשט און אומבאַוועגלעך געזיכט און דערביי דאָס אויסגע־

בויגענע גוטע געשטאַלט אין אַ הויב. אונטער וועלכער עס האָבן זיך אַרויסגעזען גרויע האָר. זיי דריקן זיך אויף איין שטול און ביידע איז נישט באַקוועם.

איך בין מיר אַלץ געווען זאַרגלאָז און אומגעדולדיק. די צען סעקונדן, וואָס מיר זענען געזעסן באַ פאַרמאַכטע טירן, האָבן מיר אויסגעוויזן ווי אַ גאַנצע שעה. צולעצט, זענען אַלע אויפגעשטאַנען, זיך איבערגעצלמט און זיך גענומען געזעגענען. דער פּאַפּאַ האָט אַרומגענומען דער מאַמען און איר עטלעכע מאָל אַ קוש געטון.

— גענוג, מיין פריינט, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט — מיר שיידן זיך דאָך נישט אויף אייביק.

— ס'איז אָבער אומעטיק! — האָט די מאַמע געזאָגט מיט אַ ציטערדיק קול פון טרערן.

אַז איך האָב דערהערט דאָסדאָזיקע קול, דערזעען די ציטערדיקע ליפּן און די אויגן, פול מיט טרערן, האָב איך אָן אַלץ פאַרגעסן און מיר איז געוואָרן אַזוי אומעטיק, שרעקלעך און פיינלעך, אַז איך וואָלט בעסער געוואָלט אַנטלויפן, איידער זיך צו געזעגענען מיט איר. אין דער מינוט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז אַרומנעמענדיק דעם טאַטן, געזעגנט זי זיך שוין אויך מיט אונז.

זי האָט אַזויפיל מאָל זיך גענומען קושן און איבערצלמען וואָלאָדיען, אַז איך האָב געמיינט — אָט האלט עס שוין באַ מיר און איך האָב מיך אַרויסגערוקט פאָרויס. אָבער זי האָט אים נאָך אַלץ געבענטשט און געדריקט צום האַרץ. צולעצט, האָב איך זי אַרומגענומען, זיך צוגעדריקט צו איר און געוויינט, געוויינט און דערביי פון גאָרנישט געטראַכט, אויסער פון אייגענעם וויי.

אַז מיר האָבן גענומען גיין צו די פורן, זענען אין פאָדערצימער אַריינגעקומען מיט אַ געזעגעניש די נמאסדיקע הויף־מענטשן. זייער „גיט דאָס הענטעלע", די זיליכיקע קושן אין אַקסל און דער ריח פון חזירפעטס, וואָס האָט געשלאָגן פון זייערע קעפּ, האָט אין מיר דערוועקט אַ געפיל, זייער ענלעך צו דעם צושטאַנד פון פאַרביטערונג באַ אויפגערעגטע מענטשן. אונטער דער ווירקונג פון דעמדאָזיקן געפיל האָב איך זייער קאַלט אַ קוש געטון נאַטאַליע סאַווישנען אין הויב אַריין, בשעת זי, איינגאַנצן באַגאָסן מיט טרערן, האָט זיך צעזעגנט מיט מיר.

אַ מאָדנע זאַך, ווי איצט זע איך די פּנימער פון די הויף־מענטשן

און איך וואָלט זיי געקאָנט אויסמאָלן מיט די קלענסטע פּרטים, אָבער דער מאַמעס געזיכט און איר פּאָזע איז לגמרי אַנטרונען געוואָרן פון מיין דמיון: עס קאָן זיין, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס בשעת מעשה האָב איך קיין שום מוט נישט געהאַט אַ קוק צו טון אויף איר. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב איך וועל עס טון, וועט איר אין מיין חיי דערגיין ביז צו דער העכסטער מדרגה.

פריער פון אַלעמען האָב איך מיך אַ וואָרף געטון אין עקיפּאַזש אַריין און זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ הינטערשט אָרט. צוליב דער אויפגעהויבענער בויד האָב איך גאָרנישט געקאָנט זעען, אָבער עפּעס אַן אינסטינקט האָט מיר אונטערגעזאָגט, אַז די מאַמע איז נאָך דאָ.

„אַ קוק טון נאָך איין מאָל אויף איר, אָדער נישט?... נו, צום לעצטן מאָל!" — האָב איך זיך געזאָגט און זיך אַרויסגערוקט פון עקי־פּאַזש צום גאַניק. אין דעם מאָמענט איז די מאַמע מיט דעם זעלבן געדאַנק צוגעגאַנגען פון דער אַנדערער זייט צום עקיפּאַזש און מיך אָנ־גערופן בײַם נאָמען. דערהערט הינטער מיר איר קול, האָב איך מיך אומגעדרייט צו איר, אָבער אַזוי געשווינד, אַז מיר האָבן זיך ביידע אָפּגעקלאַפּט די קעפּ. זי האָט טרויעריק אַ שמייכל געטון און שטאַרק, שטאַרק מיך אָנגעקושט צום לעצטן מאָל.

אַז מיר זענען אָפּגעפאָרן עטלעכע קלאַפּטער, האָב איך מיך באַ־שלאָסן אַ קוק צו טון אויף איר. דער ווינט האָט איר אויפגעהויבן דאָס בלויע שאַלעכל, וואָס זי האָט געטראָגן אויפן קאָפּ; אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט, איז זי לאַנגזאַם אַרויפ־געגאַנגען אויף די טרעפּ פון גאַניק. פּאַפּאַ האָט זי אונטערגע־האַלטן.

דער פּאַפּאַ איז געזעסן לעבן מיר און גאָרנישט גערעדט. איך האָב מיך געוואָרגן פון טרערן און עפּעס האָט מיך אַזוי געשטיקט אין האַלז, אַז איך האָב מורא געהאַט דערשטיקט צו ווערן. אַרויסגעפאָרן אויפן גרויסן שליאַך, האָבן מיר דערזעען אַ ווייס טיכל, מיט וועלכן עמעצער האָט געפאָכעט פון באַלקאָן. איך האָב אָנגעהויבן פאָכען מיט מיינעם, און אָט די באַוועגונג האָט מיך עטוואָס באַרויקט. איך האָב נאָך אַלץ גע־וויינט, און דער געדאַנק, אַז מיינע טרערן זענען עדות פון מיין פילבאַר־קייט, האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן און טרייסט.

אָפּגעפאָרן באַ אַ וויאָרסט, האָב איך מיך רויקער אַוועקגעזעצט און גענומען קוקן מיט עקשנות אויף דער נאָענטסטער זאַך — אויף דער

הינטערשטער טייל פונם צוגעשפּאַנטן פערד, וואָס איז געלאָפן בײַ מיין זייט. געקוקט האָב איך, ווי דאָסדאָזיקע געפלעקטע פערד האָט געמאַכט מיטן עק, ווי עס האָט אָנגעשלאָגן איין פוס אָן צווייטן, ווי עס האָט געכאַפּט אַ פּסק פון דעם אָנטרייבערס געפלאָכטענער בייטש און ביידע פיס האָבן גענומען שפּרינגען צוזאַמען; געקוקט האָב איך, ווי עס זענען אומגעשפּרונגען אויף אים די רימענס און געקוקט אַזוי לאַנג, ביז וואַנען דידאָזיקע רימענס זענען בײַם עק באַדעקט געוואָרן מיט אַ שוים. האָב איך אָנגעהויבן קוקן אַרום מיר: אויף דעם באַוועגלעכן צייטיקן קאָרן, אויפן ברייפעלד, ווו עס האָט זיך דאָ און דאָרט געזעען אַ סאָכע, אַ פּויער, אַ פּערד מיט אַ לאָשעקל, אויף די וויאָרסטן-סלופּעס; געקוקט אפילו אויף די קאָזלעס, ווייל איך האָב געוואָלט וויסן, וואָסער אָנטרייבער פאָרט מיט אונז. און נאָך איז מיין פּנים נישט טרוקן געוואָרן פון טרערן, ווי די געדאַנקען מיינע זענען שוין געווען ווייט פון מיין מאַמען, מיט וועלכער איך האָב מיך אפשר אויף אייביק צעזעגנט. אָבער יעדע דערינערונג האָט מיך אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק וועגן איר. איך האָב מיך דערמאַנט אָן דער שוואָם, וואָס איך האָב נעכטן געפונען אין דער בערעזע-אַלעע, איך האָב זיך דערמאַנט, ווי לובקעלע און קאַטיעלע האָבן זיך געשפּאַרט, ווער פון זיי זאָל אים אויסרייסן, איך האָב זיך דערמאַנט, ווי זיי האָבן געוויינט, בשעת זיי האָבן זיך געזעגנט מיט אונז.

עס טוט באַנג אויף זיי! און אויף נאַטאַליע סאַווישנען טוט באַנג, און אויף דער בערעזע-אַלעע און אויף פּאָקען טוט באַנג! אפילו די מרשעת מימי — אויף איר טוט אויך באַנג. אויף אַלץ טוט באַנג; און די אָרימע מאַמע? און ווידער זענען געקומען טרערן אויף די אויגן, אָבער נישט אויף לאַנג.

XV.

קינדער-יאָרן

גליקלעכע, גליקלעכע קינדער-יאָרן, וואָס קערן זיך שוין נישט אום צוריק! ווי האָט מען נישט ליב, ווי צערטלט מען נישט די דערינערונגען וועגן זיי? דידאָזיקע דערינערונגען דערפרישן, דערהייבן מיין נשמה און דינען מיר פאַר אַ קוואַל פון העכסטן פאַרגעניגן.

ס'פלעגט טרעפן, אַז נאָכדעם, ווי דו ביסט זיך גוט אָנגעלאָפן, זעצסטו זיך אַוועק באַם טיי-טיש אויף דיין הויך לענשטולכל. ס'איז שוין שפּעט, לאַנג איז שוין אויסגעטרונקען געוואָרן דאָס שעלכל מילך מיט צוקער, דער שלאָף מאַכט דיר צו די אויגן, אָבער דו רירסט זיך נישט פון אָרט, זיצסט און הערסט. און ווי זאָל מען נישט הערן? די מאַמע רעדט מיט עמעצן, און איר שטימע קלינגט אַזוי זיס, אַזוי האַרציק. בלויז די קלאַנגען פון איר שטימע רעדן אַזוי פיל צו מיין האַרץ! מיט פאַרנעפּלטע אויגן פון דרימל קוק איך איר שאַרף אין פּנים אריין, און פּלוצלינג ווערט זי איינגאַנצן אַ קלייניטשקע, אַ קלייניטשקע — דאָס געזיכט איז איר נישט גרעסער פון אַ קנעפּעלע; אָבער איך זע עס אַזוי דייטלעך: איך זע, ווי זי גיט אַ קוק אויף מיר און הייבט אָן שמייכלען. איך האָב ליב זי צו זעען אַזאַ קלייניטשקע. פאַרזשמורע איך דאָס אויג נאָכמער און די מאַמע ווערט נישט גרעסער פון יענע מלאכימלעך, וואָס זעען זיך אין די שוואַרצאַפּלען; אָבער איך האָב מיך באַוועגט — און דער גאַנצער חלום ווערט באַלד צערונען. איך קוק דורך אַ שמאָל שפּעלטל אויג, דריי מיך אויס און באַמי מיך אַלץ צו באַנייען דאָס בילד, אָבער אומזיסט.

איך שטעל מיך אויף, נעם אַריין די פיס אין לענשטול אריין און מאַך מיר געמיטלעכער.

— וועסט ווידער איינשלאָפן, ניקאָלינקע, — זאָגט די מאַמע, — וואָלסט בעסער אַרויפגעגאַנגען שלאָפן.

— איך וויל נישט שלאָפן, מאַמעשי, — ענטפערסטו איר, און נישט-

קלאָרע, אָבער זיסע חלומות פילן־אָן דעם דמיון. דער געזונטער קינדע־רישער שלאָף מאַכט־צו די אויגן און אין אַ מינוט אַרום דרעמלסטו איין און שלאָפסט אַזוי לאַנג, ביז עמעצער וועקט דיך אויף; פילסט אין דרימל, ווי עמעצנס אַ צערטלעכע האַנט רירט דיך אָן; פונם ריר אַליין דערקענסטו זי און נאָך פון שלאָף כאַפסטו נישט ווילנדיק דידאָזיקע האַנט און שטאַרק־שטאַרק פרעסטו זי צו צו די ליפּן.

אַלע זענען זיך שוין פונאַנדערגעאַנגען; אין גאַסטצימער ברענט איין ליכט; די מאַמע האָט געזאָגט, אַז זי וועט מיך אויפוועקן; דאָס האָט זי זיך צוגעזעצט אויף דער לענשטול, אויף וועלכער איך שלאָף, אַ פיר געטון מיט איר זיסער צאַרטער האַנט איבער מיינע האָר, און איבערן אויער קלינגט מיר די ליבע באַקאַנטע שטימע:

— שטיי־אויף, נשמה מיינע, צייט צו גיין שלאָפן.

קיין שום גלייכגילטיקע בליקן שטערן איר נישט: זי האָט קיין מורא נישט אויסצוגיסן אויף מיר איר גאַנצע צערטלעכקייט און ליבע. איך באַוועג מיך נישט, אָבער איך קוש נאָך שטאַרקער איר האַנט.

— שטיי־זשע אויף, מיין מלאכל.

מיט דער צווייטער האַנט נעמט זי מיך פאַרן האַלז, און די פינ־גערלעך אירע באַוועגן זיך שנעל און קיצלען מיך. אין צימער איז שטיל, האַלבטונקל. מיינע נערוון קומען אין באַוועגונג דורכן קיצלען און דער־וואַכן · די מאַמע זיצט נאָענט לעבן מיר; זי רירט מיך אָן; איך שפיר איר ריח און הער איר שטימע. דאָס אַלץ צווינגט מיך אויפצושפרינגען, אַרומצוכאַפּן מיט די הענט איר האַלז, זיך צודריקן צו איר ברוסט און מיט אַ פאַרשטיקטן אָטעם זאָגן:

— אַך, ליבע, ליבע מאַמע, ווי איך האָב דיך ליב!

זי שמייכלט מיט איר אומעטיק רייצנדיקן שמייכל, נעמט־אָן מיטביידע הענט מיין קעפּל, קושט מיך אין שטערן און לייגט מיך צו זיך אויף די קני.

— האָסטו מיך זייער ליב? — אַ מינוט שווייגט זי, דערנאָך זאָגט זי: — געדענק, זאָלסטו מיך שטענדיק ליב האָבן, קיינמאָל נישט פאַר־געסן. אַז דיין מאַמעשי וועט נישט זיין, וועסטו זי נישט פאַרגעסן? נישט פאַרגעסן, ניקאָלינקע?

און נאָך האַרציקער קושט זי מיך.

— ניין! רעד עס מער נישט, טייבעלע מיינס, נשמהלע מיינס! —

שריַי איך אויס און קוש אירע קני און טרערן גיסן זיך מיר שטראָמענוויַיז פון די אויגן — טרערן פון ליבע און עקסטאַז.

און דערנאָך, אַז דו גייסט אַרויף אויבן אין דיין וואַטענעם כאַלאַט און שטעלסט זיך אַוועק פאַר די איקאָנעס און זאָגסט צו גאָט: „רבונו של עולם, זאָלסט זיין דער באַשיצער פון דעם פּאַפּאַ מיט דער מאַמען", — וואָס פאַר אַ מין זיס געפיל שפּירסטו דעמאָלט. איבערחזרנדיק די תפילה, וואָס צום ערשטן מאָל האָבן זי געשעפּטשעט מיינע קינדערישע ליפּן פאַר דער געליבטער מאַמען וועגן, האָט זיך די ליבע צו איר און די ליבע צו גאָט מאָדנע צונויפגעגאָסן אינאיינעם.

נאָך דער תפילה וויקלסטו זיך איין אין דעם קאָלדרעלע; אויפן האַרץ איז לייכט, ליכטיק און מחיהדיק; די טרוימען יאָגן איינע די צווייטע. נאָר וואָס זענען עס פאַר אַ טרוימען? זיי זענען נישט צו כאַפּן, אָבער זיי זענען אָנגעזאַפּט מיט ריינער ליבע און מיט האָפענונג אויף ליכטיקן גליק. דערמאַנסטו זיך אָן קאַרל איוואַניטשן און אָן זיין ביטערן מזל — דער איינציקער מענטש, וואָס איז מיר געווען באַקאַנט פאַר אַן אומגליקלעכן — און עס טוט דיר אַזוי באַנג, באַקומסט אים אַזוי ליב, אַז טרערן פאַלן דיר אין די אויגן און טראַכסט: גאָט, גיב אים גליק, גיב מיר אַ מעגלעכקייט צו פאַרהעלפן אים, פאַרלייכטערן אים זיין צער; איך בין גרייט אַלץ מקריב צו זיין פאַר אים. דערנאָך נעמסטו דיין געליבט פאַרפאָרצאַצקעלע — אַ העזל אָדער אַ הינטל — און פאַרשטופּסט עס אין ווינקל פון פּוכענעם קישן און האָסט הנאה, וואָס אים איז גוט, וואַרעם און היימלעך צו ליגן דאָרט. נאָך בעטסטו בא גאָט, ער זאָל אַלעמען געבן גליק, אַז אַלע זאָלן זיין צופרידן און אַז מאָרגן זאָל זיין אַ גוט וועטער צום שפּאַצירן; קערסטו זיך איבער דערנאָך אויף דער אַנדערער זייט, געדאַנק אין חלום ווערן צוזאַמענגעפּלאָנטערט, צוזאַמענגעמישט און ווערסט איינגעשלאָפן שטיל, רויק, נאָך מיט אַ נאַס פּנים פון טרערן.

וועט זיך אַמאָל אומקערן צוריק יענע פרישקייט און זאָרגלאָזיקייט, יענע באַדערפעניש אין ליבע, יענע קראַפט פון גלויבן, וועלכע דו באַזיצט אין די קינדער-יאָרן? וואָסער צייט קאָן זיין בעסער פון יענער, ווען די צוויי בעסטע מעלות — אומשולדיקע פריילעכקייט און אַן אומענדלעכע באַדערפעניש אין ליבע, — זענען די איינציקע צוויי חעקכוחות צום לעבן?

— ווו זענען יענע הייסע תפילות? ווו איז די בעסטע מתנה פון גאָט — יענע ריינע טרערן פון חנינה? פלעגט קומען צו פליען א זיסער מלאך, מיט א שמייכל פלעגט ער אויסווישן דידאָזיקע טרערן און אין זיסע חלומות פלעגט ער איינהילן דעם ריינעם קינדערישן דמיון.

האָט מיר דאָס לעבן דען איבערגעלאָזט אַזוינע שווערע סימנים אין הארץ, אַז אויף אייביק זענען מיר אַנטרונען געוואָרן דידאָזיקע טרערן און דערדאָזיקער עקסטאַז? שוין זשע זענען מיר בלויז פארבליבן זכרונות?

XVI.

לידער

כמעט אין א חודש אַרום, נאָכדעם ווי מיר זענען איבערגעפאָרן קיין מאָסקווע, בין איך געזעסן אין אַן אויבערשטן חדר פון דער באָבעס הויז און אויף א גרויסן טיש געשריבן. אַנטקעגן מיר איז געזעסן דער לערער פון צייכנען און געמאַכט די לעצטע אויסבעסערונגען אין עפּעס א טערקיש קעפּל מיט א טורבאַן, וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן מיט א שוואַרצער בלייפעדער. וואָלאָדיע איז געשטאַנען הינטערן לערער און מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז געקוקט אים איבערן אַקסל. דאָסדאָזיקע קעפּל איז געווען וואָלאָדיעס ערשטע ווערק מיט א שוואַרצער בלייפעדער, און טאָקע היינט, אין דער באָבעס געבורטסטאָג, האָט עס איר באַדאַרפט אונטערגעטראָגן ווערן.

— און דאָ וועט איר מער קיין שאָטן נישט צולייגן? — האָט וואָלאָדיע געפרעגט דעם לערער, זיך אויפהייבנדיק אויף די שפּיץ פינגער און אָנווייזנדיק אויף דעם טערקס האַלז.

— ניין, מען באַדאַרף נישט — האָט געענטפערט דער לערער, אַוועקלייגנדיק די בלייפעדער און די רייספעדער אין א קליין קעסטעלע. — איצט איז אויסגעצייכנט, און איר רירט עס מער נישט אָן. נו, און איר, ניקאָלינקע — האָט ער צוגעגעבן, זיך אויפגעהויבן און פון דער זייט

געקוקט אויפן מערק — זאָגט אונז שוין אויס אַמאָל אייער סוד: וואָס וועט איר אונטערטראָגן דער באָבען? כ'לעבן, א קאַפּעלע וואָלט אפשר בעסער געווען. אַדיע, מיינע הערן, — האָט ער גענומען דעם הוט, דאָס בילעטל און אוועקגעגאַנגען.

אין דער מינוט האָב איך אויך געטראַכט, אַז עס וואָלט געווען בעסער אַ קעפּל, איידער דאָס, וואָס איך האָב געמאַכט. בשעת מען האָט געזאָגט, אַז איינגיכן וועט זיין דער באָבעס געבורטסטאָג, איז מיר איינגעפאַלן אָנצושרייבן איר אַ ליד באַ דערדאָזיקער געלעגנהייט און איך האָב באַלד צוגעפּאַסט צוויי שורות מיט גראַמען, האָפּנדיק, אַז דאָס ווייטערדיקע וועל איך אויך אַזוי שנעל צופּאַסן. איך געדענק לחלוטין נישט, ווי אַזוי איז עס מיר געקומען אין קאָפּ אַריין אַזאַ מאָדנער געדאַנק פאַר אַ קינד, אָבער איך געדענק, אַז דער געדאַנק איז מיר זייער געפעלן געוואָרן און אויף אַלע פראַגן מכוח דעם האָב איך געענטפערט, אַז איך וועל זיכער אונטערטראָגן דער באָבען אַ געשאַנק, אָבער איך וועל קיינעם נישט זאָגן, וואָס דאָס וועט זיין אַזוינס.

אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך, אַז אויסער די צוויי שורות, וואָס איך האָב אויף דער הייסער מינוט צוגעטראַכט, האָב איך מער גאָרנישט געקאָנט אָנשרייבן. האָב איך אָנגעהויבן לייענען לידער, וואָס האָבן זיך געפונען אין אונזערע ביכער, אָבער נישט דמיטריעוו, נישט דערזשאַווין האָבן מיר נישט געקאָנט העלפן. פאַרקערט, זיי האָבן מיך נאָכמער איבערצייגט, אַז איך בין נישט פעיק. ווייסנדיק, אַז קאַרל איוואַניטש האָט ליב געהאַט איבערצושרייבן לידלעך, האָב איך שטילערהייט גענומען זוכן אין זיינע פּאַפּירן און צווישן די דייטשישע לידער האָב איך געפונען איינס אַ רוסיש ליד, וואָס האָט, אפנים, געהערט צו זיין אייגענער פעדער.

פרוי ל.... פעטראָווסקאַ״אַ 1828, 3 יוני.
געדענקט נאָענט,
געדענקט וויים,
געדענקט מיך,
פון היינט און אויף אייביק
געדענקט מיך ביז מיין קבר
ווי טריי איך קאָן ליב האָבן.
קאַרל מויער.

דאָסדאָזיקע ליד, אָנגעשריבן מיט אַ שיין קיילעכיק כתב אויף דין פּאָסטפּאַפּיר, איז מיר געפעלן געוואָרן צוליב דער האַרציקייט, מיט וועלכער דאָס איז געווען דורכגעדרונגען. האָב איך מיר עס באַלד איינגעחזרט אויף אויסווייניק און באַשלאָסן צו נעמען עס פאַר אַ מוסטער. די זאַך איז אַוועק אַ סך לייכטער. צום געבורטסטאָג איז שוין געווען פאַרטיק אַ באַגריסונג אין צוועלף שורות, און, זיצנדיק באַם טיש אין קלאַסצימער, האָב איך עס איבערגעשריבן אויף גוט פּאַפּיר.

צוויי בויגן פּאַפּיר זענען שוין קאַליע געוואָרן... נישט דערפאַר, ווייל איך האָב דערין געוואָלט עפּעס ענדערן — די פערזן האָבן מיר אויסגעוויזן אויסגעצייכנט — נאָר פון דער דריטער שורה אָן האָבן די לעצטע ווערטער אָנגעהויבן גיין אַלץ מער און מער אַרויף, אַזוי, אַז פון ווייטנס האָט מען אַפילו געקאָנט זען, אַז דאָס איז אָנגעשריבן געוואָרן קרום און טויג אויף כּפּרות.

דער דריטער בויגן איז שוין נישט געווען אַזוי קרום, ווי די פריערדיקע, אָבער איך האָב שוין קיין מוט נישט געהאַט ווייטער איבערצושרייבן. אין מיין ליד האָב איך באַגריסט דער באָבען, געווונטשן איר צו לעבן נאָך אַ סך יאָרן און פאַרענדיקט אַזוי:

מיר וועלן זיין אַ טרייסט פאַר אייך,
און ווי אַ מוטער ליבן גלייך.

דאַכט זיך, אַז עס וואָלט גאָר געווען נישקשה, נאָר די לעצטע שורה האָט מיר עפּעס מאָדנע באַליידיקט דאָס געהער.

— און ווי אַ מו—טער לי—בן גלייך, — האָב איך מיר געחזרט אונטער דער נאָז. — ע, ס׳וועט דורכגיין, אַלץ בעסער ווי קאַרל איוואַניטשס!

און איך האָב אָנגעשריבן די לעצטע שורה. דערנאָך האָב איך אין שלאָפצימער איבערגעלייענט הויך אויפן קול, מיט געפיל און זשעסטן, דאָס גאַנצע שרייבעכטס מיינס. געווען שורות גאָר אָן אַ ריטם, האָב איך מיך דערויף גאָרנישט אָפּגעשטעלט, אָבער די לעצטע שורה האָט מיך פונדאַסניי — נאָר שטאַרקער און פּיינלעכער — געטראָפן. איך האָב מיך אַנידערגעזו[illegible] אויפן בעט און זיך פאַרטראַכט...

„צוואָס האָב איך אָנגעשריבן: ווי אַ מוטער? זי איז דאָך נישטאָ דאָ, האָב איך זי נישט באַדאַרפט דערמאָנען. אמת, די באָבע האָב איך ליב און איך שעץ זי, אָבער זי איז דאָך נישט

דאָס. . . צוואָס האָב איך עס אָנגעשריבן, צוואָס געלייגט? דאָס איז אפילו א ליד, מעג מען אפשר, אָבער דאָך האָט מען עס אויך נישט באַדאַרפט.

אין דער מינוט איז אַריין דער שניידער און געבראַכט נייע האַלבּ־פּראַקעלעך.

— נו, זאָל שוין זיין אַזוי! — האָב איך מיר געזאָגט מיט גרויס אומגעדולד, אַרונטערגערוקט מיט פאַרדראָס דאָס ליד אונטערן קושן און אַוועקגעלאָפן אָנמעסטן דאָס מאָסקווער מלבוש.

דאָס מאָסקווער מלבוש איז געווען אויסגעצייכנט: די ברוינע האַלבּ־פּראַקעלעך מיט די בראָנזענע קנעפּלעך זענען געווען גענייט אין טאַליע, נישט אַזוי, ווי מען האָט אונז גענייט אין דאָרף — אויפן וווקס; די שוואַרצע הייזלעך, אויך זייער שמאָלינקע, האָבן וווּנדערלעך גוט באַצייכנט די מוסקולן און זענען געלעגן אויף די שטיוול.

„האָב איך שוין אויך הויזן מיט שלייקעס, אמתע הויזן" — האָב איך געטראַכט אויסער זיך פון שמחה און פון אַלע זייטן באַקוקט מיינע פיס. געווען איז מיר אפילו ענג און נישט גאָר באַקוועם אין די נייע קליידער, אָבער איך האָב עס קיינעם נישט אויסגעזאָגט; פאַרקערט, איך האָב נאָך געזאָגט, אַז איך פיל מיך זייער גוט אין זיי, און אויב עס איז דאָ אַ שטיקל חסרון אין די קליידער, איז עס דאָס, וואָס זיי זענען אַ ביסל צו ברייט. דערנאָך בין איך זייער לאַנג געשטאַנען פאַרן שפּיגל און זיך צוגעקעמט דעם שטאַרק אָנגעשמירטן קאָפּ. אָבער וויפיל איך האָב מיך נישט געסטאַרעט, האָב איך אַלץ נישט געקאָנט, ווי געהעריק, צוגלעטן די שטייענדיקע האָר אויפן שפּיץ קאָפּ: האָב איך נאָר אויפגעהערט צוצודריקן זיי מיטן בערשטעלע און געוואָלט אויספּרוּוון זייער געהאָרכזאַמקייט, האָבן זיי זיך באַלד אויפגעהויבן און געשטעקט אין אַלע זייטן, צוגעבנדיק מיין פּנים זייער אַ קאָמיש אויסזעען.

קאַרל איוואַניטש האָט זיך אָנגעטון אין אַ צווייטן חדר, און דורכן קלאַסצימער האָט מען אים אַדורכגעטראָגן אַ בלויען פראַק און נאָך אַנדערע ווייסע זאַכן צו דעם. בײַ דער טיר, וואָס האָט געפירט אונטן, האָט זיך דערהערט דאָס קול פון דער באָבעס אַ שטובמיידל; בין איך אַרויס זי פרעגן, וואָס זי דאַרף. זי האָט געהאַלטן אין האַנט אַ שטאַרק אָנגעקראָכמאַלעטע מאַנישקע און געזאָגט, אַז זי טראָגט עס פאַר קאַרל איוואַניטשן און אַז זי איז נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט, כדי עס אויסצוואַשן

צו דער צייט. איך האב מיך אנגענומען איבערצוגעבן די מאנישקע און בעפרעגט, צי די באבע איז אויפגעשטאנען.

— ווי דען=ושע! שוין קאווע אפגעטרונקען און דער גלח איז געקומען. סארא כוואט א יונג איר זענט! — האט זי געזאגט מיט א שמייכל און באטראכט מיינע נייע קליידער.

דידאזיקע באמערקונג האט מיך געצוווּנגען רויט צו ווערן. איך האב מיך איבערגעדרייט אויף איין פוס, א קנאק געטון מיט די פינגער און צוגעשפרונגען; דערמיט האב איך איר געוואלט געבן צו שפירן, אז זי ווייסט נאך נישט גוט, וואס פאר א כוואט א יונג איך בין אינדעראמתן.

אז איך האב געבראכט קארל איוואניטשן די מאנישקע, האט ער זי שוין נישט באדארפט: ער האט אנגעטון אן אנדערע, און איבערגעבויגן איבערן קליינעם שפיגעלע, וואס איז געשטאנען אויפן טיש, האט ער זיך מיט ביידע הענט געהאלטן פארן ברייטן באנד פון זיין קראוואט, און אלץ געפרווט, צי אין קראוואט גייט פריי אריין און ארויס די גלאט=אויסגעראזירטע גאמבע. ער האט א צי געטון פון אלע זייטן אונזערע קליידער און געבעטן ניקאלאיען, יענער זאל אים אויך טון דאס זייגענע און דערנאך אוועקגעפירט אונז צו דער באבען. ס'איז מיר קאמיש צו דערמאנען, ווי שטארק עס האט פון אונז דרייען געשמעקט מיט פאמאדע, בשעת מיר האבן זיך גענומען אראפלאזן פון די טרעפ.

בא קארל איוואניטשן אין די הענט איז געלעגן א קעסטעלע, בא וואלאדיען — א צייכנונג, בא מיר — א ליד; בא יעדן אויף דער צונג איז געווען א באגריסונג, מיט וועלכער עס האט באדארפט אונטערגעטראגן ווערן די מתנה. אין דער מינוט, בשעת קארל איוואניטש האט געעפנט די טיר פון זאל, האט דער גלח אנגעטון די ריזע און עס האבן זיך דערהערט די ערשטע קלאנגען פון דער תפילה.

די באבע איז שוין געווען אין זאל; איינגעבויגן און אנגעשפארט אן ווענטל פון שטול, איז זי געשטאנען און פרום געזאגט די תפילה; לעבן איר איז געשטאנען דער פאפא. ער האט זיך אפגעקערט צו אונז און א שמייכל געטון, באמערקנדיק, ווי מיר האבן אין איילעניש באהאלטן די צוגעגרייטע מתנות הינטער דער פלייצע, זיך אלץ באמיט, מען זאל אונז נישט דערזעען און זיך אומישנע אוועקגעשטעלט לעבן דער טיר. דער גאנצער עפעקט פון אומגעריכטקייט, וואס דערויף האבן מיר אזוי געהאפט, איז געגאנגען לאיבוד.

אַז מען האָט באַדאַרפט צוגיין צום צלם, האָב איך פּלוצלינג דערפילט, אַז איך געפין מיך אונטער אַ שווערער ווירקונג פון עפּעס אַ חלשותדיקער שעמעריי, וואָס לאָזט זיך גאָרניט גובר זיין; איך האָב געשפּירט, אַז איך וועל שוין קיינמאָל נישט האָבן דעם מוט אונטערצוטראָגן מיין מתנת און האָב מיך באַהאַלטן הינטער קאַרל איוואַניטשס פּלייצע, וואָס האָט אין סאַמע געקליבענע פראַזן באַגריסט די באָבען; ער האָט איבערגעלייגט דאָס קעסטעלע פון דער רעכטער האַנט אין דער לינקער, איבערגעגעבן עס דער באָבען און געמאַכט עטלעכע שריט אויף צוריק, צו געבן אַן אָרט וואָלאָדיען. די באָבע איז, דאַכט זיך, געווען אַנטציקט פונם קעסטעלע, וואָס איז געווען באַקלעבט מיט גאָלדענע ראַנדן און מיט אַ ליב שמייכעלע אויסגעדריקט איר דאַנקבאַרקייט. ס'איז אָבער געווען קענטיק, אַז זי ווייסט נישט, ווו אַוועקצושטעלן דאָסדאָזיקע קעסטעלע און, אַפּנים, דעריבער פאַרגעלייגט דעם פּאַפּאַ, ער זאָל זען, ווי קונציק דאָס איז געמאַכט.

צופרידנגעשטעלט דעם נייגיר, האָט דער פּאַפּאַ איבערגעגעבן דאָס קעסטעלע דעם גלח, וועמען, משמעות, דאָסדאָזיקע זאַכעלע איז זייער געפעלן געוואָרן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און מיט נייגיר געקוקט דאָ אויפן קעסטעלע, דאָ אויפן מייסטער, וואָס האָט געקאָנט מאַכן אַזאַ שיין זאַכעלע. וואָלאָדיע האָט צוגעטראָגן זיין טערק און האָט אויך פאַרדינט גרויסע שבחים פון אַלע זייטן. עס האָט געהאַלטן באַ מיר: די באָבע האָט זיך געווענדט צו מיר מיט אַן אויפמונטערנדיקן שמייכל.

די־יעניקע, וואָס זענען באַקאַנט מיט שעמעריי, ווייסן, אַז דאָסדאָזיקע געפיל ווערט פאַרגרעסערט אין דער דירעקטער פאַרהעלטעניש צו צייט און די אַנטשלאָסנקייט, ווידער, ווערט קלענער אַקוראַט אין אַ פאַרקערטער פאַרהעלטעניש, דאָס הייסט, וואָס מער עס געדויערט דער צושטאַנד, אַלץ שווערער איז אים מנצח צו זיין און אַלץ ווייניקער בלייבט פון דער אַנטשלאָסנקייט.

דאָס לעצטע ביסל דרייסטקייט און אַנטשלאָסנקייט האָבן מיך פאַרלאָזט אין דער צייט, בשעת קאַרל איוואַניטש און וואָלאָדיע האָבן אונטערגעטראָגן זייערע מתנות, און מיין שעמעריי איז דערגאַנגען ביז צו דער העכסטער מדרגה: איך האָב געפילט, ווי דאָס בלוט פון האַרץ איז מיר נאָכאַנאַנד געקומען אין קאָפּ אריין, ווי מיר האָט זיך ווײַלנווייז געביטן די פאַרב אויפן פנים און ווי אויפן שטערן און נאָז זענען אַרויס-

געטרעטן גרויסע טראָפּנס שווייס. די אויערן האָבן געברענט, איבערן גאַנצן לייב האָב איך געפילט אַ ציטער און אַ שווערן שווייס, איך האָב איבערגעשטעלט די פיס און זיך נישט גערירט פון אָרט.

— נו, וויז אָקאָרשט, ניקאָלינקע, וואָס האָסטו — אַ קעסטעלע, צי אַ צייכנונג ? — האָט געזאָגט דער פּאַפּאַ. — מילא, פאַרפאַלן, מיט אַ ציטערדיקער האַנט האָב איך איר דערלאַנגט דאָס צעקנייטשטע פּאַ-טאַלע פּעקעלע ; אָבער דאָס קול האָט זיך מיר אינגאַנצן אָפּגעזאָגט צו דינען און, שווייגנדיק, בין איך געבליבן שטיין פאַר דער באָבען. איך האָב נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דעם איינעם געדאַנק, אַז אַנשטאָט דער דערוואַרטער צייכנונג, וועט מען פאַר אַלעמען איבערלייענען מיינע צרהדיקע פערזן מיט די ווערטער : ווי אַ מוטער גלייך, וואָס וועלן קלאָר באַווייזן, אַז איך האָב זי קיינמאָל נישט ליב געהאַט און האָב זי פאַרגעסן. ווי גיט מען איבער מיינע יסורים, בשעת די באָבע האָט גענומען לייענען מיין ליד און, פאַרפּלאָנטערנדיק זיך עטוואָס, געבליבן שטיין אינמיטן, געכאַפּט אַ קוק אויפן טאַטן מיט אַ שמייכל, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ חוזק-שמייכל, בשעת זי האָט אַרויסגעזאָגט די ווער-טער נישט אַזוי, ווי מיר האָט זיך געוואָלט און בשעת זי האָט נישט דערלייענט בינז סוף צוליב אירע שוואַכע אויגן און איבערגעגעבן דאָס פּאַפּיר דעם פּאַפּאַ און געבעטן, ער זאָל איר אַלץ איבערלייענען פון דאָסניי ? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט עס געטון דערפאַר, ווייל איר איז דערעסן געוואָרן צו לייענען אַזוינע שלעכטע און קרום-געשרי-בענע פערזן און ווייל דער פּאַפּאַ אַליין זאָל טאַקע דורכלייענען די לעצ-טע שורה, וואָס זאָגט עדות אויף מיין קאַלט האַרץ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט מיר אַ שנעל טון אין נאָז מיט דעמדאָזיקן ליד און וועט זאָגן : „נישטיק יינגל, פאַרגעס נישט דער מאַמען... אָט האָסטו דיר דער-פאַר !" אָבער דאָס איז נישט געשען. פאַרקערט, בשעת דאָס ליד איז דורכגעלייענט געוואָרן, האָט די באָבע געזאָגט : „Charmant !"*) און אַ קוש געטון מיר אין שטערן.

דאָס קעסטעלע, די צייכנונג און דאָס ליד זענען אַוועקגעלייגט געוואָרן צוזאַמען מיט צוויי באַטיסטענע טיכלעך און אַ טאַבאַק-פּושקעלע

*) פּרעכטיק.

מיט דער מאַמעס פּאָרטרעט אויפן אַרויסגערוקטן טישל פונם וואָלטער-שטול, אויף וועלכן די באָבע פלעגט שטענדיק זיצן.

— פירשטין ווארוואַרע איליאיניטשנע, — האָט געמאָלדן איי-נער פון די צוויי ריזיקע לאָקייען, וואָס פלעגן פאָרן הינטער דער באָ-בעס קאַרעטע.

די באָבע האָט, אַ פאַרטראַכטע, געקוקט אויפן פּאָרטרעט, וואָס איז געווען איינגעפּאַסט אין דעם טאַבאַק-פּושקעלע פון שילדקרעט-ביין, און גאָרנישט געענטפערט.

— באַוויליקט איר זי אַריינצובעטן, אייער דורכלויכט? — האָט איבערגעחזרט דער לאָקיי.

XVIII.

פירשטין קאָרנאַקאָווע

— בעט זי אַריין, — האָט די באָבע געזאָגט און זיך טיפער אַני-דערגעזעצט אין שטול.

די פירשטין איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פינפאונפערציק, אַ קליינינקע, אַ מאָגערע, אַ טרוקענע און אַ בייזע מיט גרוי-גרינע אומ-אָנגענעמע אייגלעך, וואָס דער אויסדרוק פון זיי האָט דייטלעך סותר-געווען דעם אומנאַטירלעך-זיס צונויפגעלייגטן מיילעכל. פון אונטער דעם סאַמעטענעם הוט מיט אַ שטרויספעדער האָבן זיך אַרויסגעזעען העל-געלבלעכע האָר. אויף דער אומגעזונטער פאַרב פון פנים האָבן די ברע-מען אויסגעזען נאָך העלער און געלבלעכער. אָבער נישט געקוקט דע-רויף, האָט איר אַלגעמיין אויסזען געהאַט אין זיך עפּעס איידלס און ענערגיש, צוליב אירע פרייע באַוועגונגען, דראָבנע הענטלעך און דער באַזונדערער טרוקנקייט פון די געזיכטסשטריכן.

די פירשטין האָט גערעדט זייער פיל, און לויט איר אַרט רעדן, האָט זי, אַפנים, געהערט צו יענעם מין מענטשן, וואָס רעדן שטענדיק אַזוי, פּונקט ווי מען וואָלט זיי סותר געווען, כאָטש קיינער זאָל גאָר דערביי נישט לאָזן פאַלן קיין וואָרט: דאָ האָט זי אויפגעהויבן איר קול,

דאָ האָט זי עס ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזט; פּלוצלינג אָבער נעמט זי רעדן מיט גרויס היץ און קוקט בעת מעשה שטאַרק אויף די דערבייאיקע, וואָס באַטייליקן זיך גאָרנישט אינם שמועס, פּונקט ווי זי וואָלט זיך וועלן באַפעסטיקן מיט דעמדאָזיקן בליק.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די פירשטין האָט געקושט דער באָבעס האַנט און אָנגערופן זי ma bonne tante. דאָך, האָב איך באַמערקט, איז די באָבע נישט געווען צופרידן מיט איר: זי האָט עפּעס מאָדנע אויפגעהויבן די ברעמען, בשעת זי האָט אויסגעהערט די מעשה וועגן דעם, פאַרוואָס פירשט מיכאַילאָ האָט נישט געקאָנט קומען באַגריסן דער באָבען, כאָטש ער האָט עס זייער געוואָלט. און, ענטפערנדיק רוסיש אויף דער פירשטינס פראַנצויזיש, האָט זי זיך אָנגערופן און בעת מעשה באַזונדערס שטאַרק צעצויגן אירע ווערטער:

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, מיין ליבע, פאַר אייער אויפמערקזאַמקייט, אָבער וואָס דער פירשט מיכאַילאָ איז נישט געקומען, מילא, איז וואָס איז דאָ צו רעדן... ער האָט דאָך תמיד אָן אַ שיעור געשעפטן. און, אגב, וואָס איז דאָס פאַר אַ תענוג צו זיצן מיט אַ זקנה.

און נישט דערלאָזנדיק דער פירשטין, אַז יענע זאָל עס קאָנען אָפּלייקענען, האָט זי באַלד ווייטער געזאָגט:

— נו, וואָס מאַכן אייערע קינדערלעך, מיין ליבע?

— גאָט צו דאַנקען, ma tante, זיי וואַקסן, לערנען זיך און שטיפן... באַזונדערס עטיען, דער עלטערער, ווערט אַזאַ שטיפער, אַז מען קאָן פון אים גאָרנישט אויסהאַלטן. דערפאַר אָבער איז ער זייער קלוג. איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, mon cousin — האָט זי ווייטער געזאָגט און זיך אָנגערופן בלויז צום פּאַפּאַ, ווייל די באָבע, וואָס האָט זיך גאָרנישט אינטערעסירט מיט דער פירשטינס קינדער און וואָס האָט זיך בעסער געוואָלט באַרימען מיט אירע אייניקלעך, האָט פאָרזיכטיק ארויסגענומען מיין ליד פון אונטערן קעסטעלע און גענומען עס פונאַנדערוויקלען. — איר קאָנט זיך פאָרשטעלן, mon cousin, וואָס ער האָט געטון די טעג...

און די פירשטין, אָנגעבויגן צום פּאַפּאַ, האָט אים גענומען עפּעס דערציילן מיט גרויס היץ. געענדיקט די דערציילונג, וואָס איך האָב נישט געהערט, האָט זי זיך באַלד צעלאַכט, אַ קוק געטון מיט אַ פראַגע אויפן פּאַפּאַ און געזאָגט:

— נו, וואָס פאַר אַ יינגל, mon cousin ? ער איז ווערט געווען, מען זאָל אים אָפּשמייסן. אָבער ער האָט עס אַזוי קלוג און קאָמיש אויסגעטראַכט, אַז איך האָב אים מוחל געווען, mon cousin.

און די פירשטין האָט אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער באָבען, האָט מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר ווייטער געשמייכלט.

— ש ל אָ ג ט איר דען אייערע קינדער, מיין ליבע ? — האָט געפרעגט די באָבע, שטאַרק אויפגעהויבן די ברעמען און באַזונדערס אָנגעדריקט אויפן וואָרט ש ל אָ ג ט.

— אַך, ma bonne tante, — האָט די פירשטין געענטפערט מיט אַ ליב שטימעלע און שנעל אַ קוק געטון אויפן פּאַפּאַ, — איך ווייס, וואָס פאַר אַ מיינונג איר האָט וועגן אַזעלכע זאַכן ; אָבער דערלויבט מיר אין איין זאַך מיט אייך נישט איינצושטימען : וויפיל איך האָב נישט געטראַכט, וויפיל איך האָב נישט געלייענט און וויפיל איך האָב מיך נישט באַראָטן וועגן דעם, האָט מיר דאָך די פּראַקטיק געוויזן, אַז מען דאַרף אויף קינדער ווירקן מיט שרעק... וויל מען עפּעס מאַכן פון אַ קינד, מוז מען געברויכן שרעק... נישט אַזוי, מיין קוזין ? און וואָס שרעקט קינדער אַפּ מער, ווי שמיץ ?

און דערביי האָט זי אונז אָנגעקוקט מיט אַ פרעגנדיקן בליק, און איך בין מיך מודה, אַז אין דערדאָזיקער מינוט האָב איך מיך דערפילט נישט באַקוועם.

— וואָס איר זאָלט נישט זאָגן, אַ יינגל ביז צוועלף און אפילו ביז פערצען יאָר איז נאָך אַלץ אַ קינד ; — זעט איר — אַ מיידעלע איז עפּעס אַנדערש.

„סאַראַ גליק, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — וואָס איך בין נישט איר זון".

— יאָ, ס'איז זייער שיין, מיין ליבע — האָט געזאָגט די באָבע, צונויפלייגנדיק מיין ליד און אַרונטערלייגנדיק עס צוריק אונטערן קעסטעלע, פּונקט ווי זי וואָלט געהאַלטן, אַז די פירשטין איז נאָך דעם נישט ווערט צו הערן אַזאַ ווערק. — ס'איז זייער גוט, אָבער זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואָס פאַר אַ דעליקאַטע געפילן קאָנט איר דערנאָך פאָדערן פון אייערע קינדער ?

זי האָט געהאַלטן דעמדאָזיקן אַרגומענט פאַר אומבאַזיגבאַר און כּדי צו מאַכן אַ סוף מיט דעמדאָזיקן שמועס, האָט זי זיך אָנגערופן :

— און צוריקגערעדט, האָט זיך יעדער וועגן דעם זיין מיינונג:
די פירשטין האָט נישט געענטפערט, נאָר בחסד אַ שמייכל געטאָן און דערמיט געוואָלט אויסדריקן, אַז זי איז מוחל דידאָזיקע אַלטע פאָר־אורטיילן אין אַ מענטש, וואָס זי שעצט אים אַזוי.
— באַקאַנט־זשע מיך מיט אייערע יונגעלייט, — האָט זי געזאָגט און אונז אָנגעקוקט מיט אַ פריינדלעכן שמייכל.
מיר האָבן זיך אויפגעהויבן, אויסגעשטעלט די אויגן אויף דער פירשטין און בשום אופן נישט געוווּסט, וואָס דאַרף מען טאָן, כּדי צו דערווייזן, אַז מיר זענען שוין באַקאַנט.
— גיט אַ קוש דער פירשטינס האַנט, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט.
— איך זאָלט ליב האָבן אַן אַלטע מומע, — האָט זי געזאָגט און אַ קוש געטאָן וואָלאָדיען אין די האָר. — איך בין אייך אפילו אַ ווייטע, אָבער איך האַלט מער פון פריינטשאַפט, ווי פון קרובהשאַפט — האָט זי צוגעגעבן, וועגנדיק זיך דער עיקר צו דער באַבען. אָבער די באָבע איז נאָך אַלץ געווען נישט צופרידן מיט איר און געענטפערט:
— ע! מיין ליבע, איז דען היינט פאַראַן אַזאַ קרובהשאַפט?
— דער וועט בא מיר זיין אַ וועלטלעכער יונגערמאַן — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט און אָנגעוויזן אויף וואָלאָדיען — און אָט דער אַ פּאָעט,— האָט ער צוגעגעבן אַקוראַט אין דער מינוט, בשעת איך האָב געקושט דער פירשטינס קליין טרוקן הענטל און זייער דייטלעך זיך פאָרגע־שטעלט ריטער אין דעמדאָזיקן הענטל, אונטער די ריטער — אַ בענקל א. א. וו. א. א. וו.
— וועלכער? — האָט די פירשטין געפרעגט און מיך צוגעהאַלטן בא דער האַנט.
— אָט דער קליינינקער, מיטן צעשויבערטן קאָפּ, — האָט דער פּאַפּאַ מיט אַ פריילעכן שמייכל געזאָגט.
„וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט אים געטאָן מיין צעשויבערטער קאָפּ... איז שוין גאָר נישטאָ וועגן וואָס אַנדערש צו רעדן?” — האָב איך אַ טראַכט געטאָן און אַוועק אין ווינקל.
איך האָב געהאַט די טאַמע משונהדיקסטע באַגריפן וועגן שיינקייט— אפילו קאַרל איוואַניטשן האָב איך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן פאַרשוין אין דער וועלט; אָבער איך האָב זייער גוט געוווּסט, אַז איך בין

נישט שיין און זיך דערין נישט טועה געווען; און דעריבער האָט מיך פּייניגלעך באַליידיקט יעדער רמז וועגן מיין אויסזעען.

זייער גוט געדענק איך, ווי איינמאָל באַם מיטאָג — איך בין דע־מאָלט אַלט געווען אַ יאָר זעקס — האָט מען געשמועסט פון מיין אויס־זעען, און די מאַמע, וואָס האָט זיך געסטאַרעט אויסצוגעפינען כאָטש עפּעס אַ שיינעם שטריך אין מיין פּנים, האָט געזאָגט, אַז איך האָב קלו־גע אויגן, אַן אָנגענעמען שמייכל. אָבער צולעצט האָט זי דאָך געמוזט נאָכגעבן דעם טאַטנס אַרגומענטן און דער ווירקלעכקייט און איז געווען געצוווּנגען צו אָנערקענען, אַז איך בין מיאוס; און דערנאָך, בשעת איך האָב איר געדאַנקט פאַרן מיטאָג, האָט זי מיך אַ צי געטון פאַרן בעקל און געזאָגט:

— זאָלסט עס וויסן, ניקאָלינקע, אַז פאַר דיין פּנים וועט דיך קיי־נער נישט ליב האָבן; דעריבער זאָלסטו זיך סטאַרען צו זיין אַ קלוג און אַ גוט ייִנגל.

די דאָזיקע ווערטער האָבן מיך נישט בלויז איבערצייגט, אַז איך בין נישט שיין, נאָר זיי האָבן מיך אויך פאַרזיכערט, אַז איך וועל דורכויס זיין אַ גוט און אַ קלוג ייִנגל.

נישט געקוקט דערויף, בין איך טיילמאָל אַריינגעפאַלן אין יאוש: איך האָב מיך משער געווען, אַז אויף דער ערד איז נישטאָ קיין גליק פאַר אַ מענטש מיט אַזאַ ברייטער נאָז, מיט אַזוינע גראָבע ליפּן, קליי־ניטשקע העל־גרויע אויגן, ווי מיינע זענען; איך האָב געבעטן גאָט, ער זאָל טון אַ נס מיט מיר — ער זאָל מיך פאַרוואַנדלען אין אַ שיינעם, און אַלץ, וואָס איך האָב געהאַט אין דער געגנוואַרט, און אַלץ, וואָס איך וואָלט געקאָנט האָבן אין דער צוקונפט, וואָלט איך אָפּגעגעבן פאַר אַ שיין געזיכט.

XVIII.

פירשט איוואַן איוואַניטש

אַז די פירשטין האָט אויסגעהערט דאָס ליד און באַשאָטן מיט שבחים דעם מחבר, איז די באָבע ווייכער געוואָרן, גענומען רעדן מיט איר פראַנצויזיש, אויפגעהערט צו זאָגן איר: א י ר, מ י י ן ל י ב ע, און געבעטן זי קומען אין אָחנט מיט אַלע קינדער; די פירשטין האָט איינגע־שטימט, געזעסן נאָך אַ ביסל און אוועקגעפאָרן.

אין דעם טאָג זענען געקומען אַזוי פיל געסט מיט באַגריסונגען, אַז אינדרויסן, באַם צופאָר, זענען דעם גאַנצן פרימאָרגן כסדר געשטאַנען צו עטלעכע עקיפאַזשן פאַראַמאָל.

— גוט מאָרגן, Bonjour, chere cousin, — האָט זיך אָנגערופן איינער פון די געסט, אַריינגייענדיק אין צימער און קושנדיק דער באָ־בען די האַנט.

דאָס איז געווען אַ זקן פון אַ יאָר זיבעציק, אַ הויכער, אין אַ מיליטערישן מונדיר, מיט גרויסע עפּאָלעטן, מיט אַ גרויסן ווייסן קרייץ און מיט אַ רויקן אָפנהאַרציקן אויסדרוק אויפן פנים. זייַנע אומבאַצוווּנגענע איינפאַכע באַוועגונגען האָבן מיך פשוט איבערראַשט. הגם אויף דער פּאַטילניצע איז אים פאַרבליבן נישט מער ווי אַ האַלב קרייזל שיטערע האָר און די ליניע פון דער אויבערשטער ליפּ האָט דייטלעך באַוויזן, אַז עס פעלן אים ציין, דאָך איז זיין פנים נאָך אַלץ געווען מערקווירדיק שיין.

פירשט איוואַן איוואַניטש האָט, אַ דאַנק זיין איידעלן כאַראַקטער, זיין אויסערלעכער שיינקייט, זיין זעלטענער דרייסטקייט, זיין יחוסדיקער און שטאַרקער פאַמיליע, און דער עיקר, זיין מזלדיקייט — געמאַכט אַ גלענצנדע קאַריערע נאָך גאָר אין די יונגע יאָרן, אין סוף פון פאַרגאַנגאַנגענעם יאָרהונדערט. ער האָט נאָך אַלץ געדינט, און זיין אַמביציע איז אַזוי שנעל באַפרידיקט געוואָרן, אַז ער האָט מער גאָרנישט פאַר־לאַנגט אין דעם פרט. פון די סאַמע יונגע יאָרן אָן האָט ער זיך געהאַלטן

אַזוי, ווי ער וואָלט זיך געגרייט צו פאַרנעמען יענץ גלאַנצפולע אָרט אין דער וועלט, אויף וועלכן דאָס מזל האָט אים שפּעטער אַוועקגעשטעלט. און דעריבער האָט ער, נישט געקוקט אויף די מפּלות, אַנטוישונגען און ערגערנישן, וואָס האָבן פּאַסירט אין זיין גלאַנצפולן און עטוואָס באַרימערישן לעבן, ווי אין אַלע אַנדערע לעבנס, קיינמאָל נישט פאַרראַטן — נישט זיין תּמיד רויקן כאַראַקטער, נישט זיין דערהויבענעם אַרט דענקען, נישט די גרונט-פּרינציפּן פון רעליגיע און מאָראַל, און ער האָט זיך דערוואָרבן כּבוד בא אַלעמען נישט אַזוי צוליב זיין הויכער שטעלונג, ווי צוליב זיין אויסגעהאַלטנקייט און פעסטקייט. מיט גרויסן שכל האָט ער זיך נישט אויסגעצייכנט, אָבער אַ דאַנק זיין שטעלונג, וואָס האָט אים דערלויבט צו קוקן פון אויבן אַראָפּ אויף די אַלע לאָקנדיקע בליקן פון לעבן, איז זיין אַרט דענקען געווען אַ דערהויבענער. ער איז בטבע געווען גוט און פילבאַר, אָבער קאַלט און עטוואָס אַנגעצויגן אין פאַרקער מיט מענטשן. געקומען איז עס דערפון, וואָס בא זיין שטעלונג האָט ער געקאָנט טון אַ סך מענטשן טובות; דורך קאַלטקייט האָט ער זיך אָבער געוואָלט פאַרהיטן פון די כּסדרדיקע בקשות און חניפה פון יענע לייט, וואָס האָבן געוואָלט בלויז אויסנוצן זיין איינפלוס. דידאָזיקע קאַלטקייט אָבער האָט זיך נישט געלאָזט אַזוי שטאַרק שפּירן צוליב דער וואַרעמער הערצלעכקייט פון אַ מענטש, וואָס געהערט צו דער זייער גרויסער וועלט. ער איז געווען גוט געבילדעט און באַלייענט; אָבער זיין בילדונג איז ווייטער נישט געגאַנגען פון דער, וואָס ער האָט באַקומען אין דער יוגנט, דאָס הייסט אין סוף פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. געלייענט האָט ער דאָס בעסערע, וואָס איז אין פראַנקרייך אָנגעשריבן געוואָרן אויפן געביט פון פילאָזאָפיע און רעטאָריק אינם XVIII-טן יאָרהונדערט; ער האָט גרינטלעך געקענט די אַלע בעסטע ווערק פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור און געקאָנט און ליב געהאַט ציטירן שטעלן פון ראַסין, קאָרנעל, באַלאָ. מאָנטען, פענעלאָן; ער איז געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער מיטאָלאָגיע און האָט מיט פּעולה שטודירט, אין פראַנצויזישע איבערזעצונגען, די פאַרצייטיקע דענקמעלער פון דער עפּישער פּאָעזיע. ער איז געווען גאַנץ קלאָר אין געשיכטע, אָבער ער האָט קיין שום השגה נישט געהאַט אין מאַטעמאַטיק, ווייטער פון אַריטמעטיק, אין פיזיק און אין דער מאָדערנער ליטעראַטור. אין אַ שמועס האָט ער געקאָנט גאַנץ אָנשטענדיק פאַרשווייגן אָדער אַרויסזאָגן עטלעכע אַלגעמיינע פראַזן וועגן געטע, שילער און בייראָן,

אָבער ער האָט זיי קיינמאָל נישט געגלייבט. נישט געקוקט אויף דערדאָזיקער פראַנצויזיש-קלאַסישער בילדונג, פון וועלכער עס בלייבן איצט איבער אַזוי ווייניק מוסטערן, האָט ער געהאַט זייער איינפאַך, און דידאָזיקע איינפאַכקייט האָט פאַרדעקט זיין נישט וויסן מאַנכע זאַכן און גלייכציטיק אַרויסגעוויזן אַן אָנגענעמען טאָן און טאָלעראַנץ. ער איז געווען אַ גרויסער שונא פון יעדער אָריגינעלקייט, זאָגנדיק, אַז אָריגינעלקייט איז נישט מער, ווי אַ שפּיצל פון מענטשן מיט אַ שלעכטן טאָן. אַ געזעלשאַפט איז פאַר אים געווען נויטווענדיק, ווו ער זאָל נישט וווינען; אין מאָסקווע אָדער אין אויסלאַנד — אומעטום האָט ער שטענדיק געלעבט אָפן און אין באַשטימטע טעג אויפגענומען בא זיך די גאַנצע שטאָט. געהאַט האָט ער אַזאַ שם אין שטאָט, אַז זיינס אַן איינלאַדונגס-קאַרטע האָט געקאָנט דינען פאַר אַ שיין אין אַלע אויפנאַמצימערן און אַ סך יונגע און שיינע דאַמען פלעגן אים גערן אונטערשטעלן זייערע ראָזע בעקלעך, וועלכע ער האָט כלומרשט געקושט מיט אַ פאַטעורלעך געפיל. און מאַנכע — משמעות, זייער אָנגעזעענע און אָנשטענדיקע מענטשן — זענען געווען העכסט גליקלעך, ווען זיי פלעגן צוגעלאָזט ווערן צו דער פאַרטיע פון פירשט.

דעם פירשט זענען שוין זייער ווייניק מענטשן געבליבן אַזעלכע, ווי די באָבע, וואָס זאָלן זיין מיט אים פון איין קרייז, פון איין דערציונג, פון איינע מיינונגען און פון איינע יאָרן; דעריבער איז אים באַזונדערס טייער געווען אָט די אַלטע פריינטשאַפט, און ער האָט איר תּמיד אַרויסגעוויזן גרויס אַכטונג.

איך האָב מיך נישט געקאָנט זאַט אָנקוקן אויפן פירשט; דער כבוד, וואָס איז אים אַרויסגעוויזן געוואָרן פון אַלעמען, די גרויסע עפּאָלעטן, די באַזונדערע שמחה, וואָס האָט זיך געלאָזט מערקן אויף דער באָבען, בשעת זי האָט אים דערזעען און דאָס, וואָס נאָר ער אַליין האָט זיך, אַפּנים, נישט געשראָקן פאַר איר, זיך געהאַלטן מיט איר גאַנץ פריי און זיך אַפילו דערוועגט אָנצורופן זי ma cousine, האָט אין מיר דערוועקט צו אים אַזוי פיל אַכטונג, וויפיל איך האָב געשפּירט צו דער באָבען, און אפשר נאָכמער. בשעת מען האָט אים באַוויזן מיין ליד, האָט ער מיך צוגערופן צו זיך און געזאָגט:

— ווער קאָן וויסן, ma cousine, אפשר וועט עס זיין אַ צווייטער דערזשאַווין.

דערביי האָט ער מיר אַזאַ שטאַרקן קניפּ געטון פאַר דער באַק,

וואָס אויף איך האָב נישט געמאַכט קיין קולות, איז עס בלויז געוועזן דערפאַר, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען אָנצונעמען עס פאַר אַ צערטלעכקייט.

די געסט זענען זיך פונאַנדערגעפאָרן, דער פּאַפּאַ און וואָלאָדיע זענען אַרויסגעגאַנגען: אין אויפנאַמצימער איז געבליבן דער פירשט, די באָבע און איך.

— פאַרוואָס איז עס אונזער ליבע נאַטאַליע ניקאָלאַיעוונע נישט געקומען? — האָט דער פירשט נאָך אַ מינוט שווייגן פלוצלינג געפרעגט.

— Ah! mon cher, — האָט די באָבע עטוואָס שטילער געענטפערט און אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַרבל פון זיין מונדיר, — זי וואָלט זיכער געקומען, ווען זי וואָלט געקאָנט טון, ווי אַזוי זי וויל. זי שרייבט מיר, אַז Pieere האָט איר פאָרגעלייגט צו פאָרן, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט, ווייל הייַיאָר האָבן זיי נישט קיין שום הכנסות. און זי שרייבט: „דעריבער האָב איך נישט הייַיאָר וואָס צו פאָרן קיין מאָסקווע. ליובאָטשקע איז נאָך צו קליין און די יינגלעך, אַז זיי וועלן זיין בא אייך, וועל איך נאָך זיין רויקער, איידער זיי וועלן זיין בא מיר". — דאָס איז זייער שיין, — האָט די באָבע געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז זי האַלט גאָרנישט, אַז דאָס זאָל טאַקע זיין שיין. — די יינגלעך האָט מען שוין לאַנג באַדאַרפט אַרויסשיקן אַהער, זיי זאָלן זיך קאָנען לערנען און זיך צוגעוויינען צו דער וועלט, וואָרים וואָס קאָן דאָס זיין פאַר אַ דערציונג אין אַ דאָרף?... דער עלטערער איז שוין באַלד אַלט דרייצן יאָר און דער יינגערער עלף. האָט איר באַמערקט, mon cousin, זיי זענען דאָך דאָ גאָר ווילדע... קאָנען אין אַ צימער נישט אַריין.

— איך פאַרשטיי אָבער דאָך נישט, — האָט דער פירשט געזאָגט, — צו וואָס דאָס שטענדיקע קלאָגן זיך, אַז עס גייט נישט גוט? ע ר האָט דאָך אַ גרויס פאַרמעגן, און נאַטאַשעס כאַבאַראָווקע, ווו מיר פלעגן אַמאָל שפּילן טעאַטער, קאָן איך, ווי מיינע פינף פינגער — אַ גרויסאַרטיק גוט! עס דאַרף שטענדיק געבן אַ סך הכנסה.

— איך וועל אייך זאָגן, ווי אַן אמתן פריינט — האָט אים די באָבע איבערגעשלאָגן אין די רייד מיט אַ טרויעריקער מינע — מיר דאַכט זיך, אַז דאָס איז בלויז אַן אויסרייד דערצו, כדי ע ר זאָל קאָנען דאָ לעבן

אַליין, זיך אַרומשלעפּן איבער די קלובן, אויף מיטאָגן און טון גאָט ווייסט וואָס. און זי זעט עס נישט. איר ווייסט, וואָס פאַר אַ גוט האַרץ זי האָט — זי גלייבט דאָך אים אין אַלץ. האָט ער זי פאַרזיכערט, אַז מען באַדאַרף די קינדער אָפּפירן קיין מאָסקווע — און זי אַליין זאָל בלייבן אין דאָרף מיט אַ נאַרישער גוווערנאַנטין — גלייבט זי. זאָל ער איר זאָגן, אַז מען דאַרף די קינדער שמייסן, ווי עס שמייסט אירע קינדער פירשטין וואַרוואַרע איליאַיניטשנע, וואָלט זי דערויף, דאַכט זיך מיר, אויך איינגעוויליקט, — האָט די באָבע געזאָגט און זיך בעת מעשה אויסגעדרייט אויף איר שטול מיט אַ מינע פון פולשטענדיקער פאַראַכטונג. — יאָ, מיין פריינט — האָט זי אין אַ מינוט אַרום ווייטער געזאָגט און גענומען אין האַנט אַריין איינס פון די צוויי טיכלעך אויסצווישן אַ טרערל אויפן אויג, — איך טראַכט זייער אָפט, אַז ער קאָן זי, ווי געהעריק, נישט אָפּשאַצן און נישט פאַרשטיין, און כאָטש זי איז צו אים גוט, האָב אים ליב און סטאַרעט זיך צו באַהאַלטן איר ווייטיק — איך ווייס עס זייער גוט — קאָן זי דאָך נישט זיין מיט אים גליקלעך. און געדענקען זאָלט איר מיינע רייד, אויב ער וועט נישט...

די באָבע האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיטן טיכל.

— Eh! ma bonne amie — האָט דער פירשט געזאָגט מיט פאַרוואורף, — איך זע, אַז איר זענט נאָך גאָרנישט געוואָרן קליגער — אייביק פּייניקט איר זיך און וויינט איבער אַזוינע זאַכן, וואָס שטאַמען בלויז פון דמיון. נו, ווי שעמט איר זיך נישט? איך קען אים שוין לאַנג פאַר אַן אויפמערקזאַמען, גוטן און שיינעם מאַן, און דער עיקר — פאַר אַן איידעלן מענטש, un parfait honnête homme.

אומגערן אונטערגעהערט דעם שמועס, וואָס איך האָב גאָרנישט געטאָרט הערן, בין איך אין שטאַרקער אויפרעגונג און אויף די שפּיץ פינגער אַרויס פון צימער.

XIX.

די איווינס

— וואַלאַדיע! וואַלאַדיע! די איווינס! — האָב איך גענומען שרייען, דערזעענדיק אין פענצטער דריי ייִנגלעך אין בלויע בעקעשעס מיט ביבער־קאַלנערלעך, וואָס זענען איבערגעגאַנגען די גאַס צו אונזער שטוב־צו־הינטער זייער יונגן פראַנטישן גוווערנער.

די איווינס זענען געווען אונזערע קרובים און כמעט אין גלייכע יאָרן מיט אונז. באַלד נאָך אונזער קומען קיין מאָסקווע האָבן מיר זיך באַקענט מיט זיי און געוואָרן פריינט.

דער צווייטער איווין — סעריאָזשע איז געווען אַ שוואַרץ־חנעוודיק ייִנגל מיט געקרייזלטע האָר, מיט אַ פאַרריסן פעסט נעזל, מיט זייער פרישע ליפּן, וואָס האָבן זעלטן אינגאַנצן פאַרדעקט די אויבערשטע, עט־וואָס אַרויסגערוקטע שורה ווייסע ציין, מיט טונקל־בלויע שיינע אויגן און מיט אַ רירעוודיק פנים. ער האָט קיינמאָל נישט געשמייכלט, ער האָט אָדער זייער ערנסט געקוקט, אָדער ער האָט געלאַכט מיט זיין קלינגענ־דיקן, רייגעם און זייער אָנגענעמען געלעכטער. זיין אָריגינעלע שיינקייט האָט מיך איבערראַשט באַלד פון ערשטן קוק. איך האָב דערפילט צו אים אַ געוואַלטיקע צוציונגס־קראַפט. פאַר מיין גליק איז געווען גענוג, איך זאָל אים בלויז זען; און איין צייט האָבן זיך אַלע קרעפטן פון מיין נשמה קאָנצענטרירט אין דעמדאָזיקן באַגער; אַז איך האָב אים נישט געזען אַ דריי־פיר טעג, האָב איך מיך אָנגעהויבן לאַנגוויילן, און מיר איז געווען אומעטיק ביז טרערן. מיינע אַלע חלומות, אין שלאָף און אויף דער וואָר, האָבן זיך געדרייט אַרום אים: האָב איך מיך געלייגט שלאָפן, האָב איך געוואָלט, אַז ער זאָל זיך מיר חלומען; האָב איך פאַרמאַכט די אויגן, האָב איך אים געזען לעבן זיך, און דאָסדאָזיקע געשפענסט האָב איך געצערטלט, ווי דעם בעסטן תענוג. קיין איין מענטש אין דער וועלט וואָלט איך נישט אָנגעטרויט דאָסדאָזיקע געפיל מיינס, אַזוי ווייט איז עס מיר טייער געווען. אפשר דערפאַר, וואָס אים זענען דערעסן געוואָרן

מיינע אומרויקע אויגן, תמיד און כסדר צוגעשמידט צו אים, אָדער ער הָאט צו מיר סתם קיין שום סימפּאַטיע נישט געפילט, נאָר ער הָאט ליבער געהאַט צו שפּילן און צו רעדן מיט וואָלאָדיען, איידער מיט מיר. אָבער איך בין דאָך געווען צופרידן, קיין זאַך נישט פאַרלאַנגט, נישט געפאָדערט און געווען גרייט פאַר אים אַלץ מקריב צו זיין. אויסער דעם הייסן געפיל, וואָס ער הָאט מיר גורם געווען, הָאט זיין געגנהאַרט אַרויסגערופן אין מיר אַן אַנדער געפיל, אויך אַזוי שטאַרק, ווי דאָס ערשטע, — די מורא צו פאַרשאַפן אים עגמת נפש, צו באַליידיקן מיט עפּעס, נישט צו געפעלן אים; אפשר דערפאַר, וואָס זיין געזיכט הָאט אויסגעדריקט שטאָלצקייט, אָדער דערפאַר, וואָס פאַרהאַסנדיק מיין אויסערלעך אויסזען, האָב איך צו=הויך געשאַצט די שיינקייט אין אַ צווייטן, אָדער, וואָס איז ריכטיקער פון אַלץ, ווייל דאָס איז דער עכטער סימן פון ליבע — נאָר איך האָב געשפּירט צו אים אַזוי פיל שרעק, וויפיל ליבע. דאָס ערשטע מאָל, ווען ער הָאט אָנגעהויבן רעדן מיט מיר, האָב איך מיך אַזוי פאַרלוירן פון אומגעריכטן גליק, אַז איך בין בלאַס און רויט געוואָרן און נישט געקאָנט אים ענטפערן. ער הָאט געהאַט אַ שלעכטע געוווינהייט אָנצושטעלן די אויגן, בשעת ער הָאט זיך פאַרטראַכט, אין איין פּונקט און כסדר פינטלען מיט זיי, דערביי צוקען מיט דער נאָז און מיט די ברעמען. אַלע האָבן איינגעפונען, אַז דידאָזיקע געוווינהייט מאַכט אים זייער מיאוס, אָבער מיר הָאט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז דווקא אַזאַ רייצנדיקע רגילות, אַז איך האָב מיך נישט ווילנדיק אַליין איינגעוויינט דערין, און אין עטלעכע טעג אַרום נאָך מיין באַקאַנטשאַפט מיט אים הָאט מיך די באַבע געפרעגט, צי טוען מיר נישט וויי די אויגן, וואָרים איך פינטל מיט זיי, ווי אַ רויבפויגל; מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט וועגן ליבע; אָבער ער הָאט געשפּירט זיין מאַכט איבער מיר און אומבאַוווסטזיניק, נאָר טיראַניש אויסגענוצט זי אין אונזערע קינדערישע באַציונגען. אָבער ווי מיר הָאט זיך נישט געוואָלט אַרויסזאָגן אים אַלץ, וואָס מיר איז געלעגן אויף דער נשמה, האָב איך דאָך מורא געהאַט צו זיין מיט אים אָפנהאַרציק; איך האָב מיך געסטאַרעט אויסצווייזן גלייכגילטיק און זיך אין אַלץ אָן שום רייד אים אונטערגעגעבן. טיילמאָל הָאט מיך זיין ווירקונג ממש דערדריקט, אָבער אַרויסגיין פון אונטער דערדאָזיקער ווירקונג איז נישט געווען אין מיינע כּוחות.

ס'איז מיר זייער טרויעריק אויפצופרישן אין זכרון אָט דאָס יונגע שיינע געפיל פון ריינער און אומבאַגרענעצטער ליבע, וואָס איז פּשוט

אָפּגעשטאָרבן, נישט קימענדיק צום וואָרט און נישט געפינענדיק קיין מיטגעפיל.

א מאָדנע זאַך, פאַרוואָס האָב איך געוואָלט זיין ענלעך צו אַ גרויסן, בשעת איך בין געווען אַ קינד, און בשעת איך בין שוין געווען אַ גרויסער, האָב איך טיילמאָל געוואָלט זיין ענלעך צו אַ קינד? וויפיל מאָל האָט אָט דער פאַרלאַנג — נישט זיין ענלעך צו אַ קליינטשיקן אין מיינע באַציונגען צו סעריאָזשען — איינגעצוימט דאָס געפיל, וואָס איז געווען גרייט זיך אויסצוגיסן און געצויגען צו זיין נישט אויפריכטיק? איך האָב מיך נישט נאָר נישט דערוועגט אַ קוש צו טון אים, וואָס מיר האָט זיך טיילמאָל זייער געוואָלט, אָדער אָננעמען אים פאַר דער האַנט, זאָגן אים, ווי עס פרייט מיך, וואָס איך זע אים — איך האָב אפילו די העזה נישט געהאַט אָנצורופן אים סעריאָזשע, נאָר שטענדיק סערגיי: אַזוי איז שוין בײַ אונז געווען איינגעפירט, יעדער אויסדרוק פון געפיל-ווייכקייט איז געווען אַ סימן פון קינדעריי און דער, וואָס האָט זיך עס דערלויבט, איז נאָך געווען אַ קליין יינגל. נישט אַדורכגייענדיק נאָך יענע ביטערע נסיונות, וואָס דערפירן גרויסע צו פאָרזיכט און קאַלטקייט אין פאַרקער מיט מענטשן, האָבן מיר פאַרלוירן דעם ריינעם תענוג פון צאַרטער קינדערישער חברשאַפט בלויז דערפאַר, וואָס מיר האָבן געוואָלט נאָכטון די גרויסע.

נאָך אין לאַקיי-צימער האָב איך באַגעגנט די איווינס, זיך באַגריסט מיט זיי און העגדום-פּעגדום אַוועקגעלאָפן צו דער באָבען. איך האָב איר געמאָלדן, אַז די איווינס זענען געקומען מיט אַזאַ מינע, פונקט ווי דידאָזיקע ידיעה וואָלט זי ממש גליקלעך געמאַכט. דערנאָך, נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן פון סעריאָזשען, בין איך אים נאָכגעגאַנגען אין גאַסטצימער און נאָכגעקוקט אַלע זיינע באַוועגונגען. בשעת די באָבע האָט געזאָגט, אַז ער איז זייער אויסגעוואַקסן און אויסגעשטעלט אויף אים אירע דורכדרינגלעכע אויגן, האָב איך געשפּירט יענץ געפיל פון שרעק און האָפנונג, וואָס עס דאַרף איבערלעבן אַ קינסטלער, בשעת ער וואַרט אויף דער מיינונג איבער זיין ווערק פון אַ חשובן מבין.

דער יונגער גווערנער פון די איווינס, Herr Frost, איז מיט דער באָבעס דערלויבעניש אַוועק מיט אונז אין סעדל, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרינער באַנק, פאַרוואָרפן מאַלעריש אַ פוס אויף אַ פוס און אַריינגעשטעלט צווישן זיי זיין שטעקן מיט אַ בראָנזן הענטל; מיט אַ מינע פון

מענטש, וואָס איז זייער צופרידן פון זיינע מעשים, האָט ער פאַררייכערט אַ ציגאַר.

Herr Frost איז געווען אַ דייטש, אָבער אַ דייטש גאָר פון אַן אַנדערן שניט, נישט ווי אונזער גוטער קאַרל איוואַניטש: ערשטנס, האָט ער גוט גערעדט רוסיש, און פראַנצויזיש מיט אַ שלעכטער אויססבראַך און האָט געהאַט אַ שם, דער עיקר צווישן דאַמען, פאַר אַ געלערנטן מאַן; צווייטנס, האָט ער געטראָגן געלע וואָנסעס און אַ גרויס רובין-שפּיזל האָט אים געשטעקט אין דער שוואַרצער אַטלאַסענער שאַרף, וואָס אירע עקן זענען געווען פאַררוקט אונטער די טראָג-בענדער; ער האָט אויך געפראַטעוועט אין העל-בלויע הויזן מיט אַ פאַרבן-שימער און מיט שטריפּעס; דריטנס, איז ער געווען יונג, געהאַט אַ שיין צופרידן פּנים און אומגעווייניגלעך שטאַרקע מוסקולירטע פיס; מיט דידאַזיקע מוסקולירטע פיס האָט ער, קענטיק, געהאַלדיק שטאָלצירט; ער האָט געהאַלטן, אַז זייער ווירקונג אויפן פרויען-מין איז נישט אָפּצוווענדן, און, אפּנים, אַז מיט דעמדאָזיקן צוועק האָט ער זיך געסטאַרעט אַרויסצושטעלן זיינע פיס אויף אַ קענטיק אָרט, און אַז ער איז געשטאַנען אָדער געזעסן, האָט ער שטענדיק געבראַכט אין באַוועגונג זיינע ליטקעס. דאָס איז געווען אַ טיפּ פון אַ יונגן רוסישן דייטש, וואָס וויל זיין אַ כוואַט אַ יונג און אַ מיידל-יעגער.

אין סעדל איז געווען זייער פריילעך. דאָס שפּיל אין גזלנים איז געגאַנגען אויסגעצייכנט; אָבער איין אומשטאַנד האָט שיער נישט קאַליע געמאַכט דאָס גאַנצע עסק. סעריאָזשע איז געווען אַ גזלן; בשעת ער איז נאָכגעלאָפן נאָך די פאַרבייפאָרנדיקע מענטשן, האָט ער זיך אויסגעגליטשט און אין רעכטן מיטן געלויף אַ זעץ געטון אַזוי שטאַרק די קני אָן אַ בוים, אַז איך האָב געמיינט, ער ווערט צעהאַקט אויף שטיקלעך. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געווען אַ זשאַנדאַרם און האָב אים, לויט מיין פליכט, באַדאַרפט כאַפּן, בין איך צוגעגאַנגען צו אים און מיט מיטלייד געפרעגט, צי עס טוט אים נישט וויי. סעריאָזשע איז אין כעס געוואָרן אויף מיר: פאַרדריקט די פויסטן, אַ טופּע געטון מיטן פוס און מיט אַ קול, וואָס האָט דייטלעך באַוויזן, אַז ער האָט זיך זייער שטאַרק צעקלאַפּט, האָט ער אָנגעהויבן שרייען:

— נו, וואָס איז דאָס? אַזוי איז דאָך נישט געשפּילט! נו, וואָס כאַפּסטו מיך נישט? וואָס כאַפּסטו מיך נישט? — האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און פון דער זייט געקוקט אויף וואָלאָדיען און אויפן עלטערן איווין, וואָס זענען געווען די פאַרבייפאָרנדיקע מענטשן און

זענען צוגעשפרונגען, לויפנדיק מיטן שטעגעלע; און פלוצלינג האָט ער ווילד אויסגעשריגן און מיט הילכיק געלעכטער געלאָפן זיי כאַפּן.

איך קאָן נישט איבערגעבן, ווי אַזוי עס האָט מיך איבערראַשט און אַנטציקט דערדאָזיקער העלדישער טאַט: נישט געקוקט אויפן שרעקלעכן ווייטיק, האָט ער נישט נאָר געוויינט — ער האָט אפילו קיין רמז נישט געגעבן דערפון און אויף קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן דעם שפּיל.

באַלד נאָכדעם, ווי צו אונזער קאָמפּאַניע האָט זיך נאָך פאַריייניקט איליינקע גראַפּ און מיר זענען אַוועק אין די אייבערשטע צימערן ביז צום מיטאָג, האָט סעריאָזשע געהאַט אַ געלעגנהייט מיך נאָכמער צו אַנטציקן און צו איבערראַשן מיט זיין וווּנדערלעכער דרייסטקייט און פעסטן כאַראַקטער.

איליינקע גראַפּ איז געווען אַ זון פון אַן אָרימען אויסלענדער, וואָס האָט אַמאָל געוווינט באַ מיין זיידן, איז אים עפּעס געווען שולדיק און האָט געהאַלטן פאַר זיין הייליקסטן חוב צו שיקן עפּעטער צו אונז זיין זון. אויב ער האָט געמיינט, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט אונז וועט פאַרשאַפן זיין זון כבוד אָדער פאַרגעניגן, האָט ער זיך שטאַרק טועה געווען, וואָרים מיר האָבן זיך גאָרנישט געחברט מיט איליינקען און האָבן זיך אומגעקוקט אויף אים ערשט דעמאָלט, ווען מיר האָבן געוואָלט חוזקן איבער אים. איליינקע גראַפּ איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר דרייצען, מאָגער, הויך, בלאַס, מיט אַ פויגליש פּנימל און מיט אַ גוטמוטיק־הכנעהדיקן אויסדרוק. ער האָט געטראָגן זייער אָרימע מלבושים, דערפאַר אָבער זענען אים די האָר געווען אַזוי שטאַרק אָנגעשמירט, אַז מיר האָבן פאַרזיכערט דעם עולם, אַז אין אַ הייסן טאָג צעשמעלצט זיך אים די פּאָמאַדע אויפן קאָפּ און רינט אים אַריין אונטערן קורטקעלע. בשעת איך דערמאָן מיך אָן אים איצט, געפין איך איין, אַז ער איז געווען זייער אַ געהאָרכזאַם, שטיל און ווויל ייִנגל; דעמאָלט אָבער האָט ער מיר אויסגעוויזן פאַר אַ מיאוס ווען, וואָס מען באַדאַרף עס נישט זשאַלעווען און נישט טראַכטן אפילו וועגן דעם.

אַז דער שפּיל אין גזלנים האָט אויפגעהערט, זענען מיר אַוועק אין די אייבערשטע צימערן, זיך גוט צעיושעט דאָרט און גענומען קאָקעטירן צווישן איינאַנדער מיט פאַרשידענע גימנאַסטישע איבונגען. איליינקע האָט מיט אַ ציטעריקן שמייכל פון פאַרוווּנדערונג געקוקט אויף אונז, און אַז מען האָט אים פאַרגעלייגט, ער זאָל עס אויך פּרוּוון, האָט

ער זיך אָפּגעזאָגט, ענטפערנדיק, אַז ער האָט דערויף קיין כּוח נישט. סעריאָזשע איז געווען ווונדערלעך ליב; ער האָט אויסגעטון דאָס קורט־קעלע — דאָס פּנים און אויגן האָבן אים געברענט — און ער האָט אָן אויפהער געלאַכט און צוגעטראַכט אַלץ נייע שטיפערייען: איבערגעשפּרונ־גען איבער דריי שטולן, וואָס זענען גלייך געשטאַנען, זיך איבערגעקייקלט איבערן גאַנצן צימער, ווי אַ ראָד, זיך געשטעלט מיט די פיס אַרויף אויף טאַטישטשעווס ווערטערביכער, וואָס מען האָט אים אַרונטערגעלייגט, ווי אַ פּיעדעסטאַל, אין מיטן צימער און דערביי געמאַכט מיט די פיס אַזוינע קאָמישע קונצשטיק, אַז מען האָט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. נאָך דעם לעצטן קונצשטיקל האָט ער זיך פאַרטראַכט, אַ פינטל געטון מיט די אויגן און מיט גאָר אַן ערנסטער מינע צוגעגאַנגען צו אי־לינקען: „אַנו, פּרוּווט עס אויך מאַכן. כ׳לעבן, עס איז נישט שווער". גראַפּ האָט באַמערקט, אַז אַלע קוקן אויף אים. איז ער רויט געוואָרן און מיט זייער אַ שטיל קול פאַרזיכערט, אַז ער קאָן עס נישט מאַכן.

— הערט נאָר, פאַרוואָס וויל ער טאָקע גאָרנישט ווייזן? וואָס איז ער אַ מיידעלע... ער מוז זיך שטעלן אויפן קאָפּ.

און סעריאָזשע האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט.

— ער מוז. ער מוז זיך שטעלן אויפן קאָפּ! — האָבן מיר אַלע געשריגן, אַרומרינגלענדיק אילינקען, וואָס האָט זיך אין דער מינוט שטאַרק איבערגעשראָקן און בלאַס געוואָרן; מיר האָבן אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און אַוועקגעשלעפּט צו די ווערטערביכער.

— לאָזט מיך, איך וועל אַליין! דאָס קורטקעלע וועט איר מיר צערייסן! — האָט זיך דער בידנער קרבן צעשריגן. אָבער זיינע פאַר־צווייפלטע געוואַלדן האָבן אונז נאָכמער באַגייסטערט; מיר האָבן גע־קייכט פון געלעכטער; דאָס גרינע קורטקעלע האָט געפּלאַצט אויף אַלע נעט.

וואָלאָדיע און דער עלטערער איווין האָבן אים איינגעבויגן דעם קאָפּ און אַוועקגעשטעלט אויף די ווערטערביכער; איך און סעריאָזשע האָבן געכאַפּט דאָס בידנע יינגל פאַר די דינע פיסלעך, מיט וועלכע ער האָט געפאָכעט אין אַלע זייטן, פאַרקאַטשעט אים די הייזלעך ביז די קני און מיט גרויס געלעכטער אויפגעהויבן די פיס אינדערהייך. דער יינגסטער איווין האָט אונטערגעהאַלטן דאָס גלייכגעוויכט פונם גאַנצן גוף.

און ס׳איז געשען אַזוי, אַז נאָכן הילכיקן געלעכטער זענען מיר אַלע פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און אין צימער איז געוואָרן אַזוי שטיל,

אַז עס האָט זיך בלויז געהערט דאָס שווערע אָטעמען פון דעם אומגליקלעכן גראַפן. אין דערדאָזיקער מינוט האָב איך אפילו נישט געהאַט די פולע איבערצייגונג, אַז דאָס אַלץ איז זייער קאָמיש און פריילעך.

— אָט איצט איז ער אַ כוואַט, — האָט סעריאָזשע געזאָגט און אַ קלאַפּ געטון אים מיט דער האַנט.

אילינקע האָט געשוויגן, אָבער שטאַרק זיך באַמיט אַרויסצורייסן און געוואָרפן מיט די פיס אין אַלע זייטן. מיט איינע פון דידאָזיקע פאַרצווייפלטע באַוועגונגען האָט ער אַזוי שטאַרק אַ קלאַפּ געטון מיטן אָבצאַס סעריאָזשען אין אויג, אַז יענער האָט אָפּגעלאָזט זיינע פיס, זיך אַ כאַפּ געטון פאַרן אויג, פון וועלכן עס האָבן זיך גענומען קייקלען אומגערנדיקע טרערן און מיט אַלע כוחות אַ שטויס געטון אילינקען. אילינקע, וואָס איז מער פון קיינעם נישט אונטערגעהאַלטן געוואָרן, איז ווי אַ טויטע זאַך אַנידערגעפאַלן אויף דער פאַדלאָגע און קוים געקאָנט אַרויסרעדן דורך טרערן:

— פאַרוואָס מוטשעט איר מיך?

אילינקעס צרהדיק פיגורל מיטן פאַרוויינטן פנים, מיט די צעשויבערטע האָר און פאַרקאַטשעטע הייזלעך, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געזען נישט קיין געפוצטע כאָלעוועס, האָט אונז איבערראַשט, מיר האָבן אַלע געשוויגן און זיך געסטאַרעט פלומרשט צו שמייכלען.

דער ערשטער איז געקומען צו זיך סעריאָזשע.

— אָט איז אַ באַבע, וויינט גאָר, — האָט ער געזאָגט און אים לייכט אָנגערירט מיטן פוס — מיט אים קאָן מען גאָרנישט שפּאַסן... נו, גענוג, הייב זיך אויף.

— איך האָב אייך געזאָגט, אַז דו ביסט אַ שלעכט יינגל — האָט זיך אילינקע בייז אָנגערופן, זיך אויסגעדרייט און זיך צעוויינט.

— אַ-אַ! מיטן אָפּצאַס שלאָגן און זיך נאָך זידלען! — האָט סעריאָזשע גענומען שרייען, אַ כאַפּ געטון די ווערטערביכער און זיך פאַרמאָסטן מיט זיי איבער דעם אומגליקלעכנס קאָפּ; יענער האָט זיך גאָרנישט געקלערט צו פאַרטיידיקן און האָט בלויז פאַרשטעלט מיט די הענט דעם קאָפּ.

— אָט האָסטו דיר! אָט האָסטו דיר! לאָמיר אים לאָזן, אַז ער פאַרשטייט קיין וויץ נישט... קומט אַראָפּ אונטן — האָט סעריאָזשע געזאָגט און זיך אומנאַטירלעך צעלאַכט.

איך האָב מיט מיטלייד געקוקט אויפן בידנעם יינגל, וואָס איז

געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, פֿאַרבאָרגן דאָס פּנים אין די ווערטערביכער און אַזוי געוויינט, אַז עס האָט זיך געדאַכט, נאָך אַ ביסל — און ער וועט אויסקוועטשן פֿון די קאָנוואָלסיעס, וואָס האָבן געצוקט זיין גאַנצן קערפּער.

— ע, סערגיי! — האָב איך מיך אָנגערופֿן צו סעריאָזשען — פֿאַר־וואָס האָסטו עס געטון?

— גוט אַזוי!... איך האָב דאָך נישט געוויינט, בשעת איך האָב מיר היינט צעשלאָגן דעם פֿוס כּמעט ביזן ביין.

„יאָ, דאָס איז אמת, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — איליניקע קאָן נאָר גיסן מיט טרערן, אָבער סעריאָזשע איז טאַקע אַ כוואַט... אָך, סאַראַ כוואַט ער איז!“

איך האָב נישט משער געווען, אַז דאָס בידנע יינגל האָט מסתּמא געוויינט נישט אַזוי פֿון פֿיזישן ווייטיק, ווי פֿונעם געדאַנק, אַז פֿינף יינגלעך, וואָס זענען אים, מעגלעך, געווען סימפּאַטיש, האָבן אָן אַ שום סיבה אָפּגעמאַכט באַ זיך אים פֿיינט צו האָבן און צו רודפֿן.

איך קאָן זיך בשום אופֿן נישט דערקלערן די אכזריות פֿון מיין טאַט. ווי אַזוי בין איך נישט צוגעגאַנגען צו אים, נישט באַשיצט און נישט באַרויקט אים? וווּ איז אַנטרונען געוואָרן דאָס געפֿיל פֿון מיטלייד, וואָס פֿלעגט מיך צווינגען צו וויינען, אַז איך פֿלעג זעען אַ פֿייגעלע, אַרויסגעפֿאַלן פֿון נעסט, אָדער אַ הינטעלע, וואָס מען גייט עס אַריבערוואַרפֿן אַריבער אַ פּאַרקאַן, אָדער אַ הינדל, וואָס דער קוכער־יונג טראָגט צו דער זופּ?

איז דען אָט דאָס שיינע געפֿיל פֿאַרשטומט געוואָרן אין מיר צוליב דער ליבע צו סעריאָזשען און צוליבן פֿאַרלאַנג אויסצווייזן פֿאַר זיי אויך אַזוי כוואַטיש, ווי ער? דידאָזיקע ליבע און דערדאָזיקער פֿאַרלאַנג אויס־צווייזן מעשה־כוואַט זענען געווען נישט קיין גוטע: זיי האָבן געמאַכט די איינציקע טונקעלע פֿלעקן אויף די בלעטלעך פֿון מיינע קינדערישע זכרונות.

XX.

געסט קומען

לויט דער באַזונדערער פאַרטאַראַמטקייט, וואָס איז צו מערקן אין בופעט, לויט דער רייכער באַלייכטונג, וואָס גיט־צו עפּעס אַ ביי יום־טובדיק אויסזעען די מיר אַזוי גוט באַקאַנטע זאַכן אין גאַסטצימער און אין זאַל און באַזונדערס צוליב דעם, וואָס פּירשט איוואַן איוואַניטש האָט נישט אומזיסט געשיקט זיינע מוזיקאַנטן, האָט מען זיך געקאָנט ריכטן אויף אַ היפּש ביסל געסט צום אָוונט.

באַם געריש פון יעדן פאַרבייפאָרנדיקן עקיפּאַזש פלעג איך צולויפן צום פענצטער, צושטעלן די לאַדאָנען צו די שלייפן און צו דער שויב און מיט אַן אומגעדולדיקער נייגיריקייט אַרויסקוקן אין דרויסן. פון דער פינצטערניש, וואָס האָט לכתחילה פאַרשטעלט אַלע זאַכן אונטערן פענצטער, האָבן זיך ביסלעכווייז באַוויזן: קעגנאיבער — דאָס לאַנג־באַקאַנטע געוועלבל מיט דער לאַמטער פון דער זייט — דאָס גרויסע הויז מיט צוויי באַלויכטענע פענצטער אונטן; אין מיטן גאַס — עפּעס אַ ו ו א נ ק ע מיט צוויי פאַסאַזשירן אָדער אַ ליידיק קאַרעטל, וואָס פאָרט לאַנגזאַם אַהיים. נאָר אָט איז צו דער פאָדערטיר צוגעפאָרן אַ קאַרעטע; איך בין זיכער, אַז דאָס זענען די איווינס, וואָס האָבן צוגעזאָגט באַצייטנס צו קומען; לויף איך זיי באַגעגענען אין פאָדערצימער. אָבער אָנשטאָט די איווינס, האָבן זיך הינטער דער ליווריי־האַנט, וואָס האָט געעפנט די טיר, באַוויזן צוויי פרויען: איינע אַ הויכע, אין אַ בלוי מאַנטל מיט אַ סויבעלנעם קאָלנער. די צווייטע — אַ קלייניטשקע, איינגעהילט אין אַ גרינעם שאַרף, וואָס אונטער אים האָבן זיך אַרויסגעזעען בלויז קלייניטשקע פיסעלעך אין פוטערנע שיכעלעך. נישט לייגנדיק קיין שום אַכט דערויף, וואָס איך בין געשטאַנען אין פאָדערצימער, הגם איך האָב געהאַלטן פאַר מיין חוב זיך אַ נייג צו טון, בשעת זיי זענען אַריין, איז די קלייניטשקע צוגעגאַנגען צו דער גרויסער און געבליבן שטיין לעבן איר. די גרויסע האָט אַפגעוויקלט דאָס טיכל, וואָס האָט אינגאַנצן באַדעקט

דאָס קעפּל פון דער קלייניטשקער, אָפּגעשפּילעט איר דאָס מאַנטעלע, און בשעת דער לאָקיי האָט צוגענומען פון איר דידאָזיקע זאַכן און אַראָפּגעצויגן איר די פוטערנע שיכעלעך. האָט זיך פון דעם פאַרהילטן געשטאַלט אויסגעוויקלט אַ רייצנדיק צוועלפיעריק מיידעלע אין אַ קורץ אָפן דורכזיכטיק קליידעלע, אין ווייסע הייזעלעך און שוואַרצע מיניאַטור-שיכעלעך. אויפן ווייסן העלזל איז געלעגן אַ סאַמעטן לענטעלע; דאָס גאַנצע קעפּל איז געווען אַרומגערינגלט מיט טונקל-בלאָנדע קרייזעלעך, וואָס האָבן זיך איר פּין פאָרנט אַזוי שיין געפּאַסט צום חנעוודיקן פּנימל, און פון הינטן — צו אירע נאַקעטע אַקסעלעך, אַז איך וואָלט קיינעם נישט געגלייבט, אפילו קאַרל איוואַניטשן אויך נישט, אַז די קרייזעלעך נעמען זיך דערפון, וואָס זיי זענען פון אינדערפרי אָן געווען איינגעוויקלט אין שטיקעלעך פּאַפּיר פון „מאָסקאָווסקיאַ וועדאָמאָסטי“ און אַז מען האָט זיי געברענט מיט הייסע אייזערנע צוואַנגען. געדאַכט האָט זיך, אַז זי איז אַזוי געבוירן געוואָרן מיט דעמדאָזיקן געקרייזלטן קעפּל.

איבערראַשט האָט די אומגעוויינלעכע גרייס פון אירע אַרויסגערוקטע האַלב-צוגעמאַכטע אויגן, וואָס האָבן געשאַפן עפּעס אַ מאָדנעם, אָבער אָנגענעמען קאָנטראַסט מיטן קליינעם מיילעכל. די ליפּלעך זענען געווען צוגעמאַכט און די אויגן האָבן געקוקט אַזוי ערנסט, אַז דער אַלגעמיינער אויסדרוק פון געזיכט האָט געזאָגט, אַז ס'איז לגמרי נישט צו האָפן אויף זיינס אַ שמייכל, דערפאַר אָבער האָט דער שמייכל געמוזט זיין אַ רייצנדיקער.

איך האָב מיך געסטאַרעט, מען זאָל מיך נישט באַמערקן, זיך אַריינגעכאַפּט אין זאַל אַריין און אַרומגעגאַנגען אויף-און-אָפּ, ווי איך וואָלט כלומרשט געווען שטאַרק פאַרטראַכט און ווייס גאָרנישט, אַז געסט זענען געקומען. אַז די געסט זענען אַריין אין זאַל, האָב איך געמאַכט אַ מינע, ווי איך וואָלט מיך אויפגעכאַפּט פון מיינע רעיונות, זיך פאַרבייגט און געמאָלדן, אַז די באַבע איז אין גאַסטצימער. פרוי וואַלאַכין, וואָס איר געזיכט איז מיר באַזונדערס געפעלן געוואָרן דערפאַר, ווייל איך האָב געפונען אין אים אַ סך ענלעכקייט צו איר טאָכטערס פּנימל, צו סאָניעלען, האָט מיר וואַרעם אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

די באָבע איז, דאַכט זיך, געווען זייער צופרידן, וואָס זי זעט סאָניעלען: זי האָט זי צוגערופן נענטער צו זיך, פאַרריכט איר אַ לאָק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שטערן, און, קוקנדיק איר דורכדרינגלעך

אין פנים אַריין, האָט זי געזאָגט: „quelle charmante enfant?"*) סאָניעלע האָט אַ שמייכל געטון, זיך פאַררויטלט און געוואָרן אַזוי ליב, אַז איך בין אויך רויט געוואָרן, קוקנדיק אויף איר.

— איך פאַרהאָף, אַז דיר וועט נישט זיין לאַנגווייליק באַ מיר — האָט די באָבע געזאָגט, אויפהייבנדיק איר דאָס פנימל פאַרן גאָמבעלע. — ווילט זיך און טאַנצט וואָס מער. אָט איז שוין אויך דאָ איין דאַמע און צוויי קאַוואַליערן, — האָט זי זיך אָנגערופן צו דער פרוי וואַלאַכין און אָנגערירט מיך באַ דער האַנט.

דידאָזיקע דערנענטערונג איז מיר געווען אַזוי אָנגענעם, אַז איך האָב מיך געמוזט נאָכאַמאָל פאַררויטלען.

איך האָב געשפּירט, ווי עס פאַרשטאַרקט זיך אין מיר די שעמעריי, און אַז איך האָב דערהערט דאָס גערויש פון אַ צוגעפאָרענער קאַרעטע, האָב איך מיך גיכער אָפּגעטראָגן. אין פאָדערצימער האָב איך געפונען פרוי קאָרנאַקאָווע מיטן זון און מיט אַ מענגע טעכטער. די טעכטער זענען אַלע געווען אויף איין שניט — ענלעך צו דער פירשטין און מיאוסע, און דעריבער האָט קיין איינע פון זיי נישט געצויגן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט. אַראָפּגעצויגן די מאַנטלען, האָבן זיי אַלע פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן מיט דינע שטימלעך, האָבן זיך באַוועגט און געלאַכט, אַפּנים דערפון, וואָס זיי זענען געווען אַזאַ מענגע. עטיען איז געווען אַ ייִנגל פון אַ יאָר פופצן, הויך, פליישיק, מיט אַן אָפּגעבלאַקירט פנים, מיט איינגעפאַלענע אויגן, אונטן בלוי, מיט גרויסע הענט און פיס נישט לויט די יאָרן. געווען איז ער אומגעלומפּערט, און געהאַט האָט ער אַן אומאָנגענעמע, גרילצנדיקע שטימע, אָבער ער איז, אַפּנים, זייער צופרידן געווען מיט זיך און אויסגעזעען האָט ער פונקט אַזוי, ווי עס האָט געקאָנט זיין, לויט מיינע השגות, אַ ייִנגל, וואָס מען שמייסט.

מיר זענען גאַנץ לאַנג געשטאַנען איינער קעגן צווייטן און אָן ווערטער שטאַרק געקוקט אויף אייניאַנדער. דערנאָך, זיך דערווייטערנדיק, האָבן מיר זיך, ווייזט-אויס, געוואָלט צעקושן, אָבער נאָכאַמאָל אַריינגעקוקט איינער דעם צווייטן אין די אויגן אַריין, האָט זיך עס שוין עפּעס נישט געוואָלט. אַז די קליידער פון אַלע שוועסטער האָבן פאַרבייגערוישט

*) וואָס פאַר אַ רייצנדיק קינד!

פאַרבײַ מיר, האָב איך, כדי צו פאַרפירן אַ שטיקל שמועס, אים געפרעגט, צי איז זיי נישט געווען ענג אין דער קאַרעטע.

— איך ווייס נישט, — האָט ער אַזוי נאַכלעסיק אַ זאָג געטון — איך פאָר דאָך קיינמאָל נישט אין אַ קאַרעטע, וואָרים באַלד ווי איך זעץ מיך אַנידער, הייבט מיר אָן צו איבלען, און די מאַמעשי ווייסט עס, אַז מיר פאָרן ערגעץ אין אָוונט, זעץ איך מיך שטענדיק אויף די קאָזלעס — אַ סך בעסער: מען זעט אַלץ, פיליפּ גיט מיר די לייצעס און אַמאָל נעם איך די בייטש אויך. האַקט מען אַמאָל אַזוי אַריין אין די פאַרבײַגייער, פאַרשטייט איר, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַן אויסדריקלעכן זשעסט — אויסגעצייכנט!

— אייער דורכלויכט! — האָט דער לאָקיי זיך אָנגערופן, אַרייַנגייענדיק אין פאָדערצימער. — פיליפּ פרעגט, ווו האָט איר באַוויליקט אוועקצולייגן די בייטש.

— וואָס הייסט, ווו? איך האָב דאָך אים אָפּגעגעבן?

— ער זאָגט, אַז נישט.

— נו, האָב איך זי אויפגעהאָנגען אויף דער לאַמטער.

— פיליפּ זאָגט, אַז אויף דער לאַמטער איז זי אויך נישטאָ. זאָגט בעסער, אַז איר האָט גענומען און זי געפּטרט און פיליפּ וועט דאַרפן באַצאָלן פון זיין אייגענער קעשענע, — האָט זיך דער לאָקיי אַלץ מער אָנגעצונדן.

דער לאָקיי, וואָס האָט אויסגעזען אַ גאַנץ בכבודיקער און שטרענגער מענטש, האָט שטאַרק געהאַלטן פיליפּס צד און האָט, קענטיק, דורכויס געוואָלט קלאָר מאַכן די זאַך. פון איידלקייט וועגן בין איך אוועק אין אַ זייט, זיך געמאַכט, אַז איך באַמערק גאָרנישט. אָבער די לאָקייען, וואָס זענען דערבײַ געווען, זענען זיך אַנדערש באַגאַנגען: זיי זענען צוגעטרעטן נענטער און מיט די בליקן אונטערגעוואָרעמט דעם אַלטן דינער.

— נו, געפּטרט, איז געפּטרט, — האָט עטיען געזאָגט און זיך געוואָלט אַרויסדרייען פון ווייטערדיקע וויכוחים — וויפיל עס קאָסט אים די בייטש, וועל איך אים באַצאָלן. ס'איז נאָר צום לאַכן! — האָט ער צוגעגעבן, און, צוגייענדיק צו מיר, האָט ער מיך מיטגעשלעפּט אין גאַסטצימער.

— ניין, זייט אַזוי גוט, פריץ, מיט וואָס וועט איר עס באַצאָלן: איך ווייס, ווי איר צאָלט — מאַריע וואַסיליעוונען צאָלט איר שוין צוויי

חדשים גנאַכאַנאַנד דעם פערציקער, און מיר, דאַכט זיך, שוין אויך אַ יאָר צוויי, און פעטרושען...

— דו וועסט שווייגן! — האָט דער יונגער פירשט אַ געשריי געטון, בלאַס ווערנדיק פון גרימצאָרן. — אָט וועל איך גאָר אַלץ אויסזאָגן.

— אַלץ אויסזאָגן, אַלץ אויסזאָגן! — האָט דער לאָקיי געמורמלט. — נישט שיין, אייער דורכלויכט! — האָט דער לאָקיי צוגעגעבן מיט אַ באַזונדער אויסדריקלעכן טאָן, בשעת מיר זענען אַריין אין זאַל און ער איז אַוועק מיט די מאַנטלען.

— אָט אַזוי, אַזוי! — האָבן מיר דערהערט הינטער זיך אין פאָדערצימער עמעצנס אַ קול מיט אַ טאָן פון הסכּמה.

די באָבע האָט געהאַט אַ באַזונדערן טאַלענט אַרויסצוזאָגן איר מיינונג וועגן מענטשן און דערביי געברויכן מיט אַ געוויסן טאָן און אין געוויסע פאַלן די מערצאָליקע און איינצאָליקע נאָמענוווערטער פון צווייטער פערזאָן. הגם זי פלעגט זאָגן א י ר און ד ו פונקט פאַרקערט, ווי מען איז זיך נוהג, אָבער אין איר מויל פלעגן דידאָזיקע שאַטירונגען באַקומען גאָר אַן אַנדערע באַדייטונג. בשעת דער יונגער פירשט איז צוגעגאַנגען צו איר, האָט זי אים געזאָגט עטלעכע ווערטער און אָנגערופן א י ר, דערביי האָט זי אים אַנגעקוקט מיט אַזוי פיל גרינגשעצונג, וואָס אַז איך וואָלט געווען אויף זיין אָרט, וואָלט איך מיך איינגאַנצן פאַרלוירן. אָבער עטיען איז, ווייזט אויס, געווען אַ ייִנגל נישט פון אַזאַ געבוי. ער האָט נישט נאָר אין אַכט נישט גענומען דער באָבעס אויפנעמונג — ער האָט אפילו אויף איר גופא נישט געקוקט, און האָט זיך אין כּלל באַגריסט מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט, אויב נישט געשיקט, איז גאַנץ פאַמיליאַר. סאָניעלע האָט צוגעצויגן מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. איך געדענק, אַז בשעת וואָלאָדיע, עטיען און איך האָבן גערעדט אין זאַל אין אַזאַ אָרט, ווו מען האָט געקאָנט זען סאָניעלען און זי האָט אונז אויך געקאָנט זען און הערן, האָב איך גערעדט מיט פאַרגעניגן. אַז מיר איז געלונגען צו זאָגן, לויט מיינע השגות, אַ קלוג אָדער וויל ווערטל, האָב איך עס אַרויסגעזאָגט העכער און זיך אומגעקוקט צו דער טיר אין גאַסטצימער. און אַז מיר זענען איבערגעגאַנגען אויף אַן אַנדער אָרט, ווו מען האָט אונז נישט געקאָנט הערן און זען פון גאַסטצימער, האָב איך געשוויגן און שוין מער נישט געפונען קיין פאַרגעניגן אין רעדן.

ביסלעכווייז איז דאָס גאַסטצימער און דער זאַל אָנגעפילט געוואָרן מיט געסט. צווישן די געסט, ווי עס געשעט עפּטער אויף קינדערישע

אָוונטן, זענען געווען עטלעכע גרויסע קינדער, וואָס האָבן נישט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו פאַרברענגען גרייליך די צייט און צו כאַפּן א טענצל פּלומרשט בלויז צוליב דעם, אז די באַלעבאָסטע פון שטוב זאָל האָבן פאַרגעניגן.

און אז די איווינס זענען געקומען, האָב איך, אָנשטאָט פאַרגעניגן, וואָס איך פלעג געוויינליך שפּירן באַם באַגעגענען זיך מיט סעריאָזשען, דערפילט עפּעס א מאָדנעם פאַרדראָס דערפאַר, וואָס ער וועט זעען סאָניעלען און זי וועט אים זעען.

XXI.

ביז דער מאַזורקע

— ע! באַ אייך וועלן דאָך, מסתמא, זיין טענץ — האָט סעריאָזשע געזאָגט, אַרייַנגייענדיק פון גאַסטצימער און אַרויסנעמענדיק פון קעשענע נייע לייקענע הענטשקעס, — מען דאַרף אָנטון הענטשקעס.

„טאָ ווי וועט זיין? מיר האָבן דאָך נישט קיין הענטשקעס, — האָב איך א טראַכט געטון. — מען דאַרף גיין אויבן א זוך טון".

אָבער כאָטש איך האָב איבערגעזוכט אין אַלע קאָמאָדן, האָב איך אין איינעם בלויז געפונען — אונזערע גרינע וועג-הענטשקעס און אין דעם צווייטן — איין לייקענע הענטשקע, וואָס האָט מיר גאָרנישט געקאָנט טויגן: ערשטנס, דערפאַר, ווייל זי איז געווען זייער אַלט און שמוציק, צווייטנס, דערפאַר, ווייל זי איז פאַר מיר געווען צו גרויס און דער עיקר דערפאַר, ווייל איר האָט געפעלט דער מיטלסטער פינגער, וואָס קאַרל איוואַניטש האָט נאָך אַמאָל, קענטיק, אויסגעשניטן פאַר זיין קראַנקער האַנט. דאָך האָב איך אָנגעטון דאָס רעשטל פון דערדאָזיקער הענטשקע און שטאַרק באַקוקט דאָס אָרט פון מיטלסטן פינגער, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרשמירט מיט טינט.

— אָט, אז נאַטאַליע סאַווישנע וואָלט דאָ געווען, וואָלטן זיך שוין באַ איר געפינען א פּאָר הענטשקעס פאַר מיר. עס טויג נישט צו גיין אַזוי אַונטן, וואָרים אז מען וועט מיך פרעגן, פאַרוואָס טאַנץ איך נישט,

איז וואָס וועל איך זאָגן ? און דאָ פאַרבלייבן קאָן מען אויך נישט, מען וועט זיך כאַפּן, אַז איך בין נישטאָ. וואָס זאָל איך טון ? — האָב איך מיך געפרעגט און געמאַכט מיט די הענט.

— וואָס טוסטו דאָ ? — איז וואָלאָדיע אַריינגעלאָפן, — גיי אַנגאַזשיר-איין אַ דאַמע... עס הייבט זיך באַלד אָן.

— וואָלאָדיע, — האָב איך אַ זאָג געטון מיט פאַרצווייפלונג און באַוויזן אים די האַנט מיט צוויי פינגער, וואָס האָבן זיך אַרויסגעשטעקט פון דער שמוציקער הענטשקע, — וואָלאָדיע, וועגן דעם האָסטו גאָרנישט אַ טראַכט געטון !

וועגן וואָס ? — האָט ער איילִיק געזאָגט — אַ ! וועגן הענטשקעס, — האָט ער צוגעגעבן גלייכגילטיק, באַמערקנדיק מיין האַנט. — טאַקע נישטאָ, נאָר מען דאַרף פרעגן דער באָבען... וואָס וועט זי זאָגן ? — און איז טאַקע באַלד אַראָפּגעלאָפן אונטן.

די גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעזאָגט וועגן אַ זאַך, וואָס האָט מיר אויסגעזען זייער וויכטיק, האָט מיך באַרויִקט, און איך האָב מיך געאיילט אין גאַסטצימער ; איך האָב לגמרי פאַרגעסן אין דער צעקאָלעטשעטער הענטשקע, וואָס איך האָב געטראָגן אויף דער לינקער האַנט.

פאָרזיכטיק צוגעגאַנגען צו דער באָבעס לענשטול און לייכט אָנגעריכט זי בײַ דער מאַנטיליע, האָב איך איר שטיל איינגערוימט :

— באָבעשי ! וואָס טוט מען ? מיר האָבן נישט קיין הענטשקעס !

— וואָס, מיין פריינט ?

— מיר האָבן נישט קיין הענטשקעס, — האָב איך איבערגעחזרט, זיך צוגערוקט אַלץ נענטער און נענטער צו איר און אַרויפגעלייגט ביידע הענט אויפן הענטל פון לענשטול.

— און וואָס איז דאָס ? — האָט זי געזאָגט, אָנכאַפּנדיק מיך פלוצלינג פאַר דער לינקער האַנט. — Voyez, ma chère, — האָט די באָבע ווייטער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו פרוי וואַלאַכין, — voyez, comme ce jeune homme s'est fait élègant pour danser avec votre fille*).

---

*) זעט נאָר, מיין טייערע, ווי ער האָט זיך עס געמאַכט עלעגאַנט, כדי צו טאַנצן מיט אייער טאָכטער.

די באָבע האָט מיך פעסט געהאַלטן פאַר דער האַנט און מיט ערנסטע, נאָר פרעגנדיקע אויגן אַזוי לאַנג געקוקט אויף די דערבייאיקע, ביז זייער נייגיריקייט איז צופרידנגעשטעלט געוואָרן און אַלעהאָבן געלאַכט.

איך וואָלט זייער פאַרביטערט געווען, ווען סעריאָזשע וואָלט דעמאָלט געזען, ווי איך, איינגעקנייטשט פון בושה, פרווו מיך אומזיסט אַרויס-צושלעפּן די האַנט; אָבער פאַר סאָניעלען, וואָס האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז טרערן זענען איר געקומען אויף די אויגן און אַלע לאָקנדלעך האָבן זיך איר צעטאַנצט אַרום דעם פאַררויטלטן פנימל — פאַר סאָניעלען האָב איך מיך נישט געשעמט. איך האָב פאַרשטאַנען: איר געלעכטער איז געווען צו הויך און צו נאַטירלעך, אַז אין אים זאָל זיך שפּירן חוזק; פאַרקערט, דאָס, וואָס מיר האָבן געלאַכט צוזאַמען, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, האָט מיך אַזוי ווי דערנענטערט צו איר. דער עפּיזאָד מיט דער הענטשקע, וואָס האָט זיך אפילו געקאָנט אויסלאָזן שלעכט, האָט מיר דאָך אַ טובה געטון דערמיט, וואָס ער האָט מיך פרייער געמאַכט אין אַ קרייז, וועלכער האָט מיר שטענדיק אויסגעזען פאַר דעם סאַמע שרעקלעכסטן — אינעם קרייז פון גאַסטצימער; מער האָב איך שוין נישט געשפּירט קיין שום בושה.

די אַנגסטן פון שעמעוודיקע מענטשן קומען דערפון, וואָס זיי איז נישט באַקאַנט די מיינונג וועגן זיי; אָבער אַז עס ווערט זיי קלאָר די מיינונג — אַ וואָסערע זי זאָל נישט זיין — נעמט אַ סוף צו די ליידן.

ווי ליב איז געווען סאָניעלע וואַלאַכין, בשעת זי האָט קעגן מיר געטאַנצט אַ פראַנצויזישן קאַדריל מיטן אומגעלומפּערטן יונגן פירשט! ווי ליב האָט זי געשמייכלט, בשעת זי האָט מיר דערלאַנגט אין „chaine" דאָס הענטעלע! ווי ליב, אין טאַקט, זענען געשפּרונגען אויפן קעפּל אירע העל-בלאָנדע לעקעלעך! און ווי נאַיוו זי האָט געמאַכט מיט אירע קליי-ניטשקע פיסעלעך jeté-assembe! אין דער פינפטער פיגור בשעת מיין דאַמע איז איבערגעלאָפן פון מיר אויף דער צווייטער זייט און בשעת איך, אויסוואַרטנדיק טאַקט, האָב מיך צוגעגרייט צו דער סאָלאָ, האָט סאָניעלע ערנסט אויפגעלייגט אירע ליפּלעך און אָוועקגעקוקט מיט די אויגן. אָבער אומזיסט האָט זי זיך געשראָקן פאַר מיר: איך האָב דרייסט געמאַכט די chassé en avant chassé en arrie're, glissade — און בשעת איך בין צוגעגאַנגען צו איר, האָב איך איר מיט אַ קאָקעטישער באַוועג-

גונג באַוויזן מײַן הענטשקע מיט די צוויי שטעקנדיקע פינגער. זי האָט זיך שרעקלעך צעלאַכט און נאָך פײַנער זיך צעלאָזט מיט די פיסלעך איבער דער פּאָדלאָגע. נאָך געדענק איך, אַז בשעת מיר האָבן געמאַכט אַ קרײַז און אַלע האָבן זיך גענומען פאַר די הענט, האָט זי אײַנגעבויגן דאָס קעפּל, אַזוי, נישט אַרויסנעמענדיק איר האַנט פון מײַנער, אַ שאָר געטון דאָס נעזל אָן איר הענטשקע. פאַר די אויגן שטייט עס מיר אַלץ און נאָך הער איך דעם קאַדריל פונעם „דונאַי-מיידל", וואָס אונטער זײַנע קלאַנגען איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען.

און דעם צווייטן קאַדריל האָב איך אויך געטאַנצט מיט סאָניעלען. נאָכדעם, אַז איך האָב מיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, האָב איך מיך געשפּירט זייער נישט הענטיק און נישט געוווּסט, פון וואָס צו רעדן מיט איר. אַז מײַן שווײַגן האָט זיך שוין צופיל פאַרצויגן, האָב איך מיך אָנגעהויבן שרעקן, זי זאָל מיך נישט אָננעמען פאַר אַ נאַר און האָב באַשלאָסן אויפצוקלערן איר דעמדאָזיקן טעות בנוגע מיר, עס מעג זיך זײַן, וואָס עס וויל. — „Vous êtes une habitante de Moscou ?" האָב איך זי געפרעגט, און אַז זי האָט געזאָגט, אַז יאָ, האָב איך ווייטער געזאָגט: „et moi, je n'ai encore jamais fréguenté la capitale"*) מיינענדיק, אַז איך נעם זי באַזונדערס מיטן עפעקט פונם וואָרט „fréquenter". איך האָב אפילו געפילט, אַז דאָס איז געווען אַ גלאַנצפולער אָנהייב, וואָס האָט זייער גוט באַוויזן מײַנע הויכע בקיאות אין דער פראַנצויזישער שפּראַך, פונדעסטוועגן פירן ווייטער דעם געשפּרעך אין דעם זעלבן גייסט האָב איך נישט געקאָנט. טאַנצן האָט מען באַדאַרפט נאָך נישט אַזוי גיך און מיר האָבן ווידעראַמאָל געשוויגן. אומרויק האָב איך געקוקט אויף איר, געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן אײַנדרוק האָב איך געמאַכט אויף איר און געוואַרט אויף איר הילף. „ווו האָט איר געפונען אַזאַ קאָמישע הענטשקע ?" — האָט זי מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון און די דאָזיקע פראַגע האָט מיר פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן און פאַרלײַכטערונג. איך האָב דערקלערט, אַז די דאָזיקע הענטשקע געהערט צו קאַרל איוואַניטשן און דערציילט באַריכות, אפילו עטוואָס איראָניש, וועגן קאַרל איוואַניטשן גופא, ווי אַזוי ער איז טיילמאָל משונה-קאָמיש, בשעת ער טוט אויס זײַן רויט היטעלע און ווי אַזוי ער איז איינמאָל אין זײַן גרינער בעקעשע

---

*) איך האָב קיינמאָל נישט באַזוכט די רעזידענצשטאָט.

אַראָפּגעפּאַלן פון פערד גלייך אין אַ קאַלוזשע וואַסער אַריין א. אַז. וו. דער קאַדריל איז אַדורך אומבאַמערקט. דאָס אַלץ איז געווען זייער גוט. אָבער פאַרוואָס האָב איך גערעדט מיט חוזק וועגן קאַרל איוואַניטשן? וואָלט איך דען פאַרלוירן סאָניעלעס גוטע מיינונג וועגן מיר, ווען איך וואָלט איר אים באַשריבן מיט יענער ליבע און אַכטונג, וואָס איך האָב געשפּירט צו אים?

אַז דער קאַדריל האָט זיך געענדיקט, האָט מיר סאָניעלע געזאָגט „merci״ מיט אַזאַ ליבער מינע, פּונקט ווי איך וואָלט באמת פאַרדינט איר דאַנקבאַרקייט. איך בין געווען אַנטציקט, האָב מיך פאַרגעסן פאַר גרויס שמחה און האָב מיך אַליין נישט דערקענט: פונוואַנען האָט זיך גענומען צו מיר אַזאַ דרייסטקייט, אַזאַ זיכערקייט און אפילו העזה? „נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס זאָל מיך קאָנען פאַרשעמען! — האָב איך געטראַכט און זאָרגלאָז אַרומגעשפּאַצירט איבערן זאַל. — איך בין גרייט אויף אַלץ!״ סעריאָזשע האָט מיר פאָרגעלייגט צו זיין מיט אים vis á vis. „גוט, — האָב איך געזאָגט, — איך האָב נאָך אפילו קיין דאַמע נישט, אָבער איך וועל געפינען״. אַ קוק געטון אויפן זאַל מיט אַן אַנטשלאָסענעם בליק, האָב איך באַמערקט, אַז אַלע דאַמען זענען שוין איינגעלאַדן, אויסער אַ גרויס דערוואַקסן מיידל, וואָס איז געשטאַנען בא דער טיר פון גאַסטצימער. צו איר איז צוגעגאַנגען אַ הויכער יונגערמאַן, וואָס האָט זי, לויט מיין השערה, געוואָלט איינלאַדן; אַ צווייטריט איז ער געווען פון איר און איך — באַם צווייטן עק זאַל. אין איין אויגנבליק בין איך, גראַציעז זיך גליטשנדיק איבער דער פּאָלירטער פּאַדלאָגע, אַדורכגעלאָפן דעם גאַנצן שטח, וואָס האָט מיך אָפּגעטיילט פון איר, אַ שאַר געטון מיטן פוס און מיט אַ פעסטער שטימע זי איינגעלאַדן אויף אַ קאָנטר-דאַנס. דאָס גרויסע מיידל האָט אָפּיעקוניש געשמייכלט, דערלאַנגט מיר די האַנט און דער יונגערמאַן איז געבליבן אָן אַ דאַמע.

איך האָב געהאַט אַזאַ באַוווּסטזיין פון מיין קראַפט, אַז איך האָב אפילו נישט גענומען אין אַכט דעם פאַרדראָס פונם יונגנמאַן; דערנאָך אָבער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז דערדאָזיקער יונגערמאַן האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס איז עס פאַר אַ צעשויבערט יינגל, וואָס איז דורכגעשפרונגען פאַרביי אים און אונטער דער נאָז אים אַוועקגענומען די דאַמע.

XXII.

די מאזורקע

דער יונגערמאן, בא וועלכן איך האָב אָפּגעשלאָגן די דאמע, האָט געטאַנצט מאַזורקע אין דער ערשטער פּאָר. ער איז אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, האַלטנדיק די דאמע פאר דער האַנט, און, אַנשטאָט צו מאַכן דעם "Pas de Basgues„, וואָס מימי האָט אונז געלערנט, איז ער פּשוט אַוועקגעלאָפן פאָרויס. דערלאָפן ביזן ווינקל, האָט ער זיך צוגעשטעלט, פונאַנדערגערוקט די פיס, אַ קלאַפּ געטון מיטן אָפּצאַס, זיך אומגעדרייט און, צושפּרינגענדיק, אַוועקגעלאָפן ווייטער.

מחמת איך האָב נישט געהאַט קיין דאמע צו דער מאַזורקע, בין איך געזעסן הינטער דער באָבעס הויכער לענשטול און נאָכגעקוקט.

„וואָס טוט ער עס? — האָב איך געשמועסט מיט זיך אַליין, — דאָס איז דאָך גאָרנישט דאָס, וואָס מימי האָט אונז געלערנט. זי האָט דאָך אונז פאַרזיכערט, אַז מאַזורקע טאַנצט מען אויף די שפּיץ פינגער און די פיס באַוועגט מען פּלאַסטיש און רונדמעסיק. און דאָ טאַנצט מען גאָרנישט אַזוי. און די איווינס און עטיען און אַלע טאַנצן און דעם „Pas de Basgues" מאַכט מען גאָרנישט. און אונזער וואָלאָדיע האָט איבערגענומען דעם נייעם שניט. נישט שלעכט!... און סאָניעטשקע, ווי ליב זי איז! אָט האָט זי זיך אַוועקגעלאָזט..." מיר איז געווען זייער פריילעך.

די מאַזורקע האָט געהאַלטן באַם סוף: עטלעכע באַיאָרנטע מענער און דאַמען האָבן זיך צעזעגנט מיט דער באָבען און זענען אַוועקגעפאָרן. לאַקייען, פּאַוואָליע אויסמיידנדיק די טענצער, האָבן געטראָגן געשיר אין די הינטערשטע חדרים; די באָבע האָט אויסגעזעען מיד, גערעדט אַזוי ווי אומגערן און לאַנגווייליק צעצויגן די ווערטער; צום דרייסיקסטן מאָל האָבן די מוזיקאַנטן פויל אָנגעהויבן איין-און-דעמזעלבן מאָטיוו. דאָס גרויסע מיידל, מיט וועלכע איך האָב געטאַנצט, האָט געמאַכט אַ פיגור, און באַמערקנדיק מיך, אַ שמייכל געטון פאַררעטעריש — אָפּנים, דערמיט געוואָלט צופרידנשטעלן די באָבען, — און צוגעפירט צו מיר סאָניעטשקען און איינע

פון די אומצייליקע פירשטינס. „Rose ou hortie?” — האָט זי געפרעגט.

— אַ, דו ביסט גאָר דאָ! — האָט די באָבע געזאָגט און זיך אומגעדרייט אויף איר לענשטול. — גיי, גיי, מיין פריינט.

אין דערדאָזיקער מינוט האָט זיך מיר געוואָלט באַהאַלטן מיטן קאָפּ אונטער דער באָבעס לענשטול איידער זיך אַרויסצורוקן פון דאָרט — אָבער ווי זאָגט מען זיך אָפּ? איך האָב מיך אויפגעשטעלט, געזאָגט „rose” און מיט ציטערניש אַ קוק געטון אויף סאָניעלען. און איידער איך בין געקומען צו זיך, האָט זיך אַ האַנט אין אַ ווייסער הענטשקע געפונען אין מייגער און די יונגע פירשטין האָט זיך מיט דעם אַנגענעמסטן שמייכל אַוועקגעלאָזט פאָרויס און דערביי גאָרנישט חושד געווען, אַז איך הייב נישט אָן צו וויסן, וואָס צו טון מיט מיינע פיס.

איך האָב געוווּסט, אַז מימיס Pas de Basgues פּאַסן זיך נישט אַהער, אַז זיי זענען דאָ נישט אָנשטענדיק און קאָנען מיך פּשוט קאָמפּראָמיטירן; אָבער די באַקאַנטע קלאַנגען פון דער מאַזורקע, ווירקנדיק אויף מיין געהער, האָבן געגעבן אַ געוויסע ריכטונג מיינע אַקוסטישע נערוון, וואָס זיי, ווידער, האָבן איבערגעגעבן דערדאָזיקער ריכטונג מיינע פיס און די לעצטע האָבן גאַנץ אומגערן און צו אַלעמענס וווּנדער גענומען מאַכן פאַטאַלע רונדע און פּלאַסטישע פּאַען אויף די שפּיץ-פינגער. כּל זמן מיר זענען געגאַנגען גלייך, האָט דער טאַנץ נאָך ווי עס איז אָנגעהאַלטן, אָבער אַהעקקערנדיק אין אַ זייט, האָב איך באַמערקט, אַז אויב איך וועל נישט אָננעמען קיין מיטלען, וועל איך זיכער אַוועק פאָרויס. האָב איך עס געוואָלט אויסמיידן און זיך צוגעשטעלט מיט דער כּוונה צו מאַכן דעם אייגענעם פּאַ, וואָס דער יונגערמאַן האָט אַזוי שיין געמאַכט אין דער ערשטער פּאָר. אָבער אין דער זעלבער מינוט, בשעת איך האָב פונאַנדערגערוקט די פיס און געוואָלט צושפּרינגען, איז מיר איילִיק פאַרבייגעלאָפן די פירשטין און אַ קוק געטון מיט טעמפּן בייגיר און פאַרווונדערונג אויף מיינע פיס. דערדאָזיקער קוק האָט מיך דערהרגעט. איך האָב מיך אַזוי פאַרלוירן, אַז אָנשטאָט צו טאַנצן, האָב איך גענומען מאָדנע טופּען מיט די פיס אויף איין אָרט, אָן טאַקט און אָן זין און, צולעצט, איינגאַנצן געבליבן שטיין. אַלע האָבן אויף מיר געקוקט: ווער מיט פאַרווונדערונג, ווער מיט נייגיר, ווער מיט חוזק, ווער מיט מיטלייד. בלויז די באָבע אַליין האָט געקוקט גאַנץ גלייכגילטיק.

— Il ne fallait pas danser, si vous ne sarez pas !*) —
האָט דער פּאַפּאַ בייז אַ זאָג געטון האַרט איבער מיין אויער, און, לייכט אָפּשטויסנדיק מיך, האָט ער גענומען די האַנט פון מיין דאַמע, אַדורכ־געגאַנגען מיט איר אַ טור אויפן אַלטן שטייגער באַ דער אַלגעמיינער התפּעלות פון עולם און נאָכדעם זי צוגעפירט צו איר שטול.

„רבונו של עולם! פאַרוואָס שטראָפסטו מיך אַזוי שרעקלעך!...

. . . .

אַלע פאַראַכטן מיך און וועלן מיך שטענדיק פאַראַכטן... פאַרשטעלט איז מיר דער וועג צו אַלץ: צו פריינטשאַפט, צו ליבע, צו כבוד... אַלץ פאַרלוירן!!! פאַרוואָס האָט מיר וואָלאָדיע צוגעוואָרפן סימנים, וואָס אַלע האָבן געזעען און וואָס האָבן מיר נישט געקאָנט העלפן? צוואָס האָט עס די מיאוסע פירשטין אַזוי אַ קוק געטון אויף מיינע פיס? פאַרוואָס האָט עס סאָניעלע... זי איז זייער אַ ליבע; אָבער פאַרוואָס האָט זי דעמאָלט אַ שמייכל געטון? פאַרוואָס איז דער פּאַפּאַ רויט געוואָרן און אַ כאַפּ געטון מיך באַ דער האַנט? האָט ער זיך אויך געשעמט פאַר מיר? אָ, דאָס איז שרעקלעך! אָט אַז די מאַמע וואָלט דאָ געווען, וואָלט זי נישט רויט געוואָרן פאַר איר ניקאָלינקען...“ און ווייט איז אַוועק מיין דמיון צו דידאָ־זיקע ליבע געשטאַלטן. איך האָב מיך דערמאַנט אין דער לאָנקע פאַר אונזער שטוב, אין די הויכע ליפּעס אין גאָרטן, אין דעם קלאָרן גאָרטן־טייכל, איבער וועלכן עס זענען געפלויגן שוועלבעלעך, אין דעם בלויען הימל, אויף וועלכן עס זענען געשטאַנען ווייסע דורכזיכטיקע וואָלקנס, אין די ווילשמעקעדיקע קופּעס היי, און נאָך אַ סך רויקע טייערע זכרונות האָבן זיך געטראָגן אין מיין צערודערטן דמיון.

---

*) מען דאַרף נישט טאַנצן, אַז מען קאָן נישט.

XXIII.

נאָך דער מאַזורקע

באַם אָוונט-טיש האָט דער יונגערמאַן, וואָס האָט געטאַנצט אין דער ערשטער פּאָר, זיך צוגעזעצט צו אונזער קינדערישן טיש און אויף מיר באַזונדערס געקוקט; דאָס וואָלט אודאי געשמייכלט מיין אייגנליבע, ווען איך וואָלט געקאָנט, נאָכדעם, וואָס מיט מיר איז געשען, עפּעס פילן. אָבער דער יונגערמאַן האָט, אַפּנים, שטאַרק געוואָלט מיך אויפמונטערן. האָט ער מיר צוגעווינקען מיט אַן אויג, אָנגערופן מיך כוואַט, און בעת די גרויסע האָבן נישט באַמערקט, צוגעגאָסן מיר וויין אין בעכער אַריין פון אַלע פלעשער און דורכויס געצוווּנגען, איך זאָל אויסטרינקען. ווען דאָס אָוונט-ברויט האָט זיך שוין פאַרענדיקט און דער הויזפאַרוואַלטער האָט מיר אָנגעגאָסן אַ פערטל בעכערל שאַמפּאַניער פון אַ פלאַש, פאַרוויקלט אין אַ סערוועטל, און דער יונגערמאַן האָט עס געהייסן אָנגיסן מיר פול און געצוווּנגען, איך זאָל עס אויסטרינקען מיט איין קלאַפּ, האָב איך דערשפּירט אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט איבערן גאַנצן לייב, אַ באַזונדערע צוגעבונדנקייט צו מיין באַשיצער און זיך עפּעס זייער שטאַרק צעלאַכט.

פּלוצלינג האָבן זיך דערהערט פון זאַל די קלאַנגען פון גרויספאָטער*), און מען האָט אָנגעהויבן אויפשטיין פון טיש. מיין פריינטשאַפט מיטן יונגנמאַן האָט זיך באַלד איבערגעריסן: ער איז אַוועק צו די גרויסע און איך האָב מיך נישט דערוועגט צו גיין נאָך אים; בין איך אַוועק און נייגיריק זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס פרוי וואַלאַכין האָט גערעדט מיט דער טאָכטער.

— נאָך אַ האַלבע שעה, — האָט סאָניעלע מיט איבערצייגונג געזאָגט.

---

*) אַזאַ שפּיל.

— כ'לעבן, מען קען נישט, מיין מלאכל.

— נו, פאר מיר, איך בעט דיך — האט זי געזאגט און זיך גע־לאשמשעט צו דער מוטער.

— נו, וועט דיר זיין פריילעך, אז איך וועל מארגן קראנק ווערן? — האט פרוי וואלאכין געזאגט און נישט פארזיכטיק א שמייכל געטון.

— א, דו לאזסט! פארבלייבן מיר? — איז סאניעלע געשפרונגען פון שמחה.

— וואס זאל איך טון מיט דיר? גיי טאנצן... אט האסטו א קא־וואלער, — האט זי אנגעוויזן אויף מיר.

סאניעלע האט מיר דערלאנגט די האנט און מיר זענען אוועקגעלאפן אין זאל אריין.

דער אויסגעטרונקענער וויין, דאס, וואס סאניעלע געפינט זיך דערביי און איר פריילעכקייט מאכן מיך פארגעסן אן דער אומגליקלעכער פאסי־רונג בא דער מאזורקע. פארשידענע קונץ־שטיק האב איך ארויסגעווארפן מיט די פיס: דא האב איך נאכגעמאכט א פערד און לאנגזאם אונטערגע־שפרונגען, אויפהייבנדיק שטאלץ די פיס, דא האב איך געקלאפט מיט די פיס אויף איין ארט, ווי א באראן, וואס כעסט אויף א הונט, בשעת מעשה האב איך פריי געלאכט און א האר נישט געטראכט פון דעם. וואס פאר אן איינדרוק דאס וועט מאכן אויף די צוזעער. סאניעלע האט אויך נישט אויפגעהערט צו לאכן; זי האט געלאכט דערפון, וואס מיר האבן זיך געדרייט, האלטנדיק זיך פאר די הענט, זי האט געלאכט, קוקנדיק אויף עפעס אן אלטן הער, וואס האט אויפגעהויבן הויך די פיס און איבערגע־טרעטן איבער א טיכל מיט אזא מינע, ווי דאס וואלט אים זייער שווער געווען צו טון און זי האט געקייכט פאר געלעכטער, בשעת איך בין אונ־טערגעשפרונגען כמעט ביזן סופיט און געוואלט דערמיט באווייזן מיין געשיקטקייט.

דורכגייענדיק דער באבעס קאבינעט, האב איך א קוק געטון אויף זיך אין שפיגל: דאס פנים אין שוויס, די האר צעשויבערט און צעשליי־דערט מער ווי אן אנדערש מאל; אבער דער אלגעמיינער אויסדרוק פון געזיכט איז געווען אזא פריילעכער, אזא גוטער און געזונטער, אז איך בין מיר אליין געפעלן.

„ווען איך וואלט אלע מאל אויסגעזעען אזוי, ווי איצט, — האב איך א טראכט געטון, — וואלט איך נאך געקאנט געפעלן ווערן".

אָבער אַז איך האָב פונדאָסניי אַ קוק געטון אויפן שיינעם פנימל פון מיין דאַמע, האָט עס, אויסער פריילעכקייט, געזונט און זאַרגלאָזיקייט, וואָס איז מיר געפעלן געווען אין מיינעם, אויסגעדריקט אַזוי פיל עלעגאַנץ און צאַרטע שיינקייט, אַז עס האָט מיר גענומען באַנג טון אויף זיך: איך האָב פאַרשטאַנען, אַז פאַר מ י ר איז נאַריש צו האָפן, איך זאָל געפעלן אַזאַ רייצנדיק ווען.

איך האָב נישט געקאָנט האָפן אויף אַ קעגנזייטיק געפיל און האָב אויך נישט געטראַכט וועגן דעם: מיין האַרץ איז אַזוי אויך געווען איבערגעפילט מיט גליק. איך האָב נישט פאַרשטאַנען, אַז הינטער דעם ליבעגעפיל, וואָס האָט אָנגעפילט מיין נשמה מיט פרייד, וואָלט מען געקאָנט פאָדערן נאָך מער גליק און פאַרלאַנגען, אַז דאָסדאָזיקע געפיל זאָל קיינמאָל נישט אויפהערן. נאָר מיר איז אַזוי אויך געווען גוט. דאָס האַרץ האָט געשלאָגן, דאָס בלוט האָט נאָכאַנאַנד צוגעפלאָסן צו אים און עס האָט זיך געוואָלט וויינען.

אַז מיר זענען דורכגעגאַנגען דורכן קאָרידאָר, פאַרביי דעם טונקעלן אַלקירל, אונטער די טרעפ, האָב איך אַ קוק געטון אויף אים און געטראַכט: „וואָס וואָלט עס געווען פאַר אַ גליק, ווען מען וואָלט עס געקאָנט דאָס גאַנצע לעבן אויסלעבן מיט איר אין אָט דעם טונקעלן אַלקירל! און קיינער זאָל נישט וויסן, אַז מיר וווינען דאָרט!“

— היינט איז פריילעך, נישט וואָר? — האָב איך געזאָגט מיט אַ שטיל ציטעריק קול און געמאַכט שנעלערע טריט, זיך דערשרעקנדיק נישט אַזוי פאַר דעם, וואָס איך האָב געזאָגט, ווי פאַר דעם, וואָס איך האָב געוואָלט זאָגן.

— יאָ... זייער! — האָט זי געענטפערט און אויסגעדרייט צו מיר דאָס קעפל מיט אַזאַ אָפנהאַרציקן גוטן אויסדרוק, אַז איך האָב מיך אויפגעהערט צו שרעקן.

— איבערהויפט נאָכן אָוונט-טיש... אָבער ווען איר וואָלט געוווסט, ווי עס איז מיר אַ שאָד (איך האָב געוואָלט זאָגן „טרויעריק“, אָבער איך האָב מיך נישט דערוועגט), וואָס איר פאָרט אַוועק באַלד און מיר וועלן זיך מער נישט זעען.

— פאַרוואָס וועלן מיר זיך מער נישט זעען? — האָט זי זיך שאַרף צוגעקוקט צו די שפיצן פון אירע שיכעלעך און דורכגעפירט מיטן פינגער איבער די געפלאָכטענע שירמען, לעבן וועלכע מיר זענען געגאַנגען, —

אַלע דינסטיק און פרייטיק פֿאָרן מיר מיט דער מאַמעשי אויפֿן טוועדער בולוואַר. איר גייט דען נישט שפּאַצירן?

— וועל איך מיך זיכער בעטן דינסטיק, און אויב מען וועט מיך נישט לאָזן, וועל איך אַליין אַנטלויפֿן — אָן אַ היטל. דעם וועג ווייס איך.

— ווייסט איר, וואָס? — האָט סאָניעלע פֿלוצלינג געזאָגט. — אייניקע יינגלעך, וואָס קומען צו אונז, זאָג איך דו. לאָמיר זיך אויך זאָגן דו. ווילסט? — האָט זי צוגעגעבן, אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און אַריינגעקוקט מיר גלייך אין די אויגן אַריין.

אין דער מינוט זענען מיר אַריינגעגאַנגען אין זאַל און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער צווייטער לעבעדיקער טייל פֿון גרויספֿאָטער. — גיב...ט, — האָב איך געזאָגט, בשעת די מוזיק און דער טומל האָבן געקאָנט פֿאַרשרייען מיינע ווערטער.

— גיב, און נישט גיט, — האָט מיר סאָניעלע אויסגעבעסערט און זיך צעלאַכט.

דער גרויספֿאָטער האָט זיך געענדיקט, און איך האָב נישט באַוויזן צו זאָגן קיין איין פֿראַזע אויף דו, הגם איך האָב מיר אַלץ צוגעטראַכט אַזעלכע אויסדרוקן, ווו דאָסדאָזיקע באַמענוואָרט זאָל עטלעכע מאָל אײַבערגעחזרט ווערן. קיין מוט נישט געהאַט דערויף. „ווילסט?” „גיב” — האָט געקלונגען אין מיינע אויערן און מיך אַזוי פֿאַרשיכורט: אויסער סאָניעלען, האָב איך גאָרנישט געזען. איך האָב געזען, ווי מען האָט אונטערגעהויבן אירע לאָקן, פֿאַרלייגט זיי הינטער די אויערן און איר אויפֿגעדעקט אַ טייל שטערן און שלייף, וועלכע איך האָב נאָך פֿריער נישט געזען; איך האָב געזען, ווי מען האָט זי איינגעוויקלט אין גרינעם שאַרף און עס האָט זיך בלויז אַרויסגעזען דאָס שפּיץ נעזל; איך האָב באַמערקט, אַז ווען זי וואָלט נישט געמאַכט מיט אירע ראָזע פֿינגערלעך אַ קליינטשיק לעכעלע באַם מויל, וואָלט זי זיך זיכער דערשטיקט און איך האָב געזען, ווי אַראָפּגייענדיק פֿון די טרעפּ, הינטער איר מוטער, האָט זי זיך געשווינד אויסגעדרייט, אַ שאָקל געטון מיטן קעפּל און פֿאַרשוווּנדן געוואָרן הינטער דער טיר.

וואָלאָדיע, די איווינס, דער יונגער פּירשט, איך — מיר אַלע זענען געווען פֿאַרליבט אין סאָניעלען און, שטייענדיק אויף די טרעפּ, באַגלייט זי מיט די אויגן. איך ווייס נישט, צו וועמען זי האָט באַזונדערס אַ שאָקל

געטון מיטן קאָפּ, אָבער אין דער מינוט בין איך געווען פעסט איבער־צייגט, אַז דאָס האָט זי בלויז מיך געמיינט.

באַם געזעגענען זיך מיט די איווינס האָב איך זייער פריי, אפילו עטוואָס קאַלט, אויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער מיט סעריאָזשען און אַ דריק געטון אים די האַנט. אויב ער האָט פאַרשטאַנען, אַז פון היינטיקן טאָג אָן האָט ער פאַרלוירן מיין ליבע און די מאַכט איבער מיר, האָט עס אים, מסתמא, באַנג געטון, הגם ער האָט זיך באַמיט אויסצווייזן גאַנץ גלייכ־גילטיק.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן האָב איך פאַרראַטן אין ליבע און דאָס ערשטע מאָל איבערגעלעבט די זיסקייט פון דעמדאָזיקן געפיל. עס איז מיר געווען זייער אָנגענעם אויסצוטוישן דאָס אָפּגענוצטע געפיל פון צוגעוווינטער טרייקייט אויף אַ פריש ליבעגעפיל, פול מיט סודות און אומבאַוווּסטקייט. און חוצדעם — אויפהערן ליבן און גלייכצייטיק זיך איינליבן — הייסט ליב באַקומען דאָפּלט שטאַרקער, ווי פריער.

XXIV.

אין בעט

— ווי אַזוי האָב איך עס געקאָנט אַזוי הייס און אַזוי לאַנג ליב האָבן סעריאָזשען, — האָב איך געשמועסט מיט זיך אַליין, ליגנדיק אין בעט. — ניין, ער האָט עס קיינמאָל נישט פאַרשטאַנען, נישט געקאָנט עס אָפּשאַצן, ווי געהעריק, און איז נישט ווערט געווען מיין ליבע. אָבער סאָניטשקע? וואָס פאַר אַ מין זיס מיידעלע! „ווילסט דו?“ „דו דאַרפסט אָנהייבן“.

איך בין אויפגעשפרונגען אויף אַלע פיר, לעבעדיק זיך פאָרגע־שטעלט איר פּנימל, צוגעדעקט דעם קאָפּ מיט דער קאָלדרע, און פאַר־רוקט זי אונטער מיר פון אַלע זייטן, און אַז עס איז קיין איין שפּעלטל נישט געבליבן, האָב איך מיך אָנידערגעלייגט און, דערשפּירנדיק אַן אָנגע־נעמע וואַרעמקייט, האָב איך מיך אָפּגעטונקט אין זיסע חלומות און זכרונות.

צוגעשמידט די אומבאַהאָלפֿענע בליקן צו דעם אונטערשלאַק פֿון דער געשטעפּטער קאָלדרע, האָב איך סאָניעלען דערזען אַזוי דײַטלעך, ווי מיט אַ שעה צוריק; אין דמיון האָב איך גערעדט מיט איר, און דער־דאָזיקער געשפּרעך, כאָטש ער האָט קיין זין נישט געהאַט, האָט מיר געגעבן אומבאַשרײַבלעך פֿאַרגעניגן, מחמת ד ו, ד י ר, מ י ט ד י ר, ד י נ ע האָבן זיך נאָכאַנאַנד דורכגעוואָרפֿן אין אים.

דידאָזיקע טרוימען זענען געווען אַזוי קלאָר און דײַטלעך, אַז איך האָב נישט געקאָנט אײַנשלאָפֿן פֿון זיסער אויפֿרעגונג און מיט עמעצן האָט זיך געוואָלט טיילן דעם איבערפֿלוס פֿון גליק.

— ליבינקע! — האָב איך כמעט הויך אַרויסגעזאָגט און זיך איבערגעקערט אויף דער צווייטער זײַט. — וואָלאָדיע, דו שלאָפֿסט?

— ניין, — האָט ער געענטפֿערט מיט אַ פֿאַרשלאָפֿן קול. — וואָס איז?

— איך בין פֿאַרליבט, וואָלאָדיע! שטאַרק פֿאַרליבט אין סאָניעלען.

— נו, בכן? — האָט ער געפֿרעגט און זיך געשמאַק אויסגעצויגן די ביינער.

— אַך, וואָלאָדיע, דו קאָנסט זיך גאָרנישט פֿאָרשטעלן, וואָס עס טוט זיך מיט מיר... אָט בין איך איצט געלעגן אײַנגעוויקלט אין דער קאָלדרע און געזען זי אַזוי קלאָר, אַזוי קלאָר, און גערעדט מיט איר, אַז עס איז פּשוט אַ וווּנדער. און ווייסטו נאָך וואָס? בשעת איך ליג און טראַכט וועגן איר, גאָט ווייסט פֿאַרוואָס, ווערט עפּעס אומעטיק און עס ווילט זיך שרעקלעך וויינען.

וואָלאָדיע האָט זיך באַוועגט.

— נאָר איין זאַך וואָלט איך געוואָלט, — האָב איך ווײַטער גע־זאָגט, — שטענדיק זײַן מיט איר צוזאַמען. שטענדיק זי זען און נישט מער. און דו ביסט פֿאַרליבט? זאָג דעם אמת, וואָלאָדיע.

אַ מאָדנע זאַך, מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זאָלן זײַן פֿאַרליבט אין סאָניעלען און אַלע זאָלן עס דערציילן.

— וואָס גייט עס דיך אָן? — האָט וואָלאָדיע געזאָגט און זיך אויסגעדרייט צו מיר מיטן פּנים. — אפשר יאָ.

— דו ווילסט נישט שלאָפֿן, דו מאַכסט זיך! — האָב איך גע־נומען שרייַען, באַמערקנדיק פֿון זײַנע גלאַנציקע אויגן, אַז ער טראַכט גאָרנישט פֿון שלאָפֿן און האָט גאָר אָפּגעוואָרפֿן פֿון זיך די קאָלדרע. —

לאָמיר בעסער רעדן פון איר. נישט וואָר, אַ זיס קינד ?... אַזאַ זיס קינד, אַז זי זאָל מיר, אַ שטייגער, זאָגן : „ניקאָלינקע, שפּרינג אַרויס פון פענצטער אָדער וואַרף זיך אַריין אין פייער", שווער איך דיר, אַז איך וואָלט תיכף אַ שפּרונג געטון, און מיט שמחה. אַך, סאַראַ זיס קינד ! — האָב איך צוגעגעבן און באַלד זי דערזעען אין דמיון, און כדי זיך איבער-צוגעבן דעם תענוג פון דעמדאָזיקן געשטאַלט, האָב איך מיך פלינק אי-בערגעקערט אויף דער צווייטער זייט און פאַררוקט דעם קאָפּ הינטערן קישן. — וויינען ווילט זיך, וואָלאָדיע !

— אָט איז אַ שוטה ! — האָט ער געזאָגט, שמייכלענדיק און נאָכ-דעם, נאָך אַ קליינעם שווייגן : — איך בין גאָרנישט אַזוי, ווי דו. אַז מען וואָלט, מיין איך, געקאָנט, וואָלט איך פריער געוואָלט זיצן לעבן איר און רעדן...

— אָ, דו ביסט אויך פאַרליבט ? — האָב איך אים איבער-געשלאָגן.

— דערנאָך, — האָט וואָלאָדיע ווייטער געזאָגט און ווייך גע-שמייכלט, — דערנאָך וואָלט איך געקושט אירע פינגערלעך, די אייגלעך, די ליפּלעך, דאָס נעזל, די פיסלעך — זי אינגאַנצן אויסגעקושט...

— נאַרישקייטן ! — האָב איך גענומען שרייען פון הינטער די קישנס.

— דו פאַרשטייסט גאָרנישט, — האָט וואָלאָדיע מיט פאַראַכטונג געזאָגט.

— ניין, איך פאַרשטיי, נאָר דו פאַרשטייסט נישט און רעדסט נאַ-רישקייטן, — האָב איך געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן.

— אָבער וויינען דאַרף מען דאָך נישט. גאָר ווי אַ מיידעלע !

XXV.

דער בריוו

דעם 16-טן אַפּריל, כּמעט אין זעקס חדשים אַרום נאָך דעם באַשריבענעם טאָג, איז דער פֿאָטער אַרויף צו אונז אין דעם אייבערשטן צימער בשעתן לערנען און געמאָלדן, אַז מיר פֿאָרן מיט אים היינט באַנאַכט אין דאָרף אַריין. באַ דערדאָזיקער ידיעה האָט מיר פֿאַרדריקט דאָס האַרץ און מיין געדאַנק איז באַלד אַוועקגעפֿלויגן צו דער מאַמען.

די סיבה פֿון אונזער אומגעריכטן אָפּפֿאָרן איז געווען דער פֿאָלגנדיקער בריוו:

פּעטראָווסקאָיע, דעם 12-טן אַפּריל.

„נאַר-וואָס, ניין אַ זייגער אין אָוונט, האָב איך באַקומען דיין גוטן בריוו פֿון 3-טן אַפּריל און, לויט מיין שטענדיקער געוווינהייט, ענטפֿער איך טאַקע די רגע. פֿעדאָר האָט אים נאָך נעכטן געבראַכט צו פֿירן פֿון שטאָט, אָבער אַזוי ווי עס איז שוין געווען שפּעט, האָט ער היינט איבערגעגעבן מימין. אָבער מימי האָט מיר אַ גאַנצן טאָג נישט איבערגעגעבן דעם בריוו, אונטער דעם אויסרייד, אַז איך בין געווען נישט געזונט און צעררודערט. איך האָב טאַקע געהאַט אַ ביסל היץ, און אַז איך זאָל דיר אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, איז שוין באַלד דער פֿערטער טאָג, ווי איך בין נישט באַם בעסטן געזונט און שטיי נישט אויף פֿון בעט.

„איך בעט דיך, שרעק זיך נישט, ליבער פֿריינט: איך פֿיל מיך גאַנץ גוט, און אויב איוואַן וואַסיליטש וועט לאָזן, וועל איך מיך מאָרגן אויפֿהייבן פֿון בעט.

„דעם פֿאַרגאַנגענעם פֿרייטיק בין איך געפֿאָרן מיט די קינדער שפּאַצירן, אָבער דאָרט, ווו עס הייבט זיך אָן דער גרויסער שליאַך, באַם בריקעלע, וואָס פֿלעגט אויף מיר שטענדיק אָנוואַרפֿן אַן אימה, זענען די

פערד איינגעזונקען אין בלאָטע. געווען איז דער טאָג א שיינער, איז מיר איינגעפאַלן, איך זאָל מיך דורכגיין א ביסל צופוס ביזן שליאך און דערווייל וועט מען אַרויסשלעפּן דעם עקיפּאַזש. דערגייענדיק ביזן קלויסטערל, בין איך זייער מיד געוואָרן און זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען, אָבער אַזוי ווי עס האָט געדויערט באַ א האַלבער שעה, ביזוואַנען עס זענען זיך צונויפגעקומען מענטשן אַרויסצושלעפּן דעם עקיפּאַזש, איז מיר דערווייל קאַלט געוואָרן, דער עיקר אין די פיס, וואָרים איך האָב געטראָגן שיך מיט דינע פּאָדעשוועס און איך האָב זיי איינגענעצט. נאָכן מיטאָג האָט מיך געוואָרפן אין קעלט און אין היץ, אָבער ווי דער שטייגער איז, בין איך מיר אַרומגעגאַנגען און נאָך דער טיי האָב איך מיך געזעצט שפּילן מיט לובקעלען אין פיר הענט. (דו וועסט זי נישט דערקענען: אַזאַ פּעולה האָט זי געהאַט!). אָבער שטעל זיך פאָר מיין פאַרוווּנדערוּנג, אַז איך האָב נישט געקאָנט באַרעכענען דעם טאַקט. עטלעכע מאָל האָב איך מיך גענומען באַרעכענען, אָבער אַלץ האָט זיך באַלד אויסגעמישט אין קאָפּ און איך האָב געפילט א שרעקלעך גערויש אין די אויערן. איך האָב געציילט: איינס, צוויי, דריי, דערנאָך פּלוצלינג: אַכט, פינפצען און דער עיקר — איך האָב געזעען, אַז איך פּלאָנטער מיך און זיך דאָך נישט געקאָנט באַהערשן. דערנאָך איז מימי געקומען מיר צו הילף און כמעט איבערגעוואַלט אַריינגעלייגט מיך אין בעט אַריין. אָט האָסטו, מיין פריינט, אַן אויספירלעכן באַריכט, ווי אַזוי איך בין נישט-געזונט געוואָרן און ווי אַזוי איך בין אַליין שולדיק דערין. אויף מאָרגן האָב איך געהאַט היץ, אין גאַנץ שטאַרקע היץ, און עס איז געקומען אונזער גוטער אַלטער איוואַן וואַסיליטש, וואָס וווינט נאָך ביז היינט באַ אונז און ער איז מבטיח, אַז אינגיכן וועט ער מיך צוריק אַרויסלאָזן אויף גאָטס וועלט. א גאָלדענער אַלטיטשקער דערדאָזיקער איוואַן וואַסיליטש! בשעת איך בין געלעגן און גערעדט פון היץ, האָט ער א גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט אַן אויג און אַלץ געזעסן לעבן מיין בעט; איצט ווייסט ער, אַז איך שרייב א בריוו, זיצט ער מיט די מיידעלעך אין דיוואַן-צימער, און איך הער פון שלאָפצימער, ווי ער דערציילט זיי דייטשע מעשהלעך און ווי זיי, הערנדיק אים, ווערן צעגאַנגען פון געלעכטער.

„La belle Flamande”, ווי דו רופסט זי, פאַרברענגט שוין באַ אונז די צווייטע וואָך, ווייל איר מוטער איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן צו גאַסט און מיט איר השגחה ווייזט זי מיר אַרויס אמתע טרייסאַפט. זי טרויט מיר אָן די סאַמע אינטימסטע סודות. מיט איר שיין געזיכט, מיט

איר גוט האַרץ און יונגקייט וואָלט פון איר אין אַלע פּרטים געקאָנט אַרויס אַ וויל מיידל, ווען זי וואָלט זיך געפינען אין גוטע הענט. אָבער אין יענער געזעלשאַפט, וווּ זי געפינט זיך, ווערט זי אינגאַנצן פאַרלוירן גיין, ווי זי דערציילט אַליין. מיר איז געקומען אויפן זינען, אַז ווען איך וואָלט נישט געהאַט אַזוי פיל אייגענע קינדער, וואָלט איך געטון אַ גוטע זאַך, ווען איך וואָלט זי גענומען צו זיך.

„לובקעלע האָט דיר אַליין געוואָלט שרייבן, אָבער זי האָט שוין צעריסן דאָס דריטע בייגעלע פּאַפּיר און טענהט: „איך ווייס, אַז דער פּאַפּאַ האָט ליב צו חוזקן. וועל איך מאַכן כאָטש איין גרייז, וועט ער עס אַלעמען באַווייזן”. קאַטיעלע איז נאָך אַלץ אַזוי ליב, מימי איז אויך די זעלבע גוטע און לאַנגווייליקע.

„איצט לאָמיר זיך אַדורכשמועסן וועגן ערנסטע זאַכן: דו שרייבסט מיר, אַז דיינע געשעפטן גייען נישט גוט דעם ווינטער און אַז דו וועסט מוזן נעמען כאַבאַראָווקער געלט. ס'איז מיר אפילו קשה, וואָס דו בעטסט דערויף מיין הסכמה. שוין-זשע איז דאָס, וואָס איז מיינס, אויך נישט דיינס?

„ביסט אַזוי גוט, מיין פריינט, אַז אויס מורא צו פאַרשאַפן מיר עגמת-נפש, פאַרבאַרגסטו דעם אמתן צושטאַנד פון דיינע געשעפטן. אָבער איך שטויס מיך אָן: האָסט אוודאי אַ סך פאַרשפּילט, אָבער איך שווער דיר, אַז דאָס קימערט מיך נישט. קאָן מען אויסבעסערן די זאַך, זאָלסטו קיין סך, בעט איך דיך, נישט טראַכטן און נישט מוטשען זיך אומזיסט. איך בין נישט געווינט צו האָפן אויף דיין געווינס פאַר די קינדער, און, אַנטשולדיק מיר, אפילו אויף דיין גאַנץ פאַרמעגן. דיין געווינען פרייט מיך אַזוי, ווי עס קימערט מיך דיין פאַרשפּילן. מיך איז נאָר מצער דיין אומגליקלעכע תאווה צו שפּילן, וואָס נעמט מיר אַוועק אַ טייל פון דיין צאַרטער ליבשאַפט און וואָס צווינגט מיך צו זאָגן דיר אַזעלכע ביטערע וואַרהייטן, ווי איצט; אָבער גאָט ווייסט, ווי דאָס איז מיר פיינלעך. איך הער נישט אויף צו בעטן גאָט וועגן איין זאַך: ער זאָל אונז אויסלייזן... נישט פון אָרימקייט (וואָס איז אָרימקייט?), נאָר פון יענער שרעקלעכער לאַגע, ווען די אינטערעסן פון די קינדער, וועלכע איך דאַרף באַשיצן, וועלן קומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט אונזערע. ביז אַהער האָט גאָט אָנגענומען מיין תפילה: דו האָסט נישט אַריבערגעכאַפּט די גרענעץ, וואָס נאָך איר זאָלן מיר דאַרפן אָדער מקריב זיין מיטן פאַרמעגן, וואָס געהערט

שוין נישט צו אונז, נאָר צו אונזערע קינדער, אָדער... אַן אימה כאַפּט מיך אַרום בײַ דער מחשבה, אָבער דאָסדאָזיקע שרעקלעכע אומגליק דראָעט אונז שטענדיק. יאָ, דאָס איז אַ שווערער נסיון, וואָס גאָט האָט אונז ביידע צוגעשיקט.

„דו שרייבסט מיר נאָך וועגן די קינדער און קערסט זיך אום צו אונזער אַלטן וויכּוח: דו בעטסט מיך, איך זאָל מסכּים זיין אַרײַנצוגעבן זיי אין אַ לערן-אַנשטאַלט. דו קענסט אָבער מיין מיינונג וועגן אַזאַ מין דערציִונג...

„איך ווייס נישט, ליבער פריינט, צי דו וועסט זיין איינפאַרשטאַנדען מיט מיר; יעדנפאַלס אָבער בעט איך דיך מיט תּחנונים, דו זאָלסט מיר מבטיח זיין — נישט פון ליבע צו מיר — אַז כּל זמן איך וועל לעבן און אויך נאָך מיין טויט, אויב דעם איבערשטן וועט זיין באַוויליקט אונז פונאַנדערצושיידן, קיינמאָל דאָס נישט צו טון.

„דו שרייבסט מיר, אַז דו מוזסט אַראָפּפאָרן קיין פּעטערבורג מכּוח אונזערע ענינים. גאָט זאָל דיך שיצן, מיין פריינט, פאָר און קום באַלד צוריק. אַן דיר איז אונז אַלעמען לאַנגווייליק! דער פרילינג איז וואונדערלעך שיין; די טיר פון באַלקאָן האָט מען שוין אַראָפּגענומען, דאָס שטעגעלע צום שפּעקט איז נאָך מיט פיר טעג צוריק געווען אינגאַנצן טרוקן, די מאָרעלן האַלטן אין בליען, בלויז ערטערווייז ליגט נאָך שניי, שוועלבעלעך זענען געקומען און היינט האָט לובקעלע געבראַכט די ערשטע פרילינג-בלומען. דער דאָקטאָר זאָגט, אַז אין אַ טאָג דריי אַרום וועל איך שוין זיין אינגאַנצן געזונט און איך וועל קאָנען אָטעמען מיט דער פרישער לופט און זיך וואַרעמען אויף דער פרילינג-זון. זיי-זשע מיר געזונט, מיין ליבער פריינט, זיי נישט אומרויִק, איך בעט דיך, נישט פון מיין קראַנקייט, נישט פון דיין פאַרשפּילן; פאַרענדיק גיכער דיינע געשעפטן און קום צו פאָרן צו אונז מיט די קינדער אויפן גאַנצן זומער. איך האָב זייער שיינע פּלענער, ווי אַזוי מיר זאָלן פאַרברענגען דעם זומער און נאָר דו פעלסט, אַז זיי זאָלן מקויים ווערן".

דער פאָלגנדיקער טייל פון בריוו איז געווען געשריבן אויף פראַנצויזיש, אויף אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר, מיט אַ געבונדענעם און נישט-גלייכן כּתב. איך זעץ אים איבער וואָרט בײַ וואָרט.

„גלייב נישט דערין, וואָס איך האָב דיר געשריבן וועגן מ׳ין קראַנקייט; קיינער פאַרשטייט נישט, ווי ווייט זי איז ערנסט. איין זאַך ווייס איך, אַז פון בעט וועל איך שוין נישט אויפשטיין. נישט פאַרליר קיין

אין מינוס, קום באַלד צו פאָרן און ברענג די קינדער. אפשר וועל איך זיי קענען נאָכאַמאָל ארומנעמען און בענטשן. דאָס איז מיין לעצטער ווונטש. איך ווייס, וואָס פאַר א שרעקלעכער קלאַפּ דאָס וועט זיין פאַר דיר; אָבער פריער, צי שפּעטער, פון מיר אָדער פון אַנדערע וואָלסטו איס סיי ווי באַקומען. לאָמיר זיך באַמיען פעסט און מיט בטחון אין גאָטס חסד איבערצוטראָגן דאָסדאָזיקע אומגליק. לאָמיר זיך אונטערוואַרפן גאָטס רצון.

„זאָלסט נישט מיינען, אַז דאָס, וואָס איך שרייב, איז בלויז פלוידעריי פון א קראַנקער פאַנטאַזיע. פאַרקערט, אין דערדאָזיקער מינוט זענען מיינע געדאַנקען זייער קלאָר, און איך בין גאַנץ רויק. זאָלסטו זיך נישט טרייסטן מיט דער אומזיסטער האָפנונג, אַז איך בין מיך טועה, אַז דאָס זענען פאַלשע, נישט קלאָרע פאַרגעפילן פון א ציטערדיקער נשמה. ניין, איך פיל, איך ווייס — און איך ווייס עס דערפאַר, ווייל דער אויבערשטער האָט באַוויליקט צו אַנטפּלעקן מיר עס — אַז מיר איז זייער ווייניק געבליבן צו לעבן.

„צי וועט זיך צוזאַמען מיט מיין לעבן אויך ענדיקן די ליבע צו דיר און צו די קינדער? איך פאַרשטיי, אַז עס איז אוממעגלעך. איך פיל צו שטאַרק אין דערדאָזיקער מינוט, איך זאָל קאָנען טראַכטן, אַז דאָס געפיל, וואָס אָן אים פאַרשטיי איך נישט מיין עקזיסטענץ, זאָל ווען-עס-איז אינגאַנצן כלה-ווערן. מיין נשמה קאָן נישט לעבן אָן ליבע צו אייך. און איך ווייס, אַז זי וועט עקזיסטירן אייביק שוין דערפאַר אַליין, וואָס אַזאַ געפיל, ווי מיין ליבע, וואָלט נישט געקאָנט באַשאַפן ווערן, ווען עס זאָל דאַרפן אַמאָל אָפּשטאַרבן.

„איך וועל נישט זיין מיט אייך, אָבער איך בין פעסט איבערצייגט, אַז מיין ליבע וועט אייך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. און דערדאָזיקער געדאַנק איז מיר אַזוי ליב פאַר דער נשמה, אַז רויק און אָן מורא וואַרט איך אויף דער דערנענטערונג פון טויט.

„איך בין רויק און גאָט ווייסט, ווי איך האָב שטענדיק געקוקט און קוק אויך הייַנט אויפן טויט ווי אויף אָן איבערגאַנג צו א בעסער לעבן. אָבער פאַרוואָס שטיקן מיך אַזוי די טרערן?... פאַרוואָס זאָלן די קינדער פאַרלירן זייער געליבטע מוטער? פאַרוואָס זאָל איך דיר פאַרשאַפן אַזאַ שווערן, אַזאַ אומגעריכטן צער? פאַרוואָס זאָל איך שטאַרבן, בשעת אייער ליבע האָט מיר געגעבן אומענדלעך גליק אין לעבן?

„נאָר זאָל געשעען דער הייליקער רצון פון גאָט.

„איך קאָן מער נישט שרייבן פון טרערן. מעגלעך, אַז איך וועל דיך ·נישט זעהן. דאַנק איך דיר, מיין אומשעצבאַרער פריינט, פאַר אַל· דאָס גליק, וואָס דו האָסט מיר געשענקט אין דעמדאָזיקן לעבן; איך וועל דאָרט גאָט בעטן, ער זאָל דיך באַלוינען. זיי מיר געזונט, מיין ליבער פריינט. געדענק, אַז איך וועל נישט זיין, אָבער די ליבע מיינע וועט דיך קיינמאָל און אין ערגעץ נישט פאַרלאָזן. זיי מיר געזונט, וואָ· לאָדיע, זיי מיר געזונט, מיין מלאך, זיי מיר געזונט, בנימין — ניקאָ· לענקע מיינער.

„שוין·זשע וועלן זיי מיך ווען·עס·איז פאַרגעסן ?!"

אין דעמדאָזיקן בריוו האָט מימי אריינגעלייגט אַ פראַנצויזיש צע· טעלע מיט פאָלגנדיקן אינהאַלט:

„די טרויעריקע פאָרגעפילן, וועגן וועלכע זי רעדט דאָ מיט אייך, האָט דער דאָקטאָר אַליין גאַנץ שטאַרק באַשטעטיקט. נעכטן באַנאַכט האָט זי געהייסן באַלד אַוועקשיקן אויף דער פּאָסט דעמדאָזיקן בריוו. מיינענ· דיק, אַז זי האָט דאָס געזאָגט פון היץ, האָב איך געוואַרט ביז היינט אינדערפרי און געפּועלט באַ זיך אים צו עפענען. און באַלד ווי איך האָב אים געעפנט, האָט מיך נאַטאַליע ניקאָלאַיעוונע געפרעגט, וואָס האָב איך געטון מיטן בריוו און געהייסן אים פאַרברענען, אויב מען האָט אים נאָך נישט אַוועקגעשיקט. זי רעדט אַלץ פון בריוו און זאָגט, אַז ער וועט אייך שרעקלעך מצער זיין. לייגט נישט אָפּ אייער נסיעה, אויב איר ווילט נאָך זעהן דעמדאָזיקן מלאך, כּל זמן ער האָט נאָך אונז נישט פאַרלאָזט. זייט מיר מוחל מיין שמירעכטס. דריי נעכט נישט געשלאָפן. איר ווייסט, ווי איך האָב זי ליב!"

נאַטאַליע סאַווישנע, וואָס האָט די גאַנצע נאַכט פון 11·טן אַפּריל פאַרבראַכט אין דער מאַמעס שלאָפצימער, האָט מיר דערציילט, אַז נאָכ· דעם, ווי די מאַמע האָט אָנגעשריבן דעם ערשטן טייל פון בריוו, האָט זי אים אַוועקגעלייגט לעבן זיך אויפן טישל און אַנדרימלט געוואָרן.

— איך אַליין, — האָט נאַטאַליע סאַווישנע דערציילט, — בין אויך אַנדרימלט געוואָרן אויף דער לענשטול און דער זאָק איז מיר אַרויס· געפאַלן פון די הענט. הער איך אַזוי דורכן שלאָף — געווען אַרום איינס אַ זייגער — ווי זי וואָלט גערעדט; עפן איך די אויגן, זע איך: זי זיצט, מיין טייבעלע, אין בעט, די הענט אָט אַזוי צונויפגעלייגט און טרערן

פּאַלן-פּאַלן איר, ווי באַב. „איז טאַקע אַלץ געענדיקט?“ נאָר דאָס האָט זי געזאָגט און פאַרדעקט מיט די הענט דאָס פּנים.

בין איך אויפגעשפּרונגען און גענומען פרעגן: וואָס איז מיט אייך?

— נאַטאַליע סאַווישנע, ווען איר זאָלט וויסן, וועמען איך האָב נאָרוואָס געזען?

און וויפיל איך האָב זי נישט געפרעגט, האָט זי מיר מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר געהייסן ברענגען דאָס טישל, צוגעשריבן עפּעס און פאַר זיך אַ זאָג געטון, אַז מען באַדאַרף פאַרקלעבן דעם בריוו און באַלד אַוועקשיקן. ווייטער איז שוין אַלץ אַוועק ערגער און ערגער.

XXVI.

וואָס האָט געוואַרט אויף אונז אין דאָרף?

דעם 25-סטן אַפּריל האָבן מיר אַרויסגעשטיגן פונם וועג-עקיפּאַזש, באַ דעם גאַניק פון פּעטראָווער הויז. אַרויספאָרנדיק פון מאָסקווע, איז דער פּאַפּאַ געווען פאַרטראַכט, און אַז וואָלאָדיע האָט אים געפרעגט, צי איז די דאַמע קראַנק, האָט ער טרויעריק אַ קוק געטון אויף אים און שווייגנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אין וועג האָט ער זיך מערקלעך באַרויקט. אָבער וואָס מער מען האָט זיך דערנענטערט צום הויז, אַלץ אומעטיקער איז ער געוואָרן, און אַז ער איז אַרויס פון עקיפּאַזש און געפרעגט באַ פאָקען, וואָס איז צוגעלאָפן אַ פאַרסאַפּעטער: „ווו איז נאַטאַליע ניקאָלאַיעווונע?“ האָט זיין שטים נישט זיכער געקלונגען און די אויגן זענען אים פאַרלאָפן מיט טרערן. דער גוטער אַלטער פאָקע האָט בגנבה אַ קוק געטון אויף אונז, דערנאָך אַראָפּגעלאָזט די אויגן, געעפנט די טיר אין פאָרצימער, זיך אויסגעדרייט און געזאָגט:

— שוין דער זעקסטער טאָג, אַז זיי האָבן נישט באַוויליקט אַרויסצוגיין פון שלאָפצימער.

מילקע, וואָס האָט, ווי איך האָב מיך דערנאָך דערוווּסט, נישט

אויפגעהערט יעמערלעך צו וואָיען פון דעם ערשטן טאָג אָן, זינט די מאַמע איז קראַנק געוואָרן, האָט זיך פריילעך געוואָרפן צום טאַטן — געשפרונגען אויף אים, געהאַוקעט און געלעקט אים די הענט; אָבער דער טאַטע האָט זי אָפּגעשטויסן און אַוועק אין גאַסטצימער, פון דאָרט אין דיוואַנצימער, פונוואַנען מען האָט געקאָנט גיין גלייך אין שלאָפצימער אַריין. וואָס נענטער ער איז צו צו דעמדאָזיקן צימער, אַלץ מער האָט זיך, לויט די באַוועגונגען פון קערפּער, אַרויסגעוויזן זיין אומרויקייט: אין דיוואַנצימער איז ער געגאַנגען אויף די שפּיץ פינגער, קוים איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און זיך פריער איבערגעצלמט, איידער ער האָט באַשלאָסן אָנצורירן דעם שלאָס פון דער פאַרמאַכטער טיר. אין דער צייט איז פון קאָרידאָר אַרויסגעלאָפן מימי, נישט קיין פאַרקעמטע און אַ פאַרווײנטע. „אַך, פּעטער אַלעקסאַנדריטש! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט מיט אַ מינע פון אמתער פאַרצווייפלונג, און דערנאָך, אַז זי האָט באַמערקט, אַז דער פּאַפּאַ דרייט איבער דאָס הענטל פון שלאָס, האָט זי זייער שטיל צוגעגעבן: „מען קאָן דאָ נישט אַדורכגיין. פון יענער טיר גייט מען".

אָ, ווי דאָס אַלץ האָט שווער געווירקט אויף מיין קינדערישן דמיון, וואָס האָט פאַרגעזען דאָס אומגליק דורך אַ שרעקלעך פאַרגעפיל!

זענען מיר אַוועק אין צימער פון די מיידלעך; אין קאָרידאָר האָבן מיר אָנבאַגעגנט דעם תּם אַקימען, וואָס פלעגט אונז שטענדיק וויילן מיט זיינע תּנועות, אָבער אין דער מינוט האָט ער מיר נישט בלויז נישט אויסגעוויזן לעכערלעך, נאָר קיין זאַך האָט מיך אַזוי נישט איבערראַשט, ווי די מראה פון זיין נאַריש-גלייכגילטיק פּנים. אין צימער האָבן צוויי מיידלעך, וואָס זענען פריער געזעסן באַ אַן אַרבעט, זיך אויפגעשטעלט, צו באַגריסן אונז, אָבער מיט אַזוינע טרויעריקע פּנימער, אַז מיך האָט דורכגענומען אַ פּחד. אַריין צו מימין אין צימער, האָט דער פּאַפּאַ געעפנט די טיר פון שלאָפצימער און מיר זענען אַריינגעגאַנגען. רעכטס פון דער טיר זענען געווען צוויי פענצטער, פאַרהאָנגען מיט טיכער. באַ איין פענצטער איז געזעסן נאַטאַליע סאַוּוישנע מיט ברילן אויף דער נאָז און געשטריקט אַ זאָק. זי האָט אונז נישט געקומען קושן, ווי זי פלעגט שטענדיק טון, זי האָט זיך נאָר אויפגעהויבן, אַ קוק געטון אויף אונז איבער די ברילן און טרערן האָבן זיך איר אַ שאָט געטון, ווי באָב. מיר

איז זייער נישט געפעלן געוואָרן, וואָס אַלע האָבן גענומען וויינען, בשעת זיי האָבן אונז דערזעען און פריער זענען זיי געווען גאַנץ רויק.

לינקס פון דער טיר זענען געשטאַנען שירמען, הינטער די שירמען — אַ בעט, אַ טישל, אַ שאַנק, פאַרשטעלט מיט רפואות און אַ גרויסע לענשטול, אויף וועלכער עס האָט געדרימלט דער דאָקטאָר. לעבן בעט איז געשטאַנען אַ יונג, העל־בלאָנד און מערקווירדיק־שיין מיידל, אין אַ ווייסער מאָרגן־קאַפּאָט און מיט עטוואָס פאַרקאַטשעטע הענט צוגעלייגט אייז צו דער מאַמעס קאָפּ; די מאַמען האָב איך אין דערדאָזיקער מינוט נישט געקאָנט זען. אָט דאָס מיידל איז עס געווען „la belle Flamande", וועגן וועלכער די מאַמע האָט געשריבן און וואָס האָט דערנאָך געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אינם לעבן פון אונזער פאַמיליע. באַלד ווי מיר זענען אַריין, האָט זי צוגענומען די האַנט פון דער מאַמעס קאָפּ און פאַרריכט זיך אויף דער ברוסט די פאַלדן פון איר קאַפּאָט, און דערנאָך שטיל געזאָגט: „אָן חושים".

איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגן אין דער מינוט, אָבער אומגערן האָב איך באַמערקט די אַלע קליינקייטן. אין צימער איז געווען כמעט פינצטער, הייס און עס האָט גלייכצייטיק געשמעקט מיט מיענטע, מיט קעלניש וואַסער, מיט ראָמאַשקעס און מיט האָפמאַנס טראָפּנס. דערדאָזיקער ריח האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז נישט נאָר בשעת איך שפּיר אים — אפילו בשעת איך דערמאָן מיך אָן אים, שפּרינגט באַלד איבער מיין פאַנטאַזיע אין יענעם טריבן דושנעם צימער און לעבט אויף פונדאָסניי די קלענסטע פּרטים פון יענעם שרעקלעכן מאָמענט.

דער מאַמעס אויגן זענען געווען אָפן, אָבער זי האָט גאָרנישט געזעען... אָ, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעמדאָזיקן שרעקלעכן בליק! ער האָט אויסגעדריקט אַזוי פיל יסורים!...

מען האָט אונז אַרויסגעפירט.

בשעת איך האָב דערנאָך בײַ נאַטאַליע סאַווישנען געפרעגט וועגן דער מאַמעס לעצטע מינוטן, האָט זי מיר אָט וואָס פאַרציילט:

— אַז מען האָט אייך אַרויסגעפירט, האָט זי זיך נאָך לאַנג אַרומגעוואָרפן, ס׳טײַבעלע מײַנס, פונקט ווי איר וואָלט אָט דאָ עפּעס געדריקט. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּעלע פון קישן און אַנדרימלט געוואָרן אַזוי שטיל און רויק, אַזוי ווי אַ מלאך. בין איך נאָר אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון, פאַרוואָס דערלאַנגט מען איר נישט צום טרינקען און אַרײַן צוריק, ערשט זי האָט שוין, מײַן טײַערע, אַלץ צעשלײַדערט אַרום

זיך און ווינקט נאָר צו אייער פּאַפּעלען; בייגט ער זיך איין צו איר, האָט זי שוין אָבער מער קיין כּוח נישט צו זאָגן, וואָס זי וויל, עפנט זי נאָר די ליפּעלעך און קרעכצט אַלץ אָפּ: „גאָט מיינער! גאָט! די קינדער! די קינדער!“ האָב איך געוואָלט לויפן רופן איין, האָט מיך איוואַן וואַסיליטש פאַרהאַלטן, געזאָגט: מען דאַרף נישט, דאָס וועט זי נאָכמער באַאומרויקן. דערנאָך האָט זי שוין בלויז אויפגעהויבן די האַנט און ווידער אַראָפּגעלאָזט. און וואָס האָט זי געמיינט דערמיט, ווייסט איין גאָט. איך מיין, אַז זי האָט אייך אונטער די אויגן געבענטשט. גאָט האָט איר נישט באַשערט אָנצוקוקן אירע קינדערלעך פאַרן טויט. דערנאָך האָט זיך, ס'טייבעלע מיינס, אויפגעהויבן, געמאַכט אַזוי מיט דער האַנט און גענומען רעדן מיט אַזאַ קול, וואָס לאָזט זיך אפילו נישט איבער־געבן מיט ווערטער: „הייליקע מוטער, נישט פאַרלאָז זיי!...“ דאָ זענען איר שוין די יסורים צוגעטרעטן צום סאַמע האַרץ. אָן די אויגן איז געווען קענטיק, אַז זי האָט זיך, געבעך, שרעקלעך געמו־טשעט; איז זי געפאַלן אויפן קישן, אַ כאַפּ געטון מיט די ציין דאָס ליילעך און טרערן, פאַטערל, האָבן זיך איר אַזוי געגאָסן, אַזוי געגאָסן.

— נו, און דערנאָך? — האָב איך געפרעגט.

נאַטאַליע סאַווישנע האָט מער נישט געקאָנט רעדן; זי האָט זיך אויסגעדרייט און זיך ביטער צעוויינט.

די מאַמע איז אויסגעגאַנגען אין שרעקלעכע יסורים.

XXVII.

דער ווי

אויף מאָרגן, שפּעט אין אָוונט, האָב איך ווידעראַמאָל געוואָלט אַ קוק טון אויף איר. דערשטיקנדיק אין זיך דאָס אומגערנדיקע געפיל פון פּחד, האָב איך שטיל געעפנט די טיר און אויף די שפּיץ פינגער אַריין אין זאַל.

אינמיטן צימער, אויפן טיש, איז געשטאַנען די טרומנע און אַרום

איך האָב אויסגעברענטע ליכט אין הויכע זילבערנע לייכטער. אין אַ ווייטן ווינקל איז געזעסן אַ דיאַק און מיט אַ שטיל איינטאָניק קול געזאָגט תהילים.

איך בין געבליבן שטיין בײַ דער טיר און גענומען קוקן; אָבער מײַנע אויגן זענען געווען אַזוי פֿאַרווײנט און מײַנע נערוון אַזוי צערודערט, אַז איך האָב קיין זאַך נישט געקאָנט זען: מאָדנע האָט זיך עפּעס אַלץ צונויפֿגעגאָסן: ליכט, גאָלדשטאָף, סאַמעט, גרויסע לייכטער, אַ ראָז קישעלע, אַרומגענייט מיט טיול, אַ קרענצל, אַ הויב מיט די לענטעס און נאָך עפּעס. וואָס איז געווען דורכזיכטיק און געל, ווי וואַקס. איך האָב מיך אויפֿגעהויבן אויף אַ שטול, צו זען איר געזיכט, אָבער אויף דעם אָרט, וווּ דאָס געזיכט איז געווען, האָב איך פֿונדאָסניי דערזען די בלאַס-געלע דורכזיכטיקע זאַך. איך האָב נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס זאָל זיין איר געזיכט. איך האָב מיך גענומען איינקוקן אין אים מיט מער אָנשטרענגונג און ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן דערקענען אין אים די באַקאַנטע ליבע שטריכן. איך האָב אויפֿגעשוידערט פֿון שרעק, בשעת איך האָב מיך איבערצייגט, אַז דאָס איז זי. אָבער פֿאַרוואָס זענען די אָפּענע אויגן אַזוי איינגעפֿאַלן? פֿאַרוואָס אַזאַ שרעקלעכע בלאַסקייט און אויף איין באַק אַזאַ טונקעלער פֿלעק אונטער דער דורכזיכטיקער הויט? פֿאַרוואָס איז דער אויסדרוק פֿון פּנים אַזוי שטרענג און קאַלט? פֿאַרוואָס זענען די ליפּן אַזוי בלייך און זענען צוזאַמענגעלייגט אַזוי שיין, אַזוי מאַיעסטעטיש און דריקן אויס אַזאַ נישט ערדישע רויִקייט, אַז אַ קאַלטער ציטער לויפֿט מיר אַדורך איבערן רוקן און איבער די האָר, בשעת איך קוק מיך איין אין אים?

איך האָב געקוקט און געשפּירט, ווי עפּעס אַן אומפֿאַרשטענדלעכע, אומבאַזיגבאַרע קראַפֿט ציט מיר אַלץ די אויגן צו דעמדאָזיקן פּנים אָן לעבן. איך האָב נישט אַראָפּגענומען דערפֿון די אויגן און דער דמיון האָט מיר געמאָלט בילדער, וואָס האָבן געבליט מיט לעבן און גליק. איך האָב פֿאַרגעסן, אַז דער טויטער קערפּער, וואָס איז געלעגן פֿאַר מיר און וואָס איך האָב אויף אים זינלאָז געקוקט, ווי אויף אַ זאַך, וואָס האָט קיין שום שייכות נישט צו מײַנע דערינערונגען, איז עס געווען ז י. איך האָב זי מיר פֿאָרגעשטעלט דאָ אין אַזאַ, דאָ אין אַנדערער פּאָזע: אַ לעבעדיקע, אַ פֿרייִלעכע, אַ שמייכלענדיקע. דערנאָך האָט מיך פּלוצלינג איבערראַשט עפּעס אַ שטריך אין איר בלייכן פּנים, אויף וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשטעלט מײַנע אויגן; דעמאָלט האָב איך מיך דערמאָנט אָן דער

שרעקלעכער ווירקלעכקייט, האָב אויפגעשווידערט, אָבער נישט אויפגעהערט צו קוקן. און ווידער האָבן מיינע טרוימען פאַרנומען דאָס אָרט פון דער ווירקלעכקייט און ווידער האָט דאָס באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט צעשטערט מיינע טרוימען. צולעצט, איז דער דמיון מיד געוואָרן און אויפגעהערט מיך צו נאַרן; אָבער דאָס באַוווסטזיין פון דער ווירקלעכקייט איז אויך פאַרשווונדן געוואָרן און איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרגעסן. איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך האָב מיך געפונען אין דעמדאָזיקן צושטאַנד, איך ווייס נישט, וואָס איז עס אַזוינס געווען דערדאָזיקער צושטאַנד. איך ווייס נאָר, אַז אויף אַ צייט האָב איך פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין פון מיין עקזיסטענץ און איבערגעלעבט עפּעס אַ הויכן, אומדערקלערלעך־אָנגענעמען און טרויעריקן תענוג.

אפשר האָט איר שיינע נשמה, וואָס איז אַוועקגעפלויגן אין אַ בעסערער וועלט, מיט טרויער זיך אומגעקוקט אויף דער וועלט, ווו זי האָט אונז איבערגעלאָזט; און זי האָט דערזעען מיין טרויער און זיך דערבאַרעמט איבער אים. און אויף די פליגלען פון ליבע, מיט אַ הימלישן שמייכל פון באַדויערונג, זיך אַראָפּגעלאָזט צוריק אויף דער ערד, כדי מיך צו טרייסטן און צו בענטשן.

די טיר האָט אַ סקריפּע געטון און אין צימער איז אַריין אַ דיאַק, וואָס האָט באַדאַרפט טוישן דעם ערשטן. דאָסדאָזיקע גערויש האָט מיך אויפגעוועקט און דער ערשטער געדאַנק, וואָס מיר איז איינגעפאַלן, איז געווען, אַז דערפאַר, וואָס איך וויין נישט און שטיי אויף אַ שטול אין אַ פּאָזע, וואָס ווייזט לחלוטין נישט אויס קיין צער, קאָן מיך דער דיאַק אָננעמען פאַר אַ געפיללאָזן יינגל, וואָס איז פון רחמנות אָדער פון נייגיריקייט אַרויפגעקראָכן אויף אַ שטול: האָב איך מיך איבערגעצלמט, זיך פאַרנייגט און גענומען וויינען.

אַז איך דערמאָן מיך איצט אין יענע איינדרוקן, געפין איך איין, אַז בלויז די איינע מינוט פון אַלייןפאַרגעסונג איז געווען אמתער וויי. פאַר און נאָך דער קבורה האָב איך נישט אויפגעהערט צו וויינען און געווען טרויעריק, אָבער מיר איז שווער צו דערמאַנען יענעם טרויער, ווייל אין אים איז שטענדיק צוגעמישט געווען עפּעס אַ געפיל פון אייגנליבע: דאָ האָט זיך געוואָלט ווייזן, אַז איך בין מיך מצער מער פון אַלעמען, דאָ האָב איך מיך געזאָרגט דערויף, וואָס פאַר אַ רושם דאָס וועט מאַכן אויף די איבעריקע, דאָ איז מיך סתם באַפאַלן עפּעס אַ נייגיריקייט, וואָס האָט מיך געצוווּנגען צו אָבסערווירן מימיס הויב און די פּנימער פון

די בייגעלעך. איך האָב מיך פאַרהאַסט דערפאַר, וואָס איך גיי נישט אַריין מיטן גאַנצן האַרצן אין אײן װײַ-געפיל און באַמי מיך צו פאַרבאָרגן די אַלע אַנדערע: דעריבער איז מײַן טרויער געווען נישט אויפריכטיק און נישט באַטירלעך. חוץ דעם, האָב איך געהאַט עפּעס הנאה דערפון, וואָס איך בין אומגליקלעך און זיך באַמיט צו דערוועקן דאָס באַוווסטזײַן פון אומגליק. און אַט דאָס עגאָיסטישע געפיל האָט אין מיר מער פון אַלע אַנדערע פאַרטויבט דאָס עכטע געפיל פון טרויער.

דורכגעשלאָפן די נאַכט שטאַרק און רויִק, ווי עס טרעפט אַלעמאָל נאָך אַ שטאַרקן צער, בין איך אויפגעשטאַנען מיט אויסגעטרוקנטע טרערן און מיט באַרויִקטע נערוון. ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט מען אונדז גערופן צו דער מעסע. דאָס צימער איז געווען פול מיט הויף-מענטשן און פויערים, וואָס זענען מיט טרערן אויף די אויגן געקומען זיך געזעגענען מיט זייער פריצהטע. בשעת די תפילות האָב איך אָנשטענדיק געוויינט, זיך געצלמט און געבוקט ביז צו דער ערד. אָבער אין האַרץ האָב איך נישט געבעטן צו גאָט און געווען גאַנץ גלייכגילטיק; איך האָב מיך געזאָרגט וועגן דעם, אַז מײַן ניי האַלבפראַקעלע, וואָס איך האָב אָנגעטון, זאָל מיך שטאַרק דריקן אונטער די פאַכוועס; איך האָב געטראַכט, ווי אַזוי נישט אײַנצושמוצן מײַנע הייזלעך צופיל בײַ די קני און בגנבה אָבסערווירט די בייגעוועזענע. דער טאַטע איז געשטאַנען צוקאָפּנס בײַ דער טרומנע, געווען בלאַס, ווי אַ טוך, און מיט קענטיקער אָנשטרענגונג אײַנגעהאַלטן די טרערן. זײַן הויכע פיגור אין שוואַרצן פראַק, זײַן בלאַס אויסדריקלעך געזיכט און זײַנע, ווי אַלע מאָל, גראַציעזע און זיכערע באַוועגונגען, בשעת ער האָט זיך געצלמט, זיך געבוקט ביז צו דער ערד, גענומען פון גלחס האַנט דאָס ליכט אָדער צוגעגאַנגען צו דער טרומנע — דאָס אַלץ איז געווען זייער עפעקטפול. אָבער איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר איז גראָד נישט געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט אין דערדאָזיקער מינוט געקאָנט אויסווייזן אַזוי עפעקטפול. מימי איז געשטאַנען אָנגעשפאַרט אָן דער וואַנט און, ווי עס האָט געשיינט, זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. דאָס קלייד איז איר געווען צעקנייטשט און אין פעדערן, די הויב אויף אַ זייט; די פאַרשוואָלענע אויגן רויט, דער קאָפּ האָט זיך געטרייסלט; זי האָט נישט אויפגעהערט צו וויינען מיט אַ האַרצרײַסנדיק קול און כסדר פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט אַ טיכל און מיט די הענט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי האָט דערפאַר פאַרשטעלט דאָס געזיכט פון די דערבײַיִקע, ווייל זי האָט געוואָלט אַ מינוט אָפּרוען

פונם כלומרשטן יאָמערן. איך האָב מיך דערמאַנט, ווי זי האָט נעכטן געזאָגט דעם טאַטן, אַז דער מאַמעס טויט וועט פאַר איר זיין אַזאַ שרעקלעכער קלאַפּ, אַז זי האָפט גאָרנישט איבערצוטראָגן אים, אַז מיט דער מאַמען איז אַלץ פאַרלוירן געגאַנגען פאַר איר, אַז דערדאָזיקער מלאך (אַזוי האָט זי אָנגערופן דער מאַמען) האָט זי סאַמע פאַרן טויט נישט פאַרגעסן און האָט אַרויסגעזאָגט איר ווונטש צו פאַרזיכערן אויף שטענדיק די צוקונפט פון איר און קאַטיעלען. דערציילנדיק עס, האָט זי געגאָסן מיט ביטערע טרערן; מעגלעך, אַז זי האָט געהאַט אַן אויפריכטיק ווייגעפיל, אָבער עס איז נישט געווען ריין און גאַנץ. לובקעלע, אין אַ שוואַרץ קליידעלע, באַנייט מיט טרויערלענטעס, אינגאַנצן נאַס פון טרערן, האָט געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט דאָס קעפּל, און טיילמאָל געכאַפּט אַ קוק אויף דער טרומנע. איר געזיכט אָבער האָט דערביי אויסגעדריקט בלויז קינדערישן פחד. קאַטיעלע איז געשטאַנען לעבן דער מוטער, און, נישט געקוקט אויף איר אָנגעגוירט פּנימל, איז זי געווען אַזוי ראָז, ווי אַלע מאָל. וואָלאָדיעס אָפנהאַרציקע נאַטור איז אויך אין צער געווען אָפנהאַרציק: דאָ איז ער געשטאַנען פאַרטראַכט, אויסגעשטעלט די אומבאַוועגלעכע אויגן אויף עפּעס אַ פּונקט, דאָ האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן קרימען זיין מויל און ער האָט זיך האַסטיק גענומען צלמען און בוקן. די אַלע זייטיקע, וואָס זענען געווען אויף דער לויה, זענען מיר געווען אומאָנגענעם. די טרייסט־פראַזן, וואָס זיי האָבן צוגעוואָרפן דעם טאַטן — אַז איר וועט זיין דאָרט בעסער, אַז זי איז נישט געווען צוגעפּאַסט פאַר דער וועלט — האָבן אין מיר דערוועקט פאַרדראָס.

„וואָס פאַר אַ רעכט האָבן זיי געהאַט צו רעדן און וויינען איבער איר?" אַנדערע פון זיי, רעדנדיק וועגן אונז, האָבן אונז אָנגערופן י ת ו מ י ם. פּונקט ווי אָן זיי וואָלט מען נישט געוווּסט, אַז קינדער, וואָס האָבן נישט קיין מאַמען, ווערן אָנגערופן מיט דעמדאָזיקן נאָמען! זיי איז מסתמא געווען געפעלן, וואָס זיי גיבן אונז די ערשטע אַזאַ מין נאָמען, פּונקט אַזוי ווי מען איילט זיך געווייגלעך אָנצורופן דאָס ערשטע מאָל מ אַ ד אַ ם אַ מיידל, וואָס האָט נאָר־וואָס חתונה געהאַט.

אין ווייטן ווינקל פון זאַל, כמעט פאַרבאָרגן הינטער דער טיר פון בופעט, איז געשטאַנען אויף די קני אַן איינגעהויקערטע גרויע זקנה. די הענט צונויפגעלייגט און די אויגן אויסגעשטעלט צום הימל, האָט זי נישט געוויינט, נאָר גאָט געבעטן. איר נשמה האָט געשטרעבט צו גאָט, און זי האָט אים געבעטן, ער זאָל באַהעפטן איר נשמה מיט יענערס, וועמען זי

האָט ליבער געהאַט פון אַלץ אויף דער וועלט און זי האָט טאַקע שטאַרק געהאָפט, אַז דאָס וועט איינגיכן געשעען.

„אָט ווער ס׳האָט זי באמת ליב געהאַט!“ האָב איך אַ טראַכט געטון און האָב מיך געשעמט פאַר זיך אַליין.

די מעסע האָט זיך געענדיקט. דאָס פנים פון מת איז געווען אָפּ־געדעקט און אַלע אָנוועזנדיקע, אויסער אונז, זענען איינער נאָכן צווייטן צוגעגאַנגען צו דער טרומנע און זיך צוגערירט מיט די ליפּן.

צולעצט, איז צוגעגאַנגען זיך געזעגענען מיטן נפטר עפּעס אַ פויערטע מיט אַ שיין פינפיעריק מיידעלע אויף די הענט, וואָס איין גאָט ווייסט, צו וואָס זי האָט עס געבראַכט אַהער. אין דער צייט איז מיר אומגעערן אַרויסגעפאַלן דאָס נאַסע טיכל פון דער האַנט, נאָר באַלד, ווי איך האָב מיך איינגעבויגן און געוואָלט עס אויפהייבן, האָט מיך איבער־ראַשט אַ שרעקלעכער דורכדרינגלעכער אויסגעשריי, אָנגעזאַפּט מיט אַזוי־פיל פחד, אַז ווען איך זאָל אפילו לעבן הונדערט יאָר, וועל איך אים אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, און אַז ווען איך דערמאַן מיך אָן אים, לויפט מיר תמיד דורך אַ קאַלטער ציטער איבערן גאַנצן לייב. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ — אויפן טאַבורעט, לעבן דער טרומנע, איז גע־זעסן די זעלבע פויערטע און מיט גרויס מי איינגעהאַלטן אויף דער האַנט דאָס מיידעלע, וואָס האָט געוואָרפן מיט די הענטלעך, פאַרבייגט דאָס איבערגעשראָקענע פנימל אַהינטער, און, אויסגלאָצנדיק די אייגעלעך אויפן מת, געשריגן מיט אַ מאוימדיק־ווילד קול. איך האָב אויסגעשריגן מיט אַ קול, וואָס איז געווען, מיין איך, נאָך מאוימדיקער פון יענעם, וואָס האָט מיך אַזוי איבערראַשט, און אַרויסגעלאָפן פון צימער.

בלויז אין דעם מאָמענט האָב איך פאַרשטאַנען, פונוואַנען עס שטאַמט יענער שווערער שטאַרקער ריח, וואָס האָט אָנגעפילט דאָס צי־מער צוזאַמען מיטן גערוך פון ווייררויך. און דער געדאַנק, אַז דאָס גע־זיכט, וואָס איז מיט עטלעכע טעג צוריק געווען שיין און צאַרט, דאָס געזיכט פון יענער. וועמען איך האָב ליב געהאַט מער פון אַלץ אויף דער וועלט, האָט געקאָנט דערוועקן שרעק, האָט מיר אַזוי ווי צום ערשטן מאָל אַנטפּלעקט דעם ביטערן אמת און אָנגעפילט דאָס האַרץ מיט יאוש.

XXVIII.

די לעצטע טרויעריקע דערינערונגען

די מאַמע איז שוין נישט געווען, און אונזער לעבן איז זיך גע-גאַנגען אויף דעם זעלבן שטייגער: מיר פלעגן אויפשטיין און זיך לייגן אין די זעלבע שעהן און אין די זעלבע צימערן; טיי אינדערפרי, טיי אינאָוונט, מיטאָג, אָוונטברויט — אַלץ אין דער געוויינלעכער צייט; די טישן, די שטולן זענען געשטאַנען אויף די זעלבע ערטער; קיין שום זאַך האָט זיך נישט געענדערט אין אונזער הויז און אין אונזער שטיי-גער לעבן; בלויז זי איז נישט געווען...

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָך אַזאַ אומגליק האָט זיך אַלץ באַ-דאַרפט פאַרענדערן; אונזער געוויינלעכער לעבנסשטייגער האָט מיר אויס-געוויזן, ווי אַ באַליידיקונג פאַר איר זכרון און האָט צו שטאַרק דער-מאָנט, אַז זי פעלט.

אַ טאָג פאַר דער קבורה, נאָך מיטאָג, האָט זיך מיר פאַרוואָלט שלאָפן, בין איך אַוועק צו נאַטאַליע סאַווישנען אין צימער; איך האָב מיך געוואָלט אַריינלייגן צו איר אין בעט, אויף דער ווייכער פערענע, אונטער דער וואַרעמער געשטעפּטער קאָלדרע. אַז איך בין אַריין אין צימער, איז נאַטאַליע סאַווישנע געלעגן אין בעט און, משמעות, געשלאָפן; דערהערט מיינע טריט, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַפּגעוואָרפן דאָס וואָ-לענע טיכל, מיט וועלכן זי האָט באַדעקט דעם קאָפּ פון פליגן, פאַרריכט דעם הויב און זיך אַוועקגעזעצט אויפן ברעג בעט.

אַזוי ווי פריער נאָך פלעגט גאַנץ אָפט טרעפן, אַז איך פלעג נאָך מיטאָג קומען שלאָפן צו איר אין צימער, האָט זי זיך אָנגעשטויסן, צו וואָס איך בין געקומען; זי האָט זיך אויפגעהויבן און געזאָגט:

— וואָס? מסתמא געקומען אָפּרוען, מיין טייבעלע? לייגט אייך אַריין אין בעט.

— וואָס רעדט איר, נאַטאַליע סאַווישנע! — האָב איך געזאָגט,

צוהאַלטנדיק זי בײַ דער האַנט. — איך בין גאָר נישט געקומען צוליב דעם... איך בין אַזוי געקומען... איר זענט דאָך אַליין זייער אויסגעמאַטערט: לייגט אייך בעסער אַליין אין בעט.

— ניין, פּאָטערל, איך האָב מיך שוין אויסגעשלאָפן, — האָט זי געזאָגט (איך האָב געוווּסט, אַז זי איז שוין נישט געשלאָפן דריי מעת־לעת). — אגב איז איצט נישט די צייט צו שלאָפן, — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ טיפן זיפץ.

מיר האָט זיך געוואָלט דורכשמועסן מיט נאַטאַליע סאַווישנען וועגן אינזער אומגליק. איר אויפריכטיקייט און ליבע איז מיר געווען גוט באַקאַנט, און דעריבער וואָלט פאַר מיר געווען אַ גרויסע טרייסט זיך אויסצווויינען אינאיינעם מיט איר.

— נאַטאַליע סאַווישנע — האָב איך געזאָגט, עטוואָס צוגעשוויגן און זיך אַרײַנגעזעצט אין בעט, — האָט איר זיך געריכט דערויף?

די אַלטע האָט מיך אָנגעקוקט מיט גרויס חידוש און בייגיר; זי האָט, אַפּנים, נישט פאַרשטאַנען, צו וואָס איך פרעג עס.

— ווער האָט זיך געקאָנט ריכטן דערויף? — האָב איך נאָכאַמאָל געזאָגט.

— אַך, פּאָטערל מיינס, — האָט זי געזאָגט און מיך אָנגעקוקט מיט צאַרטער מיטלייד, — נישט דאָס, וואָס ריכטן זיך — איך קאָן אפילו נישט טראַכטן וועגן דעם. נו, מיר, דער זקנה, איז שוין לאַנג צייט געווען אָוועקצולייגן די אַלטע ביינער אין קבר. אָט זע, צוואָס איך האָב מיך דערלעבט: דעם אַלטן פריץ, אייער זיידן, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, דעם פירשט ניקאָלאַי מיכאַילאָוויטש, די צוויי ברידער, די שוועסטער אַנושקע — אַלעמען באַגראָבן און אַלע, פּאָטערל, זענען געווען יינגער פאַר מיר, און איצט האָב איך באַדאַרפט פאַר מיינע זינד, אַפּנים, איבערלעבן די פריצהטע אויך. גאָט האָט, מסתמא, אַזוי געוואָלט. און דערפאַר האָט ער זי טאַקע צוגענומען צו זיך, ווייל זי האָט עס כשר פאַרדינט, און גוטע מענטשן באַדאַרף ער דאָרטן אויך האָבן.

אָט דער פשוטער געדאַנק האָט מיך ממש מחיה געווען, און איך האָב מיך נענטער צוגערוקט צו נאַטאַליע סאַווישנען. זי האָט צונויפגעלייגט די הענט אויפן האַרץ און אַ קוק געטון אַרויף. די איינגעפאַלענע פייכטע אויגן אירע האָבן אויסגעדריקט גרויסן, אָבער רויקן טרויער. זי האָט שטאַרק געהאָפט, אַז גאָט וועט זי נישט אויף לאַנג צעשיידן מיט

יענער, אויף וועלכער זי האָט אַזוי פיל יאָרן קאָנצענטרירט די גאַנצע קראַפט פון איר ליבע.

— יאָ, פאָטערל מיינס, דאַכט זיך, ווי לאַנג איז עס געווען — געניאַנטשעט און געוויקלט זי און זי פלעגט מיך רופן נאַשע. און אַמאָל פלעגט זי צולויפן צו מיר, אַרומכאַפּן מיך מיט די הענטלעך און קושן און זאָגן דערביי:

— נאַשיק מיינס, שיינינקע מיינס, אינדיקל מיינס.

פלעג איך וועלן אַ שפּאַס טון און זאָגן:

— נישט אמת, מאַמעלע, איר האָט מיך נישט ליב. אָט אַז איר וועט אויסוואַקסן און חתונה האָבן, וועט איר אייער נאַשען פאַרגעסן. — פלעגט זי זיך פאַרטראַכטן — „ניין, פלעגט זי זאָגן, וועל איך בעסער נישט חתונה האָבן, אויב איך וועל נאַשען נישט קאָנען נעמען מיט זיך. איך וועל נאַשען קיינמאָל נישט פאַרלאָזן“. און אָט האָט זי מיך פאַרלאָזט. און ליב האָט זי מיך געהאַט, די פאַרשטאָרבענע! נאָר וועמען האָט זי נישט ליב געהאַט, דעם אמת געזאָגט. יאָ, פאָטערל, אייער מאַמעשי טאָרט איר נישט פאַרגעסן. דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ מלאך פון הימל. ווען איר נשמה וועט קומען אויף יענער וועלט, וועט זי אייך אויך דאָרט ליב האָבן און זיך אויך דאָרט פרייען מיט אייך.

— למאי זאָגט איר, נאַטאַליע סאַווישנע, ווען זי וועט קומען אויף יענער וועלט? — האָב איך געפרעגט. — איך מיין, אַז זי איז שוין איצט אויך דאָרט.

— ניין, פאָטערל, האָט נאַטאַליע סאַווישנע זיך אָנגערופן עטוואָס שטילער און זיך צוגעזעצט נענטער צו מיר. — איצט איז איר נשמה דאָ.

און זי האָט אַ ווייז געטון אויבן, אינדערהייך. זי האָט גערעדט כמעט שעפּטשענדיק און מיט אַזויפיל געפיל און איבערצייגונג, אַז איך האָב נישט ווילנדיק אויפגעהויבן די אויגן אַרויף, געקוקט אויף די קאַרניזן און געזוכט עפּעס.

— איידער די נשמה פון אַ צדיק קומט אַריין אין גן-עדן, באַדאַרף זי נאָך דורכגיין פערציק יסורים, פאָטערל מיינס, און זי קאָן נאָך פערציק טעג זיין באַ זיך אין שטוב.

נאָך לאַנג האָט זי גערעדט אין דעם זעלבן נוסח און מיט אַזאַ

פשטות און זיכערקייט, פונקט ווי זי וואָלט דערציילט סאַמע געוויינלעכע זאַכן, וואָס זי האָט אַליין געזעען און וואָס וועגן זיי האָט קיינער קיין שום ספק נישט געקאָנט האָבן. איך האָב מיך צוגעהאָרכט מיט אַ פאַר־האַלטענעם אָטעם, און הגם איך האָב נישט גאָר גוט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס זי האָט גערעדט, דאָך האָב איך איר פולשטענדיק געגלייבט.

— יאָ, פאָטערל, איצט איז זי דאָ, זי קוקט אויף אונז און הערט אפשר, וואָס מיר רעדן, — האָט נאַטאַליע סאַווישנע פאַרענדיקט.

און, אַראָפּגעלאָזט דער קאָפּ, איז זי אַנטשוויגן געוואָרן. זי האָט באַדאַרפט האָבן אַ טיכל, כדי אָפּצווישן די פאַלנדיקע טרערן, האָט זי זיך אויפגעהויבן, אַ קוק געטון מיר גלייך אין פּנים אַריין און אַ זאָג געטון מיט אַ ציטערדיקער שטימע פון אויפרעגונג:

— אויף אַ סך שטאַפּעלעך האָט מיך גאָט דערמיט דערנענט צו זיך. וואָס איז מיר דאָ איצט געבליבן? פאַר וועמען זאָל איך לעבן? וועמען ליב האָבן?

— און אונז האָט איר דען נישט ליב? — האָב איך אַ זאָג געטון מיט פאָרוואורף און זיך קוים איינגעהאַלטן פון טרערן.

— גאָט אַליין ווייסט, ווי איך האָב אייך ליב, מיינע טייבעלעך, אָבער אַזוי ליב האָבן, ווי איך האָב זי ליב געהאַט, האָב איך קיינעם נישט ליב געהאַט און וועל נישט ליב האָבן.

זי האָט מער נישט געקאָנט רעדן, זיך אויסגעדרייט פון מיר און אויפן קול זיך פונאַנדערגעוויינט.

איך האָב שוין נישט געטראַכט פון שלאָפן; שווייגנדיק זענען מיר געזעסן איינער קעגן צווייטן און געוויינט.

פאָקע איז אַריין אין צימער; באַמערקט, ווי מיר זיצן, האָט ער, משמעות, נישט געוואָלט אונז באַאומרויקן, איז ער געבליבן שטיין בײַ דער טיר און זיך אַרומגעקוקט שטיל און ציטעריק.

— נאָך וואָס ביסטו געקומען, פאָשקע? — האָט נאַטאַליע סאַווישנע געפרעגט און זיך אויסגעווישט מיטן טיכל די אויגן.

— ראָזינקעס אַנדערטהאַלבן פונט, צוקער פיר פונט און סאַראָ־טשינסקער הירזש דריי פונט פאַרן הזכרה־מאַלצייט.

— באַלד, באַלד, פאָטערל, — האָט נאַטאַליע סאַווישנע געזאָגט, אייליק אַ שמעק געטון טאַבאַק און מיט שנעלע טריטלעך אַוועק צום קאַסטן. די לעצטע שפּורן פון טרויער, דערוועקט דורך אונזער שמועס,

זענען פאַרשוווּנדן געוואָרן, ווען זי האָט זיך גענומען פאַר איר אַרבעט, וואָס האָט איר אויסגעוויזן זייער וויכטיק.

— למאי פיר פונט ? — האָט זי וואָרטשענדיק געפרעגט, אַרויס־נעמענדיק דעם צוקער און אָפּוועגנדיק אים אויף אַ בעזמען. — דריי מיט אַ האַלבן וועט אויך זיין גענוג.

און זי האָט אַראָפּגענומען פון דער וואָג עטלעכע שטיקלעך.

— און וואָס איז דאָס אַזויגס, ערשט נעכטן גענומען אַכט פונט הירזש און היינט שוין ווידער ! ווי דו ווילסט זיך, פּאַקאַ דעמידיטש, נאָר איך וועל דיר קיין הירזש נישט געבן. דאָס איז וואַנקע זייער צופרידן, וואָס אין שטוב איז אַ בהלה ; ער מיינט, אַז מען וועט נישט באַמערקן. נאָר איך וועל קיין כאַבאַר נישט געבן פאַרן פריצישן גוטס. נו, איז עס געהערט געוואָרן — אַכט פונט ?

— אָבער ווי זאָל זיין ? ער זאָגט, אַז עס איז נישטאָ מער.

— נו, נאַ, נעם, נאַ ! זאָל ער נעמען !

עס האָט מיך איבעררעאַשט דערדאָזיקער איבערגאַנג פון אַ רירנדיק געפיל, מיט וועלכן זי האָט געשמועסט מיט מיר, צו וואָרטשערײַ און קליינלעכע חשבונות. אַז איך האָב שפּעטער געטראַכט פון דעם, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, האָט זי דאָך געהאַט גענוג מוט צו טון איר זאַך און דער כּוח פון גע־וווינהייט האָט זי געצויגן צו אירע געוויינלעכע אַרבעטן. דער וויי האָט אַזוי שטאַרק געווירקט אויף איר, אַז זי האָט נישט געהאַלטן פאַר נייטיק צו פאַרבאַרגן, אַז זי קאָן זיך באַשעפטיקן מיט זייטיקע זאַכן. זי וואָלט אפילו נישט פאַרשטאַנען, ווי אַזוי קאָן עס גאָר קומען אויפן זינען אַזאַ מין געדאַנק.

גאווה איז אַ געפיל, וואָס הארמאָנירט נישט מיט אמתן צער, און דאָך איז אָט דאָס געפיל אַזוי איינגעוואָרצלט אין כאַראַקטער פון מענטשן, אַז אפילו דער שטאַרקסטער צער קאָן עס זעלטן פאַרטרייבן. באַ אַ צער דריקט זיך אויס די גאווה אינם פאַרלאַנג אויסצוווייזן אַמאָל געקרענקט, אָדער אומגליקלעך, אָדער פעסט אין דער דעה. דידאָזיקע געמיינע פאַר־לאַנגען, אין וועלכע מיר זענען זיך נישט מודה, אָבער וועלכע פאַרלאָזן אונז כּמעט קיינמאָל נישט — אפילו אין דעם גרעסטן טרויער — נעמען צו באַם טרויער זיין כּוח, זיין ווירדע און זיין אויפריכטיקייט. נאַטאַליע סאַווישנע איז אָבער געווען אַזוי טיף צעטרייסלט פון איר אומגליק, אַז

אין הארץ איז איר קיין שום פאַרלאַנג נישט געבליבן, און געלעבט האָט
זי בלויז פון געוואוינהייט.

ארויסגעגעבן פּאַקען זיין פּראָוויזיע און דערמאַנט אים דעם סאָרט,
וואָס מען באַדאַרף צוגרייטן פאַר די כּלי קודש, האָט זי גענומען דעם
זאַק און זיך ווידער אַנידערגעזעצט לעבן מיר.

געשמועסט האָט מען ווידער פון דעם זעלבן און מיר האָבן ווייטער
געוויינט און זיך פונדאַסניי אויסגעווישט די טרערן.

די שמועסן מיט נאַטאַליע סאַווישנען האָבן זיך איבערגעחזרט יעדן
טאָג; אירע שטילע טרערן און די פרומע רויקע רייד האָבן מיר געבראַכט
טרייסט און פאַרלייכטערונג.

אינגיכן אָבער האָט מען אונז צעשיידט: אין דריי טעג אַרום נאָך
דער לוויה זענען מיר מיטן גאַנצן הויז אַריינגעפאָרן קיין מאָסקווע און
מער איז מיר נישט באַשערט געווען זי צו זעען.

מיט אונזער אָנקומען האָט זיך די באָבע דערוווּסט פון דער שרעק-
לעכער בשורה, און איר צער איז געווען אויסערגעוויינלעך גרויס. מען
האָט אונז נישט צוגעלאָזט צו איר, ווייל אַ גאַנצע וואָך איז זי געלעגן אַ
צעחושטע, דאָקטוירים האָבן זיך געשראָקן פאַר איר געזונט, בפרט נאָך,
אַז זי האָט נישט געוואָלט איינעמען קיין שום רפואה, מיט קיינעם נישט
גערעדט, נישט געשלאָפן און נישט געגעסן, טיילמאָל. זיצנדיק אַליין אין
צימער אויף איר לענשטול, פלעגט זי אָנהייבן פלוצלינג לאַכן, דערנאָך
וויינען אָן טרערן; קאָנוווּלסיעס פלעגן זי באַפאַלן און מיט אַ ווילד קול
פלעגט זי אויסשרייען זינלאָזע אָדער שרעקלעכע ווערטער. דאָס איז געווען
דער ערשטער שטאַרקער צער, וואָס האָט זי געטראָפן, ווי אַ דונער; זי
איז אַריינגעפאַלן אין גרויס יאוש. אין איר אומגליק האָט זי עמעצן באַ-
דאַרפט באַשולדיקן, און זי האָט גערעדט שרעקלעכע ווערטער, געסטראַ-
שעט עמעצן און מיט געוואַלטיקע כּוחות אויפגעשפּרונגען פון לענשטול,
מיט גרויסע שנעלע טריט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער און נאָכדעם
אַנידערגעפאַלן אין חלשות.

איינמאָל בין איך אַריין צו איר אין צימער; ווי אַלע מאָל, איז
זי געזעסן אויף איר לענשטול און אויסגעזען גאַנץ רויק. אָבער מיך
האָט איבערראַשט איר בליק; די אויגן אירע זענען געווען ברייט-אָפן,
אָבער דער בליק אַן אומבאַשטימטער און אַ טעמפּער. זי האָט גלייך
געקוקט אויף מיר און מיך, אַפנים, נישט געזען. די ליפּן האָבן לאַנגזאַם
אָנגעהויבן צו שמייכלען און זי האָט גענומען רעדן האַרציק און צאַרט:

„קום אַהער, מיין טייערע, קום אַהער, מיין מלאך". איך האָב געמיינט, אַז זי ווענדט זיך עס צו מיר, בין איך צוגעגאַנגען נענטער, אָבער זי האָט נישט געקוקט אויף מיר. „אַך, ווען דו וואָלסט געוווּסט, נשמה מיינס, ווי איך האָב מיך געמוטשעט און ווי איך בין איצט צופרידן, וואָס דו ביסט געקומען"... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס שטעלט זי זיך פאָר דער מאַמען און בין געבליבן שטיין. „און מיר האָט מען געזאָגט, אַז דו ביסט נישטאָ — האָט זי ווייטער גערעדט אַן אָנגעכמורעטע — סאַראַ נאַרישקייט! קאָנסטו דען שטאַרבן פריער פאַר מיר?" און זי האָט זיך צעלאַכט מיט אַ שרעקלעך היסטעריש געלעכטער.

בלויז די מענטשן, וואָס זענען פעיק שטאַרק צו ליבן, קאָנען זיך אויך שטאַרק מצער זיין. אָבער דאָס זעלבע באַדערפעניש צו ליבן דינט פאַר זיי, ווי אַ מין קעגנווירקונג צו זייער צער און היילט זיי אויס פון אים. דעריבער איז די גייסטיקע נאַטור פון מענטשן לעבנספעיקער, ווי די פיזישע נאַטור. פון אַ צער שטאַרבט מען נישט.

אין אַ וואָך אַרום האָט די באָבע געקאָנט וויינען און עס איז איר לייכטער געוואָרן. אַז זי איז געקומען צו זיך, איז איר ערשטער געדאַנק געווען וועגן אונז, און איר ליבע צו אונז האָט זיך פאַרשטאַרקט. מיר זענען נישט אָפּגעטראָטן פון איר לענשטול. זי האָט שטיל געוויינט, גערעדט וועגן דער מאַמען און האַרציק אונז געצערטלט.

קוקנדיק אויף דער באָבעס טרויער, האָט אוודאי קיינעם נישט געקאָנט איינפאַלן, אַז זי זאָל אים מגזם זיין; דער אויסדרוק פון דעמדאָזיקן טרויער איז געווען שטאַרק און רירנדיק. אָבער איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך האָב מער מיטגעפילט נאַטאַליע סאַווישנען, און נאָך איצט בין איך איבערצייגט, אַז קיין איינער האָט זי אַזוי ריין און אויפריכטיק נישט געליבט און נישט באַדויערט, ווי אָט דאָס פשוטע און הייס-ליבנדיקע ווען.

מיט דער מאַמעס טויט האָט זיך געענדיקט פאַר מיר די גליקלעכע קינדהייט-צייט און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע — די עפּאָכע פון יינגל-יאָרן. אָבער אַזוי ווי די דערינערונגען וועגן נאַטאַליע סאַווישנען, וועלכע איך האָב מער נישט געזעען און וועלכע האָט געהאַט אַזאַ שטאַרקע און גוטע ווירקונג אויף מיר, געהערן צו דער ערשטער עפּאָכע וועל איך זאָגן נאָך עטלעכע ווערטער וועגן איר און איר טויט.

נאָך אונזער אָפּפאָר האָט זי געהאַט ווייניק וואָס צו טון, און דעריבער איז איר געווען זייער לאַנגווייליק. אַזוי האָבן מיר פאַרציילט די

מענטשן, וואָס זענען פאַרבליבן אין דאָרף. הגם אַלע קאָסטנס האָבן זיך נאָך געפונען אויף איר האַנט און זי האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו זוכן דאָרט, איבערצולייגן, איבערצוהענגען און אויסצושטעלן, דאָך האָט איר געפעלט דער טומל און הו-הא פון פּריצישן דאָרפס-הויז, וואָס איז באַוויבט פון זיינע באַלעבאַטים, צו וועלכע זי איז פון קינדווייז-אָן געוווינט. דאָס אומגליק, דער נייער שטייגער לעבן און דאָס, וואָס עס האָט געפעלט טומל און הו-הא, האָבן אַנטוויקלט אין איר אַ קראַנקייט, צו וועלכער זי האָט נאָך פריער געהאַט אַ נייגונג. אַקוראַט אין אַ יאָר אַרום נאָך דער מאַמעס טויט האָט זי זיך אַוועקגעלייגט אין בעט אַריין אויף אַ וואַסער-קראַנקייט.

שווער געווען, מיין איך, נאַטאַליע סאַווישנען צו לעבן און נאָך שווערער צו גוססן אַליין אין דעם גרויסן ליידיקן פּעטראָווער הויז, אָן פריינד און אָן קרובים. אַלע אין שטוב האָבן נאַטאַליע סאַווישנען געליבט און געשעצט, אָבער מיט קיינעם פון זיי האָט זי זיך נישט געחברט און איז געווען שטאָלץ דעריף. זי האָט געהאַלטן, אַז אין איר לאַגע — אין דער לאַגע פון הויזפירערין, וואָס האָט דעם פולן צוטרוי פון אירע באַלעבאַטים און וואָס אין איר רשות געפינען זיך אַזויפיל קאָסטנס מיט כּלערליי האָב און גוטס, וואָלט אַ פריינטשאַפט מיט עמעצן זיכער געפירט צו צביעות און צו פאַרברעכערישער נאָכגיביקייט. דעריבער, אָדער טאָקע בלויז דעריבער, האָט זי נישט פאַרקערט מיט אַנדערע דינער, זיך דערווייטערט פון אַלעמען און געזאָגט, אַז בײַ איר אין הויז זענען נישטאָ — נישט קיין פעטערס און נישט קיין מומעס און אַז פאַרן פּריצישן גוטס וועט זי קיינעם קיין כּאַבאַר נישט געבן.

פאַרטרויענדיק גאָט אין אַ וואַרעמער תּפילה אירע געפילן, האָט זי אין דעם געזוכט און געפונען אַ טרייסט. נאָר טיילמאָל, אין מינוטן פון שוואַכקייט, וועלכער מיר אַלע זענען אונטערגעוואָרפן, בשעת די בעסטע טרייסט פאַרן מענטש זענען טרערן און די מיטלייד פון אַ לע־בעדיק וועזן, פלעגט זי אַריינגעמען צו זיך אין בעט אַריין איר הינטעלע מאַסקע (וואָס האָט איר געלעקט די הענט און אויסגעשטעלט אויף איר די געלע אויגן), געצערטלט עס, גערעדט צו אים און שטיל געוויינט. אַז מאַסקע פלעגט נעמען יאָמערלעך וואַיען, פלעגט זי עס באַרויקן און טענהן דערביי: „גענוג, אָן דיר וויים איך אויך, אַז איך וועל איינגיכן שטאַרבן".

אַ חודש פאַר איר טויט האָט זי אַרויסגענומען פון קאָסטן ווייסן

קאָלענקאָר, ווייסן טיול און ראָזע לענטעס. מיט דער הילף פון איר מיידל האָט זי זיך אויפגעניית א ווייס קלייד און א הויב און פּאָרויס פּאַראָרדנט און צוגעגרייט אַלץ ביז א האָר, וואָס איז נייטיק צו איר לויה. זי האָט אויך מסדר געווען די פּריצישע קאָסטנס און זייער געבוי, לויט א רשימה, איבערגעגעבן זיי דער דינערין. דערנאָך האָט זי אַרויסגענומען צוויי זייַדענע קליידער, אַן אַלטן שאַל, וואָס די באָבע האָט איר אַמאָל געשענקט, דעם זיידנס מיליטער-מונדיר, באַניית מיט גאָלד, וואָס איז איר אויך אָוועקגעשענקט געוואָרן. צוליב איר גוטער השגחה איז נאָך גאָר פריש געווען דאָס געניי און די גאַלונעס אויפן מונדיר און דער שטאָף איז לגמרי נישט אָנגערירט געוואָרן פון מילבן.

פאַרן טויט האָט זי אַרויסגעזאָגט איר ווונטש, אַז איינס פון די זייַדענע קליידער — דאָס ראָזע זאָל אָפּגעגעבן ווערן וואָלאָדיען אויף א כאַלאַט אָדער א בעשמעט און דאָס צווייטע — אין קעסטעלעך — מיר צו דעם זעלבן געברויך און דעם שאַל — לובקעלען. דעם מונדיר האָט זי אָפּגעזאָגט יענעם פון אונז, וואָס וועט דער ערשטער ווערן אַן אָפיציר. דאָס איבעריקע האָב און גוטס און דאָס געלט, אויסער פערציק רובל, וואָס זי האָט אָפּגעלייגט אויף דער קבורה, האָט זי אָפּגעזאָגט איר ברודער. איר ברודער, וואָס איז שוין לאַנג אַרויס פון לייב-קנעכטשאַפט, האָט געוווינט ערגעץ אין א ווייטער גובערניע און געפירט זייער אַן אויסגעלאַסן לעבן; דעריבער האָט זי מיט אים באַם לעבן קיין שום באַציונגען נישט געהאַט.

אַז נאַטאַליע סאַווישנעס ברודער איז געקומען נאָך דער ירושה, און דאָס גאַנצע האָב און גוטס פון דער פאַרשטאָרבענער, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז באַשטאַנען אין פינפאונצוואַנציק רובל מזומן געלט, האָט ער עס נישט געוואָלט גלייבן און געזאָגט, אַז עס קאָן נישט זיין, אַז די אַלטע, וואָס האָט אָפּגעלעבט זעכציק יאָר אין א רייך הויז, אַלץ געהאַט אויף די הענט, געווען שרעקלעך קאַרג און געציטערט איבער יעדן שמאַטקעלע — אַז די אַלטע זאָל גאָרנישט איבערלאָזן. אָבער דאָס איז פּאָרט אַזוי געווען.

צוויי חדשים האָט זיך נאַטאַליע סאַווישנע געמאַטערט מיט איר קראַנקייט און מיט א געדולד פון א צדקניות איבערגעטראָגן די אַלע יסורים: נישט געוואָרטשעט, נישט געקלאָגט, נאָר לויט איר געוויינהייט, נאָכאַנאַנד דערמאָנט גאָט. א שעה פאַרן טויט האָט זי

זיך מיט שטילער פרייד מתוודה געווען פאַרן גלח מיט די אַלע צערעמאָניעס.

בײַ די שטוב־מענטשן האָט זי געבעטן מחילה פאַר די באַליידי־קונגען, וואָס זי האָט זיי פאַרשאַפט און געבעטן איר גלח, דעם פאָטער וואסילי, ער זאָל אונז איבערגעבן, אַז זי ווייסט גאָרנישט ווי אָפּצודאַנקען אונז פאַר אונזערע חסדים און אַז מיר זאָלן איר מוחל זיין, אויב זי האָט עמעצן מצער געווען צוליב איר נאַרישקייט. „אָבער קיין גנבטע בין איך קיינמאָל נישט געווען און קאָן זאָגן, אַז איך האָב מיר נישט אָנגעלעבט קיין פּריציש פּעדעמל". דאָס איז געווען אַ מעלה, וואָס זי האָט זייער געשעצט אין זיך.

אָנגעטון דעם צוגעגרייטן קאַפּאָט און די הויב און זיך אָנגעלענט אויף די קישנס, האָט זי ביזן סוף נישט אויפגעהערט צו שמועסן מיטן גלח, דערמאָנט, אַז זי האָט גאָרנישט איבערגעלאָזט פאַר אָרימע לייט, אַרויסגענומען אַ צענער־רובל און געבעטן עס צעטיילן אויף צדקה אין דער קירכע־געמיינדע, נאָכדעם זיך איבערגעצלמט, זיך אָוועקגעלייגט, טיף אָפּגעאָטעמט צום לעצטן מאָל און מיט אַ פריידיקן שמייכל דערמאָנט גאָטס נאָמען.

זי האָט פאַרלאָזט דאָס לעבן אָן שום באַדויערונג, זיך נישט גע־שראָקן פאַרן טויט, נאָר אויפגענומען אים ווי אַ טובה. אָפּטער זאָגט מען עס אפילו, אָבער ווי זעלטן פּאַסירט עס אינדערעמתן! נאַטאַליע סאַווישנע האָט טאַקע געקאָנט נישט מורא האָבן פאַרן טויט, ווייל זי איז געשטאָרבן מיט אַן אומוואַקלדיקער אמונה אין האַרץ און ווייל זי האָט מקיים געווען דעם עוואַנגעלישן געבאָט.

נו, יאָ! אויב אפילו איר אמונה האָט געקאָנט זיין אַ מער דער־הויבענע און דאָס לעבן האָט געקאָנט געלענקט ווערן צו אַ העכערן תכלית — שוין זשע פאַרדינט דעריבער אָט די ריינע נשמה ווייניקער ליבע און באַוווּנדערונג?

זי האָט דורכגעמאַכט דאָס בעסטע און העכסטע אין דעמדאָזיקן לעבן — זי איז געשטאָרבן אָן באַדויערונג און שרעק.

מען האָט זי מקבר געווען, לויט איר רצון, נישט ווייט פון קלויס־טערל, וואָס שטייט אויף דער מאַמעס קבר. דאָס בערגעלע, אונטער וועלכן נאַטאַליע סאַווישנע ליגט און וואָס איז באַוואַקסן מיט קראָפּיווע און ווילדן גראָז, איז אַרומגעצוימט מיט אַ שוואַרץ געפלאָכטענעם צוים, און

אַרויסגייענדיק פון קלויסטערל, פאַרגעס איך קיינמאָל נישט צוצוגיין צו דעמדאָזיקן צוים און אַ קני טון פאַרן בערגעלע.

טיילמאָל בלייב איך שווייגנדיק שטיין צווישן קלויסטערל און דעם צוים. אין האַרץ דערוועקן זיך מיטאַמאָל שווערע זכרונות. און איך טראַכט: שוין זשע האָט מיך גאָט באַהעפט מיט דידאָזיקע צוויי וועזנס בלויז דערויף, עס זאָל מיר אייביק באַנג טון אויף זיי?...

יינגל־יאָרן

די לאַנגע נסיעה

ווידער זענען צוגעפאָרן צוויי וועג־פורן צום גאַניק פון פעטראָוועך הויז: איינע אַ קאַרעטע, אין וועלכער עס זעצן זיך אַריין מימי, קאַטיעלע, לובקעלע, דאָס שטוב־מיידל און יאַקאָוו דער פּריקאַזשטשיק בכבודו ובעצמו אויף די קאָזלעס; די צווייטע וועג־פור — איז אַ ברישקע, אין וועלכער עס פאָרן איך מיט וואָלאָדיען און דער נייער לאַקיי וואַסילי.

דער פּאַפּאַ, וואָס דאַרף אין עטלעכע טעג אַרום נאָך אונז אויך אַרויספאָרן קיין מאָסקווע, שטייט אויפן גאַניק אָן אַ היטל און צלמט די פענצטער פון דער קאַרעטע און דער ברישקע.

„נו, גאָט איז מיט אייך! רירט זיך!" יאַקאָוו און די קוטשערס (מיר פאָרן אויף די אייגענע) נעמען אַראָפּ די היטלען און צלמען זיך. „נאָ, נאָ! מיט גאָטס הילף!" די בויד פון קאַרעטע און דאָס וועגל הייבן אָן אונטערשפּרינגען אויף דעם נישט־גלייכן וועג און די בערעזעס פון דער גרויסער אַלעע לויפן אונז פאַרביי איינע נאָך די אַנדערע. מיר איז גאָרנישט אומעטיק. מיין גייסטיקער בליק קוקט אַריין נישט אין דעם, וואָס איך פאַרלאָז, נאָר אין דעם, וואָס וואַרט אויף מיר. אַז מיר דערווייטערן זיך פון די אַלע זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט שווערע זכרונות, וואָס מיט זיי איז מיין דמיון נאָך ביז איצט אָנגעפילט, פאַרלירן דידאָזיקע זכרונות זייער קראַפט און אויף זייער אָרט קומט אַ זיס געפיל פונם באַוווסטזיין, אַז דו לעבסט, אַז דו ביסט פול מיט פרישע כוחות און האָפנונג.

זעלטן האָב איך פאַרבראַכט עטלעכע טעג — איך וועל נישט זאָגן

פרײלעך: איך האָב מיך נאָך אַלץ נישט געקאָנט פרײען — נאָר אַזױ אָנגענעם, גוט, װי די פיר טעג פון אונזער נסיעה. פאַר די אױגן האָב איך נישט געהאַט די פאַרמאַכטע טיר פון דער מאַמעס צימער, פאַר װעלכן איך פלעג נישט קאָנען פאַרבײגײן אָן אַ ציטער, נישט דעם פאַרמאַכטן קלאַװיר, צו װעלכן מען איז נישט נאָר נישט צוגעגאַנגען — מען האָט אים אפילו אָנגעקוקט מיט אימה; נישט די טרױער־קלײדער (מיר אַלע זענען געװען אָנגעטון אין פשוטע װעג־קלײדער); נישט די אַלע זאַכן, װאָס האָבן שטאַרק דערמאָנט אָן דעם אומפאַרגעסלעכן פאַרלוסט און װאָס האָבן נישט דערלאָזט אַרױסצװײזן עפּעס אַ לעבעדיקע באַװע־גונג אױס מורא צו באַלײדיקן אי ר זכרון. דאָ, פאַרקערט, טרעטן כסדר אַרױס אַלץ נײע לאַנדשאַפטן און זאַכן, װאָס ציען צו מײן אױפמערקזאַמקײט, די פרילינג־נאַטור גיסט אָן די נשמה מיט זיסע גע־פילן און ביסט צופרידן מיטן הײנט און האָסט ליכטיקע האָפנונגען אױף שפּעטער.

גאַר־גאָר פרי האָט דער אומדערבאַרעמדיקער און, װי עס טרעפט שטענדיק מיט מענטשן אױף אַ נײער שטעלע, צופלײסיקער װאַסילי אַראָפּגעריסן פון אונז די קאָלדרע און פאַרזיכערט, אַז עס איז צײט צו פאָרן און אַז אַלץ איז שױן גרײט. נאָר װי דו קנײטשסט זיך נישט, װי דו מאַכסט נישט קײן אָנשטעלענישן און װי דו בײזערסט זיך נישט, צו פאַרציען כאָטש נאָר אױף אַ פערטל שעה דעם זיסן פרימאָרגן־שלאָף, אָבער פון װאַסיליס אַנטשלאָסנקײט זעסטו, אַז דו װעסט מיט אים גאָרנישט מאַכן, אַז ער איז גרײט נאָך אַמאָל צװאָנציק אַראָפּצורײסן די דעקע — שפּרינגסטו אױף און לױפסט אױפן הױף זיך װאַשן.

אין פאָרהױז זידט שױן דער סאַמאָװאַר, װאָס מיטקע דער פאָר־רײטער, רױט װי אַ ראַק, בלאָזט אים פונאַנדער. אױפן הױף איז פײכט און נעפּלדיק, פונקט װי אַ דאַמף װאָלט זיך אױפגעהױבן פון שמעקעדיקן מיסט. מיט פרײלעכן העלן ליכט באַלײכט די זון דעם מזרח־טײל פון הימל און די שטרױענע דעכער פון די ברײטע שאָפּעס, װאָס רינגלען אַרום דעם הױף און גלאַנצן מיט טראָפּעלעך טױ. אונטער די דעכער זענען זיך אונזערע פערד, צוגעבונדן צו די קאָריטעס און עס הערט זיך זײער מפסיק קײען. עפּעס אַ קודלאַטע הינטל, װאָס האָט פאָרן באַגינען געכאַפּט אַ דרימל אױף אַ טרוקענער קופּע מיסט, ציט זיך אױס פױל די בײנער און, מאַכנדיק מיטן עק, לױפט עס מיט דראָבנע טריטלעך אױף

דער צווייטער זייט הויף. אַ פֿאַרשמייעטע באַלעבאָסטע עפּעס פֿונאַנדער דאָס סקריפּענדיקע טויער און טרייבט אַרויס די פֿאַרטראַכטע בהמות אויף דער גאַס, ווי מען הערט שוין דאָס טופּען, ברומען און מעקען פֿון דער טשערעדע, אין פּאַר אײַנהעגס וואַרפֿט זי זיך דורך, די באַלעבאָסטע, מיט אַ ווערטל מיט איר שלעפּעריקער שכנה. פֿיליפּ, מיט פֿאַרקאַטשעטע אַרבל פֿון העמד, שלעפּט אַרויף אויף אַ ראָד דעם עמער פֿון טיפֿן ברונעם, און עס גיסט זיך קלאָר וואַסער און ער פֿילט דערמיט אָן די דעמבענע קאָריטע, אין דערבײַ אין אַ קאַלוזשע פּליעסקען זיך שוין קאַטשקעס, וואָס זענען נאָר־וואָס אויפֿגעשטאַנען פֿון שלאָף. און מיט פֿאַרגעניגן קוק איך אויף פֿיליפּס היפּש פּנים מיט דער ברייטער באָרד און אויף זײַנע דיקע אָדערן און מוסקולן, וואָס צייכנען זיך שאַרף אויף די נאַקעטע פֿעסטע הענט, בשעת ער שטרענגט זיי עטוואָס אָן.

דאָרט, ווו מימי שלאָפֿט מיט די מיידלעך, היינטערן הענטל, דורך וועלכן מיר האָבן זיך אײַן אָוונט דורכגעשמועסט מיט זיי, פֿילט זיך אַ באַוועגונג. מאַשע לויפֿט עפּעטער אַון עפּעטער פֿאַרבײַ אונז מיט פֿאַרשידענע זאַכן, וואָס זי סטאַרעט זיך צו פֿאַרדעקן מיטן קלייד, אַז מיר זאָלן נישט באַמערקן, וואָס זי טראָגט; צולעצט, עפּעט מען די טיר און מען רופֿט אונז טרינקען טיי.

וואַסילי, שטאַרק פֿאַרטאַראַמט און פֿאַרשמייעט, לויפֿט כּסדר אַרײַן אין ציםער, טראָגט אַרויס דאָ איין זאַך, דאָ אַ צווייטע, גיט אונז ווײַלנווייז רמזים און בעט אַלץ מאַריע איוואַנאָוונען, אַז מען זאָל אַרויספֿאָרן פֿריער. די פֿערד שטייען שוין געשפּאַנט, זענען זייער אומגעדולדיק, קלאַפּן מיט די גלעקלעך; און טשעמאָדאַנעס און קאַסטנס און שאַכטעלעך ווערן ווידער צונויפֿגעלייגט, און מיר זעצן זיך אויף די ערטער. אָבער יעדעס מאָל געפֿינען מיר אין וואָגן אַ באַרג אָנשטאָט אַ געזעס, אַזוי, אַז מיר קאָנען נישט פֿאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס נעכטן צונויפֿגעלייגט געוואָרן און ווי אַזוי וועלן מיר איצט זיצן דערויף. באַזונדערס ברענגט מיך אַרײַן אין גרימצאָרן עפּעס אַ טײ־קאַסטן פֿון ניסהאָלץ מיט אַ דרײַ־קאַנטיק דעקל, וואָס מען שטעלט אים אַרײַן אין ברישקע אונטער מיר. אָבער וואַסיל זאָגט, אַז דאָס וועט זיך אויסגלײַכן און איך מוז אים גלייבן.

די זון האָט זיך נאָר־וואָס אויפֿגעהויבן איבער אַ געדיכטן ווײַסן וואָלקן, וואָס האָט באַדעקט דעם מזרח, און די גאַנצע סביבה איז באַלויכטן געוואָרן מיט אַ רויק־פֿריידיקער שײַן. אַלץ איז אַזוי שיין אַרום

מיר, און אויפן האַרץ איז אַזוי לייכט און רויק... ווי אַ ברייטע ווילדע לענטע שלענגלט זיך פאַרויס דער וועג, צווישן פעלדער פאַרטריקנטע תבואות און גרינוואַרג, וואָס גלאַנצט מיט טוי. ווי-נישט-ווי באַם וועג שטייט אַן אָנגעכמורעטער הושענא-בוים אָדער אַ יונגע בערעזע מיט קליינע קלעביקע בלעטער און וואַרפט אַ לאַנגן און אומבאַוועגלעכן שאָטן אויף די פאַרטריקנטע ליימיקע ראָד-צייכנס און אויף דעם דראָבנעם גראָז פון וועג... דער איינטאָניקער געריוש פון די רעדער און די גלעקלעך דערשטיקט נישט די לידער פון די לערכפייגעלעך, וואָס פליען אַרום באַם סאַמע וועג. דער ריח פון געוואַנט, צעגעסן דורך מילבן, און פונם שטויב און פון עפּעס אַ זויעריקייט, מיט וועלכער עס איז אָנגעפילט אונזער וועגל, ווערט פאַרטרונקען פון די פרימאָרגן-ריחות און עפּעס אַ זיסע אומרויִקייט שפּיר איך אין האַרץ און עפּעס טון ווילט זיך — אַ סימן פון אמתן תענוג.

אין אכסניה האָב איך נישט באַוויזן אָפּצוזאָגן די נייטיקע תפילה. אָבער אַזוי ווי איך האָב שוין לאַנג באַמערקט, אַז אין דעם טאָג, ווען איך פאַרגעס עס צו טון צוליב פאַרשידענע אומשטענדן, פּאַסירט מיט מיר אַן אומגליק, באַמי איך מיך אויסצובעסערן מיין פעלער: נעם איך אַראָפּ דאָס היטל, דריי מיך אויס צום ווינקל פון וואָגן און זאָג אָפּ די תפילה און צלם מיך אונטער דעם קורטקעלע אַזוי, אַז קיינער זאָל עס נישט באַמערקן. אָבער טויזנטער פאַרשידענע זאַכן ציען אָפּ מיין אויפמערקזאַמקייט און, אַ צעזייטער, חזר איך איבער עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד די זעלבע ווערטער פון דער תפילה.

אויפן שמאָלן שטעגעלע, וואָס שלענגלט זיך באַם שליאַך, זעען זיך עפּעס געשטאַלטן, וואָס באַוועגן זיך לאַנגזאַם: דאָס זענען עולה-רגלניצעס. די קעפּ זייערע זענען אַרומגעוויקלט מיט שמוציקע טיכער, אויפן רוקן — פּעקלעך, די פיס — פאַרוויקלט מיט שמוציקע, צעריסענע שמאַטעס, אָנגעטון אין שווערע לאַפּטעס. זיי באַוועגן רעגלמעסיק מיט די שטעקנס, וואָס זיי האַלטן אין די הענט און קוקן זיך קוים אום אויף אונז; לאַנגזאַם, מיט שווערע טריט רוקן זיי זיך פאָרויס איינע הינטער דער צווייטער, און עס באַפאַלן מיך פראַגן: וווּהין, נאָך וואָס גייען זיי? צי לאַנג וועט דויערן זייער וועג און צי ווען באַלד די לאַנגע שאָטנס, וואָס זיי וואַרפן אויפן וועג, זיך באַהעפטן מיטן שאָטן פונם הושענא-בוים, פאַרביי וועלכן זיי מוזן פאַרבייגיין? אָט טראָגט זיך קעגנאיבער אונז אַ קאַרעטע אויף פיר פערד, צוויי סעקונדן — און די פּנימער, וואָס קוקן

אונז אַן פריינטלעך און בייגיריק אויף אַ מהלך פון אַ צוויי אַרשין, זענען שוין אַנטרונען געוואָרן און מאָדנע קומט עס עפּעס אויס, וואָס דידאָזיקע פּנימער האָבן קיין שום שייכות נישט צו מיר און אַז איך וועל זיי אפשר קיינמאָל מער נישט זעען.

אָט לויפן בײַ דער זייט פון וועג צוויי פאַרשוויצטע קודלאָטע פערד אין כאָמוטעס; די זייטן-רימענס פאַרוואָרפן אונטער די רוקן-רימענס, און פון הינטן זיצט אַ יונגער אָנטרייבער, די לאַנגע פיס אין גרויסע שטיוול אַראָפּגעלאָזט בײַביידע זייטן פונם פערד, וואָס טראָגט אַ דויע איבערן האַלז און וואָס קלינגט קוים צו פון צייט-צו-צייט מיטן גלעקל; בײַ דעם יונג איז דער פילצענער הוט אַראָפּגערוקט אויף אַן אויער און זינגען זינגט ער עפּעס אַ יאָמערדיק לידל. דאָס פּנים און די פּאָזע זיינע דריקן אויס אַזויפיל פוילקייט, אַזוי פיל רויקע צופרידנקייט, אַז מיר דאַכט זיך — דאָס העכסטע גליק איז צו זיין אַן אָנטרייבער, פאָרן צוריקוועגס און זינגען אומעטיקע לידלעך. און דאָרט, ווייט הינטערן טאָל זעט זיך אויפן העל-בלויען הימל אַ דאָרפס-קלויסטערל מיט אַ גרינעם דאַך; און אָט איז אַ דאָרף, אַ רויטער דאַך פון אַ פריציש הויז און אַ גרינער גאָרטן. ווער וווינט אין דעמדאָזיקן הויז? זענען דאָרט פאַראַן קינדער, אַ פאָטער, אַ מוטער, אַ לערער? למאי זאָלן מיר נישט אַ פאָר טון צו דעמדאָזיקן הויז און זיך נישט באַקענען מיט די באַלעבאַטים? אָט איז אַ לאַנגער טראַנספּאָרט פון גרויסע וועגן, געשפּאַנט צו דריי זאַטע דיק-פיסיקע פערד און מיר זענען געצווינגען אָפּצוקערן אין דער זייט. „וואָס פירט איר?“ פרעגט וואַסילי בײַ דעם ערשטן אָנטרייבער, וואָס די גרויסע פיס זיינע הענגען אים אַראָפּ פון וואָגן און אַליין פאָכעט ער צו מיטן בייטשל; לאַנג און שאַרף — מיט אַ זינלאָזן קוק — קוקט ער אונז נאָך און ענטפערט ערשט דעמאָלט, ווען מען קאָן אים שוין נישט הערן. „מיט וואָס פאַר אַ סחורה?“ פרעגט וואַסילי בײַ אַ צווייטן וואָגן, ווו דער פורמאַן ליגט פון פאָרנט אונטער אַ נייער ראָגזשע. אַ ווייס-בלאָנדער קאָפּ מיט אַ רויט פּנים און געל בערדל רוקט זיך אַרויס אויף אַ מינוט פון ראָגזשע, קוקט אָן אונזער בריטשקע מיט אַ גלייכגילטיק-פאַראַכטלעכן בליק און רוקט זיך ווידער אַרונטער — און עס קומט מיר אויפן רעיון, אַז דידאָזיקע פורמאַנעס ווייסן מסתמא נישט, ווער מיר זענען, פונוואַנען און וווהין מיר פאָרן.

אַנדערטהאַלבן שעה צייט פאַרזונקען אין פאַרשידענע באַאָבאַכטונגען, קוק איך שוין נישט מער אויף די קרומע ציפער, וואָס זענען אויס-

געשטעלט אויף די וויאָרסטן. נאָר אָט הייבט מיר אָן די זון שטאַרקער צו באַקן דעם קאָפּ און דעם רוקן, דער וועג ווערט שטויביקער, דאָס דרייעקיקע דעקל פונם טיי־קעסטל דערגייט מיר די יאָרן, עטלעכע מאָל זעץ איך מיך איבער, און עס ווערט מיר הייס, אומבאַקוועם און לאַנג־ווייליק. מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט גייט אַוועק אויף די וויאָרסטנסלופּעס און אויף די ציפער, מיט וועלכע זיי זענען באַצייכנט. איך מאַך פאַרשידענע מאַטעמאַטישע חשבונות וועגן דער צייט, ווען מיר קאָנען קומען אויף דער סטאַנציע. צוועלף וויאָרסט זענען אַ דריטל פון די זעקס און דרייסיק און ביז ליפּעץ האָבן מיר נאָך איין און פערציק וויאָרסט, הייסט עס, אַז מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ דריטל, און וויפיל? א. אז. וו.

— וואַסילי, — זאָג איך, בשעת איך באַמערק, אַז ער הייבט אָן כאַפּן פּיש אויף די קאָזלעס, — איך בעט דיך, טייערינקער, לאָז מיך אויף די קאָזלעס. וואַסילי איז מרוצה. מיר בייטן זיך מיט די ערטער: ער הייבט באַלד אָן צו כראָפּען און שליידערט זיך פונאַנדער אַזוי, אַז אין בריטשקע בלייבט שוין מער פאַר קיינעם קיין אָרט נישט; און פאַר מיר אַנטפּלעקט זיך פונדערהייך, ווי איך זיך, דאָס סאַמע אָנגענעמסטע בילד: אונזערע פיר פערד — דאָס נערוטשינער פערד, דאָס דיאַקל, דאָס לינקע מיטל־פערד און דער אַפּטייקער; די אַלע פיר פערד האָב איך גוט דורכגעשטודירט ביז די קלענסטע פּרטים און אייגנשאַפטן.

— פאַרוואָס איז היינט דאָס דיאַקל געשפּאַנט רעכטס און נישט לינקס, פיליפּ? — פרעג איך עטוואָס מיט ציטער.

— דאָס דיאַקל?

— און דאָס נערוטשינער פירט גאָרנישט, — זאָג איך.

— דאָס דיאַקל קאָן מען נישט שפּאַנען לינקס, — זאָגט פיליפּ און מאַכט זיך גאָרנישט פון מיין לעצטער באַמערקונג. — נישט אַזאַ פערד, אַז מען זאָל עס שפּאַנען לינקס; אויף לינקס דאַרף מען שפּאַנען אַזאַ פערד, וואָס זאָל זיין שוין איין מאָל אַ פערד, אָבער נישט אַזאַ פערד.

און מיט דידאָזיקע ווערטער בייגט זיך פיליפּ אָן צו דער רעכטער זייט, נעמט מיט אַלע כוחות ציען די לייצעס און שמייסן דאָס בידנע דיאַקל איבערן עק און איבער די פיס עפּעס גאָר אויף אַ באַזונדערן שטייגער — פון אונטן אַרויף, און, נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס דיאַקל פלייסט זיך זייער און דרייט און וואַרפט די גאַנצע בריטשקע, הערט פיליפּ אויף

דעמדאָזיקן מאַנעווער ערשט דעמאָלט, ווען עס פאַרווילט זיך אים אָפּרוען און אַראָפּרוקן, מען ווייסט נישט פאַרוואָס, דאָס היטל אויף אַ זייט, הגם ביז אַהער איז עס זייער גוט און שטייף געזעסן אויפן קאָפּ. איך באַנוץ מיך מיט דערדאָזיקער גליקלעכער מינוט און בעט פיליפּן, ער זאָל מיר געבן אַ ביסל אָנטרייבן די פערד. פיליפּ גיט מיר תּחילת איין לייצע, דערנאָך די צווייטע. אַלע זעקס לייצעס מיט דער בייטש גייען סוף־כּל־סוף איבער אין מיינע הענט, און איך בין זייער גליקלעך. איך באַמי מיך אויף אַלערליי אופנים נאָכצומאַכן פיליפּן, פרעג בא אים, צי עס איז גוט, אָבער געוויינלעך ענדיקט זיך עס דערמיט, וואָס עס געפעלט אים נישט מיין אָנטרייבן: זאָגט ער, אַז דאָס פערד פירט צו סך און יענץ — גאָר־נישט און, צולעצט, רוקט ער אַרויס דעם עלנבויגן אונטער מיין ברוסט און נעמט בא מיר צאָפּ די לייצעס. די היץ ווערט אַלץ שטאַרקער, גע־קרייזלטע וואָלקנדלעך הייבן זיך אָן פונאַנדערבלאָזן, ווי זייפנבלעזלעך, אַלץ העכער און העכער, קומען זיך צוזאַמען און נעמען אָן אַ טונקל־גרויע שאַטירונג. אין פענצטער פון דער קאַרעטע שטעקט זיך אַרויס אַ האַנט מיט אַ פלאַש און אַ פּעקעלע. מיט וווּנדערלעכער געשיקטקייט שפּרינגט וואַסילי אַראָפּ פון די קאָזלעס און ברענגט אונז עסנוואַרג און קוואַס.

אויף אַ משופּעדיק אָרט גייען מיר אַלע אַרויס פון דער קאַרעטע און דער ברישקע, און טיילמאָל לויפן מיר אין איבעריאָגעניש ביז דעם אָרט; וואַסילי מיט יאַקאָוון פאַרטאָרמאַזירן די רעדער און האַלטן פון ביידע זייטן צו די קאַרעטע מיט די הענט, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען בכּוח זי אויפצוהאַלטן, ווען זי וואָלט אַנידערגעפאַלן. דערנאָך, מיט דער הסכּמה פון מימין, גיי איך אָדער וואָלאָדיע אין קאַרעטע אַריין און לובקעלע אָדער קאַטיעלע זעצן זיך אין ברישקע. דידאָזיקע שנוים פאַרשאַפן גרויס פאַרגעניגן די מיידלעך און מיט רעכט געפינען זיי איין, אַז אין ברישקע איז פרייליכער. טיילמאָל, אין דער רעכטער היץ, פאַרבייפאָרנדיק פאַרביי אַ וועלדל, שטייען מיר אָפּ פון דער קאַרעטע, רייסן אָן גרינע צווייגלעך און מאַכן אין ברישקע אַביידל פון צווייגן. דאָס באַוועגלעכע ביידל לאָזט זיך הענדום־פּענדום דעריאָגן די קאַרעטע און לובקעלע קוויטשעט דערביי אויף דער העכסטער אָקטאַווע, וואָס זי פאַרגעסט קיינמאָל נישט צו טון בא יעדן פאַל, און וואָס פאַרשאַפט איר גרויס פאַרגעניגן.

נאָר אָט איז אויך דאָס דאָרף, ווו מיר וועלן מיטאָגן און אָפּרוען.

און אָט שמעקט שוין טאַקע מיט דאָרף — מיט רויך און דזשעגעכץ און שעפּסענע פּעלכלעך און עס הערן זיך מענטשלעכע קולות, טריט און אַ קלאַפּן פון רעדער. די גלעקעלעך קלינגען שוין דאָ נישט אַזוי, ווי אין פרייען פעלד, און פון ביידע זייטן לויפן פאַרביי הייזלעך מיט שטרוי־ענע דעכער, מיט געשניצטע גאַניקלעך און מיט קליינינקע פענצטערלעך, מיט רויטע און גרינע לאָדנס, צווישן וועלכע עס רוקט זיך ווו־נישט־ווו אַרויס אַ פּנים פון אַ טשיקאַווער פויערטע. אָט זענען פויערישע ייִנגעלעך און מיידעלעך אין בלויזע העמדלעך: ברייט־פונאַנדערגעשפּנט די אויגן און אויסגעשטאַרצט די הענט, שטייען זיי אויף איין אָרט אָדער זיי לויפן נאָך דער קאַרעטע, פלינק באַוועגנדיק מיט די באָרוועסע פיס־לעך אין שטויב, און, נישט געקוקט אויף פיליפּס אָפּשרעקנדיקע זשעסטן, באַמיען זיי זיך אַרויפצוקלעטערן אויף די טשעמאָדאַנעס, וואָס זענען צו־געבונדן פון הינטן. און אָט לויפן שוין אויך פון ביידע זייטן צו די עקי־פּאַזשן די געל־האָריקע הויף־משרתים און מיט אָנגענעמע ווערטער און זשעסטן באַמיען זיי זיך איינער קעגן צווייטן אַריינצומאַניען די דורכפאָ־רער. טפּררו! עס סקריפּעט דאָס טויער און מיר פאָרן אַרויף אויפן הויף. פיר שעה מנוחה און פרייהייט.

II.

דאָס געוויטער.

די זון האָט אַראָפּגענידערט אין מערב־זייט און מיט קרומע הייסע שטראַלן געברענט מיר אומדערטרעגלעך דעם האַלז און די באַקן. מען האָט זיך נישט געקאָנט צורירן צו די אָנגעברענטע ברעגן פון דער ברישטקע; אויפן וועג האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער שטויב און האָט אָנגעפילט די לופט. קיין שום ווינטל נישט געווען, וואָס זאָל קאָנען פאַריאָגן דעם שטויב. פאָרויס פון אונז, אויף אַן אומענדלעכן מהלך, האָט זיך מעסיק אומגעוויגט די הויכע, פאַרשטויבטע בויד פון דער קאַרעטע, הינטער וועלכער עס האָט זיך טיילמאָל באַוויזן די בייטש, באַ־וועגט אין דעם קוטשערס האַנט, דעם קוטשערס הוט און יאַקאָווס היטל.

איך האָב נישט געוווּסט, ווּ איך זאָל מיך אַהינטון: עס האָבן מיך נישט געווײַלט — נישט וואַלאַדיע, וואָס האָט געדרימלט לעבן מיר מיט אַ שוואַרץ פּנים פון שטויב און נישט די באַוועגונגען פון פּיליפּס רוקן און נישט דער לאַנגער שאָטן פון אונזער ברישקע, וואָס איז קרום געלאָפן הינטער אונז. איך האָב מיך שטאַרק צוגעקוקט צו די וויאָרסטנסלופּעס, וואָס איך האָב באַמערקט פונווייטנס, און צו די וואָלקנס, וואָס זענען פריער געווען צעזייעט איבערן הימל און איצט זיך צונויפגעזאַמלט אין איין גרויסער, פינצטערער, בייז-בשורהדיקער כמאַרע. צייטנווייז האָט זיך דערטראָגן דאָס ברומען פון אַ ווייטן דונער. דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין אומגעדולד און מיר האָט זיך געוואָלט וואָס גיכער קומען אויף דער אַכסניה. דאָס געוויטער האָט אַרויסגערופן אין מיר עפּעס אַ פּיינלעך-שווער געפיל פון נישט-גוטקייט און פּחד.

ביז דעם נאָענטסטן דאָרף איז געבליבן נאָך אַ וויאָרסט צען, און די גרויסע טונקל-בלויע כמאַרע, וואָס האָט זיך גענומען גאָט ווייסט פון וואַנען, האָט זיך אָן אַ שום ווינט שנעל געטראָגן צו אונז. די זון, וואָס האָט זיך נאָך נישט פאַרבאָרגן הינטער די וואָלקנס, האָט העל באַלויכטן די געוויטער-כמאַרע און די גרויע שטרייפן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון איר ביזן סאַמע האָריזאָנט. טיילמאָל לייכט-אויף פון ווייטן אַ בליץ און עס הערט זיך אַ שוואַך געברילעריי, וואָס ווערט ביסלעכווייז שטאַרקער, נענטער און גייט איבער אין אַן אומאויפהערלעך ברומען, וואָס כאַפּט אַרום דעם גאַנצן הימל. וואַסילי הייבט זיך אויף פון די קאָזלעס און שטעלט אַנידער די בויד פון דער ברישקע. די קוטשער טוען אָן די אַרמיאַקעס און בײַ יעדן קלאַפּ פון אַ דונער נעמען זיי אַראָפּ די היטלען און צלמען זיך. די פערד פאַרשפּיצן די אויערן, בלאָזן מיט די נאָזלעכער, פּונקט ווי זיי וואָלטן באַשמעקט די פרישע לופט, וואָס טראָגט זיך פון דער דערנענטערטער כמאַרע, און די ברישקע יאָגט זיך שטאַרקער איבער דעם שטויביקן וועג. עס באַפאַלט מיך אַן אימה און איך פיל, ווי דאָס בלוט באַוועגט זיך שנעלער אין מיינע אָדערן. נאָר אָט הייבן אָן די פאָדערשטע וואָלקנס צו פאַרשטעלן די זון, אָט קוקט זי אַרויס צום לעצטן מאָל, באַלייכט די ביז אַנגעכמורעטע זייט פון האָריזאָנט און ווערט פאַרשווּנדן. אַרום און אַרום ווערט אַלץ פאַרענדערט און נעמט אָן אַ טריבע מראה. אָט האָט אַ ציטער געטון דאָס יאַשענוועלדל; די רוישנדיקע און שאָקלענדיקע בלעטער ווערן עפּעס מוטנע-ווייס, אַ פאַרב, וואָס צייכנט זיך מאָדנע דייטלעך אויפן ליליענפאָן פון דער כמאַרע; די שפּיצן פון

די הויכע בערעזעס הייבן זיך אָן וויגן און הויכנס טרוקן גראָז פליען איבערן וועג. אופערשוועלבעלעך און ווייסהערצלדיקע שוואַלבן דרייען זיך אַרום אונזער בריטשקע, פונקט ווי זיי וואָלטן אונז וועלן אָפּשטעלן, און כליען אַדורך אונטער דער ברוסט פון די פערד; קראָען מיט צעשויבערטע פליגלען פליען מיטן ווינט אַזוי ווי אויף אַ זייט; די עקן פון דעם לעדערנעם פאַרטוך, מיט וועלכן מיר האָבן זיך אַרומגעשפּילעט, הייבן זיך אויף, לאָזן אַריין צו אונז שטראָמען פייכטן ווינט און, פלאָטערנדיק, קלאַפּן זיי זיך אָפּ אָן דער בויד פון דער בריטשקע. עס פלאַמט אויף אַ בליץ, פונקט ווי באַ אונז אין בריטשקע, פאַרבלענדט די אויגן און אויף אַ ווײַלע באַלייכט ער דאָס גרויע געוואַנט, דעם באַסאָן און וואָלאַדיען, וואָס האָט זיך איינגענורעט אין ווינקל. אין דער אייגענער רגע פּלאַצט אַרויס סאַמע איבערן קאָפּ עפּעס אַ דערהויבענער רעש, וואָס גייט אַזוי ווי איבער אַ ריזעדיקער ספּיראַלער ליניע אַלץ העכער און העכער, אַלץ ברייטער און ברייטער, פאַרשטאַרקט זיך ביסלעכווייז אַלץ מער און פאַרוואַנדלט זיך אין אַ פאַרהילכנדיקער קנאַקעריי, וואָס צווינגט אונז נישט ווילנדיק אויפצוציטערן און איינצוהאַלטן דעם אָטעם. גאָטס צאָרן! וויפיל פּאָעזיע איז פאַראַן אין דעמדאָזיקן פאָלקסטימלעכן געדאַנק!

שנעלער און שנעלער דרייען זיך די רעדער; פון וואַסיליס און פיליפּס רוקן — פיליפּ ציט אומגעדולדיק מיט די לייצעס — באַמערק איך, אַז אויך זיי שרעקן זיך; די בריטשקע גייט שנעל באַרג אַראָפּ און קלאַפּט איבער די ברעטער פון אַ בריק. איך האָב מיך מורא צו באַוועגן און פון מינוט-צו-מינוט וואַרט איך אויף אונזער אַלעמענס סוף.

טפּרו! דאָס סטראָנהאַלץ פון געשפּאַן רייסט זיך אָפּ, און נישט געקוקט אויף די כסדרדיקע פאַרהילכנדיקע קלעפּ, זענען מיר געצוווּנגען זיך אָפּצושטעלן אויף דער בריק.

צוגעבויגן דעם קאָפּ צום ברעג פון דער בריטשקע, קוק איך מיך צו אָן שום האָפענונג, אָבער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, צו דער באַוועגונג פון פיליפּס גראָבע שוואַרצע פינגער, איך זע, ווי ער פאַרהאַקט לאַנגזאַם דעם שלייף און גלייכט אויס די געשפּאַן-רימענס, שטויסנדיק דאָס זייטפערד מיט דער האַנט און מיט דער גרויסער בייטש.

מיט דער פאַרשטאַרקונג פון געוויטער פאַרגרעסערט זיך אין מיר אויך דאָס געפיל פון נישט-גוטקייט און פּחד, אָבער בשעת עס קומט געוויינלעך פאַרן שטורעם-אויסברוך דער מאַיעסטעטישער מאָמענט פון

שטילשוויגן, דעמאָלט דערגייט דאָסדאָזיקע געפיל מיינס צו אַזאַ מדרגה, וואָס אַז עס זאָל דויערן נאָך איין פערטל שעה, וואָלט איך זיכער אַוועקגעשטאָרבן פון פחד. אין דער אייגענער רגע וואַקסט אויס פון הינטער דער בריק עפּעס אַ וואַקלדיק מענטשלעך געשטאַלט, אין אַ שמוציק צעלעכצט העמד, מיט אַ פאַרשוואָלן תמעוואַטע פנים, מיט אַ נאַקעטן אָפּגעשוירענעם קאָפּ, אַ וואַקלדיקער, מיט קרומע מוסקולאָזע פיס, מיט עפּעס אַ שטיק רויט גלאַנציק העלצל אָנשטאָט אַ האַנט, וואָס ער שטופּט זי גלייך אין ברישקע אַריין.

„שענ-קטס אַ נדבה אַן אַרימאַן". — קלינגט אַ קרענקלעכע שטימע, און דער בעטלער צלמט זיך און בוקט זיך באַ יעדן וואָרט ביז דער גאַרטל.

איך קאָן בישט אויסדריקן דאָס געפיל פון קאַלטן פחד, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט מיין נשמה אין דער דערדאָזיקער מינוט. אַ ציטער איז אַדורכגעלאָפן איבער מיינע האָר און מיט זינלאָזער שרעק האָב איך אויסגעגלאָצט די אויגן אויף דעמדאָזיקן בעטלער.

וואַסילי, וועלכער האָט ליב צו געבן אַ נדבה אין וועג, זאָגט פיליפּן, ווי צו פאַרשטאַרקן דאָס סטראָנהאָלץ, און בשעת אַלץ איז פאַרטיק און פיליפ נעמט די לייצעס אין די הענט און קריכט אויף די קאָזלעס, וויל וואַסילי עפּעס אַרויסבאַקומען פון דער זייטיקער קעשענע, אָבער באַלד ווי מיר רירן פון אָרט פילט-אַן אַ בלענדבליק מיט פייערדיקן ליכט דעם גאַנצן טאָל, די פערד שטעלן זיך אַנידער און באַלד דערויף, אָן אַ הפסקה, קומט אַזאַ באַטויבנדיקע קנאַלעריי, אַז עס דאַכט זיך, דער גאַנצער הימל פאַלט אויף אונז. דער ווינט פאַרשטאַרקט זיך נאָך: די גריוועס און די עקן פון די פערד, וואַסיליס מאַנטל און די ברעגעס פון פאַרטוך בייגן זיך אויס אין איין ריכטונג און פלאַטערן שרעקלעך פון ווילדן ווינט. אויף דער לעדערנער בויד פון וואָגן איז שווער געפאַלן אַ גרויסער רעגנטראָפּן... אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ פערטער, און פּלוצלינג האָט אַזוי ווי עמעץ גענומען פויקן איבער אונז, און די גאַנצע סביבה איז אָנגעפילט געוואָרן מיטן ריטמישן גערויש פון פאַלנדיקן רעגן. לויט די באַוועגונגען פון וואַסיליס עלנבויגן, זע איך, אַז ער בינדט פונאַנדער זיין בייטעלע; דער בעטלער, וואָס האַלט זיך נאָך אַלץ אין איין צלמען און בוקן, לויפט סאַמע לעבן די רעדער אַזוי, אַז מען קאָן אים אַ ליאַדע מינוט צומורשטשען. „שענקטס אַ נדבה". צולעצט, פליט פאַרביי אונז אַ קופּערנער גראָשן, און דאָס נעבעכדיקע באַשעפעניש, וואָס וואַקלט זיך

פון ווינט, אין א העמד, וואָס האָט, נאַס ביזן לעצטן פעדעמל, אַרומגע־כאַפּט זיינע מאָגערע ביינער, בלייבט שטיין מטושטש אינמיטן וועג און ווערט ביסלעכווייז פאַרשווינדן פון מיינע אויגן.

א קרומער רעגן, געטריבן פון אַ שטאַרקן ווינט, האָט געגאָסן ווי פון אַן עמער. פון וואַסיליס רוקן זענען געלאָפן שטראָמען אין דער קאַלוזשע מוטנע וואַסער אריין, וואָס האָט זיך אָנגעקליבן אין ברישקע־פאַרטוך. פון אָנהייב זענען די בערגעלעך שטויב אַראָפּגעשווענקט געוואָרן און זיך פאַרוואַנדלט אין נאַסער בלאָטע, וואָס די רעדער האָבן צעקנעטן: די ברישקע האָט זיך שוין נישט אַזוי געוואָרפן, און איבער די ליימיקע רעדער־שפּורן זענען אַוועקגעלאָפן טונקעלע שטראָמען. די בליצן האָבן אויפגעלויכטן ברייטער און בלאַסער און די קנאַלן פון דונער זענען שוין נישט געוועזן אַזוי מאוימדיק שטאַרק איבער דעם מע־סיקן גערויש פון רעגן.

נאָר אָט ווערט קלענער דער רעגן; די כמאַרע הייבט זיך אָן צו־טיילן אויף געקרייזלטע וואָלקנדלעך, עס ווערט ליכטיקער אין יענעם אָרט, ווו עס באַדאַרף זיין די זון און צווישן די גרוי־ווייסע ברעגן פון דער כמאַרע זעט זיך קוים אַרויס אַ שטיקל ריינע בלויקייט. אין אַ מינוט אַרום בלישטשעט שוין ציטריק אַ שטראַל אין די וועג־קאַלוזשעס, אויף די פּאַסן פון דראָבנעם גלייכן רעגן, וואָס פאַלט, ווי דורך אַ זיפּ, און אויף די אָפּגעוואַשענע גלאַנציקע וועג־גראָזן. אַ שוואַרצע כמאַרע פאַר־שטעלט אפילו זייער דראָענדיק די צווייטע זייט הימל, אָבער איך האָב שוין קיין מורא נישט פאַר איר. עס כאַפּט מיך אַרום עפּעס זייער אַ פריי־דיק געפיל פון האָפנונג און לעבן, וואָס פאַריאָגט דאָס שווערע געפיל פון פּחד. מיין האַרץ שמייכלט אויך אַזוי, ווי די דערפרישטע און דער־פרייטע נאַטור. וואַסילי וואַרפט אָפּ דעם קאָלנער פון וועג־מאַנטל, נעמט אַראָפּ דאָס היטל און טרייסלט עס אויס. וואָלאָדיע שטויסט אַוועק דאָס פאַרטוך; איך שטעק מיך אַרויס פון זאָגן און טרינק דורשטיק די אָפּגע־פרישטע שמעקעדיקע לופט. די גלאַנציקע אָפּגעוואַשענע בויד פון דער קאַרעטע מיט די טשעמאָדאַנעס וויגן זיך אַקעגן אונז; די רוקנס פון די פערד, די שפּאַנרימענס, די לייצעס, די שינעס פון די רעדער — אַלץ איז נאַס און לייכט אויף דער זון, פּונקט ווי באַדעקט מיט לאַק. פון איין זייט וועג — אַן אומענדלעך פעלד מיט ווינטער־תבואות, איבערגעשניטן ווי־נישט־ווו מיט קליינע טאָלעכלעך; דאָס פעלד גלאַנצט מיט פייכטער־

ערד און גרינוואַרג און ליגט אויסגעשפּרייט, ווי אַ טונקעלער טעפּיך ביזן סאַמע האָריזאָנט; פון דער צווייטער זייט — אַ יאַשען-וועלדל, פאַר-וואַקסן מיט יונגע נוס-ביימלעך און פויל-ביימלעך, וואָס שטייט זיך אין גרויס רחבות און גליק, באַוועגט זיך נישט און פון זייַנע אָפּגעוואַ-שענע צווייגן פאַלן לאַנגזאַם ליכטיקע רעגן-טראָפּנס אויף די פאַראַיאָריקע טרוקענע בלעטער. פון אַלע זייטן דרייען זיך טשובאַטע לערך-פייגל מיט פריילעכע לידער און נידערן שנעל צו דער ערד. אין די נאַסע קוסטעס הערט זיך אַ פאַרשמייעטע באַוועגונג פון קליינינטשקע פייגעלעך, און פון מיטן וועלדל דערטראָגן זיך דייטלעך די קלאַנגען פון קוקו. עס איז אַזוי מחיהדיק-זיס דער וווּנדערלעכער אַראָמאַט פון וואַלד נאָך אַ פרילינג-געוויטער, דער אַראָמאַט פון בעריאָזעס, פון פיילכלעך, פון פאַרלעגענע בלעטער, פון שוואָמען און פויל-ביימלעך, אַז איך קאָן נישט איינזיצן אין וואָגן; שפּרינג איך אויף און לויף צו די קוסטעס, און, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך ווער באַשאָטן מיט רעגן-טראָפּנס, רייס איך נאַסע צווייגן פון בליענדיקע פויל-ביימלעך, שלאָג מיר מיט זיי איבערן פּנים און שלינג זייער וווּנדערלעכן אַראָמאַט. און איך קוק מיך גאָרנישט אום אפילו, וואָס גרויסע שטיקער בלאָטע האָבן זיך צוגעקלעבט צו מיינע שטיוול און וואָס די זאָקן זענען מיר שוין פון לאַנג נאַס. און איך לויף איבער דער בלאָטע צו די פענצטער פון קאַרעטע.

— לובקעלע! קאַטיעלע! — שריי איך און דערלאַנג זיי עטלעכע צווייגעלעך פון די פויל-ביימלעך. — זע, ווי גוט!

די מיידעלעך קוויטשען און פילדערן. מימי שרייט, איך זאָל אַוועק-גיין, וואָרים מען וועט מיך זיכער צעטרעטן.

— אָבער טו אַ שמעק — סאַראַ ריח! — שריי איך.

III.

דער נייער קוך

קאַטיעלע איז געזעסן לעבן מיר אין וואָגן, און, אָנבייגנדיק איר שיין קעפּעלע, האָט זי פאַרטראַכט נאָכגעקוקט נאָך דעם פאַרשטויבטן וועג, וואָס איז אַוועקגעלאָפן פון אונטער די רעדער. אַ שווייגנדיקער האָב איך געקוקט אויף איר און זיך געחידושט אויף איר נישט-קינדיש טרויעריקן אויסדרוק, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל דערזעען אויף איר ראָז פּנימל.

— נו, באַלד וועלן מיר קומען קיין מאָסקווע, — האָב איך געזאָגט — ווי, מיינסטו, זעט אויס מאָסקווע?

— איך ווייס נישט, — האָט זי נישט גערן געזאָגט.

— אָבער דאָך, ווי מיינסטו: גרעסער פאַר סערפּוכאָוו אָדער נישט?...

— וואָס?

— גאָרנישט.

— אָבער פון יענעם אינסטיקטיוון געפיל, וואָס מאַכט מעגלעך, אַז איין מענטש זאָל טרעפן די געדאַנקען פון אַ צווייטן און וואָס איז אויך דער הויפּטפירער פון אַ שמועס, האָט קאַטיעלע פאַרשטאַנען, אַז מיך קרענקט איר גלייכגילטיקייט. זי האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און זיך אָנגערופן:

— דער פּאַפּאַ האָט אייך געזאָגט, אַז מיר וועלן וווינען מיט דער באָבען?

— געזאָגט. די באָבע וויל דורכויס מיט אונז וווינען.

— און מיר וועלן זיין אַלע צוזאַמען?

— אוודאי. מיר וועלן וווינען אין די אייבערשטע צימערן, אין איין האַלב הויז און איר אין דעם אַנדערן האַלבן הויז. דער פּאַפּאַ, ווידער, וועט וווינען אינם זייטיקן בנין. מיטאָגן וועלן מיר אונטן צוזאַמען בא דער באָבען.

— די מאַמע זאָגט, אַז די באָבעשי איז אַזאַ אָנגעצויגענע — אַ בייזע.

— ניין! דאָס דאַכט זיך נאָר אַזוי פֿון אָנהייב. זי איז אַן אָנגעצויגענע, אָבער נישט קיין בייזע. פאַרקערט, זי איז זייער אַ גוטע און אַ פֿריילעכע. ווען דו וואָלסט נאָר געזעען, וואָס פֿאַר אַ באַל זי האָט געמאַכט צו איר נאָמענטאָג!

— פֿונדעסטוועגן שרעק איך מיך פֿאַר איר. נאָר גאָט ווייסט, צי מיר וועלן...

קאַטיעלע איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און זיך פֿונדאַסניי פֿאַרטראַכט.

— וואָס? — האָב איך אומרויִק געפֿרעגט.

— גאָרנישט, אַזוי זיך.

— ניין, דו האָסט עפּעס געזאָגט: „גאָט ווייס...”

— דו האָסט דאָך גאָר געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ באַל איז עס געווען בײַ דער באָבען.

— נו, טאַקע אַ שאָד, וואָס איר זענט נישט געווען. אַ מענגע געסט געווען, אַ מענטשן טויזנט אודאי, מוזיק, גענעראַלן, און איך האָב געטאַנצט... קאַטיעלע! — האָב איך מיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיט פֿון דער שילדערונג. — דו הערסט נישט?

— ניין, איך הער: דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט געטאַנצט.

— פֿאַרוואָס ביסטו אַזאַ לייַנגווייליקע?

— נישט אַלעמאָל קאָן מען דאָך זײַן פֿריילעך.

— ניין, דו האָסט זיך זייער געענדערט פֿון דער צײַט אָן, וואָס מיר זענען געקומען פֿון מאָסקווע. זאָג דעם אמת, — האָב איך צוגעגעבן מיט אַן אַנטשלאָסענער מינע און זיך אויסגעדרייט צו איר. — פֿאַרוואָס ביסטו געוואָרן עפּעס אַזאַ מאָדנע?

— בין איך זיען אַ מאָדנע? — האָט זי געענטפֿערט אַן אויפֿגעלעבטע, וואָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז מײַן באַמערקונג האָט זי אינטערעסירט — איך בין גאָרנישט קיין מאָדנע.

— ניין, דו ביסט שוין נישט אַזאַ, וואָס פֿריער, — האָב איך ווייטער געזאָגט. — פֿריער האָט מען טאַקע געזעען, אַז דו ביסט מיט אונז איין האַנט, אַז דו האָלטסט אונז פֿאַר אייגענע און האָסט אונז אַזוי

ליב, ווי מיר דיך, אָבער איצט ביסטו אַזאַ ערנסטע, דערווייטערסט זיך פון אונז...

— גאָרנישט אַזוי...

— לאָז מיך דערערדן, — האָב איך איר איבערגעשלאָגן און שוין אָנגעהויבן שפּירן אַ לייכטן קיצל אין דער נאָז, וואָס קומט פון טרערן, וועלכע פילן מיר תמיד אָן די אויגן, בשעת איך וויל אַרויסזאָגן אַ לאַנג-איינגעהאַלטן אינטים וואָרט. — דו דערווייטערסט זיך פון אונז, רעדסט נאָר מיט מימין, פּונקט ווי דו ווילסט אונז גאָרנישט קענען.

— מען קען דאָך שטענדיק נישט בלייבן די זעלבע. ווען-עס-איז מוז מען דאָך ווערן אַן אַנדערע, — האָט קאַטיעלע געענטפערט. זי האָט געהאַט אַ טבע צו דערקלערן אַלץ מיט אַ פאַטאַלער נויטווענדיקייט, ווען זי האָט נישט געוווּסט, וואָס צו רעדן.

איך געדענק, איינמאָל, ווען זי האָט זיך צעקריגט מיט לובקעלען, וואָס האָט זי אָנגערופן נאַריש מיידעלע, האָט זי געענטפערט: אַלע קלוג קאָנען דאָך נישט זיין; עס דאַרפן דאָך נאַרישע אויך זיין, אָבער מיך האָט נישט באַפרידיקט איר ענטפער, אַז מען דאַרף זיך ווען-עס-איז ענדערן, און איך האָב זי נאָך אַלץ געפּרוּווט אויספרעגן:

— צו וואָס דאַרף מען עס?

— וועלן מיר דאָך נישט אַלעמאָל וווינען צוזאַמען, — האָט קאַטיעלע געענטפערט, עטוואָס רויט געוואָרן און שאַרף זיך איינגעקוקט אין פיליפּס רוקן. — די מאַמעשי האָט געקאָנט לעבן בײַ דער פאַר-שטאָרבענער מוטער אייערער, זי איז געווען איר פריינט. אָבער גאָט ווייסט, צי זי וועט קאָנען הויזן מיט דער גרעפין, וואָס איז אַזאַ בייזע, זאָגט מען. אָבער ווען-עס-איז וועלן מיר זיך פאָרט מוזן שיידן: איר האָט פּעטראָווסקאָיע, און מיר זענען אָרים — די מאַמע פאַרמאָגט גאָרנישט.

איר זענט רייך — מיר אָרים: דידאָזיקע ווערטער און די באַגריפן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט זיי, האָבן מיר אויסגעוויזן אומגעווייגלעך אויסטערליש. אָרים האָבן, לויט מיינע דעמאָלטיקע באַגריפן, געקאָנט זיין בלויז בעטלער און פויערים און אָט די השגה פון אָרימקייט האָב איך אין מיין פאַנטאַזיע בשום אופן נישט געקאָנט בינדן מיט דער גראַציעזער שיינער קאַטיעלען. מיר האָט אויסגעוויזן, אַז מימי און קאַטיעלע, אויב זיי האָבן פריער געלעבט מיט אונז, וועלן זיי אויך ווייטער לעבן מיט אונז צוזאַמען און אַלץ גלייך טיילן צווישן זיך. און אַנדערש האָט עס

באַרנישט געקאָנט זיין. איצט אָבער האָבן זיך מיר אָנגעהויבן דרייען אין קאָפּ טויזנטער נייע אומקלאָרע רעיונות וועגן זייער איינזאַמען מצב, און מיר איז עפּעס געווען אַזוי נישט באַקוועם, וואָס מיר זענען רייך און זיי אָרים, אַז איך בין רויט געוואָרן און זיך נישט געקאָנט באַשליסן אַ קוק צו טון אויף קאַטיעלען.

„און וואָס איז אַזוינס, וואָס מיר זענען רייך און זיי אָרים ? — האָב איך געטראַכט, — און ווי אַזוי אָרום דרינגט פון דעם אַרויס די נויטווענדיקייט זיך צו שיידן ? פאַרוואָס זאָלן מיר טאַקע נישט פאַרטיילן גלייך צווישן זיך דאָס, וואָס מיר האָבן ?" אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט קאַטיעלען טויג נישט צו רעדן וועגן דעם און עפּעס אַ פּראַקטישער אינסטינקט, אין קעגנזאַץ צו דידאַזיקע לאָגישע רעיונות, האָט מיר שוין אונטערגעזאָגט, אַז זי איז גערעכט און אַז עס וואָלט געווען נישט פּאַסיק אויסצוטייטשן איר מיין געדאַנק.

— שוין־זשע וועסטו טאַקע אַוועקפאָרן פון אונז ? — האָב איך געזאָגט. — און ווי אַזוי וועלן מיר עס לעבן באַזונדער ?

— וואָס קאָן מען העלפן, מיר טוט עס אויך וויי. אָבער אויב דאָס וועט געשען, ווייס איך שוין, וואָס איך וועל טון...

— אַן אַקטריסע וועסטו ווערן... נאַרישקייטן ! — האָב איך אונטערגעכאַפּט, וויסנדיק, אַז איר ליבסטער טרוים איז צו ווערן אַן אַקטריסע.

— ניין, אַזוי פלעג איך רעדן, ווען איך בין געווען אַ קליינטשיקע...

— איז וואָס וועסטו טון ?

— איך וועל אַוועק אין מאָנאַסטיר און דאָרט וועל איך לעבן, איך וועל גיין אין אַ שוואַרץ קליידל, אין אַ סאַמעטענעם היטעלע.

קאַטיעלע האָט זיך צעוויינט.

צי איז עס מיט אייך, לעזער, געשעען אַמאָל, אַז אין אַ געוויסער צייט פון אייער לעבן זאָלט איר גאָר אומגעריכט איינזעען, אַז אַייער קוק אויף זאַכן האָט זיך לחלוטין געענדערט, פּונקט ווי אַט די אַלע זאַכן, וואָס איר האָט געזען ביז איצט, וואָלטן זיך אויסגעדרייט צו אייך מיט אַן אַנדער. נאָך אומבאַקאַנטער זייט ? אַזאַ מין מאָראַלישע פאַרענדערונג איז געשעען מיט מיר צום ערשטן מאָל בעת אונזער נסיעה, וואָס פון איר רעכן איך טאַקע דעם אָנהייב פון מיינע יוגנט־יאָרן.

דאָס ערשטע מאָל איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין אַ קלאָרער געדאַנק, אַז נישט מיר אַליין — דאָס הייסט אונזער פאַמיליע — לעבן

אויף דער וועלט, אַז נישט אַלע אינטערעסן דרייען זיך אַרום אונז, אַז עס עקזיסטירט אַן אַנדער לעבן פון מענטשן, וואָס האָבן מיט אונז קיין שום שייכות נישט, וואָס קימערן זיך נישט וועגן אונז און האָבן אפילו קיין שום השגה נישט וועגן אונזער עקזיסטענץ. דאָס אַלץ האָב איך, אָן שום ספק, פריער אויך געוווּסט, אָבער איך האָב עס נישט געוווּסט אַזוי, ווי איך ווייס עס איצט; איך האָב עס נישט געהאַט אין באַוווּסטזיין, נישט געפילט.

דער געדאַנק ווערט איבערגעגאַנגען אין אַן איבערצייגונג נאָר דורך אַ באַשטימטן וועג, וואָס איז טיילמאָל גאַנץ אומגעריכט און וואָס איז גאָר אָפּגעזונדערט פון יענע דרכים, וועלכע עס מאַכן דורך אַנדערע מוחות, צו באַקומען די זעלבע איבערצייגונג. דער שמועס מיט קאַטיעלען, וואָס האָט מיך שטאַרק גערירט און געצווּנגען זיך צו פאַרטראַכטן איבער איר קינפטיקער לאַגע, איז פאַר מיר געווען אַזאַ מין וועג. בשעת איך האָב געקוקט אויף די דערפער און שטעט, וועלכע מיר זענען פאַרבייגע-פאָרן, און וואָס אין יעדן הויז האָט דאָרט געוווינט, לפּחות, אַזאַ פאַמיליע, ווי אונזערע; בשעת איך האָב געקוקט אויף פרויען, אויף קינדער, וואָס האָבן אַ ווײַלע נייגיריק אָנגעקוקט אונזער עקיפּאַזש און דערנאָך אויף אייביק פאַרשווּנדן געוואָרן פון די אויגן; בשעת איך האָב געקוקט אויף קרעמער, אויף פויערים, וואָס האָבן זיך פאַר אונז נישט נאָר נישט אַ נייג געטון, ווי איך בין עס געוווינט געווען צו זען אין פּעטראָווסקאָיע — זיי האָבן אונז אפילו נישט מהנה געווען מיט אַ בליק, איז מיר צום ערשטן מאָל אַרויפגעקומען אויפן רעיון די פראַגע: וואָס קאָן זיי באַשעפ-טיקן, ווען זיי קימערן זיך אַ האָר נישט וועגן אונז? פון דערדאָזיקער פראַגע זענען אַרויסגעדרונגען אַנדערע: ווי און פון וואָס לעבן זיי? ווי אַזוי דערציען זיי זייערע קינדער? צי לערנט מען זיי? צי לאָזט מען זיי זיך שפּילן? ווי אַזוי הייסן זיי? א. ד. גל.

IV.

אין מאָסקווע

מיטן קומען קיין מאָסקווע האָט זיך דער שינוי פון מיין קוק אויף זאַכן, מענטשן און מיין באַציונג צו זיי — געלאָזט נאָך שטאַרקער שפירן.

באַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט דער באָבען, בשעת איך האָב דערזעען איר מאָגער, צעקנייטשט געזיכט און די אויסגעלאָשענע אויגן, האָט דאָס געפיל פון שטאַרקער שעצונג און פחד, וואָס איך פלעג שפירן צו איר, זיך פאַרוואַנדלט אין מיטלייד. און בשעת זי איז צוגעפאַלן צו לובקעלעס קעפּל און אָנגעהויבן וויינען אַזוי, ווי זי וואָלט דערזעען דאָס טויטע געשטאַלט פון איר געליבטער טאָכטער, האָב איך אַלץ געשפירט צו איר מיטלייד אָנשטאָט ליבע. מיר איז געווען נישט באַקוועם צו זען איר טרויער באַ דער ערשטער באַגעגעניש מיט אונז. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר גופא זענען אין אירע אויגן גאָרנישט, אַז מיר זענען איר טייער בלויז ווי אַ דערינערונג; איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אין יעדן קוש, מיט וועלכן זי האָט באַדעקט מיינע באַקן, איז אויסגעדריקט געוואָרן איין געדאַנק: זי איז נישטאָ, זי איז געשטאָרבן, איך וועל זי מער נישט זען!

דער פּאַפּאַ, וואָס האָט זיך אין מאָסקווע כמעט נישט פאַרנומען מיט אונז און וואָס פלעגט בלויז באַם מיטאָג קומען צו אונז מיט אַ שטענדיק=פאַרדאגהט פּנים, אין אַ שוואַרצן סורדוט אָדער פראַק, האָט צוזאַמען מיט זיינע אַרויסגערוקטע קעלנער פון העמד, מיט זיין שלאַפראָק, מיט זיינע סטאַראָסטעס, פּריקאַזשטשיקעס, מיט זיין גיין אין די שייערן און אויף געיעג אַ סך פאַרלוירן אין מיינע אויגן. קאַרל איוואַניטש, וואָס די באָבע פלעגט אים רופן דיאַדקע און וואָס האָט פּלוצלינג אינמיטן דערינען, גאָט ווייסט פאַרוואָס, אויסגעביטן זיין חשובן מיר באַקאַנטן פּליך אויף אַ געלן פּאַרוק מיט אַ פּעדעם=שייטל כמעט אויפן מיטן קאָפּ

האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי משונה און לעכערלעך. אַז איך האָב מיך גע־וואונדערט, ווי אַזוי האָב איך עס פריער נישט באַמערקט.

צווישן די מיידעלעך און אונז איז אויך אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַן אומבאַמערקטע וואַנט. זיי און מיר האָבן שוין געהאַט אייגענע סודות; און זיי האָבן זיך אַזוי ווי געגרויסט קעגן אונז מיט זייערע קליידלעך, וואָס זענען געוואָרן לענגער און מיר — מיט אונזערע הייזלעך מיט פוס־בענדלעך. דעם ערשטן זונטיק איז מימי אויך אַרויס צום מיטאָג אין אַ רייך קלייד און מיט אַזוינע בענדער אויפן קאָפּ, אַז מען האָט באַלד געקאָנט זען, אַז מיר זענען שוין נישט אין דאָרף און אַז אַלץ וועט איצט אָננעמען אַן אַנדערע ווענדונג.

V

דער עלטערער ברודער

בלויז מיט אַ יאָר און עטלעכע חדשים בין איך געווען ייִנגער פון וואָלאָדיען. מיר זענען שטענדיק צוזאַמען געוואַקסן, געלערנט און גע־שפּילט. צווישן אונז איז נישט געווען קיין שום אונטערשיד פון עלטער און ייִנגער. אָבער טאַקע אין דער צייט, וועגן וועלכער איך רעד, האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז וואָלאָדיע קאָן מיר נישט זיין קיין חבר לויט די יאָרן, נייגונגען און פעיקייטן. מיך האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז וואָלאָדיע אַליין שפּירט זיין בכורה און נעמט זיך איבער דערמיט. אַזאַ איבערצייגונג, מעגלעך, אַ פאַלשע, האָט מיר גורם געווען מיין אייגנליבע, וואָס האָט געליטן בײַ יעדן צוזאַמענשטויס מיט אים. אין אַלץ איז ער געשטאַנען העכער פון מיר: אין פאַרוויילונגען, אין למוד, אין קריגערייען, אין דער האַלטונג, און דאָס אַלץ האָט מיך דערווייטערט פון אים און מיך געצוווּנגען איבערצולעבן אימפאַרשטענדלעכע מאָראַלישע יסורים. ווען איך וואָלט געקאָנט זאָגן גלייך, בעת מען האָט וואָלאָדיען צום ערשטן מאָל געמאַכט האָלענדישע העמדער מיט פאַלדן, אַז איך האָב גרויס עגמת־נפש דערפון, וואָס איך האָב אויך נישט אַזעלכע, וואָלט מיר זיכער לייכ־טער געוואָרן, און יעדעס מאָל, בעת ער האָט פאַרריכט זיינע קעלנערלעך,

וואָלט מיר אוודאי נישט אויסגעוויזן, אַז ער טוט עס צוליב דעם, כּדי מיך צו באַליידיקן.

מער פון אַלץ האָט מיך געפּייניקט דאָס, וואָס וואָלאָדיע, ווי מיר האָט טיילמאָל אויסגעוויזן, האָט מיך פאַרשטאַנען, אָבער ער האָט זיך געסטאַרעט צו פאַרבאָרגן עס.

ווער האָט נישט באַמערקט יענע סודותפולע שטומע באַציונגען, וואָס ווייזן זיך אַ־ויס אין אַן אומבאַמערקטן שמייכל, באַוועגונג אָדער בליק צווישן מענטשן, וואָס לעבן שטענדיק אינאיינעם: צווישן ברידער, חברים, מאַן און ווייב, האַר און דינער. באַזונדערס ווען די דאָזיקע מענטשן זענען נישט אין אַלץ אָפנהאַרציק צווישן זיך. וויפיל נישט־דערזאָגטע פאַרלאַנגען, געדאַנקען און שרעק — צו זיין פאַרשטענדלעך — ווערט אויסגעדריקט אין אַ צופעליקן בליק, בשעת אייערע אויגן טרעפן זיך אָן ציטעריק און נישט זיכער!

נאָר עס קאָן זיין, אַז מיך האָט אין דעם פּרט גענאַרט מיין צו פלינקע אויפכאַפּונג מיטן שכל און מיין טבע צו אַנאַליזירן. עס קאָן זיין, אַז וואָלאָדיע האָט גאָרנישט געפילט דאָס, וואָס איך. געווען איז ער היציק, אָפנהאַרציק און נישט באַשטענדיק אין זיינע געפילן. סאַמע פאַרשידענע זאַכן פלעגן אים געפעלן ווערן און ער פלעגט זיך זיי איבערגעבן מיט לייב און לעבן.

דאָ פלעגט ער זיך פּלוצלינג שטאַרק אַריינטון אין בילדער: פלעגט ער זיך נעמען צום צייכענען, פטרן דערויף דאָס גאַנצע געלט, און פלעגט אויסבעטן באַם לערער פון צייכענען, באַם פּאַפּאַ, באַ דער באָבען; דאָ פלעגט אים באַפאַלן אַ תאווה צו קלייניקייטן, מיט וועלכע ער פלעגט באַפּוצן זיין טישל, אויפזאַמלענדיק זיי פון דער גאַנצער שטוב; דאָ אַ תאווה צו ראָמאַנען, וואָס ער פלעגט באַקומען בסוד און לייענען גאַנצע טעג און נעכט... נישט ווילנדיק האָב איך מיך אויך אַריינגעטון אין זיינע תאוות; אָבער איך בין געווען צו שטאָלץ, איך זאָל אים נאָכטון און צו יונג און צו נישט זעלבשטענדיק, איך זאָל אויסקלויבן אַ נייעם וועג. אָבער קיין איין זאַך האָב איך אַזוי נישט מקנא געווען, ווי וואָלאָדיעס גליקלעכן איידלמוטיק־אָפנהאַרציקן כאַראַקטער, וואָס פלעגט זיך באַזונדערס שאַרף אויסדריקן אין אַ קריגעריי צווישן אונז. איך האָב געפילט, אַז ער באַגייט זיך גוט, אָבער איך האָב אים נישט געקאָנט נאָכטון.

איינמאָל, בשעת זיין שטאַרקסטער ליידנשאַפט צו קלייניקייטן, בין

איך צוגעגאַנגען צו זיין טיש און אומגערן צעבראָכן אַ ליידיק פאַרשידנ-פאַרביק פלעשעלע.

— ווער בעט דיך אָנרירן מיינע זאַכן? — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, אַריינגייענדיק אין צימער און באַמערקנדיק דעם חורבן, וואָס איך האָב אָנגעמאַכט אין די גלייך צעלייגטע פאַרשידענע פוץ-זאַכעלעך פון זיין טישל. — ווו איז דאָס פלעשעלע? מסתמא האָסטו...

— נישט-ווילנדיק אַראָפּגעוואָרפן, האָט זיך עס צעבראָכן. נו, וואָס איז דאָ דאָס אומגליק?

— טו מיר דעם חסד און ד ע ר וו ע ג זיך קיינמאָל נישט אָנ-צורירן מיינע זאַכן, — האָט ער געזאָגט, צוזאַמענשטעלנדיק די שטיקלעך פון צעבראָכענעם פלעשעלע און קוקנדיק אויף זיי מיט גרויס שברי-לב.

— קאָמאַנדעווע נישט, איך בעט דיך, — האָב איך גע-ענטפערט — צעבראָכן, איז צעבראָכן. וואָס איז דאָ צו רעדן!

און איך האָב אַ שמייכל געטון, הגם מיר האָט זיך גאָרנישט גע-וואָלט שמייכלען.

— יאָ, באַ דיר איז עס גאָרנישט, אָבער באַ מיר איז עס יאָ עפּעס, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט און אַ צוק געטון מיטן אַקסל, אַ זשעסט, וואָס ער האָט געירשנט פון פּאַפּאַ. — צעבראָכן און לאַכט נאָך, אַזאַ נישטיק יינגל!

— איך בין אַ יינגל. אָבער דו ביסט אַ גרויסער און אַ נאַר.

— איך וויל מיך גאָרנישט צעקריגן מיט דיר, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט און מיך עטוואָס אָפּגעשטויסן, — אַוועק פונדאַנען!

— שטויס זיך נישט!

— אַוועק פונדאַנען!

— שטויס זיך נישט, זאָג איך דיר!

וואָלאָדיע האָט מיך גענומען באַ דער האַנט און געוואָלט אָפּשלעפּן פון טיש. אָבער איך בין שוין געווען צערייצט ביז דער לעצטער מדרגה: האָב איך געכאַפּט דעם טיש פאַר אַ פיסל און אומגעוואָרפן אים. „טאָ נאַדיר טאַקע!” און די אַלע פוץ-זאַכעלעך פון פאַרפאַר און קרישטאָל זענען שטיקלעכווייז צעפלויגן געוואָרן איבער דער פּאָדלאָגע.

— אַ פּאַסקודנער יונג! — האָט וואָלאָדיע אויסגעשריגן און זיך באַמיט אונטערצוכאַפּן די פאַלנדיקע זאַכן.

„נו, איצט איז שוין צווישן אונז אַלץ געענדיקט, — האָב איך

געטראַכט, אַרויסגייענדיק פון צימער, — מיר האָבן זיך שוין צעקריגט אויף אייביק".

ביזן אָוונט האָבן מיר נישט גערעדט צווישן זיך; איך האָב מיך געפילט שולדיק, האָב מורא געהאַט אַ קוק צו טון אויף אים און אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געקאָנט טון. וואָלאָדיע, פאַרקערט, האָט זיך גוט געלערנט און, ווי אַלעמאָל, נאָך מיטאָג געשמועסט און געלאַכט מיט די מיידעלעך.

באַלד ווי דער לערער האָט געענדיקט די לעקציעס, בין איך אַרויס פון צימער: מיר איז געווען שרעקלעך נישט צו מוט און שווער צו פאַרבלייבן אַליין מיטן ברודער. נאָך די אָוונטיקע לעקציעס איבער געשיכטע האָב איך גענומען די קאַיעטן און אַוועק צו דער טיר. אַדורכגייענדיק פאַרביי וואָלאָדיען, האָב איך מיך אָנגעבלאָזן און זיך באַמיט צו מאַכן אַ בייז געזיכט, הגם מיר האָט זיך געוואָלט צוגיין צו אים און ווערן גוט מיט אים. אין דער זעלבער צייט האָט וואָלאָדיע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיך דרייסט אָנגעקוקט מיט אַ גוטמוטיקן-חוזקדיקן שמייכל, קוים צו מערקן. אונזערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און איך האָב דערפילט, אַז ער פאַרשטייט מיך און אויך דאָס, אַז איך פאַרשטיי, אַז ער פאַרשטייט מיך. אָבער עפּעס אַ פאַרעקשנט געפיל האָט מיך געצווּנגען אָפּצוקערן זיך.

— ניקאָלינקע! — האָט ער זיך אָנגערופן גאַנץ פּשוט, אָן אַ פּאַטעטישן טאָן. — נישט זיי בייז. אַנטשולדיק מיר, אויב איך האָב דיך באַליידיקט.

און ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט.

אין האַרץ האָט מיר פּלוצלינג גענומען דריקן עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אויפגעהויבן אַלץ העכער און העכער און האָט מיר פאַרהאַלטן דעם אָטעם. אָבער דאָס האָט געדויערט בלויז איין סעקונדע: אויף די אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן און מיר איז לייכטער געוואָרן.

— אַנט—שולדיק... מיר, וואָלאָדיע! — האָב איך געזאָגט, דריקנדיק אים די האַנט.

וואָלאָדיע האָט אָבער אַ קוק געטון אויף מיר אַזוי, ווי ער וואָלט נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס האָב איך טרערן אין די אויגן...

VI.

מאַשע

קיין שום שינוי, וואָס איז פאָרגעקומען אין מיין קוק אויף זאַכן, האָט מיך אַליין אַזוי נישט איבערראַשט, ווי דער, וואָס צוליב אים האָב איך אין איינער פון אונזערע שטובמיידלעך אויפגעהערט צו זעען אַ דינסט פון פרויען-געשלעכט, נאָר אַ פ ר ו י, פון וועלכער עס קען זיין אָפּהענגיק, אין אַ געוויסער מאָס, מיין מנוחה און גליק.

פון דער צייט אָן, זינט איך געדענק מיך, געדענק איך אויך מאַשען אין אונזער הויז, און ביז דעם צופאַל, וואָס האָט לגמרי געענדערט מיין בליק אויף איר און וועגן וואָס איך עס טאַקע וויל איך איצט דער-ציילן — האָב איך מיך קיינמאָל נישט אומגעקוקט אויף מאַשען. ווען מאַשע איז אַלט געווען צוואַנציק יאָר, בין איך אַלט געווען פערצען. זי איז געווען זייער אַ שיינע. אָבער איך שרעק מיך צו באַשרייבן זי, איך האָב מורא, אַז דער דמיון זאָל מיר ווידעראַמאָל נישט ברענגען פאַר די אויגן אַ רייצנדיק און פאַרפירעריש געשטאַלט, וואָס ער, דער דמיון, האָט זי אויסגעפּורעמט פאַר דער צייט פון מיין ליידנשאַפט. כּדי איך זאָל מיך נישט טועה זיין, וועל איך בלויז זאָגן, אַז זי איז געווען אומגע-וויינלעך ווייס, אויסגעצייכנט אַנטוויקלט קערפּערלעך און איז געווען אַ פרוי. און איך בין אַלט געווען פערצען יאָר.

אין איינער פון יענע מינוטן, בשעת דו שפּאַצירסט אַרום איבערן צימער מיט דער לעקציע אין דער האַנט און באַמיסט זיך צו שפּרייזן בלויז איבער די שפּאַרעס פון דער פּאָדלאָגע, אָדער דו זינגסט עפּעס אַ צופעליק מאָטיוול, אָדער פאַרשמירסט מיט טינט דעם ברעג טיש, אָדער דו האַלטסט אין איין חזרן אָן אַ שום זין עפּעס אַ ממרא, — מיט איין וואָרט, אין איינער פון יענע מינוטן, בשעת דער מוח זאָגט זיך אָפּ פון אַרבעט און דער דמיון, וואָס באַקומט די איבערהאַנט, זוכט איינדריקן, בין איך אַרויסגעגאַנגען פון קלאַסצימער און אָן אַ שום ציל זיך אַראָפּגע-לאָזט צו דעם שטיגן-פּלאַץ.

עמעץ אין שיכלעך איז געגאַנגען אַרויף מיט דעם צווייטן אויסגעדריי פון די טרעפּ. איך האָב, נאַטירלעך, געוואָלט וויסן, ווער דאָס גייט. מיטאַמאָל אָבער האָט אויפגעהערט דער גערויש פון די טריט, און איך האָב דערהערט מאַשעס קול: „לאָזט געמאַך. וואָס באַלעוועט איר זיך? ס'וועט זיין גוט. אַז מאַריע איוואַנאָוונע וועט קומען?"

— וועט נישט קומען, — האָט וואָלאָדיע אַ זאָג געטון, שעפּטשענדיק, און באַלד דערויף האָט זיך עפּעס באַוועגט, פּונקט ווי וואָלאָדיע וואָלט זי געוואָלט פאַרהאַלטן.

— נו, וווהין רוקט איר די הענט, אומפאַרשעמטער, וואָס איר זענט! — און מאַשע איז אַדורכגעלאָפן פאַרביי מיר, דאָס קאָפּ־טיכל שטאַרק פאַררוקט אויף אַ זייט און אונטער דעם האָט זיך אַרויסגעזען אַ ווייסער פולער האַלז.

איך קאָן דאָ נישט אויסדריקן, ווי ווייט איך בין נשתומם געוואָרן פון דערדאָזיקער אַנטדעקונג; דאָסדאָזיקע געפיל פון שטוינונג האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן; אַנשטאָט דעם האָב איך גאָר גענומען מיטפילן וואָלאָדיעס טאַט: מיך האָט שוין נישט אַזוי פאַרחידושט זיין טאַט, ווי דאָס, וואָס ער האָט געכאַפּט מיטן שכל, אַז ס'איז זייער אָנגענעם צו טון אַזאַ זאַך. און מיר האָט זיך אויך פאַרוואָלט צו טון דאָס אייגענע, וואָס ער.

שעהן־לאַנג פלעג איך אָפטמאָל שטיין אָן אַ שום מחשבה אויפן שטיגן־פּלאַטאָ און מיט אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט זיך צוגעהערט צו דער קלענסטער באַוועגונג, וואָס האָט זיך דערטראָגן פון אויבן. קיינמאָל אָבער האָב איך מיך נישט געקאָנט צווינגען צו טון דאָס אייגענע, וואָס וואָלאָדיע, כאָטש מיר האָט עס זיך געוואָלט מער ווי אַלץ אויף דער וועלט. טיילמאָל פלעג איך מיך פאַרטייען הינטער דער טיר און מיט אַ שווער געפיל פון קנאה און אייפערזוכט זיך צוגעהערט צום טאַראַראַם אינם צימער פון די שטוב־מיידלעך און בעת מעשה פלעגט מיר איינפאַלן: ווי, אַ שטייגער, וואָלט איך דאָס אויסגעזען, ווען איך וואָלט אַרויפגעגאַנגען אויבן, ווי וואָלאָדיע, און וואָלט געוואָלט אַ קוש טון מאַשען? און וואָס וואָלט איך איר געענטפערט מיט מיין ברייטער נאָז און סטאַרטשענדיקע קודלעס האָר, ווען זי וואָלט מיך אַ פרעג געטון, צו וואָס איך בין געקומען? אָפטמאָל פלעג איך הערן, ווי זי פלעגט זאָגן צו וואָלאָדיען „אָט אַן אָנשיקעניש! וואָס האָט איר זיך איינגעראַמתן צוגעטשעפּעט צו מיר, גייט אייך אַוועק פונדאַנען, אָט אַ שטיפער... פאַרוואָס

קומט דאָ קיינמאָל נישט אַהער ניקאָלאַי פּעטראָוויטש און מאַכט זיך דאָ נישט נאַריש..." זי האָט נישט געוווּסט, אַז ניקאָלאַי פּעטראָוויטש זיצט בעת מעשה אונטער די שטיגן און איז אַ מוכן ומזומן אָפּצוגעבן אַלץ אויף דער וועלט, אַבי צו זיין אויף דעם אָרט פון דעם שטיפער וואָלאָדיען.

בטבע בין איך געוועז אַ שעמעוודיקער, אָבער דידאַזיקע שעמעוודיקייט האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט פון דער איבערצייגונג, אַז איך בין העסלעך. און איך בין זיכער, אַז קיין שום זאַך האָט נישט אַזאַ שטאַרקע ווירקונג אויף דער ריכטונג פון אַ מענטש, ווי זיין אויסערלעכקייט, און נישט אַזוי ווייט די אויסערלעכקייט, ווי די זיכערקייט אין איר חן אָדער אומחן.

איך האָב פאַרמאָגט צופיל איינגליבע, אַז איך זאָל מיך קאָנען צוגעוויינען צו מיין לאַגע, האָב איך זיך געטרייסט, ווי אַ פוקס און האָב זיך איינגערעדט, אַז די ווייַנטרויב איז נאָך גרין, דאָס הייסט איך האָב מיך באַמיט צו פאַראַכטן די אַלע תענוגים, וואָס מען באַקומט זיי צוליב דער אָנגענעמער אויסערלעכקייט און וואָס וואָלאָדיע געניסט פון זיי ממש אויף מיינע אויגן און וואָס איך בין זיי מקנא מיטן גאַנצן האַרץ; און איך האָב אָנגעשטרענגט מיין גאַנצן שכל און דעם דמיון, צו געפינען פאַרגעניגן אין דער שטאָלצער איינזאַמקייט.

VII.

דער שראַט

— גאָט מיינער, פּולווער!... — האָט מימי אויסגערופן מיט אַ פאַרשטיקטן קול פון אויפרעגונג. — וואָס טוט איר? איר ווילט אונטערצינדן דאָס הויז, אומברענגען אונז אַלעמען?...

און מיט אַן אומבאַשרייבלעכן אויסדרוק פון מוט און העלדישקייט האָט מימי אַלעמען געהייסן זיך אָפּרוקן, מיט גרויסע זיכערע טריט צוגעגאַנגען צו דעם צעשאָטענעם שראָט, און, זיך גאָרנישט אומקוקנדיק אויף דער סכנה, וואָס האָט געקאָנט קומען פון אַ פּלוצלינגדיקן אויפרייס,

האָט זי עס אָנגעהויבן איינטרעטן מיט די פיס. ווען די סכּנה האָט, לויט איר מיינונג, געמיטן, האָט זי צוגערופן מיכייען און געהייסן אים אַרויס־וואַרפן וואָס ווייטער דעמדאָזיקן פּ ו ל ו ע ר, אָדער בעסער אַריינ־וואַרפן אים אין וואַסער; דערנאָך האָט זי שטאַרק אַ טרייסל געטון מיט דער הויב און אַוועק אין עסצימער. „מען גיט זייער אַכטונג אויף זיי, בישטאָ וואָס צו רעדן", — האָט זי געוואָרטשעט.

אַז דער פּאַפּאַ איז געקומען און מיר זענען צוזאַמען אַוועק צו דער באָבען, איז שוין דאָרט אין צימער באַם פענצטער געזעסן מימי און מיט אַ סודותדיק־אָ־יציעל פּנים בייז געקוקט צו דער טיר. אין האַנט האָט זי עפּעס געהאַלטן פאַרוויקלט אין עטלעכע פּאַפּירלעך. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען דער שראַט און אַז די באָבע ווייסט שוין פון אַלץ.

אויסער מימין, האָבן זיך אין צימער נאָך געפונען דאָס הויזמיידל גאַשע, וואָס לויט איר בייז רויט געזיכט האָט מען געקאָנט זען, אַז זי איז שטאַרק צערודערט, און דער דאָקטאָר בלומענטאַל, אַ קליין מענטשעלע מיט אַ גע‌פּאָקט פּנים, וואָס האָט זיך אומזיסט געמאַרעט צו באַרויקן גאַשען, געמאַכט איר מיט די אויגן און מיטן קאָפּ סודותפולע און באַ־רויקדיקע רמזים.

די באָבע אַליין איז געזעסן עטוואָס מיט אַ זייט און פונאַנדערגע־לייגט אַ פּאַסיאַנס — ד ע ר ר י י נ ד ע ר, וואָס האָט תּמיד געדינט פאַר אַ סימן, אַז זי געפינט זיך אין אַ שלעכטער שטימונג.

— ווי פילט איר זיך היינט, maman? זענט איר גוט גע־שלאָפן? — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט און מיט דרך־ארץ געקושט איר די האַנט.

— זייער גוט, מיין ליבער. איר ווייסט, דאַכט זיך, אַז איך געפין מיך אַלע מאָל אין בעסטן געזונט, — האָט די באָבע געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי דער פּאַפּאַ וואָלט געשטעלט אַן אומפּאַסיקע און באַליידיק־לעכע פראַגע. — נו, ווער איר מיר געבן אַ ריין טיכל? — האָט זי זיך אָנגערופן צו גאַשען.

— איך האָב אייך געגעבן — האָט גאַשע געענטפערט און אָנגעווי־זן אויף אַ שניי־ווייס באַטיסטן טיכל, וואָס איז געלעגן אויפן הענטל פון לענשטול.

— נעמט אייך דאָס שמוציקע שמאַטקעלע און גיט מיר אַ ריין טיכל, מיין ליבע.

גאַשע איז צוגעגאַנגען צו דער שאַפע, אַרויסגערוקט אַ שופלאַד און אַזוי שטאַרק אַ קלאַפּ געטון מיט איר, אַז אין צימער האָבן אָנגעהויבן ציטערן די שויבן. די באָבע האָט אונז אַלעמען בייז אָנגעקוקט און שאַרף נאָכגעהיט די באַוועגונגען פונם שטובמיידל. אַז זי האָט איר דערלאַנגט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, דאָס זעלבע טיכל, האָט די באָבע געזאָגט:

— מיין ליבע, וועט איר מיר שוין אַמאָל אָנרייבן טאַבאַק?

— ווען זיין צייט, וועל איך אָנרייבן.

— וואָס זאָגט איר?

— היינט וועל איך אָנרייבן.

— אויב איר ווילט מיר נישט דינען, מיין ליבע, האָט איר באַדאַרפט אַזוי זאָגן: איך וואָלט אייך שוין לאַנג אָפּגעלאָזט.

— און אַז איר וועט אָפּלאָזן, וועט מען זיך אויך נישט אַנידערזעצן וויינען, — האָט דאָס הויזמיידל שטיל אַרויסגעוואָרטשעט.

אין דער זעלבער צייט האָט איר דער דאָקטאָר געוואָלט צווינקען מיטן אויג, אָבער זי האָט אויף אים אַ קוק געטון אַזוי בייז און אַנטשלאָסן, אַז ער האָט באַלד אַראָפּגעלאָזט די אויגן און אָנגעהויבן שפּילן מיטן שליסעלע פון זייגערל.

— זעט איר, מיין ליבער, — האָט די באָבע זיך אָנגערופן צום פּאַפּאַ, ווען גאַשע איז, וואָרטשענדיק, אַרויס פון צימער, — ווי מען רעדט מיט מיר אין מיין הויז!

— דערלויבט, maman, איך וועל אייך אַליין אָנרייבן טאַבאַק, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט; דער באָבעס אומגעריכטע ווענדונג האָט אים, קענטיק, אַריינגעבראַכט אין גרויס פאַרלעגנהייט.

— נו, ניין, איך דאַנק אייך. זי איז דאָך דערפאַר אַזוי גראָב, ווייל זי ווייסט, אַז אויסער איר וועט קיינער נישט קאָנען אָנרייבן טאַבאַק, ווי איך האָב ליב. ווייסט איר, מיין ליבער, — האָט די באָבע ווייטער געזאָגט נאָך אַ קורצן שווייגן — אַז אייערע קינדער האָבן היינט שיער נישט אונטערגעצונדן דאָס הויז?

דער פּאַפּאַ האָט מיט העפלעכער נייגיריקייט אַ קוק געטון אויף דער באָבען.

— יאָ, אָט מיט וואָס זיי שפּילן. ווייזט זיי, — האָט זי געזאָגטווענדנדיק זיך צו מימין.

דער פּאַפּאַ האָט גענומען אין די הענט אַריין דעם שראַט און גע־מוזט אַ שמייכל טון.

— יאָ, דאָס איז שראַט, maman, — האָט ער געזאָגט, — אָבער דאָס איז גאָרנישט געפערלעך.

— איך בין אייך זייער דאַנקבאַר, מיין ליבער, וואָס איר לערנט מיך, אָבער איך בין שוין צו־אַלט...

— די נערוון, די נערוון! — האָט דער דאָקטאָר אַרויסגע־שעפּטשעט.

דער פּאַפּאַ האָט זיך באַלד אָנגערופן צו אונז:

— ווו האָט איר עס גענומען? ווי דערוועגט איר זיך אַרומצו־שטיפן מיט אַזוינע זאַכן?

— נישטאָ זיי וואָס צו פרעגן, פרעגן דאַרף מען זייער די אַ ד־קע, — האָט די באָבע געזאָגט און מיט אַ באַזונדערער פאַראַכטונג אַרויסגערעדט דאָס וואָרט די אַ ד ק ע, — וואָס קוקט ער?

— וואָלדעמאַר האָט געזאָגט, אַז קאַרל איוואַניטש אַליין האָט אים געגעבן דעמדאָזיקן פּולווער, — האָט מימי אונטערגעכאַפּט.

— נו, אָט זעט איר, ווי ער טויג, — האָט די באָבע ווייטער גע־זאָגט. — און ווו איז ער, דערדאָזיקער די אַ ד ק ע, ווי הייסט ער דאָרטן... שיקט אים אַריין אַהער.

— איך האָב אים אָפּגעלאָזט היינט — ער איז ערגעץ געגאַנגען מיט אַ וויזיט, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט.

— דאָס איז נישט קיין שכל, ער דאַרף שטענדיק זיין דאָ. די קינ־דער זענען נישט מיינע, נאָר אייערע, און איך האָב קיין שום רעכט נישט צו עצהן אייך, ווייל איר זענט קלוגער פון מיר, — האָט די באָבע ווייטער געזאָגט. — ס'דאַכט זיך מיר אָבער, אַז מען האָט שוין לאַנג באַ־דאַרפט נעמען צו זיי אַ גוווערנער נישט קיין די אַ ד ק ע, עפּעס אַ דייטשישן פּויער. יאָ, אַ באַרישן פּויער, וואָס קאָן זיי גאָרנישט אויסלער־נען, אויסער שלעכטע מאַניערן, און טיראָלער לידלעך. איז טאַקע זייער נייטיק, פרעג איך אייך, אַז די קינדער זאָלן דווקא קאָנען זינגען טיראָ־לער לידער? איבעריקנס, איז איצט נישטאָ ווער עס זאָל טראַכטן וועגן דעם און איר קאָנט אייך טון, וואָס איר ווילט.

דאָס וואָרט איצט האָט געהייסן — זיי האָבן נישט קיין מאַמען, און האָט דערוועקט טרויעריקע דערינערונגען אין דער באָבעס האַרץ:

זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דעם טאַבאַקפּושקעלע מיטן פּאָרטרעט און זיך פאַרטראַכט.

— איך האָב שוין לאַנג געקלערט וועגן דעם, האָט זיך דער פּאַ־פּאַ צוגעאײַלט צו זאָגן, — און האָב מיך אַפילו געוואָלט באַראַטן מיט אײַך, maman : אפשר זאָלן מיר אײַנלאַדן St.-Jérôm, וואָס גיט איצט לעקציעס אויף בילעטן?

— וועסטו טאַקע זײַער גוט טון, מײַן פרײַנט — האָט די באָבע זיך אָנגערופן שוין נישט מיט יענעם אומצופרידענעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט פריער גערעדט, — St.-Jérôm איז לפּחות, אַ gouverneur, וואָס פאַרשטייט, ווי צו פירן des enfants de bonne maison, און נישט עפּעס אַ פּשוטער menin, אַ דיאַדקע, וואָס טויג נאָר דע־רויף צו פירן זיי שפּאַצירן.

— וועל איך מאָרגן איבעררעדן מיט אים — האָט געזאָגט דער פּאַפּאַ.

און, ווירקלעך, אין אַ פּאָר טעג אַרום נאָך דעמדאָזיקן שמועס האָט קאַרל איוואַניטש איבערגעלאָזט זײַן אָרט פאַר דעם יונגן פראַנצויזישן פראַנצויז.

VIII.

קאַרל איוואַניטשס געשיכטע

שפּעט אינאָוונט ערב יענעם טאָג, ווען קאַרל איוואַניטש האָט באַדאַרפט אויף אייביק אָוועקפאָרן פון אונז, איז ער געשטאַנען לעבן בעט אין זײַן וואַטענעם כאַלאַט מיטן רויטן היטעלע, און, אײַנבייגנ־דיק זיך איבערן טשעמאָדאַן, האָט ער מיט גרויס טאַלק צעלייגט דאָרט זײַנע זאַכן.

פאַר דער לעצטער צייט האָט זיך קאַרל איוואַניטש באַצויגן צו אונז עפּעס באַזונדערס טרוקן: ער האָט אַזוי ווי אויסגעמיטן יעדן פאַר־קער מיט אונז. און אַפילו איצט, בשעת איך בין אַרײַן אין צימער, האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר פון אונטערן שטערן און זיך פונדאָסניי

געגומען פאַר זיין אַרבעט. איך האָב מיך צוגעלייגט אויף מיין בעט, און קאַרל איוואַניטש, וואָס האָט עס פריער שטרענג פאַרווערט צו טון, האָט מיר גאָרנישט געזאָגט. דער געדאַנק, אַז ער וועט אונז שוין מער נישט זידלען און נישט באַלעבאַטעווען איבער אונז, אַז ער האָט שוין מער צו אונז קיין שום שייכות נישט, האָט מיך באַלד דערמאָנט אין דער נאָענטער צעשיידונג. עס איז מיר אומעטיק געוואָרן, וואָס ער האָט אונז שוין מער נישט ליב און עס האָט זיך געוואָלט אים אויסדריקן דאָסדאָזיקע געפיל.

— לאָזט, איך וועל אייך צוהעלפן, קאַרל איוואַניטש, — האָב איך געזאָגט און צוגעגאַנגען צו אים.

קאַרל איוואַניטש האָט אַ קוק געטון אויף מיר און זיך פון דאָסנייע אויסגעדרייט מיטן פנים. אָבער פון זיין איילנדיקן בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף מיר, האָב איך אַרויסגעלייענט נישט קיין גלייכגילטיקייט מיט וועלכער איך פלעג מיר דערקלערן זיין קאַלטקייט, נאָר אויפריכטיקן קאָנצענטרירטן אומעט.

— גאָט זעט אַלץ און ווייסט אַלץ און אין אַלץ איז זיין הייליקער רצון, — האָט ער געזאָגט, זיך אויסגלייכנדיק אין זיין גאַנצער גרויס און שווער אָפּזיפצנדיק. — יאָ, ניקאָלינקע, — האָט ער ווייטער געזאָגט, באַמערקנדיק מיין נישט געמאַכטע מיטלייד, מיט וועלכער איך האָב געקוקט אויף אים — מיין גורל איז שוין אַזאַ — צו זיין אומגליקלעך פון וויג ביזן קבר. שטענדיק האָט מען מיר געצאָלט מיט שלעכטס פאַר גוטס וואָס איך האָב געטון מענטשן, און מיין לוין וועט זיין נישט דאָ, נאָר פון דאָרטן, — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אויפן הימל. — ווען איר זאָלט געוווסט מיינע צרות און דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דעמדאָזיקן לעבן!... איך בין געווען אַ שוסטער, געווען אַ סאָלדאַט, געווען אַ ד ע ז ע ר ט י ר, געווען אַ פאַבריקאַנט, געווען אַ לערער און איצט בין איך אַ גאָרנישט! און איך האָב נישט ווו אַוועקצולייגן דעם קאָפּ — האָט ער פאַרענדיקט, צוגעמאַכט די אויגן און זיך אַראָפּגעלאָזט אויף זיין לענשטול.

איך האָב באַמערקט, אַז קאַרל איוואַניטש געפינט זיך אין יענעם סענטימענטאַלן צושטאַנד, ווען ער לייענט אַרויס פאַר זיך אַלע זיינע אינטימע געדאַנקען און קוקט זיך לגמרי נישט אום אויף די אומרויִקע צוהערער, האָב איך מיך אַנידערגעזעצט אויפן בעט און נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון זיין גוט פנים.

— איר זענט נישט קיין קינד, איר קאָנט מיך פאַרשטיין. איך וועל אייך דערציילן מיין גאַנצע געשיכטע און אַלץ, וואָס איך האָב איבערגע־לעבט אין לעבן. ווען־עס־איז וועט איר זיך דערמאָנען אין דעם אַלטן פריינט, וואָס האָט אייך, קינדער, זייער ליב געהאַט...

קאַרל איוואַניטש האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן טישל, וואָס איז גע־שטאַנען דערביי, אַ שמעק געטון טאַבאַק, אויסגעגלאָצט די אויגן צום הימל און מיט יענעם באַזונדערן מעסיקן האַלז־קול, מיט וועלכן ער פלעגט אונז דיקטירן, האָט ער אָנגעהויבן זיין דערציילונג:

„איך בין געווען אומגליקלעך נאָך אין דער מוטערס לייב. Das Unglück verfolgte mich schon im Schosse meiner Mutter!" — האָט ער איבערגעחזרט נאָך מיט מער געפיל.

מחמת קאַרל איוואַניטש האָט מיר דערציילט זיין געשיכטע נישט איינמאָל און אַלץ מיט איין נוסח און מיט די זעלבע אויסדריקן און קיינ־מאָל נישט פאַרענדערט די אינטאָנאַציעס, מיין איך, אַז איך וועל זי קאָנען איבערגעבן וואָרט באַ וואָרט. עס פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל אויסמיידן די פעלער פון זיין רוסיש. צי איז עס באמת געווען זיין געשיכטע אָדער בלויז אַ פּראָדוקט פון זיין פאַנטאַזיע, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אין דער צייט פון זיין איינזאַמען לעבן באַ אונז אין שטוב, אַ פאַנטאַזיע, אין וועלכער ער האָט אַליין אויך אָנגעהויבן גלייבן פון צו־אָפט דערציילן, אָדער ער האָט בלויז באַפּוצט מיט פאַנטאַסטישע פאַקטן די אמתע געשעענישן פון זיין לעבן — דאָס האָב איך נאָך ביז היינט נישט באַשלאָסן. פון איין זייט, האָט ער דערציילט זיין געשיכטע מיט אַ צו־לעבעדיק געפיל און מיט אַ צו מעטאָדישער קאָנסעקווענץ, וואָס דאָס זענען אייגנטלעך די הויפּט־סימנים פון אמת, אַז מען זאָל קאָנען גלייבן; פון דער צווייטער זייט אָבער, איז אין זיין געשיכטע געווען צופיל פּאָעטישע שיינקייט, און טאַקע אָט די שיינקייט האָט אַרויסגערופן ספקות.

„אין מיינע אָדערן פליסט דאָס איידעלע בלוט פון די גראַפן פאָן־זאָמערבלאַט! In meinen Adern fliesst das edele Blut der Grafen von Sommerblatt! איך בין געבוירן געוואָרן אין זעקס וואָכן אַרום נאָך דער חתונה. דער מאַן פון מיין מוטער (איך פלעג אים רופן „פּאַפּעלע") איז געווען אַן אַרענדאַר באַם גראַף זאָמערבלאַט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן מיין מוטערס בושה און האָט מיך נישט ליב גע־האַט. געהאַט האָב איך אַ קליין ברודערל Johan און צוויי שוועסטערן.

אָבער איך בין געווען פרעמד אין מיין אייגענער פאַמיליע! Ich war ein Fremder in meiner eigener Familie! בשעת Johan האָט געטון עפּעס אַ נאַרישקייט, האָט דער פאַפּעלע געזאָגט: „פון דעמדאָזיקן קאַרלען, וועל איך קיין בּאַרוטע מינוט נישט האָבן" — האָט מען מיך געמוסרט און באַשטראָפט. בשעת די שוועסטערן האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, האָט דער פאַפּעלע געזאָגט: „קאַרל וועט קיינמאָל נישט זיין קיין געהאָרכזאַם יינגל!" — האָט מען מיך געמוסרט און באַשטראָפט. נאָר מיין גוטע מאַמע האָט מיך ליב געהאַט און געצערטלט. אָפטער פלעגט זי זאָגן: „קאַרל, קום אַריין צו מיר אין צימער", און שטילערהייט פלעגט זי מיך קושן. „אָרימער, אָרימער קאַרל — פלעגט זי זאָגן — קיינער האָט דיך נישט ליב. אָבער איך וועל דיך אויף קיינעם נישט אויס־בּייטן. איין זאַך נאָר בעט דיך דיין מאַמעשי: זאָלסט זיך לערנען גוט און זיי אַלעמאָל אַן ערלעכער מאַן, וועט דיך דער גוטער גאָט נישט פאַרלאָזן. Trachte nur ein erlicher Deutscher zu werden — sagte sie — und der lieber Gott wird dich nicht verlassen!" און איך האָב מיך געפּלייסט. אַז איך בין אַלט געוואָרן פערצען יאָר, האָט די מאַמעשי געזאָגט צום פאַפּעלע: „גוסטאַוו, קאַרל איז שוין גע־וואָרן אַ גרויס יינגל. וואָס וועלן מיר טון מיט אים?" האָט דער פאַפּעלע געזאָגט: „איך ווייס נישט". האָט די מאַמעשי געזאָגט: „לאָמיר אים אוועקגעבן אין שטאָט אַריין צום הער שולץ, זאָל ער זיין אַ שוסטער!" האָט דער פאַפּעלע געזאָגט: „גוט", — und mein Vater sagte „gut" —. זעקס יאָר מיט זיבן חדשים בין איך אָפּגעווען בּאַם שוסטער, און דער בּאַלעבּאָס האָט מיך ליב געהאַט. ער פלעגט זאָגן: „קאַרל איז אַ גוטער אַרבּעטער און וועט בּאַלד זיין מיין Geselle". אָבער... אַ מענטש טראַכט און גאָט לאַכט... אין יאָר 1796 איז באַשטימט געוואָרן די Conscription, און אַלע, ווער עס האָט נאָר געקאָנט דינען, פון אַכצען ביז איינאון־צוואָנציק יאָר, האָבּן זיך בּאַדאַרפט צונויפזאַמלען אין שטאָט.

דער פאַפּעלע און דער בּרודער Johan זענען געקומען אין שטאָט אַריין און מיר זענען צוזאַמען אוועק וואַרפן אַ Loos, ווער עס זאָל זיין אַ Soldat און ווער עס זאָל נישט זיין קיין Soldat. האָט יאָהאַן אַרויס־געצויגן אַ שלעכטן נומער — דאַרף ער זיין אַ Soldat, און איך האָב אַרויסגעצויגן אַ גוטן נומער — בּאַדאַרף איך נישט זיין קיין Soldat. האָט דער פאַפּעלע געזאָגט: „איין־איינציקן זון האָב איך און מיט אים

מוז איך זיך שיידן!" Ich hatte einen einzigen Sohn und von dissen muss ich mich trennen!

האָב איך אים גענומען באַ דער האַנט און געזאָגט: "למאי זאָלט איר אַזוי רעדן, פּאַפּעלע? קומט מיט מיר, וועל איך אייך עפּעס זאָגן". אין דער פּאַפּעלע געגאַנגען. איז געגאַנגען דער פּאַפּעשי און מיר האָבן זיך צוגעזעצט אין אַ שענקל פאַר אַ קליין טישל. "גיט אונז אַ פּאָר ביר" Bierkrug — האָב איך געזאָגט און מען האָט אונז דערלאַנגט. האָבן מיר אויסגעטרונקען צו גלאָז און דער ברודער Johan האָט אויך אויסגעטרונקען.

האָב איך געזאָגט: "פּאַפּעלע, למאי זאָלט איר זאָגן, אַז איר האָט איין-איינציקן זון און דאָס דאַרפט איר זיך מיט אים שיידן; בשעת איך הער עס, וויל מיר אַרויסשפּרינגען דאָס האַרץ. דער ברודער Johan וועט נישט דינען — איך וועל זיין אַ Soldat!... קאַרלען באַדאַרף דאָ קיינער נישט און קאַרל וועט זיין אַ Soldat!

"איר זענט אַן ערלעכער מאַן, קאַרל איוואַניטש" — האָט דער פּאַפּעלע געזאָגט און מיך אַ קוש געטון. Du bist ein brawer Bursche! — sagte mir mein Vater und Küsste mich.

און איך בין געווען אַ Soldat.

IX.

דער המשך פונם פריערדיקן

"דעמאָלט איז געווען אַ שרעקלעכע צייט, ניקאָלינקע, — האָט קאַרל איוואַניטש ווייטער דערציילט, — דעמאָלט איז געווען נאַפּאָלעאָן. ער האָט געוואָלט איינגעמען דייטשלאַנד, און מיר האָבן פאַרטיידיקט אונזער לאַנד ביז דעם לעצטן טראָפּן בלוט. und wir vertheidigten unser Vaterland bis auf den letzten Tropfen Blut!

"איך בין געווען באַ אולם! איך בין געווען באַ אויסטערליץ! איך בין געווען באַ וואַגראַם! ich war bei Wagram!

— האָט איר זיך דען אויך געשלאָגן? — האָב איך אים געפרעגט

און אים אָנגעקוקט מיט פאַרווונדערונג. — האָט איר דען אויך מענטשן דערהרגעט ?

קאַרל איוואַניטש האָט מיך באַלד באַרויקט וועגן דעם.

„איינמאָל איז אַ פראַנצויזישער Grenadir אָפּגעשטאַנען פון די זייניקע און איז געפאַלן אויפן וועג; בין איך צוגעלאָפן מיט דער ביקס און געוואָלט אים אַדורכשטעכן, aber der Franzose warf sein gewehr und rief pardon.

„בײַ וואַגראַם האָט אונז נאַפּאָלעאָן אַרויפגעטריבן אויף אַן אינזל און אַרומגערינגלט אונז אַזוי, אַז עס איז קיין שום ישועה נישט געווען. דריי מעת-לעת איז בײַ אונז קיין פּראָוויאַנט נישט געווען און ביז די קני זענען מיר געשטאַנען אין וואַסער. דער גזלן נאַפּאָלעאָן האָט אונז נישט געוואָלט נעמען געפאַנגען און נישט געוואָלט אָפּלאָזן! und der Bösewicht Napoleon wollte uns nicht gefangen nehmen und auch nicht freilassen!

„אויפן פערטן טאָג האָט מען אונז, גאָט צו דאַנקען, גענומען אין געפאַנגענשאַפט און אָפּגעפירט אין פעסטונג. איך האָב געטראָגן בלויע הויזן, אַ מונדיר פון גוטן שטאָף, געהאַט פינפצן טאַלער געלט און אַ זילבערן זייגערל — אַ מתנה פון מיין פאָטער. אַ פראַנצויזישער Soldat האָט עס מיר אַלץ צוגענומען. צו מיין גליק, האָב איך געהאַט נאָך דריי דוקאַטן, וואָס די מאַמעשי האָט מיר איינגענייט אונטערן לײַבל. קיינער האָט זיי נישט געפונען בײַ מיר!

„אין פעסטונג האָב איך לאַנג נישט געוואָלט פאַרבלייבן. איינמאָל, אין אַ גרויסן יום-טוב, האָב איך געזאָגט דעם סערזשאַנט, וואָס האָט אויפגעקוקט איבער אונז: „הער סערזשאַנט, היינט איז אַ גרויסער יום-טוב, איך וויל אים פייערן. ברענגט מיר, איך בעט אייך, צוויי פלעשער מאַדער-ווײַן, וועלן מיר טרינקען צוזאַמען". האָט דער סערזשאַנט געזאָגט: „גוט". אַז דער סערזשאַנט האָט געברענגט דעם ווײַן און מיר האָבן אויסגעטרונקען צו גלעזעלעך, האָב איך אים גענומען בײַ דער האַנט און געזאָגט: „הער סערזשאַנט, איר האָט מסתמא אַ פאָטער און אַ מוטער?" האָט ער געענטפערט: „פאַראַן, הער מויער..." „מיין פאָטער און מיין מוטער — האָב איך ווייטער געזאָגט — האָבן מיך שוין נישט געזען אַכט יאָר און זיי ווייסן נישט, צי לעב איך, אָדער מיינע ביינער פוילן שוין לאַנג אין דער ערד. אָ, הער סערזשאַנט! איך האָב נאָך צוויי דו-

קאַטן, וואָס זענען געלעגן אונטער מיין לייבל. נעמט זיי צו און לאָזט מיך אָפּ. טוט מיר די טובה, און מיין מאַמעשי וועט פאַר אייך דאָס גאַנצע לעבן גאָט בעטן".

„האָט דער סערזשאַנט אויסגעטרונקען אַ גלעזל ווין און געזאָגט:
„הער מויער, איך האָב אייך זייער ליב און זשאַלעווע אייך, אָבער איר זענט אַ געפאַנגענער און איך בין Soldat". Ich drückte ihm die
Hand und sagte : Herr Sergeant !"

„און דער סערזשאַנט האָט געזאָגט: „איר זענט אַן אָרימער מאַן, און איך נעם נישט אייער געלט, אָבער איך וועל אייך העלפן. אַז איך וועל גיין שלאָפן, זאָלט איר קויפן פאַר די סאָלדאַטן אַן עמער בראָנפן און זיי וועלן אויך שלאָפן. איך וועל אייך נישט נאָכהיטן".

„ער איז געווען אַ גוטער מענטש. האָב איך געקויפט אַן עמער בראָנפן, און אַז די Soldaten זענען געווען שיכור, האָב איך אָנגעטון די שטיוול, דעם אַלטן שינעל און פּאַוואָליע אַרויס פון דער טיר. איך בין אַרויף אויפן וואַל אַ שפּרונג טון, אָבער דאָרט איז געווען וואַסער און איך האָב נישט געוואָלט קאַליע מאַכן מיין לעצט מלבוש; בין איך אַוועק צום טויער.

„גייט דער פּאַטרול מיט דער ביקס auf und ab און קוקט אויף מיר. „Qui vive ?" sagte er auf „Qui vive ?" און איך שווייג,
einmal, sagte er zum zweiten Mal, און איך שווייג.
„Qui vive ?" sagte er zum dritten Mal, און איך מאַך פּיס.
שפּרינג איך אַריין אין וואַסער, פּעקל מיך אַריבער אויף דער אַנדערער זייט און כ'ווער נעלם. ich sprang in's Wasser, kletterte auf die
andere Seite und machte mich aus dem Staube.

„אַ גאַנצע נאַכט בין איך געלאָפן מיטן וועג, אָבער אַז עס האָט אָנגעהויבן טאָגן, האָב איך מורא געהאַט, מען זאָל מיך נישט דערקענען, האָב איך מיך באַהאַלטן אין הויכן קאָרן. דאָרט האָב איך מיך געשטעלט אויף די קני, צוזאַמענגעלייגט די הענט און געדאַנקט דעם רבונו של עולם פאַר מיין רעטונג און אַ באַרויקטער איינגעשלאָפן. ich dankte
dem Allmächtigen Gott für seine Barmherzigkeit und mit
beruhigte Gefühl schlief ich ein.

„אינאָוונט האָב איך מיך אויפגעכאַפּט און אַוועק ווייטער. פּלוצלינג האָט מיך אָנגעיאָגט אַ גרויסע דייטשע פור מיט צוויי פערד. אין פור איז געזעסן אַ גוט-געקליידעטער מאַן, גערייכערט אַ לולקע און געקוקט

אויף מיר. בין איך מיר געגאַנגען פּאַוואָליע, די פור זאָל מיך איבעריאָגן. אָבער איך בין געגאַנגען פּאַוואָליע, און די פור איז געפאָרן פּאַוואָליע און דער מענטש האָט געקוקט אויף מיר. האָב איך מיך אָנידערגעזעצט אויפן וועג; שטעלט דער מענטש אָפּ זיינע פערד און קוקט אויף מיר. „יונגערמאַן — זאָגט ער — וווהין גייט איר אַזוי שפּעט?" זאָג איך: „קיין פראַנקפורט גיי איך" — „זעצט אייך אַריין אין מיין פור, אַן אָרט איז פאַראַן, וועל איך אייך צופירן... פאַרוואָס האָט איר גאָרנישט מיט זיך, אייער באָרד איז נישט געגאָלט און אייער מלבוש איז פאַרשמוצט?" — זאָגט ער, בשעת איך זעץ מיך אַנידער לעבן אים אין פור. „אַן אָרימער מענטש בין איך — זאָג איך — און איך וואָלט מיך וועלן אַנדינגען ערגעץ אויף אַ פאַבריק. מיין מלבוש איז שמוציק, ווייל איך בין געפאַלן אויפן וועג". „איר זאָגט נישט אמת, יונגערמאַן — מאַכט ער צו מיר — אויפן וועג איז איצט טרוקן".

„האָב איך געשוויגן.

„זאָגט מיר דעם גאַנצן אמת — רופט זיך אָן צו מיר דער גוטער מענטש, — ווער זענט איר און וווהין גייט איר? אייער פּנים געפעלט מיר, און אויב איר זענט אַן ערלעכער מאַן, וועל איך אייך פאַר-העלפן".

„און איך האָב אים אַלץ געזאָגט. מאַכט ער: „זייער גוט, יונגער-מאַן, פאָרט צו מיר אויף מיין שטריק-פאַבריק. איך וועל אייך געבן אַר-בעט, קליידונג, געלט, און איר וועט וווינען באַ מיר".

„האָב איך געזאָגט: „גוט".

„זענען מיר געקומען אויף דער שטריק-פאַבריק; זאָגט דער גוטער מענטש צו זיין ווייב: „אָט דער יונגערמאַן האָט געקעמפט פאַר זיין פאָטערלאַנד און אַנטלאָפן פון געפאַנגענשאַפט. ער האָט נישט קיין היים, קיין קליידער, נישט קיין ברויט. ער וועט וווינען באַ מיר. גיט אים ריינע וועש און עסן".

„האָב איך אָנדערטהאַלבן יאָר געוווינט אין דער שטריק-פאַבריק. און מיין באַלעבאָס האָט מיך אַזוי ליב געהאַט, אַז ער האָט מיך נישט געוואָלט אָוועקלאָזן. און גוט איז מיר געווען. איך בין דעמאָלט געווען אַ שיינער מאַנספּערשוין, יונג, הויך-געוויקסיק, בלויע אויגן, אַ רוימישע נאָז... און madame L... (איך קאָן זי נישט אָנרופן באַם נאָמען), די פרוי פון מיין באַלעבאָס, איז געווען אַ יונגיטשקע שיינע דאַמע. און זי האָט מיך ליב באַקומען".

„אַז זי פלעגט מיך זעען, פלעגט זי פרעגן: „ה׳ מויער, ווי רופט איך אייער מאַמעשי". פלעג איך זאָגן: "Karlchen!„

„פלעגט זי זאָגן: „Karlchen!, זעצט זיך לעבן מיר".

„פלעג איך מיך אַנידערזעצן לעבן איר, און זי פלעגט זאָגן: „Karlchen!, גיט מיר אַ קוש".

„פלעג איך זי קושן, און זי פלעגט זאָגן: „Karlchen!, איך האָב אייך אַזוי ליב, אַז איך קאָן שוין מער נישט ליידן", און זי פלעגט נעמען ציטערן אויפן גאַנצן לייב".

דאָ האָט קאַרל איוואַניטש געמאַכט אַ לאַנגע פויזע, אויפגעהויבן זיינע גוטע בלויע אויגן, און, לייכט צושאָקלענדיק מיטן קאָפּ, גענומען שמייכלען אַזוי, ווי עס שמייכלען מענטשן אונטער דער ווירקונג פון ליבע־זכרונות.

„יאָ, — האָט ער פונדאַסניי אָנגעהויבן און זיך בעסער אַנידערגעזעצט אין לענשטול, אַרומוויקלענדיק זיך מיט זיין שלאָפראָק, — איך האָב אין מיין לעבן געהאַט אי גוטס, אי שלעכטס. אָבער אָט איז מיין עדות, — האָט ער געזאָגט און אָנגעוויזן אויף אַן אויסגעהאָפטן בילדל פון קריסטוסן, וואָס איז געהאָנגען איבער זיין בעט, — קיינער קאָן נישט זאָגן, אַז קאַרל איוואַניטש איז נישט געווען קיין אָרנטלעכער מאַן! איך האָב נישט געוואָלט צאָלן מיט שלעכטס פאַר דעם גוטס, וואָס ה׳ L... האָט מיר געטון און האָב באַשלאָסן צו אַנטלויפן פון זיין הויז. איינאָוונט, בשעת אַלע זענען געגאַנגען שלאָפן, האָב איך אָנגעשריבן צו מיין באַלעבאָס אַ בריוו און אַוועקגעלייגט אים אויפן טיש אין מיין צימער, גענומען דערנאָך די קליידער, דריי טאָלער געלט און שטילערהייט אַרויס אין דרויסן. קיינער האָט מיך נישט געזען, און איך בין אַוועק מיטן וועג.

X.

דער המשך

„ניין יאָר האָב איך נישט געזען מיין מאַמעשי, און איך האָב נישט געוווסט, צי זי לעבט, אָדער אירע ביינער פוילן שוין אין דער ערד. האָב איך מיך אַוועקגעלאָזט אַהיים. געקומען אין שטאָט אַריין, האָב איך געפרעגט, ווו וווינט גוסטאַוו מויער, דעם גראַף זאָמערבלאַטס אַרענדאַר. האָט מען מיר געזאָגט: „דער גראַף זאָמערבלאַט איז געשטאָרבן און גוסטאַוו מויער וווינט איצט אויף דער גרויסער גאַס און האַלט אַ קראָם פון ליקער“. האָב איך אָנגעטון מיין נייעם זשילעט, דעם גוטן סורטוק — דעם פאַבריקאַנטס אַ מתנה, שיין צוגעקעמט די האָר און אַוועק אין דעם פאַפּעלעס ליקער־געשעפט. איז געזעסן אין קראָם די שוועסטער Mariechen, פרעגט זי מיך, וואָס איך באַדאַרף? זאָג איך: „קאָן מען אויסטרינקען אַ גלעזל ליקער?“ זאָגט זי: „Vater! אַ יונגערמאַן וויל טרינקען אַ גלעזל ליקער“. זעץ איך מיך אַנידער באַ אַ טישל, טרינק מיר מיין גלעזל ליקער, רייכער מיר מיין לולקע און קוק אויפן פאַפּעלע, אויף Mariechen, אויף Johan, וואָס איז אויך אַריין אין קראָם. אינמיטן שמועס זאָגט צו מיר דער פאַפּעלע: „איר מוזט דאָך מסתמא וויסן, יונגערמאַן, ווו עס שטייט איצט אונזער אַרמיי?“ ענטפער איך: „איך גיי אַליין פון דער אַרמיי. זי שטייט באַ ווין“. זאָגט דער פאַפּעלע: „אונזער זון איז געווען אַ Soldat און אָט איז שוין ניין יאָר, ווי ער האָט אונז נישט געשריבן און מיר ווייסן נישט, צי ער לעבט, צי ער איז געשטאָרבן. דאָס ווייב מיינס באַקלאָגט אים שטענדיק“... רייכער איך מיר אַזוי מיין ליולקע און זאָג: „ווי האָט געהייסן אייער זון און ווו האָט ער געדינט? אפשר קען איך אים“. — זאָגט מיין פאַפּעלע: „געהייסן האָט ער קאַרל מויער און געדינט האָט ער אין די עסטרייכישע יעגער“. „ער איז אַזוי הויך און שיין ווי איר“, — זאָגט דאָס שוועסטערל Mariechen. זאָג איך: „קען איך אייער קאַרלען“.

— „Amalia! — sagte auf einmal mein Vater

דאָ איז פאַראַן אַ יונגערמאַן, וואָס קען אונזער קאַרלען". און פון אַ הינטערשטער טיר קומט אַרויס מיין ליבע מאַמעשי. איך האָב זי באַלד דערקענט. „קענט איר אונזער קאַרלען!" — זאָגט זי, טוט אַ קוק אויף מיר און, אַ בלאַסע, הייבט זי אָן ציטערן אויפן גאַנצן לייב... „יאָ, איך האָב אים געזעען" — זאָג איך און דערוועג מיך נישט אויפצוהייבן אויף איר די אויגן. דאָס האַרץ וויל מיר אַרויסשפּרינגען. „מיין קאַרל לעבט? — זאָגט די מאַמעשי. — גאָט צו דאַנקען. ווו איז ער, מיין ליבער קאַרל? איך וואָלט רויק געשטאָרבן, ווען איך וואָלט כאָטש נאָך איין מאָל קאָנען אַ קוק טון אויף אים, אויף מיין געליבטן זון. אָבער גאָט וויל עס נישט"... און זי האָט זיך צעוויינט... האָב איך שוין נישט געקאָנט אויסהאַלטן... „מאַמעשי! — זאָג איך — איך בין אייער קאַרל!" און זי איז מיר געפאַלן אויף די הענט.

קאַרל איוואַניטש האָט צוגעמאַכט די אויגן און די ליפּן האָבן אים געציטערט.

— „Mutter! — sagte ich. — ich bin ihr Karl! und sie stürbte mir in die Arme", — האָט ער איבערגעחזרט, זיך עטוואָס באַרויקט און אויסגעווישט די גרויסע טרערן, וואָס האָבן זיך אים געקייקלט איבער די באַקן.

„אָבער גאָט האָט נישט געוואָלט, איך זאָל אויסלעבן מיינע יאָרן אין מיין היימאַט. das Unglück verfolgte mich überall!... אינדערהיים בין איך בלויז געווען דריי חדשים. איינמאָל, זונטיק, בין איך געווען אין אַ קאַפעהויז, האָב איך מיר געקויפט אַ קופעל ביר, גערייכערט מיין ליולקע און געשמועסט מיט באַקאַנטע וועגן פּאָליטיק, וועגן דעם קייזער פראַנץ, וועגן נאַפּאָלעאָנען, וועגן דער מלחמה און יעדער האָט געזאָגט זיין מיינונג. לעבן אונז איז געזעסן אַן אומבאַקאַנטער הער אין אַ גרויען Euberrock, וואָס האָט געטרונקען קאַווע, גערייכערט אַ ליולקע און גאָרנישט גערעדט מיט אונז. Er rauchte sein Pfeifchen und schwieg still. בשעת דער Nachtwöchter האָט אויסגערופן צען אַ זייגער, האָב איך גענומען מיין הוט, באַצאָלט און אַוועק אַהיים. אין מיטן נאַכט האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט אין טיר. שטיי איך אויף און פרעג: „ווער איז דאָרט?" „Macht auf!" מאַך איך: Ich sagte: „Sage wer ihr seid und ich werde aufmachen." — „Macht auf im Namen des gesetzes!" ענטפערט מען הינטער דער טיר. האָב איך געעפנט. צוויי Soldaten מיט ביקסן שטייען פאַר דער טיר און אין

צימער קומט אַריין, דער אומבאַקאַנטער אין גרויען Euberrock, וואָס איז געזעסן לעבן אונז אין קאַפּעהויז. ער איז געווען אַ שפּיאָן! Es war ein Spion!... „קומט מיט מיר" — מאַכט דער שפּיאָן. „גוט" — זאָג איך... טו איך אָן די שטיוול und Pantalon, פאַרשפּילע די שלייקעס און גיי אַרום איבערן צימער. אין האַרץ האָט מיר שטאַרק אויפגעקאָכט. איך האָב געזאָגט: ער איז אַן אויסוווּרף! אַז איך בין צוגעגאַנגען צום ווענטל, ווו ס'איז געהאָנגען מיין שווערד. האָב איך זי מיטאַמאָל אַראָפּגעכאַפּט און געזאָגט: „דו ביסט אַ שפּיאָן, פאַרטיידיק דיך! du bist ein Spion, vertheidige dich!" Ich gab ein Heib אויף רעכטס, ein Heib אויף לינקס, און איינעם אויפן קאָפּ. איז דער שפּיאָן אַנידערגעפאַלן! האָב איך געכאַפּט דעם טשעמאָדאַן מיטן געלט און אַרויסגעשפּרונגען דורכן פענצטער. Ich nahm meinen Mantelsack und Beitel und sprang zum Fenster hinaus. Ich kam nach Ems, און דאָרט באַקען איך מיך מיטן גענעראַל סאַזין. האָט ער מיך ליב באַקומען, אַרויסגעקריגן באַם באַטשאַכטער אַ פּאַספּאָרט פאַר מיר און מיטגענומען מיך קיין רוסלאַנד, צו לערנען זיינע קינדער. אַז דער גענעראַל סאַזין איז אַוועקגעשטאָרבן, האָט מיך אייער מאַמעשי גענומען צו זיך. זי האָט געזאָגט: „קאַרל איוואַניטש! איך גיב אייך אָפּ מיינע קינדער. האָט זיי ליב און איך וועל אייך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן. איך וועל באַרויקן אייער עלטער". איצט איז זי נישטאָ און אַלץ איז פאַרגעסן. פאַר מיין צוואָנציקיעריקער דינסט באַדאַרף איך גיין אויף דער עלטער אין גאַס זוכן מיין שטיקל האַרט ברויט... גאָט זעט עס און ווייסט עס און דערויף איז זיין הייליקער רצון, אָבער אויף אייך, קינדער, טוט מיר באַנג" — האָט קאַרל איוואַניטש געענדיקט, אַ ציִ געטון מיך פאַר דער האַנט צו זיך און געקושט מיר אין קאָפּ.

XI.

אן איינס

נאָך אַ יאָר טרויערן איז די באָבע געקומען עטוואָס צו זיך און אָנגעהויבן ביסלעכווייז אויפצונעמען געסט, באַזונדערס קינדער — יינגעלעך און מיידעלעך מיט אונז אין גלייכע יאָרן.

אין לובקעלעס געבורטס-טאָג, דעם 13-טן דעצעמבער, איז נאָך פאַרן מיטאָג געקומען צו אונז די פירשטין קאָרנאַקאָוו מיט די טעכטער, פרוי וואַלאַכין מיט סאָניעלען, אילינקע גראַפּ און די צוויי קלענערע ברידער איווין.

פון אונטן זענען שוין דערלאָפּן צו אונז די קלאַנגען פון מענטשלעכע קולות, געלעכטער און טאַראַראַם, דאָרט איז שוין פאַרזאַמלט געוואָרן די גאַנצע געזעלשאַפט, אָבער מיר האָבן צוערשט געמוזט ענדיקן אונזערע פרימאָרגנדיקע לעקציעס און דערנאָך אַראָפּ אונטן. אויפן טאָוול, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, איז געווען געצייכנט: Lundi de 2 á 3 maître d'histoire et de geographie און אָט אויף דעם maître d'histoire האָבן מיר באַדאַרפט וואַרטן, דערנאָך אויסהערן און באַגלייטן אים און דערנאָך ערשט זיין פריי. ס'איז שוין געווען צוואַנציק מינוט אויף דריי און דעם לערער פון געשיכטע האָט מען נאָך גאָרנישט געהערט און נישט געזעען אפילו אויף דער גאַס, מיט וועלכער ער האָט באַדאַרפט אָנקומען; איך האָב געקוקט אויף דערדאָזיקער גאַס און דערביי געהאַט אַ שטאַרקן באַגער קיינמאָל אים מער נישט צו זעען.

— לעבעדיעוו וועט, דאַכט זיך, הייגט נישט קומען, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, אָפּרייסנדיק זיך אויף אַ מינוט פון סמאַראַגדאָווס בוך, לויט וועלכן ער האָט געמאַכט די לעקציע.

— הלוואי, הלוואי... וואָרום איך ווייס סיי-ווי גאָרנישט, נאָר דאַכט זיך, אַז ער גייט דאָרט, — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ טרויעריק קול. וואָלאָדיע האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער.

— דאָס איז נישט ער. עפּעס אַזוי אַ פּריץ גייט דאָרט, — האָט ער צוגעגעבן, זיך אויסציענדיק, און אַ קראַץ געטון דעם שפּיץ קאָפּ, ווי ער פּלעגט עס געוויינלעך טון, ווען ער פּלעגט אָפּרוען אַ מינוט פון די לעקציעס. — וועט ער נישט קומען ביז האַלב דריי, וועלן מיר זאָגן St.-Jerôme, אַז מען זאָל צונעמען די העפטן.

— און צו וואָס דאַרף ער עס גיין, — האָב איך געזאָגט ; איך האָב מיך אויך אויסגעצויגן און אַ טרייסל געטון איבערן קאָפּ קאַידאַ-נאָווס בוך, וואָס איך האָב געהאַלטן מיטביידע הענט.

פון נישט האָבן וואָס צו טון האָב איך געעפענט דאָס בוך אויף יענעם אָרט, וואָס איך האָב באַדאַרפט אויסחזרן און גענומען עס לייענען. די לעקציע איז געווען אַ גרויסע און אַ שווערע, איך האָב גאָרנישט גע-ווּסט און האָב איינגעזען, אַז איך וועל נישט באַווייזן אויסצוחזרן עפּעס דערפון, בפרט נאָך, אַז איך האָב מיך געפונען אין יענעם אויפגע-רעגטן צושטאַנד, ווען די געדאַנקען ווילן זיך נישט אָפּשטעלן אויף עפּעס אַ געגנשטאַנד.

אויף דער פריערדיקער לעקציע איבער געשיכטע, וואָס האָט מיר תּמיד אויסגעזען ווי אַ לאַנגווייליקער און שווערער געגנשטאַנד, האָט זיך לעבעדיעוו געקלאָגט אויף מיר פאַר St.-Jerôme און אין העפט פאַר די באַלן האָט ער מיר געשטעלט אַ צוויי, וואָס ווערט געהאַלטן פאַר אַ מיאוסן באַל. St.-Jerôme האָט מיר נאָך דעמאָלט אָנגעזאָגט, אַז אויב איך וועל אויף דער קומענדיקער לעקציע באַקומען ווייניקער פון אַ דריי, וועל איך שטרענג באַשטראָפט ווערן.

איך האָב מיך אַזוי אַריינגעטון מיט די אויגן אין דער אומבאַקאַנ-טער לעקציע, אַז דער גערויש פון די אויסגעטועטע קאָלאָשן אין פאָדער-צימער האָט מיך פּלוצלינג איבעררעשט. איך האָב נאָך קיין צייט נישט געהאַט זיך אויסצודרייען, ווי אין טיר האָט זיך שוין באַוויזן דאָס גע-פּאָקטע און עקלדיקע געזיכט און די גוט באַקאַנטע אומגעלומפּערטע פיגור אין אַ טונקל-בלויען פאַרשפּיליעטן פראַק און מיט קנעפּלעך פון אַ געלערנטן.

דער לערער האָט לאַנגזאַם אַוועקגעלייגט דאָס היטל אויפן פענצ-טער, די העפטן — אויפן טיש, מיט ביידע הענט פונאַנדערגערוקט די פּאָלדן פון זיין פראַק (פּונקט ווי עס וואָלט געווען זייער בייטיק), זיך אַפּגעבלאָזן און זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין אָרט.

— נו-ס, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט און גענומען רייבן זיינע

שווייסיקע הענט. — תחלת וועלן מיר אַדורכגיין דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין דער פריערדיקער לעקציע און דערנאָך וועל איך מיך באַמיען צו באַקענען אייך מיט די ווייטערדיקע געשעענישן פון מיטלאַלטער.

דאָס האָט געהייסן: זאָגט די לעקציע.

און בעת וואָלאָדיע האָט אים געענטפערט מיט אַ פרייער זיכער־קייט, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר די יעניקע, וועלכע ווייסן גוט זייער געגנשטאַנד, בין איך אָן אַ שום צוועק אַרויסגעגאַנגען אויף די טרעפּ. און אַזוי ווי אונטן האָב איך נישט געקאָנט גיין, איז גאַנץ נאַטירלעך, וואָס איך האָב מיך אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין פּלוצלינג געפונען לעבן דעם צימער פון די מיידלעך. אָבער באַלד ווי איך האָב מיך געוואָלט איינאָרדנען אויף מיין געוויינלעכן אָבסערוואַציע־פּונקט — הינטער דער טיר, האָט זיך תיכף באַוויזן מימי, די שטענדיקע סיבה פון מיינע אומ־גליקן און האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר. „איר זענט דאָ?" האָט זי געזאָגט און בייז אַ קוק געטון אויף מיר, דערנאָך אויף דער טיר פונם מיידל־צימער און דערנאָך ווידער אויף מיר.

איך האָב מיך געפילט שולדיק אַרום און אַרום — דערפאַר, וואָס איך בין נישט געווען אין קלאַס און דערפאַר, וואָס איך האָב מיך גע־פונען אויף דעמדאָזיקן אָרט און דעריבער האָב איך געשוויגן און אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ, פאַרשטעלנדיק מיט זיך דעם סאַמע ריִרנדיקסטן אויס־דרוק פון חרטה.

— ניין, דאָס איז שוין גאָר איבער דער מאָס! — האָט מימי געזאָגט. — וואָס טוט איר דאָ?

איך האָב געשוויגן.

— ניין, דאָס וועט שוין אַזוי נישט בלייבן, — האָט זי געזאָגט און צוגעקלאַפּט מיט די ביינשלעסער פון די פינגער אָן פאַרענטש פון די טרעפּ. — איך וועל אַלץ דערציילן דער גרעפין.

שוין געווען דריי אַ זייגער אָן פינף מינוט, בעת איך האָב מיך אומגעקערט צוריק אין קלאַס. דער לערער, וואָס האָט כלומרשט נישט באַמערקט מיין אַוועקגיין און מיין קומען, האָט וואָלאָדיען דערקלערט די ווייטערדיקע לעקציע. אַז ער האָט געענדיקט זיינע דערקלערונגען און גענומען צונויפלייגן די העפטן, איז וואָלאָדיע אַרויס אין דעם צווייטן צימער, כדי צו ברענגען דעם בילעט, און מיך איז דערווייל באַפאַלן אַן אַנגענעמע מחשבה, אַז אַלץ איז געענדיקט און מיך האָט מען פאַרגעסן.

פלוצלינג אָבער האָט זיך דער לערער אָנגערופן צו מיר מיט אַ גזלניש שמייכעלע:

— איך פאַרהאָף, אַז איר האָט אויסגעלערנט אייער לעקציע, — האָט ער געזאָגט, רייבנדיק די הענט.

— אויסגעלערנט, — האָב איך געענטפערט.

— זאָגט מיר, זייט אַזוי גוט, וועגן דעם קרייץ-צוג פון לודוויג דעם הייליקן, — האָט ער געזאָגט, זיך אומוויגנדיק אויף דער שטול און קוקנדיק פאַרטראַכט אונטער די פיס. — פריער וועט איר מיר זאָגן די סיבות, וואָס האָבן דערוועקט דעם פראַנצויזישן קעניג אָנצונעמען דעם קרייץ, — האָט ער געזאָגט און אויפגעהויבן די ברעמען, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויפן טינטער, — דערנאָך וועט איר מיר דערקלערן די אַלגע־מיינע כאַראַקטעריסטישע שטריכן פון דעמדאָזיקן צוג — האָט ער צוגע־געבן און געמאַכט מיט דער האַנט אַזאַ באַוועגונג, פונקט ווי ער וואָלט וועלן עפּעס כאַפּן. — און צולעצט וועט איר מיר זאָגן וועגן דער ווירקונג פון דעם קרייץ-צוג אויף די אייראָפּעישע מלוכות בכלל, — האָט ער געזאָגט און אַ קלאַפּ געטון מיט די העפטן איבער דער לינקער זייט טיש — און אויף דער פראַנצויזישער מלוכה בפרט, — האָט ער געענ־דיקט, אַ קלאַפּ געטון איבער דער רעכטער זייט טיש און אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף רעכטס.

איך האָב עטלעכע מאָל אַראָפּגעשלונגען דאָס שפּייעכץ, זיך אויס־געהוסט, פאַרבויגן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און געשוויגן. דערנאָך גענו־מען אַ געגנזן-פעדער, וואָס איז געלעגן אויפן טיש, אַרומגעריסן זי און אַלץ געשוויגן.

— גיט מיר דאָס פעדערל — האָט דער לערער געזאָגט, אויסצי־ענדיק די האַנט. — זי וועט צונוץ קומען. נו־ס.

— לוד... לודוויג דער הייליקער איז געווען... געווען .. געווען... אַ גוטער און אַ קלוגער קיסר...

— ווער?

— דער קיסר. ער האָט געוואָלט גיין קיין ירושלים און האָט איבערגעגעבן די פירונג פון דער מלוכה זיין מוטער.

— ווי האָט זי געהייסן?

— ב... ב... לאַנקע.

— ווי! בולאַנקע?

איך האָב אַ שמייכל געטון קרום און אומגעלומפּערט.

— נ-וס, אפשר ווייסט איר נאָך עפּעס ? — האָט ער אַ זאָג געטון מיט אַ חוזק-שמייכעלע.

איך האָב נישט געהאַט וואָס אָנצוּוועַרן, האָב איך מיך אויסגעהוסט און אָנגעהויבן שיטן אַלץ, וואָס איז מיר נאָר געקומען אין קאָפּ אַריין. דער לערער האָט געשוויגן, אַראָפּגעווישט מיטן פעדערל, וואָס ער האָט אָפּגענומען בא מיר, דעם שטויב פון טיש, שאַרף געקוקט פאַרביי מיין אויער און אַלץ צוגעוואָרפן: „פיין, זייער פיין". איך האָב געפילט, אַז איך ווייס גאָרנישט, אַז איך דריק זיך אויס נישט אַזוי, ווי מען באַדאַרף און שרעקלעך פיינלעך איז מיר געווען צו זעען, ווי דער לערער שטעלט מיך נישט אָפּ און בעסערט נישט אויס, וואָס איך זאָג.

— צו וואָס האָט ער עס באַדאַרפט גיין קיין ירושלים ? — האָט ער געפרעגט, איבערחזרנדיק מיינע ווערטער.

— דערפאַר... ווייל... דעריבער... צוליב דעם...

איך האָב מיך איינגאַנצן פאַרהאַקט, אַ וואָרט מער נישט געזאָגט און געפילט, אַז ווען דערדאָזיקער גזלן זאָל כאָטש אַ גאַנץ יאָר שווייגן און קוקן אויף מיר מיט אַ פראַגע, וועל איך דאָך נישט זיין בכּוח אַרויס-צוברענגען עפּעס אַ קלאַנג. אַ מינוט דריי האָט דער לערער געקוקט אויף מיר ; דערנאָך האָט זיין געזיכט פּלוצלינג אָנגענומען אַן אויסדרוק פון טיפן טרויער און מיט אַ ווייכן טאָן האָט ער זיך אָנגערופן צו וואָ-לאָדיען, וואָס איז בשעת מעשה אַריין אין צימער :

— גיט מיר דאָס העפט — איך וועל שטעלן באַלן.

וואָלאָדיע האָט אים דערלאַנגט דאָס העפט און פאָרזיכטיק אַוועק-געלייגט דאָס בילעטל.

דער לערער האָט געעפנט דאָס העפט, פּאַוואָליע איינגעטונקט די פעדער און מיט אַ שיינעם כּתב אַוועקגעשטעלט וואָלאָדיען אַ פינף אין דער רובריק פאַר דערפאָלג און אויפפירונג. דערנאָך, פאַרהאַלטנדיק די פעדער איבער דער רובריק, ווו עס זענען געווען פאַרצייכנט מיינע באַלן, האָט ער אַ קוק געטון אויף מיר, אַראָפּגעטרייסלט די טינט און זיך פאַרטראַכט.

זיין האַנט האָט פּלוצלינג געמאַכט אַ באַוועגונג קוים צום מערקן — און אין דער רובריק האָט זיך באַוויזן אַ שיין-געשריבענע איינס און אַ פּונקט.

פּאַוואָליע צונויפגעלייגט דאָס העפט פאַר באַלן, האָט זיך דער לערער אויפגעהויבן און אַוועק צו דער טיר, פּונקט ווי ער וואָלט

כּלומרשט נישט באַמערקט מײַן בליק, וואָס האָט אויסגעדריקט יאוש, תּחנונים און פאָרוואורף.

— מיכאַיל לאַריאָנאָוויטש? — האָב איך געזאָגט.

— ניין, — האָט ער געענטפערט, שוין פאַרטײַטײַענדיק, וואָס איך האָב אים געוואָלט זאָגן, — אַזוי לערנט מען זיך נישט. בעמען געלט אומזיסט וויל איך נישט.

דער לערער האָט אָנגעטון די קאַלאָשן, דאָס קאָמלעטענע מאַנטל און מיט גרויס שהיות אַרומגעבונדן זיך דעם שאַ־ף, פּונקט ווי מען וואָלט געזאָגט זאָרגן וועגן עפּעס אַנדערש נאָכדעם, וואָס עס איז געשען מיט מיר! פאַר אים אַ פיר מיט דער פעדער, פאַר מיר — דאָס גרעסטע אומגליק.

— די לעקציעס געענדיקט? — האָט St.-Jerôme געפרעגט, אַרײַנגייענדיק אין צימער.

— יאָ.

— דער לערער איז צופרידן מיט אײַך?

— יאָ, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט.

— וויפיל האָט איר באַקומען?

— אַ פינף.

-- און Nicolas?

איך האָב געשוויגן.

— דאַכט זיך, אַ פיר, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט.

ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מען באַדאַרף מיך ראַטעווען כאָטש פאַרן הײַנטיקן טאָג. זאָל מען באַשטראָפן, אָבער נאָר נישט הײַנט, בעת בײַ אונז זענען פאַראַן געסט.

— Voyons, messieurs (St.-Jerôme האָט געהאַט אַ טבע צו זאָגן בײַ יעדן וואָרט: voyons!) faites vorte toilette et descendons.

XXII.

דאָס שליסעלע

באַלד ווי מיר זענען נאָך אַראָפּגעגאַנגען אונטן זיך באַגריסן מיט די אַלע געסט, האָט מען אונז גערופן צום טיש. דער פּאַפּאַ איז געווען זייער פריילעך (אין דער צייט האָט ער געהאַלטן אין געווינען), האָט געשענקט לובקעלען א טייערן זילבערנעם סערוויז און צום מיטאָג האָט ער זיך דערמאָנט, אַז בא אים אין צימער איז פאַרבליבן נאָך אַ באָנבאָניערקע, וואָס ער האָט געקויפט פאַר לובקעלען.

— צו וואָס שיקן אַ מענטש, גיי בעסער דו, קאָקאָ — האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר. — די שליסלען ליגן אויפן גרויסן טיש אין מויער-קאָפּ. ווייסט ?... וועסטו זיי נעמען און מיט דעם גרויסן שליסל וועסטו עפענען די צווייטע שופלאָד — רעכטס. דאָרט וועסטו געפינען אַ קעס-טעלע, א פּאַפּיר קאָנפעקטן, זאָלסטו מיר דאָס אַלץ ברענגען.

— און ציגאַרן ברענגען דיר ? — האָב איך געפרעגט, ווייל איך האָב געוווּסט, אַז אַלע מאָל נאָך מיטאָג שיקט ער נאָך זיי.

— ברענג, אָבער געדענק, זאָלסט מיר גאָרנישט רירן ! — האָט ער מיר אָנגעזאָגט.

געפונען די שליסלען אין דעם אָנגעוויזענעם אָרט, האָב איך שוין געוואָלט עפענען די שופלאָד, נאָר מיר האָט זיך פלוצלינג פאַרוואָלט צו וויסן, וואָס אזוינס האָט געעפנט דאָס קליינע שליסעלע, וואָס האָט זיך געפונען אין דעם בינטל שליסלען.

צווישן די טויזנטער פאַרשידענע זאַכן, וואָס זענען געלעגן אויפן טיש, איז געשטאַנען אַן אויסגעהאַפטענער פּאָרטפעל מיט אַ שלעסעלע, און מיר האָט זיך געוואָלט וויסן, צי עס וועט צוקומען צו אים דער קליינ-טשיקער שליסל. די פּראָבע האָט זיך פולשטענדיק איינגעגעבן, דער פּאָרט-פעל האָט זיך געעפנט, און איך האָב דאָרט געפונען אַ באַרג פּאַפּירן. אַ געפיל פון נייגיר האָט מיר מיט אַזאַ כּוח אונטערגעזאָגט, איך זאָל כאַפּן אַ קוק אין דידאָזיקע פּאַפּירן, אַז איך האָב גאָרנישט באַוויזן זיך צוצוהערן

צו דער שמועה פון געוויסן און האָב מיך גענומען באַטראַכטן דאָס, וואָס
איז געלעגן אין פּאָרטפעל. . . . .

. . . .

דאָס קינדערישע געפיל פון אומבאַדינגטן דרך-ארץ פאַר אַלע על-
טערע און דער עיקר פאַרן פּאַפּאַ, איז געווען אַזוי שטאַרק אין מיר, אַז
מיין שכל האָט זיך אומבאַוווסטזיניק אָפּגעזאָגט צו מאַכן געוויסע אויספי-
רונגען פון דעם, וואָס איך האָב געזעען. איך האָב געפילט, אַז דער פּאַ-
פּאַ דאַרף לעבן גאָר אין אַ באַזונדערער ספערע, אַ שיינער, אַן אומצו-
טריטלעכער און אַן אומדערגרייכבאַרער פאַר מיר, און אַז ווען איך זאָל
וועלן אַריינדרינגען אין די סודות פון זיין לעבן, וואָלט פון מיין זייט
געווען אַ מין לעסטערונג. און דעריבער האָט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב
געפונען אין דעם פּאַפּאַס פּאָרטפעל, נישט איבערגעלאָזט אין מיר קיין
שום דייטלעכן באַגריף, אויסער דעם אומקלאָרן באַוווסטזיין, אַז איך בין
מיך באַגאַנגען נישט גוט. און מיר איז געווען מיאוס און אומבאַקוועם.

אונטער דעם רושם פון דעמדאָזיקן געפיל האָב איך געוואָלט וואָס
שנעלער פאַרמאַכן דעם פּאָרטפעל, אָבער מיר איז, אַפּנים, באַשערט גע-
ווען אויסצושטיין פאַרשידענע אומגליקן אין דעמדאָזיקן געדענקלעכן טאָג:
אַריינגעשטעלט דעם שליסל אין שלאָסלעכל, האָב איך אים אַ דריי גע-
טון נישט אין דער געהעריקער זייט; האָב איך געמיינט, אַז דאָס שלעסל
איז שוין צוגעשלאָסן און האָב אַרויסגענומען דעם שליסל, ערשט — אָ,
אַ שרעק! — באַ מיר אין האַנט איז בלויז פאַרבליבן דאָס קעפּעלע פון
שליסל. אומזיסט האָב איך מיך געפּרוווט צו פאַרייניקן דאָס קעפּל מיט
דער העלפט, וואָס איז פאַרבליבן אין שלעסל און אַרויסשלעפּן עס פון
דאָרט דורך עפּעס אַ כישוף. סוף-כל-סוף האָט מען שוין באַדאַרפט זיך
צוגעוויינען צום שרעקלעכן געדאַנק, אַז איך בין באַגאַנגען אַ ניי פאַרברעכן,
וואָס באַדאַרף טאַקע היינט אַנטדעקט ווערן, בשעת דער פּאַפּאַ וועט צוריק
אַריינקומען אין קאַבינעט.

מימיס תביעות, די איינס און דער שליסל. קיין ערגערס האָט מיר
נישט געקאָנט געשעען. די באָבע — פאַר מימיס תביעות, St.-Jerôme —
פאַר דער איינס, דער פּאַפּאַ — פאַרן שליסל... און דאָס אַלץ וועט זיך
אַרויפשליידערן אויף מיר נישט שפּעטער, ווי היינט אינאָוונט.

— וואָס וועט עס זיין מיט מיר! אַ-אַ-אַך! וואָס האָב איך גע-
טון?! — האָב איך הויך גערעדט צו זיך, שפּרייזנדיק איבערן ווייכן
טעפּיך פון קאַבינעט. — ע! — האָב איך מיר געזאָגט, אַרויסקריגנדיק

די קאָנפעקטן און די ציגאַרן. — *וואָס עס דאַרף זיין, מוז זיין!*... — און איך בין אַוועקגעלאָפן אין שטוב אַריין.

אָט דאָס פאַטאַלע ווערטל, וואָס איך האָב אין די קינדערישע יאָרן געהערט פון ניקאָלאַיען, האָט אויף מיר גוט געווירקט אין די אַלע שווערע מינוטן פון מיין לעבן; עס האָט מיך אויף אַ ווײלע איינגערויקט. אַריינגעגאַנגען אין זאַל, האָב איך מיך עטוואָס געפונען אין אַן אויפגערעגטן און אַן אומנאַטירלעכן צושטאַנד, דערפאַר אָבער זייער אַ פריילעכן.

XIII.

די פאַררעטערין

נאָכן מיטאָג האָבן זיך אָנגעהויבן די Petits jeux, און איך האָב מיך שטאַרק באַטייליקט אין זיי. שפילנדיק אין „קאַץ און מויז", בין איך אומגעלומפערט אַרויפגעלאָפן אויף קאָרנאַקאָוועס גוווערנאַנטין, וואָס האָט געשפילט מיט אונז, נישט ווילנדיק אַרויפגעטרעטן איר אויפן קלייד און געמאַכט אַ ריס אין אים. באַמערקנדיק, אַז די אַלע מיידלעך, און באַזונדערס סאָניעטשקע, האָט פאַרשאַפט גרויס פאַרגעניגן צוצוזעען, ווי די גוווערנאַנטין איז מיט אַ צערודערטער מינע אַוועק אין מיידלצימער פאַרנייען דאָס קלייד, האָב איך באַשלאָסן צו פאַרשאַפן זיי דאָס פאַרגעניגן אַ צווייט מאָל. און טאַקע באַלד ווי די גוווערנאַנטין האָט זיך צוריקגעקערט, האָב איך — כּדי אויסצופירן מיין שיינע כּוונה — גענומען גאַלאָפּירן אַרום איר און האָב עס אַזוי לאַנג געטון, ביז איך האָב פאַרכאַפּט מיטן אָפּצאַס דאָס קלייד און ווידעראַמאָל אַ ריס געטון עס. סאָניעטשקע און די פּירשטינס האָבן זיך קוים געקאָנט איינהאַלטן פון לאַכן. און דאָס האָט שטאַרק געשמייכלט מיין אייגנליבע. אָבער St.-Jerôme וואָס האָט, אַפּנים, באַמערקט מיינע שיינע שטיק, איז צוגעגאַנגען צו מיר, אויפגעהויבן די ברעמען (וואָס איך האָב זייער פיינט געהאַט) און געזאָגט, אַז פון מיין היינטיקער צעלעבטקייט ווערט, דאַכט זיך, קיין גוטס נישט אַרויס-

קומען און אַז אויב איך וועל נישט זיין איינגעהאַלטענער, וועט ער, נישט געקוקט אויפן יום־טוב, מיך צווינגען חרטה צו האָבן.

אָבער איך האָב מיך געפונען אין דעם אויפגערעגטן צושטאַנד פון אַ מענטש, וואָס האָט פאַרשפּילט מער פון דעם, וואָס אים איז געבליבן אין קעשענע, וואָס האָט מורא אונטערצוציען אַ סך־הכל און האַלט אַלץ אין איין איינשטעלן קאָרטן אָן שום האָפענונג, אַז ער וועט דאָס פאַרשפּילטע אָפּגעווינען צוריק, נאָר בלויז דערויף, ער זאָל נישט קאָנען קומען צו די געדאַנקען. איך האָב העזהדיק אַ שמייכל געטון און אַוועק פון אים.

נאָכן „קאַץ און מויז“ האָט עמעץ אָנגעהויבן אַ נייעם שפּיל, וואָס מיר האָבן עס, דאַכט זיך, גערופן „Lange Nase“. דער עיקר שפּיל באַשטייט דערין, וואָס עס ווערן אַוועקגעשטעלט קעגן איינאַנדער צוויי שורות שטולן, די דאַמען און קאַוואַלערן ווערן איינגעטיילט אין צוויי פּאַרטיעס און מען קלויבט זיך אויס לויט אַ געוויסן טויש איינאַנדער.

די ייִנגערע פירשטין פלעגט יעדעס מאָל אויסוויילן דעם ייִנגערן איווין, קאַטיעלע פלעגט אויסקלויבן אָדער וואָלאָדיען אָדער אילינקען און סאָניעלע פלעגט זיך אַלעמאָל אויסקלויבן סעריאָזשען, און, צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, זיך גאָרנישט געשעמט. בשעת סעריאָזשע פלעגט גלייך צוניין און זיך אַוועקזעצן קעגן איר, פלעגט זי אָנהייבן לאַכן מיט איר ליב קלינגענדיק געלעכטער און געבן אים אַ צייכן מיטן קאָפּ, אַז ער האָט געטראָפן. מיך אָבער פלעגט קיינער נישט אויסוויילן. צו דער גרעסטער באַליידיקונג פון מיין אייגנליבע, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך בין אַן איבערגעבליבענער, אַז וועגן מיר האָט מען יעדעס מאָל באַדאַרפט זאָגן: „ווער איז נאָך איבערגעבליבן? אַך, ניקאָלענקע. נו, טאָ נעם אים.“ און דעריבער, אַז מיר פלעגט אויסקומען אַרויסצוגיין, פלעג איך גיין גלייך אָדער צו דער שוועסטער אָדער צו איינער פון די מיאוסע פירשטינס און, צום אומגליק, האָב איך מיך קיינמאָל נישט טועה געווען. סאָניעלע אָבער איז, ווייזט אויס, געווען אַזוי פאַרנומען מיט סעריאָזשע איווין, אַז איך האָב אַזוי גוט ווי גאָרנישט עקזיסטירט פאַר איר. איך ווייס נישט, אויף וואָס פאַר אַ גרונט איך האָב זי אין געדאַנק אָנגערופן פאַררעטערין, מחמת זי האָט מיר קיינמאָל נישט צוגעזאָגט, אַז זי וועט אויסוויילן דווקא מיך און נישט סע-

ריאָזשען. אָבער איך בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז זי איז זיך זייער געמיין באַגאַנגען מיט מיר.

נאָכן שפּילן האָב איך באַמערקט, אַז די **פאַררעטערין**, וואָס איך האָב פאַרהאַסט און דאָך נישט געקאָנט אַראָפּנעמען די אויגן פון איר, איז צוזאַמען מיט סעריאָזשען און מיט קאַטיעלען אַוועק אין אַ ווינקל און דאָרטן זיך עפּעס געסודעט. אַז איך האָב מיך פאַרגנבעט הינטערן קלאַוויר — צו פאַקן זייערע סודות, האָב איך דערזעען פאָלגנדיקס: קאַטיעלע האָט געהאַלטן פאַר צוויי עקן אַ באַטיסטן טיכל, ווי אַ שירמל, און פאַרשטעלט דערמיט סעריאָזשעס און סאָניעלעס קעפּלעך. „ניין, איר האָט פאַרשפּילט, דאַרפט איר זיך איצט באַצאָלן!“ האָט סעריאָזשע געזאָגט. סאָניעלע איז געשטאַנען פאַר אים פונקט ווי אַ שולדיקע, מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, און, פאַררויטלענדיק זיך, געזאָגט: „ניין, איך האָב נישט פאַרשפּילט, נישט וואָר, m-lle Catherine?“ — „איך האָב ליב דעם אמת — האָט קאַטיעלע געזאָגט — דער געוועט איז פאַרשפּילט ma chere.“

קוים האָט קאַטיעלע אַרויסגעזאָגט דידאָזיקע ווערטער, האָט זיך סעריאָזשע באַלד אָנגעבויגן און אַ קוש געטון סאָניעלען. אַזוי פּשוט אַ קוש געטון אין אירע ראָזע ליפּעלעך. סאָניעלע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט, פונקט ווי דאָס איז גאָרנישט, פונקט ווי דאָס איז נאָר אַ פרייליכע זאַך. שרעקלעך!!! אָ, **געמיינע פאַררעטערין**!

XIV.

פאַרטונקלעניש

איך האָב פלוצלינג דערשפּירט אַ פאַראַכטונג צו דעם גאַנצן פרויענגעשלעכט בכלל און צו סאָניעלען בפרט; איך האָב מיך אָנגעהויבן פאַרזיכערן, אַז עס איז סתם נישטאָ קיין שום פרייליכקייט אין דידאָזיקע שפּילערייען, אַז זיי פּאַסן זיך נאָר פאַר **מיידעלעך**, און מיר האָט זיך שרעקלעך פאַרוואָלט זיך ווילד צעיושען און אַרויסווייזן אַזאַ כוואַטיש

שפּיצל, וואָס אַלע זאָלן גאַפן פון אים. די געלעגנהייט האָט לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן אויף זיך.

St.-Jerôme האָט עפּעס איבערגעשמועסט מיט מימין און איז אַרויס פון צימער. זיינע טריט האָבן זיך פריער געהערט אויף די טרעפּ, דערנאָך איבער אונז אין דער ריכטונג פון קלאַסצימער. עס איז מיר געקומען אויפן רעיון, אַז מימי האָט אים אוודאי געזאָגט, ווי זי האָט מיך געזען און דערציילט פון די לעקציעס. און אַז ער איז דאָס אַוועק אַ קוק טון אין זשורנאַל. איך האָב איצט נישט געזען קיין שום אַנדערן ציל אין זיין לעבן, ווי נאָר דעם חשק צו באַשטראָפן מיך. איך האָב ערגעץ געלייענט, אַז קינדער פון צוועלף ביז פערצען יאָר, דאָס הייסט קינדער, וואָס געפינען זיך אין דער איבערגאַנגס-צייט פון די יינגליאָרן, האָבן אַ נייגונג צו שרפות און אפילו צו מאָרד. דערמאַנענדיק זיך אין מיינע יינגלאָרן און באַזונדערס אין יענעם גייסטיקן צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען אין דעמדאָזיקן שלימזלדיקן טאָג, פאַרשטיי איך גענוג קלאָר די מעגלעכקייט פון דעם סאַמע שרעקלעכסטן פאַרברעכן, אָן אַ שום ציל, אָן אַ כוונה צו ברענגען אַ שאָדן, נאָר סתם אַזוי — פון נייגיריקייט, פון אַן אומבאַוווסטזיניקער באַדערפעניש צו מעשים. פאַראַן מינוטן, ווען די צוקונפט שטעלט זיך פאַר דעם מענטש אין אַזאַ טריבן שיין, אַז ער האָט מורא אַריינצודרינגען דערין מיט זיין גייסטיקן בליק, און דעריבער רייסט ער איבער די אַרבעט פון מוח און באַמיט זיך אָנצווייזן, אַז קיין צוקונפט איז נישטאָ און קיין עבר איז נישטאָ. אין אַזוינע מינוטן, בשעת דער געדאַנק פאַרשמעלערט נישט לכתחילה דעם רצון פאַר יעדער באַשטימונג און די איינציקע פּרוזשינעס פון לעבן זענען די גראָבע חושים, פאַרשטיי איך, אַז אַ קינד, וואָס איז באַזונדערס גענייגט צו אַזאַ צושטאַנד, קאָן, פון אומדערפאַרנקייט, אָן שום קווענקלעניש און שרעק, מיט אַ שמייכל פון נייגיר פונאַנדערלייגן און פונאַנדערבלאָזן אַ פייער אונטער דעם אייגענעם הויז, וווּ עס שלאָפן זיינע ברידער, פאָטער און מוטער, וואָס עס האָט זיי זייער ליב. אונטער דעם רושם פון דעם זעלבן נישט טראַכטן אַ ווײַלע — כמעט פון צעררייצטקייט — נעמט אַ פויערישער יונג פון אַ יאָר זיבעצן, וואָס שטייט גראָד בײַ דער באַנק, אויף וועלכן עס שלאָפט זיין אַלטער טאַטע מיטן פּנים אַראָפּ, און באַטראַכט די שאַרף פון דער נאָר-וואָס אויסגעשלייפטער האַק, — און אָט פאַרמעסט ער זיך פּלוצלינג מיט דער האַק און קוקט זיך נאָך צו מיט עפּעס אַ טעמפּן נייגיר, ווי עס פליִיצט אונטער דער באַנק דאָס בלוט פון דעם צעהאַקטן

האַלז. אונטער דעם רושם פון נישט טראַכטן אַ ווייל־יאון אינסטינקטיוון נייגיר געפינט דער מענטש עפּעס אַ הנאה, ווען ער שטעלט זיך אַוועק באַם ברעג פון תהום מיט אַ מחשבה אין קאָפּ: און וואָס, אַ שטייגער, ווען איך זאָל מיך אַראָפּוואַרפן אין תהום אַריין? אָדער ווען ער שטעלט זיך צו אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער צום שטערן און טראַכט בעת מעשה: און וואָס, אַ שטייגער, ווען איך גיב אַ דריק דאָס צינגל? אָדער ווען ער קוקט אויף עפּעס זייער אַ וויכטיקער פּערזאָן, וואָס די גאַנצע געזעלשאַפט פּלאַטערט פאַר איר פון יראה, און טראַכט בעת מעשה: און וואָס, אַ שטייגער, ווען איך זאָל צוגיין צו אָט דעם חשובן מענטש, אָננעמען אים פאַר דער נאָז און אַ זאָג טון: „אַנו, מיין ליבער, גייען מיר?" איך האָב מיך שלעכט אויפגעפירט און שלעכט געלערנט, אַז איך זאָל באַלד אַרויף אויבן, האָב איך אונטער דער ווירקונג פון דער אייגענער אינערלעכער אויפרעגונג און נישט טראַכטן אויסגעשטעלט אים אַ צונג און געזאָגט, אַז איך גיי נישט פון דאַנען.

אין דער ערשטער מינוט האָט St.-Jerôme נישט געקאָנט אַרויסברענגען קיין שום וואָרט פון פאַרוווּנדערונג און גרימצאָרן.

— C'est bien, — האָט ער געזאָגט, דעריאָגנדיק מיך — איך האָב שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט צו באַשטראָפן אייך, אָבער די באָבע האָט זיך אַלץ איינגעשטעלט פאַר אייך. איצט אָבער זע איך, אַז נאָר מיט ריטער קאָן מען אויף אייך ווירקן און היינט האָט איר זיי כשר פאַרדינט.

ער האָט עס געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע האָבן עס געהערט. דאָס בלוט איז מיר מיט אומגעוויינלעכער קראַפט צוגעפאַלן צום האַרץ; איך האָב געפילט, ווי שטאַרק דאָס האַרץ האָט געשלאָגן, ווי די פאַרב איז מיר אַראָפּ פון פּנים און ווי עס האָבן מיר נישט־ווילנדיק אָנגעהויבן ציטערן די ליפּן. איך האָב באַדאַרפט זיין שרעקלעך אין דערדאָזיקער מינוט, ווארום St.-Jerôme, אויסמיידנדיק מיין בליק, איז שנעל צוגעגאַנגען צו מיר און מיך אָנגעכאַפּט בא דער האַנט. אָבער באַלד ווי איך האָב דערשפּירט די באַרירונג פון זיין האַנט, איז מיר אַזוי נישט גוט געוואָרן, אַז איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרגעסן פון האַס, האָב איך אַרויסגעריסן מיין האַנט און מיט אַלע קינדערישע כּוחות מיינע אַ קלאַפּ געטון אים.

— וואָס טוט זיך מיט דיר? — איז צוגעגאַנגען וואָלאָדיע, וואָס

האָט זיך מיט שרעק און פאַרוואונדערונג צוגעקוקט צו דעם, וואָס ס'איז געשען.

— לאָז מיך! -- האָב איך אַ געשריי געטון אויף אים מיט טרערן אויף די אויגן. — איר האָט מיך קיינער נישט ליב, איר פאַרשטייט נישט, ווי איך בין אומגליקלעך! איר זענט אַלע געמיין און עקלדיק! — האָב איך צוגעגעבן מיט אַ מין ווילדער משוגעת, ווענדנדיק זיך צו דער גאַנצער געזעלשאַפט.

אָבער אין דער זעלבער צייט איז St.-Jerôme פונדאַסניי צוגע-גאַנגען צו מיר מיט אַן אַנטשלאָסן און בלאַס געזיכט און, נאָך איידער איך האָב מיך רעכט צוגעגרייט צו באַשיצן זיך, האָט ער שוין מיט אַ שטאַרקער באַוועגונג, ווי מיט צוואַנגען, פאַרדריקט מיינע ביידע הענט און אוועקגעשלעפּט מיך ערגעץ. דער קאָפּ האָט מיר געשווינדלט פון אויפרעגונג; איך געדענק נאָר, אַז איך האָב משוגענערווייז געקלאַפּט מיטן קאָפּ אָן די קני אַזוי לאַנג, ווי איך האָב געהאַט כּוח; איך געדענק, אַז די נאָז האָט זיך מיר עטלעכע מאָל אָנגעשלאָגן אָן עמעצנס שנאָלן, אַז אין מויל איז מיר אַרייַנגעפאַלן אַ ברעג פון עמעצנס סורטוק, אַז פון אַלע זייטן אַרום מיר האָב איך געשפּירט עמעצנס פיס, דעם ריח פון שטויב און violette, וואָס St.-Jerôme פלעגט זיך באַשפּריצן דערמיט.

אין פינף מינוט אַרום האָט זיך הינטער מיר פאַרמאַכט די טיר פון פינצטערן קאַמערל.

— וואַסיל! — האָט ע ר געזאָגט מיט אַן עקהאַפטן נצחונדיקן טאָן — ברענג ריטער...

XV.

טרוימען

האָב איך דען אין יענער צייט געקאָנט טראַכטן, אַז איך וועל פאַרבלייבן לעבן נאָך די אַלע אומגליקן, וואָס זענען געשעען מיט מיר, און אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען איך וועל מיך רויק דערמאָנען אָן זיי?

דערמאָנענדיק דאָס, וואָס איך האָב געטון, האָב איך מיר נישט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס מיט מיר וועט זיין, אָבער איך האָב טונקל פאַרגעפילט, אַז איך בין פאַרפאַלן אויף אייביק!

לכתחילה האָט אונטן און אַרום מיר געהערשט אַ טיפע שטילקייט, אָדער עס האָט זיך, לפחות, געדאַכט אַזוי, צוליב דער שטאַרקער אינערלעכער אויפרעגונג. ביסלעכווייז אָבער האָב איך אָנגעהויבן אונטערקלויבן פאַרשידענע קלאַנגען. וואַסיל איז געקומען אונטן, אַרויפגעוואָרפן אויפן פענצטער עפעס אַ זאַך, ענלעך צו אַ בעזים, זיך אויסגעגענעצט און זיך אַוועקגעלייגט אויף דער באַנק. אונטן האָט זיך דערהערט אַווגוסט אַנטאָניטשעס הויך קול (ער האָט, אַפנים, גערעדט וועגן מיר), דערנאָך קינדערשע שטימען, דערנאָך געלעכטער, טופעריי און אין עטלעכע מינוט אַרום איז אין שטוב אַלץ געקומען אין דער פריערדיקער באַוועגונג, פונקט ווי קיינער וואָלט נישט געוווסט און געטראַכט וועגן דעם, אַז איך זיץ אין אַ פינצטער קעמערל.

איך האָב נישט געוויינט, אָבער עפעס שווערס, ווי אַ שטיין, האָט מיר געדריקט דאָס האַרץ. געדאַנקען און סצענעס זענען מיט אַ פאַרשטאַרקטער שנעלקייט דורכגעגאַנגען דורך מיין צערודערטן דמיון. אָבער די דערינערונגען וועגן אומגליק, וואָס האָט מיר געטראָפן, האָבן נאָכאַנאַנד איבערגעריסן זייער פאַנטאַסטישע קייט און פון דאָסניי בין איך אַריין אין דעם צאָן אָן אויסוועגדיקן לאַבירינט פון יאוש און שרעק און זיך חידער געפייניקט וועגן מיין גורל.

דאָ פאַלט מיר איין, אַז עס דאַרף זיין עפעס אַן אומבאַקאַנטע

סיבה, וואָס אַלע האָבן מיך נישט ליב און אפילו פיינט (אין יענער צייט בין איך געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַלע — פון דער באָבען ביז פיליפ דעם קוטשער — פאַרהאַסן מיך און געפינען עפּעס אַ מין תּענוג אין מיינע יסורים). איך בין, אַפּנים, זאָג איך מיר אַליין, נישט דער זון פון מיין מוטער און מיין פאָטער, נישט וואָלאָדיעס אַ ברודער, נאָר אַן אומגליקלעכער יתום, אַן אונטערגעוואָרפן קינד, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן פון רחמנות וועגן, און אָט דער נאַרישער געדאַנק פאַרשאַפט מיר נישט בלויז עפּעס אַ מין טרויעריקע טרייסט, נאָר ער ווייזט מיר אפילו אויס ווי אַן אמת. עס איז מיר אָנגענעם צו קלערן, אַז איך בין אומגליקלעך נישט דערפאַר, ווייל איך בין שולדיק, נאָר דערפאַר, ווייל אַזוי איז שוין מיין גורל פון געבוירן אָן און ענלעך איז ער צו דעם גורל פונם אומגליקלעכן קאַרל איוואַניטש.

„נאָר צוואָס פאַרבאָרגן דעמדאָזיקן סוד, בשעת איך אַליין בין אים שוין גוט דערגאַנגען? — זאָג איך מיר. — טאַקע מאָרגן וועל איך גיין צום פּאַפּאַ און וועל אים זאָגן: „פּאַפּאַ, אומזיסט פאַרבאָרגסטו פון מיר דעם סוד פון מיין געבורט. דער סוד איז מיר באַקאַנט". וועט ער זאָגן: „וואָס קאָן מען טון, מיין פריינט, פריער, צי שפּעטער, נאָר דער-וויסן זיך מוזסטו — ביסט נישט מיין זון, איך האָב דיך נאָר פאַרשריבן פאַר מיין זון, און אויב דו וועסט ווערט זיין מיין ליבע, וועל איך דיך קיינמאָל נישט פאַרלאָזן". וועל איך אים זאָגן: „פּאַפּאַ, איך האָב אפילו נישט קיין רעכט אָנצורופן דיך מיט דעמדאָזיקן נאָמען, אָבער איך זאָג אים אַרויס צום לעצטן מאָל; איך האָב דיך שטענדיק געליבט און וועל דיך ליבן, איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, אַז דו ביסט מיין בעל-טובה, אָבער איך קאָן מער נישט פאַרבלייבן אין דיין הויז. קיינער האָט מיך דאָ נישט ליב, און St.-Jerôme האָט זיך געשוווירן, אַז ער וועט מיך אומברענגען. ער אָדער איך באַדאַרפן פאַרלאָזן דיין הויז, וואָרים איך בין נישט ערב פאַר זיך — איך האָב אַזוי פיינט דעמדאָזיקן מענטש, אַז איך בין גרייט אויף אַלץ. איך וועל אים דערהרגענען (טאַקע אַזוי זאָגן: „פּאַפּאַ, איך וועל אים דערהרגענען")". וועט דער פּאַפּאַ זיך אָנהייבן בעטן בײַ מיר, אָבער איך וועל אַ מאַך טון מיט דער האַנט און וועל זאָגן: „ניין, מיין פריינט, מיין בעל-טובה, מיר איינעם קאָנען נישט לעבן, און לאָז מיך אַוועק". און איך וועל אים אַרומנעמען און דווקא אויף פראַנ-צויזיש וועל איך אים זאָגן: „Oh mon pére oh mon bienfaiteur, donne-moi pour la derniére fois ta bénédiction et que la

volonté be Dieu soit faite!"*) און, זיצנדיק אויף אַ קאַסטן אין פינצטערן קעמערל, גיס איך טייכן טרערן באַ דעמדאָזיקן געדאַנק. פּלוצלינג אָבער קומט מיר אויפן זינען די העסלעכע שטראָף, וואָס וואַרט אויף מיר: די ווירקלעכקייט טרעט אַרויס פאַר מיר אין איר אמתער שיין און די טרוימען ווערן באַלד צערינען.

און דאָ, ווידער, שטעל איך מיך שוין פאָר אויף דער פרייהייט, ווייט פון אונזער הויז. איך ווער אַ הוזאַר און גיי אויף מלחמה. פון אַלע זייטן טראָגט זיך אויף מיר דער פיינט. איך גיב אַ פאָך מיט דער שווערד און דערהרגע איינעם, נאָכאַמאָל אַ פאָך — דערהרגע אַ צווייטן, אַ דריטן. צולעצט, פאַרמוטשעט פון וווּנדן און מידיקייט, פאַל איך אויף דער ערד און שריי: „אַ נצחון!" פאָרט צו צו מיר דער גענעראַל און פרעגט: „ווו איז ער, דער יעניקער, וואָס האָט אונז מציל געווען?" ווייזט מען אים אָן אויף מיר, וואַרפט ער זיך מיר אויפן האַלז און שרייט מיט פריידיקע טרערן אין די אויגן: „אַ נצחון!" הייל איך מיך אויס פון די וווּנדן און שפּאַציר איבער טווערער בולוואַר און די האַנט איז מיר אַרומגעבונדן מיט אַ שוואַרץ טיכל. איך בין אַ גענעראַל! נאָר אָט באַגעגנט מיך דער קיסר און פרעגט: „ווער איז עס דערדאָזיקער פאַרוווּנדעטער יונגערמאַן?" זאָגט מען אים, אַז דאָס איז דער באַוווּסטער העלד ניקאָלאַי. גייט דער קיסר צו צו מיר און זאָגט: „איך דאַנק דיר. איך וועל אַלץ טון, וואָס דו וועסט נאָר בעטן באַ מיר". פאַרנייג איך מיך מיט דרך־ארץ, שפּאַר מיך אָן אויף דער שווערד און זאָג: „איך בין גליקלעך, גרויסער מלך, וואָס איך האָב געקאָנט פאַרגיסן מיין בלוט פאַר מיין פאָטערלאַנד און וואָלט געוואָלט שטאַרבן פאַר אים. אָבער אויב דו ביסט אַזוי גנעדיק און דו דערלויבסט מיר עפּעס צו בעטן, פאַרלאַנג איך איין זאַך — לאָז מיך פאַרניכטן מיין פיינט, דעם אויסלענדער "St.-Jerôme". אין אַ גרויזאַמער פּאָזע שטעל איך מיך אַנידער פאַר מיין פיינט און זאָג אים: „דו ביסט דער גורם פון מיין אומגליק, á genoux!" נאָר פּלוצלינג קומט מיר אויפן געדאַנק, אַז אַ ליאַדע מינוט קאָן אַריינגיין דער אמתער St.-Jerôme מיט ריטער, און איך זע מיך שוין נישט מער פאַר אַ גע-

---

*) אָ, מיין פאָטער, מיין בעל־הבית, שענק מיר צום לעצטן מאָל דיין ברכה און זאָל געשען דאָס רצון.

נעראל, וואָס ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד, נאָר פאַר אַ סאַמע נעבעכדיק יאָמערלעך וועזן.

און דאָ קומט מיר גאָר אַ געדאַנק וועגן גאָט און איך פרעג אים העזהדיק, פאַרוואָס שטראָפט ער מיך? איך פאַרגעס, דאַכט זיך, נישט תפילה צו טון אַלע אינדערפרי און אינאָוונט, טאָ פאַרוואָס לייד איך? אויף זיכער קאָן איך זאָגן, אַז דער ערשטער שריט צו רעליגיעזע ספקות, וואָס האָבן מיך באַאומרויקט אין די יינגליאָרן, איז געמאַכט געוואָרן איצט, נישט דערפאַר, ווייל דאָס אומגליק האָט אין מיר דערוועקט אומצופרידנהייט און אומגלויבן, נאָר דערפאַר, ווייל דער געדאַנק וועגן גאָטס יושר, וואָס איז מיר געקומען אין אַ צייט פון איבערלעכער צערודערונג און איינזאַמקייט פאַר אַ גאַנצן מעת-לעת, האָט, ווי אַ כלעכט קערנדל, וואָס איז געפאַלן אויף פייכטער ערד נאָך אַ רעגן, אָנגעהויבן שנעל צו וואַקסן. דאָ האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל זיכער שטאַרבן און האָב שוין געזעען, ווי אַזוי St.-Jerôme וועט אינגאַנצן מטושטש ווערן, געפינענדיק אין פינצטערן קעמערל אַ טויטן קערפער, אָנטשאָט מיך. דערמאַנענדיק זיך אָן נאַטאַליע סאַווישנעס מעשיות וועגן דעם, אַז דעם נפטרס נשמה פאַרלאָזט נישט דאָס הויז ביז פערציק טעג, טראָג איך מיך אַרום אין געדאַנק אַ טויטער איבער אַלע צימערן פון דער באָבעס הויז, קיינער זעט מיך נישט און איך זע לובקעלעס אויפריכטיקע טרערן און איך הער דער באָבעס באַדויערונג און דעם געשפּרעך צווישן דעם פאַפּאַ מיט אַווגוסט אַנטאָניטשן. „געווען אַ ווויל יינגל", — זאָגט דער פאַפּאַ מיט טרערן אין די אויגן. „יאָ, — זאָגט St.-Jerôme – נאָר זייער צעלאָזט". „וועגן טויטע רעדט מען נישט אַזוי, — זאָגט דער פאַפּאַ, — איר זענט געווען די סיבה פון זיין טויט, איר האָט אים אָנגעשראָקן, ער האָט נישט געקאָנט איבערטראָגן די דערנידערונג, וואָס איר האָט אים צוגעגרייט... אַרויס פונדאַנען, גזלן!"

און St.-Jerôme פאַלט אויף די קני, וויינט זיך פונאַנדער און בעט מחילה. נאָך די פערציק טעג פליט מיין נשמה אַוועק אין הימל אַריין. דאָרט דערזע איך עפּעס, וואָס איז וווּנדערלעך-שיין, ווייס, דורכזיכטיק און לאַנג און איך דערפיל, אַז דאָס איז מיין מאַמע; און אָט דאָס ווייסע רינגלט מיך אַרום און צערטלט מיך. אָבער איך דערפיל אָן אומרויקייט און כמעט ווי איך דערקען זי נישט. „אויב דו ביסט עס באמת — זאָג איך, — טאָ ווייז זיך מיר בעסער, איך זאָל דיך קאָנען אַ-ומנעמען". און איר קול ענטפערט מיר: „דאָ זענען מיר אַלע אַזוי.

„נייַן, מיר איז זייער גוט, אָבער דו קאָנסט מיך נישט קיצלען און איך
קאָן נישט קושן דייַנע הענט..." „מען באַדאַרף עס נישט. דאָ איז אַזוי
אויך גוט", — זאָגט זי, און איך פיל, אַז עס איז ווירקלעך גוט און צו-
זאַמען מיט איר פלי איך אַלץ העכער און העכער. דאָ כאַפּ איך מיך
אויף אַזוי ווי פון שלאָף און געפין מיך ווידער אויפן קאַסטן אין פינצ-
טערן קעמערל, מיט נאַסע באַקן פון טרערן, אָן שום געדאַנקען, און איך
חזר נאָך אַלץ די ווערטער: *און מיר פליען אַלץ העכער*
און העכער. און נאָך לאַנג שטרענג איך מיך אָן מיט אַלע כוחות,
קלאָר צו מאַכן די לאַגע. אָבער מיט מייַן גייַסטיקן בליק זע איך בלויז
אין דער קעגנוואַרט אַ שרעקלעכן שוואַרצן מרחק. וויל איך פון דאָסניי
זיך אומקערן צו יענע זיסע גליקלעכע חלומות, וואָס האָבן איבערגעריסן
דאָס באַוווסטזייַן פון דער ווירקלעכקייט, אָבער באַלד ווי איך גיי אַרייַן
אין דעם קרייַז פון מייַנע פריערדיקע חלומות, געפין איך אייַן, צו מייַן
פאַרווונדערונג, אַז אַ המשך איז נישט מעגלעך און — וואָס עס איז נאָך
וווּנדערלעכער — ער ברענגט מיר אויך נישט קיין שום תענוג.

XVI.

עס וועט זיך איבערקערן — וועט זייַן רעכט

איך האָב גענעכטיקט אין פינצטערן קעמערל, און קיינער איז נישט
געקומען צו מיר; בלויז אויפן צווייטן טאָג, דאָס הייסט זונטיק, האָט
מען מיך איבערגעפירט אין אַ קליין צימערל לעבן קלאַסצימער און פונ-
דאָסנייַ פאַרשלאָסן. איך האָב אָנגעהויבן האָפן, אַז דערמיט וועל איך
אָפּקומען מייַן שטראָף און די געדאַנקען מייַנע האָבן זיך אָנגעהויבן באַ-
רויקן אונטער דער ווירקונג פון זיסן קרעפטיקן שלאָף, פון דער העלער
זון, וואָס האָט געשפּילט אויף די פראָסט-ביימעלעך פון די שויבן און
פון דעם געוויינלעכן אַלטעגלעכן גערויש אויף די גאַסן. אָבער די איינ-
זאַמקייט איז מיר דאָך געווען זייער שווער: עס האָט זיך געוואָלט באַוועגן,
דערציילן עמעצן אַלץ, וואָס מיר האָט זיך אָנגעזאַמלט אויפן האַרצן, אָבער

אַרום איז קיין שום לעבעדיקע נשמה נישט געווען. דידאַזיקע לאַגע איז מיר נאָך באַזונדערס נישט ניחא געווען דערפאַר, וואָס איך האָט געמוזט הערן, ווי דאָס האָט מיך נישט געעקלט, ווי St.-Jerôme האָט זיך אַרומגעשפּאַצירט באַ זיך אין צימער און זיך גאַנץ רויק אויסגעפּייפט פּרייכעך מאָטיוון. איך בין געווען שטאַרק איבערצייגט, אַז ער האָט גאַרנישט געוואָלט פּייפן, אָבער ער האָט עס געטון בלויז דערפאַר, כּדי צו פּייניקן מיך.

צוויי אַ זייגער זענען St.-Jerôme און וואָלאָדיע אַראָפּ אונטן, און ניקאָלאַי האָט מיר געבראַכט מיטאָג, און אַז איך האָב מיך פונאַנדערגעשמועסט מיט אים וועגן דעם, וואָס איך האָב געטון און וואָס איך וועל באַקומען דערפאַר, האָט ער געזאָגט:

— עך, פּריצל! שרעקט זיך נישט. עס וועט זיך איבערקאָכן — וועט זיין רעכט.

הגם דאָסדאָזיקע שפּריכוואָרט, וואָס האָט דערנאָך נישט איינמאָל אונטערגעהאַלטן מיין געמיט, האָט מיך עטוואָס באַרויקט, דאָך האָט דער אימשטאַנד, וואָס מען האָט מיר געשיקט נישט בלויז ברויט מיט וואַסער, נאָר אַ גאַנצן מיטאָג און אַפילו טאָרט אויך — מיך געצוווּנגען צו פאַרטראַכטן זיך. אויב מען וואָלט מיר נישט געשיקט קיין טאָרט, וואָלט עס געהייסן, אַז מען באַשטראָפט מיך דורך פאַרשפּאַרן, אָבער איצט איז אויסגעקומען, אַז איך בין נאָך נישט באַשטראָפט, אַז איך בין נאָר דערווייטערט פון אַנדערע, ווי אַ שעדלעכער מענטש און די שטראָף וועט ערשט קומען. אין דער צייט, ווען איך בין געווען פאַרטיפט אין דער פאַרענטפערונג פון דערדאָזיקער שאלה, האָט זיך אין מיין תּפיסה איבערגעדרייט דער שליסל און St.-Jerôme איז אַריין אין צימער מיט אַ בייז און אָפיציעל פּנים.

— קומט צו דער באָבען, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף מיר.

איך האָב אַפילו געוואָלט, איידער איך גיי אַרויס פון צימער, אויסרייניקן די אַרבל פון מיין קורטקעלע, וואָס זענען געווען פאַרשמירט מיט קרייד, אָבער St.-Jerôme האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף עס נישט, פּונקט ווי איך וואָלט מיך געפונען אין אַזאַ געפאַלענעם מאָראַלישן מעמד, אַז עס לוינט זיך שוין נישט צו זאָרגן וועגן דעם אויסערלעכן אויסזען.

בעת St.-Jerôme האָט מיך דורכגעפירט פאַר דער האַנט דורכן

זאַל, האָבן קאַטיעלע, לובקעלע און וואָלאָדיע מיך אָנגעקוקט מיט דער זעלבער מינע, ווי זיי האָבן געקוקט געוויינלעך אויף אַרעסטאַנטן, וואָס מען פירט זיי אַלע מאָנטיק פאַרביי אונזער פענצטער. אַז איך בין צוגעגאַנגען צו דער באָבעס לענשטול און געוואָלט איר אַ קוש טון די האַנט, האָט זי זיך אויסגעדרייט פון מיר און באַהאַלטן די האַנט אונטער דער מאַנטיליע.

— יאָ, מיין ליבער, — האָט זי געזאָגט נאָך אַ גאַנץ לאַנגן שווייגן, באַטראַכטנדיק מיך בעת מעשה פון קאָפּ ביז די פיס מיט אַזאַ בליק, אַז איך האָב נישט געוווּסט, ווו אַהינצוטון די אויגן און די הענט, — איך קאָן זאָגן, אַז איר האַלט זייער טייער מיין ליבע און זענט מיר אַן אמתע טרייסט. .Mr. St.-Jerôme, וואָס האָט, לויט מיין בקשה, — האָט זי צוגעגעבן און אויסגעצויגן יעדעס וואָרט, — זיך גענומען פאַר אייער דערציונג, וויל איצט מער נישט בלייבן אין מיין הויז. פאַרוואָס? צוליב אייך, מיין ליבער. געהאָפט האָב איך, אַז איר וועט זיין דאַנקבאַר — האָט זי ווייטער געזאָגט, נאָך אַ קליינער פּויזע, מיט אַזאַ טאָן, וואָס האָט באַוויזן, אַז דידאַזיקע ווערטער זענען נאָך צוגעגרייט געוואָרן פון פריער, — פאַר זיין השגחה און אַרבעט, און איר, אַ שנעק, אַ יינגל, האָט זיך דערלויבט אויף אים אויפצוהייבן אַ האַנט. זייער גוט! זייער שיין! מיר שיינט שוין אויך, אַז איר זענט נישט פעיק צו פאַרשטיין אַן איידעלע באַציונג, אַז צו אייך באַדאַרף מען אָננעמען גאָר אַנדערע, פּשוטערע מיטלען... בעט שוין אַנטשולדיקונג — האָט זי צוגעגעבן מיט אַ שטרענגן באַפעלנדיקן טאָן — דו הערסט?

איך האָב אַ קוק געטון אין דער ריכטונג פון דער באָבעס האַנט, און, באַמערקנדיק St.-Jerôme'ס סורטוק, האָב איך מיך אויסגעדרייט און זיך נישט גערירט פון אָרט; פּונדאַסניי האָב איך אָנגעהויבן שפּירן, ווי עס שטאַרבט מיר אָפּ דאָס האַרץ.

— נו, וואָס? איר הערט דען נישט, וואָס איך רעד צו אייך?

איך האָב געציטערט מיטן גאַנצן גוף, אָבער זיך נישט גערירט פון אָרט.

— קאָקאָ! — האָט די באָבע געזאָגט, באַמערקנדיק, אַפּנים, מיינע אינערלעכע יסורים, וועלכע איך האָב איבערגעלעבט. — קאָקאָ — האָט זי שוין געזאָגט נישט אַזוי באַפעלעריש, ווי ווייך. — דאָס ביסטו?

— באָבעשי! איך וועל פאַר קיין פאַל נישט בעטן באַ אים קיין אַנטשולדיקונג — האָב איך געזאָגט, אָבער מיטאַמאָל זיך איבערגעהאַקט און דערפילט, אַז איך וועל נישט זיין בכוח איינצוהאַלטן די טרערן, וואָס האָבן מיך געשטיקט, אויב איך זאָל אַרויסזאָגן נאָך איין וואָרט.

— איך הייס און איך בעט דיך. נו, וואָס?

— איך... איך... וויל... נישט... איך קאָן נישט, — האָב איך אַרויסגעזאָגט און די טרערן, וואָס האָבן זיך אָנגעקליבן אין מיין האַרץ, האָבן מיטאַמאָל אומגעוואָרפן דעם צוים, וועלכער האָט זיי איינגעהאַלטן, און זיי האָבן אויסגעבראָכן אין אַ געוואַלטיקן שטראָם.

— C'est ainsi que vous obéissez á votre seconde mère, c'est ainsi que vous reconnaissez ses bontés — האָט St.-Jerôme מיט אַ טראַגיש קול געזאָגט à genoux! (*

— גאָט מיינער, ווען זי וואָלט עס געזעען! — האָט די באָבע געזאָגט, זיך אָפּגעקערט פון מיר און אויסגעווישט די טרערן. — ווען זי וואָלט עס געזעען... אָבער ס'איז דאָך בעסער. יאָ, זי וואָלט נישט איבערגעטראָגן דידאָזיקע יסורים, נישט איבערגעטראָגן.

און די באָבע האָט זיך צעוויינט אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער. איך האָב אויך געוויינט, אָבער בעת מעשה לגמרי נישט געטראַכט צו בעטן מחילה.

„גאָט מיינער, וואָס איך האָב דאָ אָנגעמאַכט? סאַראַ שרעקלעכער פאַרברעכער איך בין!"

— באַרויקט זיך, אום גאָטס ווילן — האָט St.-Jerôme געזאָגט.

אָבער די באָבע האָט אים שוין נישט געהערט, זי האָט פאַרשטעלט מיט די הענט איר געזיכט און איר יאָמערן איז איבערגעגאַנגען אין אַן איקעניש און היסטעריע. מיט דערשראָקענע פנימער זענען אין צימער אַריינגעלאָפן מימי און גאַשע, עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט ספּירט און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעהויבן אַ מהומה מיט אַ שעפּטשעריי.

— קלויבט אייך נחת פון אייער יונג — האָט St.-Jerôme געזאָגט און מיך אַוועקגעפירט אין די אייבערשטע צימערן.

---

*) דאָס איז אַזוי, ווייל איר זענט מחויב צו פאָלגן אייער צווייטער מוטער, איר דאַרפט איר דאַנקבאַר זיין פאַר איר גוטסקייט. אויף די קני!

באַלד ווי St.-Jerôme איז אַראָפּ אונטן, אָנזאָגנדיק מיר, איך זאָל אוועקגיין אין מיין צימער, בין איך אַוועקגעלאָפן מיט די ברייטע טרעפּ, וואָס פירן אויף דער גאַס, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין שום רעכענונג דערין, וואָס איך טו.

צי איך האָב געוואָלט אינגאַנצן אַנטלויפן פון שטוב, צי לויפן טרינקען זיך — דאָס געדענק איך נישט. איך ווייס נאָר, אַז פאַרדעקנדיק מיט די הענט דאָס געזיכט, איך זאָל קיינעם נישט זעען, בין איך געלאָפן אַלץ ווייטער און ווייטער איבער די טרעפּ.

— וווּהין לויפסטו? — האָט מיך פלוצלינג אַ פרעג געטון אַ באַקאַנטע שטימע. — איך דאַרף דיך טאַקע האָבן, טייבעלע מיינס.

איך האָב געוואָלט אַדורכלויפן, אָבער דער פּאַפּאַ האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר דער האַנט און שטרענג געזאָגט:

— קום אַקאַרשט מיט מיר, מיין ליבער. ווי אַזוי האָסטו זיך דערוועגט צו רירן מיין פּאָרטפעל אין קאַבינעט! — האָט ער געזאָגט, אַריינפירנדיק מיך אין דעם קליינינקן דיוואַן-צימער — הא? וואָס שווייגסטו? הא? — האָט ער צוגעגעבן און מיך אָנגענומען פאַרן אויער.

— זיי מיר מוחל, — האָב איך געזאָגט, — איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיט מיר איז דעמאָלט געשען.

— אַ, דו ווייסט נישט, וואָס מיט דיר איז געשען, דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט, דו ווייסט נישט! — האָט ער איבערגעחזרט און בײַ יעדן וואָרט מיך געצויגן בײַם אויער, — וועסטו ווייטער שטעקן די נאָז, וווּ מען באַדאַרף נישט? וועסטו? וועסטו?

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב געשפּירט זייער אַ שטאַרקע ווייטיק אין אויער, דאָך האָב איך נישט געוויינט — מאָראַליש איז עס מיר געווען אפילו אָנגענעם. און באַלד ווי דער פּאַפּאַ האָט אָפּגעלאָזט מיין אויער, האָב איך געכאַפּט זיין האַנט און מיט טרערן אויף די אויגן זי גענומען באַדעקן מיט קושן.

— שלאָג מיך נאָך, — האָב איך געזאָגט דורך טרערן, — שלאָג מיך שטאַרקער, פעסטער, איך בין אַ גאָרנישט, איך בין אַ געמיינער, איך בין אַן אומגליקלעכער מענטש!

— וואָס איז מיט דיר? — האָט ער געפרעגט, לייכט אָפּשטויסנדיק מיך.

— ניין, איך וועל בשום אופן נישט אוועק — האָב איך געזאָגט און זיך אָנגעטשעפּעט אָן זיין סורטוק — אַלע האָבן מיך פיינט, איך ווייס עס, אָבער ווי גאָט איז דיר ליב, הער מיך אויס, באַשיץ מיך אָדער טרייב מיך אַרויס פון שטוב. איך קאָן מיט אים נישט לעבן, ער זוכט נאָר אַלץ צו באַליידיקן מיך, ער הייסט מיך שטיין אויף די קני פאַר זיך, ער וויל מיך שמייסן. איך קאָן עס נישט, איך בין נישט קיין קליינטשי־קער, איך וועל עס נישט איבערטראָגן, איך וועל אוועקשטאַרבן, איך וועל מיר דאָס לעבן נעמען. ער האָט געזאָגט דער באָבען, אַז איך בין אַ שלעכט יינגל. איצט איז זי קראַנק, וועט נאָך אַוועקשטאַרבן צוליב מיר, איך... מיט... אים... ווי גאָט איז דיר ליב... שמייס... פאַר...וואָס... מו...טשען...

די טרערן האָבן מיך געשטיקט. איך האָב מיך אַנידערגעזעצט אויפן דיוואַן און נישט געקאָנט מער רעדן; איך בין צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו דעם פּאַפּאַס קני און געוויינט אַזוי, אַז מיר האָט זיך געדאַכט, איך וועל אַוועקשטאַרבן אין דערדאָזיקער מינוט.

— וואָס וויינסטו, קאַראַפּוזל? — האָט ער געזאָגט מיט מיטלייד און זיך אָנגעבויגן צו מיר.

— ער איז מיין טיראַן... מיין פּייניקער... איך וועל שטאַרבן... קיינער האָט מיך נישט ליב!... — האָב איך קוים אַרויסגערעדט און האָב אָנגעהויבן קאָנוווּלסירן.

דער פּאַפּאַ האָט מיך גענומען אויף די הענט און אַוועקגעטראָגן מיך אין שלאָפצימער אַריין. איך בין איינגעשלאָפן.

אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען שפּעט, לעבן מיין בעט האָט געברענט אַ ליכט און אין צימער זענען געזעסן אונזער הויז־דאָקטאָר, מימי און לובקעלע. אויף זייערע פּנימער איז געווען קענטיק, אַז מען האָט זיך געשראָקן פאַר מיין געזונט. איך האָב מיך געפילט אַזוי גוט און לייכט נאָך צוועלף שעה שלאָפן, אַז איך וואָלט באַלד אויפגע־שפּרונגען פון בעט, ווען מיר וואָלט געווען אומאָנגענעם נישט צו צע־קלאַפּן זייער זיכערקייט דערין, אַז איך בין זייער קראַנק.

XVII.

האַס

יאָ, דאָס איז געווען אַן עכט געפיל פון האַס, נישט יענער האַס, פון וועלכן מען שרייבט בלויז אין ראָמאַנען און אין וועלכן איך גלייב נישט, האַס, וואָס האָט כלומרשט הנאה צו טון אַ מענטש שלעכטס, נאָר יענער מין האַס, וואָס איז אייך גורם אַ געוואַלטיקן עקל צו אַ מענטש, וואָס פאַרדינט גראָד אַכטונג, וואָס זיינע האָר, זיין האַלז, זיין גאַנג, זיין קול, אַלע זיינע אברים, אַלע באַוועגונגען רופן אין אייך אַרויס עקל און גלייכצייטיק ציט אייך צו דעמזעלבן מענטש מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער קראַפט און מיט אומרויקער אויפמערקזאַמקייט קוקט איר זיך צו צו אַלע זיינע מעשים. אַזאַ מין געפיל האָב איך געשפירט צו St.-Jerôme

St.-Jerôme וווינט שוין בא אונז אַנדערטהאַלבן יאָר. באַטראַכטנדיק איצט רויק דעמדאָזיקן מענטש, געפין איך איין, אַז ער איז געווען אַ גוטער פראַנצויז, אָבער אַ פראַנצויז דורך און דורך. ער איז געווען נישט נאַריש, אַ היפּש ביסל געבילדעט און בנוגע אונז געוויסנהאַפט דערפילט זיינע פליכטן; ער האָט אָבער געהאַט יענע באַזונדערע שטריכן, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר פראַנצויזן און זענען אַזוי סותר דעם רוסישן כאַראַקטער — די שטריכן פון לייכטזיניקן עגאָאיזם, באַרימעריי, הוצפּה און גראָבע זיכערקייט אין זיך. דאָס אַלץ איז מיר נישט געווען געפעלן. האָט אים, נאַטירלעך, די באָבע געזאָגט איר מיינונג מכוח לייבשטראָף. און ער האָט זיך נישט דערוועגט אונז צו שלאָגן, אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט ער אונז אָפטער געסטראַשעט, באַזונדערס מיך, מיט ריטער און פלעגט אַרויסזאָגן דאָס וואָרט Fouetter ווי עפּעס Fouátter אַזוי עקלהאַפט און מיט אַזאַ אינטאָנאַציע, פונקט ווי אָפּשמייסן מיך וואָלט אים פאַרשאַפט דאָס העכסטע פאַרגעניגן.

די ווייטיק פון שטראָף האָט מיך לגמרי נישט געשראָקן. איך האָב עס קיינמאָל נישט איבערגעלעבט, אָבער דער איין געדאַנק, אַז St.-Jerôme

קאָן מיר אַ קלאַפּ טון. פלעגט מיך אַריינברענגען אין אַ צושטאַנד פון יאוש און האַס.

עס פלעגט טרעפן, אַז קאַרל איוואַניטש פלעגט אין אַ מינוט פון פאַרדראָס זיך אָפּרעכענען מיט אונז און פלעגט נעמען צו הילף די ליניייקע אָדער עפּעס אַנדערש. אָבער אָן דער קלענסטער קרענקונג דערמאָן איך מיך אָן דעם. אפילו ווען קאַרל איוואַניטש וואָלט אין יענער צייט, ווען וועלכער איך רעד (בשעת מיר איז געווען פערצען יאָר), מיך אָנגעשלאָגן, וואָלט איך קאַלטבלוטיק איבערגעטראָגן זיינע קלעפּ. קאַרל איוואַניטשן האָב איך ליב געהאַט, איך האָב אים געדענקט פון דער צייט אָן, ווי איך געדענק מיך און געוווינט געווען צו האַלטן אים פאַר אַ מיטגליד פון אונזער פאַמיליע. אָבער St.-Jerôme איז געווען אַ מענטש אַ שטאָלצער, אַן אַליינצופרידענער, צו וועלכן איך האָב גאָרנישט געשפּירט, אויסער יענער אומגערנדיקער אַכטונג, וואָס אַלע ג ר ו י ס ע האָבן מיר גורם געווען. קאַרל איוואַניטש איז געווען אַ קאָמישער אַלטער — אַ ד י אַ ד ק ע, וועלכן איך האָב ליב געהאַט פון גאַנצן האַרץ, אָבער איך האָב אים געשטעלט פונדעסטוועגן נידעריקער פון זיך אין מיין קינדערישן פאַרשטיין אַ געזעלשאַפטלעכע שטעלונג. St.-Jerôme, פאַרקערט, איז געווען אַ געבילדעטער, שיינער יונגער פראַנט, וואָס האָט זיך געסטאַרעט צו זיין גלייך מיט אַלעמען. קאַרל איוואַניטש האָט אונז אויסגעמוסרט און באַשטראָפט און געסטראַשעט שטענדיק קאַלטבלוטיק; עס איז געווען קענטיק, אַז ער האַלט עס אפילו פאַר אַ נויטווענדיקע, אָבער אומאַנגענעמע פליכט. St.-Jerôme, פאַרקערט, האָט זיך ליב געהאַט צו דראַפּירן אין דער ראָל פון אַ מדריך. בשעת ער פלעגט אונז באַשטראָפן, איז געווען קענטיק, אַז ער טוט עס מער פון אייגענעם פאַרגעניגן וועגן, ווי צו אונזער נוצן. ער פלעגט אליין פאַרבלענדט ווערן פון זיין גדולה. זיינע ברייט צעבלאָזענע פראַנצויזישע פראַזן, וואָס ער פלעגט אַרויסזאָגן מיט אַ שטאַרקן טראָפּ אויף דער לעצטער זילב, מיטן accent circonflex האָבן מיך אומגעהייער געעקלט. קאַרל איוואַניטש, אַז ער פלעגט ווערן אין כעס, פלעגט ער זאָגן: „פּופּענקאָמעדיע, צעלאָזטער יונג, שאַמפּאַניער פליגל“. St.-Jerôme פלעגט אונז רופן mauvais sujet, vildin garnement*) און נאָך אַזוינע נעמען, וואָס פלעגן באַליידיקן מיין אייגנליבע.

*) מיאוס באַשעפעניש.

קאַרל איוואַניטש האָט אונז געשטעלט אויף די קני מיטן פּנים צום ווינקל און די שטראָף איז באַשטאַנען אין פיזישן ווייטיק. וואָס קומט פון אַזאַ מין לאַגע: St.-Jerôme פלעגט אויסגלייכן די ברוסט, און, מאַכנדיק אַ מאַיעסטעטישן זשעסט מיט דער האַנט, פלעגט ער אויסשרייען מיט אַ טראַגיש קול: „à genoux mauvais sujet!“ און געהייסן זיך שטעלן אויף די קני מיטן פּנים צו זיך און בעטן מחילה. די שטראָף איז באַשטאַנען אין דערנידעריקונג.

מען האָט מיך נישט באַשטראָפט און קיין איינער האָט מיך אפילו נישט דערמאַנט וועגן דעם, וואָס מיט מיר איז געשען; אָבער איך האָב נישט געקאָנט פאַרגעסן דאָס אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דידאָזיקע צוויי טעג — פאַרצווייפלונג, בושה, שרעק און האַס. נישט געקוקט דערויף, וואָס פון יענער צייט אָן האָט St.-Jerôme, ווי עס האָט זיך געדאַכט, אַ מאַך געטון אויף מיר מיט דער האַנט, כמעט זיך נישט באַשעפטיקט מיט מיר, פונדעסטוועגן האָב איך נישט געקאָנט קוקן אויף אים גלייכגילטיק. יעדעס מאָל, בשעת אונזערע אויגן פלעגן זיך צופעליק אָנבאַגעגענען, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז צופיל אָפענע פיינטשאַפט ווערט אויסגעדריקט אין מיין בליק. האָב איך מיך אפילו געפלייסט צו מאַכן אַ גלייכגילטיקע מינע, אָבער דעמאָלט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער פאַרשטייט מיין אָנשטעל, פלעג איך מיך רויטלען און זיך אינגאַנצן אויסדרייען צו אים.

מיט איין וואָרט, ס'איז מיר געווען געוואַלטיק שווער צו האָבן מיט אים עפּעס אַ מגע-ומשא.

XVIII.

איך האב מיך געפילט אלץ מער און מער פאראייניזאמט, און די הויפט־פארגעניגנס מיינע זענען געווען די איינזאמע רעיונות און באבאכטונגען. וועגן דעם ענין פון מיינע רעיונות וועל איך דערציילן אין דעם קומענדיקן קאפיטל. דאס ארט פאר מיינע באבאכטונגען איז אבער דער עיקר געווען דאס מיידלצימער, ווו עס האט זיך אפגעשפילט א ראמאן, וועלכער האט מיך שטארק אמוזירט און גערירט. די העלדין פון דעמדאזיקן ראמאן איז, נאטירלעך, געווען מאשע. זי איז געווען פארליבט אין וואסילין, וואס האט זי נאך געקענט פון יענער צייט, ווען זי איז געווען א פרייע; נאך דעמאלט האט ער איר צוגעזאגט, אז ער וועט מיט איר חתונה האבן. דאס מזל, וואס האט זיי צעשיידט מיט פינף יאר צוריק, האט זיי ווידעראמאל באהעפט אין דער באבעס הויז, אבער עס האט ארייגעשטעלט א מחיצה אין זייער קעגנזייטיקער ליבע; ניקאלאי (מאשעס א לייבלעכער פעטער) האט גארנישט געוואלט הערן וועגן דעם, אז זיין פלימעניצע זאל חתונה האבן מיט וואסילין, וועלכן ער האט געהאלטן פאר א לעקישעוואטן און אומבאצוימטן מענטש.

די מחיצה, ווידער, האט געטון דאס, וואס וואסילי, פריער א גאנץ גלייכגילטיקער און נאכלעסיקער אין פארקער, האט זיך איצט מיטאמאל פארליבט אין מאשען, און פארליבט אזוי, ווי עס קאן נאר זיין מסוגל אויף אזא געפיל א הויפמענטש פון די שניידער, וואס טראגט א ראז העמד און די האר זענען אים אויסגעשמירט מיט פאמאדע.

נישט געקוקט דערויף, וואס ער פלעגט אויסדריקן זיין ליבע אויף א זייער משונהדיקן און אומפאסיקן אופן (אזוי, א שטייגער, אז ער פלעגט ‎נבאגעגענען מאשען, פלעגט ער איר מוזן פארשאפן עפעס א ווייטיק — אדער ער פלעגט זי קנייפן, אדער ער פלעגט איר געבן פעטשלעך מיטן לאדאן אדער צודריקן זי מיט אזא כוח, אז זי פלעגט קוים אפציען דעם אטעם), איז דאך די ליבע געווען זייער אן אויפריכטיקע, און דאס לאזט זיך דערווייזן אויך מיט

דעם, וואָס זינט ניקאָלאַי האָט אים קאַטעגאָריש אָפּגעזאָגט צו געבן אים די פּלימעניצע פאַר אַ ווייב. האָט וואַסילי אָנגעהויבן טרינקען פאַר גרויס אַנגסט און זיך אַרומוואַלגערן איבער די שענקן און מאַכן אוואַנטורעס, מיט איין וואָרט, ער האָט זיך אָנגעהויבן פירן אַזאַ שלעכט לעבן, אַז ער איז שוין נישט איינמאָל מיאוס באַשטראָפט געוואָרן אין צירקל. אָבער דידאָזיקע מעשים און זייערע פאָלגן האָבן, משמעות, אויסגעזעען אין מאַשעס אויגן, ווי אַ גרויס פאַרדינסט און האָבן נאָך פאַרגרעסערט איר ליבע צו אים. ווען וואַסילי האָט זיך אויפגעהאַלטן אין צירקל, האָט מאַשע נישט אויפגעהערט צו וויינען גאַנצע טעג, נישט געלאָזט זיך אויסטריקענען די אויגן, זיך באַקלאָגט אויף איר ביטער מזל פאַר גאַשען (וואָס האָט זיך גענומען שטאַרק צום האַרץ די ענינים פון אומגליקלעכע פאַרליבטע), זיך לגמרי נישט אומגעקוקט אויף די זידלערייען און קלעפּ פון איר פעטער, און אינדערשטיל, בגנבה געלאָפן אין דער פּאָליציי געוויר ווערן און טרייסטן איר פריינט.

איר זאָלט אייך, לעזער, נישט מיאוסן מיט דער געזעלשאַפט, אין וועלכער איך פיר אייך אַריין. אויב אין אייער נשמה זענען נאָך נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן די סטרונעס פון ליבע און מיטלייד, וועלן זיך אויך אין מיידלצימער געפינען קלאַנגען, אויף וועלכע זיי וועלן זיך אָפּרופן. צי אייך איז באַוויליקט אָדער נישט באַוויליקט מיטצוגיין מיט מיר — איך וועל מיר צוגיין צו דעם שטיגן־פּלאַטאָ, אַן אָרט, פון וועלכן איך זע אַלץ, וואָס קומט פאָר אינם צימער פון די מיידלעך. אָט איז די לעזשאַנקע, ס'ליגן אויף איר: אַ פּרעסאייזן, אַ קאַרטאָנענע ליאַלקע מיט אַ צעבראָכענער נאָז, אַ שיסל, אַ האַנטפּאַס; אָט איז דאָס פענצטער, אויף וועלכן עס ליגן אין אומאָרדנונג: אַ שטיקעלע שוואַרצער וואַקס, אַ פּאַסמע זייד, אַן אָפּגעביסענע גרינע אוגערקע און אַ שעכטעלע פון קאָנפעקטן; און אָט איז דער גרויסער רויטער טיש, אויף וועלכן ס'ליגט דאָס גענייעכץ, דערויף ליגט אַ ציגל, אַרומגענייט מיט סיץ, און איבער דעם זיצט זי אין מיין געליבטן ראָזן לייוונטענעם קליידל און אַ בלוי קאָפּטיכל, וואָס ציט באַזונדערס צו מיין אויפמערקזאַמקייט. זי נייט, שטעלט זיך טיילמאָל צו, כדי זיך אַ קראַץ צו טון מיט דער נאָדל דעם קאָפּ, אָדער צורעכט מאַכן דאָס ליכטל, און איך קוק אויף איר און טראַכט: פאַר וואָס איז זי, מיט אָט די העל־בלויע אויגן, מיט אָט דעם גרויסן העלבלאָנדן צאָפּ און הויכער ברוסט, נישט געבוירן געוואָרן אַ פּריצהטע? ווי־

וואָלט עס איר געפּאַסט צו זיצן אין גאַסטצימער, אין אַ הויב מיט ראָזע בענדער און אין אַ מאַלינפאַרביקן קאַפּאָט, נישט אַזאַ, וואָס מימי טראָגט, נאָר אַזעלכע, וואָס איך האָב געזעען אויפן טווערער בולוואַר. זי וואָלט זיך געבייט אויף אַ ביי־רעם, און איך וואָלט מיר געקוקט אויף איר אין שפּיגל, און וואָס זי וואָלט נאָר געוואָלט, וואָלט איך אַלץ געטון פאַר איר: איך וואָלט איר דערלאַנגט דעם סאַלאָפּ, און דאָס עסן וואָלט איך איר אַליין צוגעטראָגן...״

און וואָס פאַר אַ שיכור פּרצוף און עקלהאַפטע פיגור איז־באַ דעם־דאָזיקן וואַסילין אין דעם שמאָלן סורטוק, וואָס ער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף דעם שמוציקן ראָזן אַרויסגעלאָזטן העמד! אין יעדער באַוועגונג פון זיין גוף, אין יעדן בייג פון זיין רוקן זע איך, דאַכט זיך, די סימנים פון דער עקלהאַפטער שטראָף, וואָס ער האָט באַקומען...

— נו, וואָס, וואַסיע, ווידעי, — האָט מאַשע געזאָגט און אַריינגעשטאָכן די נאָדל אין קישן, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ צו וואַסילין, וואָס איז נאָר־וואָס אַריין אין צימער.

— וואָס איז? פון א י ם וועסטו זיך עפּעס דערוואַרטן גוטס? — האָט וואַסילי געענטפערט. וואָלט ער כאָטש עפּעס באַשלאָסן, און אַזוי ווערט פון מיר סתם אַ תל, אַלץ צוליב א י ם.

— איר וועט טרינקען טיי? — פרעגט נאַדיאָזשאַ, דאָס צווייטע שטוב־מיידל.

— אַ יישר־כּוח אייך. און פאַרוואָס האָט ער דאָס מיך פיינט, דער־דאָזיקער גנב, דער פעטער דיינער, פאַרוואָס? דערפאַר, וואָס איך האָב אַ רעכט מלבוש, וואָס איך מאַך אַ כוואַטישן אָנשטעל, וואָס איך גיי ווי אַ מענטש. עט! — האָט וואַסילי פאַרענדיקט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט.

— מען דאַרף געהאָרכזאַם זיין, — זאָגט מאַשע און בייסט אָפּ אַ פעדעמל, — און איר זענט אַלץ...

— איך האָב שוין מער נישט קיין כּוחות. אָט וואָס!

אין דער זעלבער צייט האָט זיך אין דער באָבעס צימער דערהערט אַ קלאַפּ מיט דער טיר און גאַשעס וואָרטשעדיקע שטימע; גאַשע איז געגאַנגען אויף די שטיגן.

— אדרבה, זיי דו אַ בריה און שטעל צופרידן, אַז דו ווייסט נישט, וואָס זי וויל... אַ פאַרשאָלטן קאַטאָרגע־לעבן! וואָלט זיך כאָטש

געלוינט, זאָל מיר דער אויבערשטער מוחל זיין מיינע זינד, — האָט זי געמורמלט און געמאַכט מיט די הענט.

— אַ שיינעם גוט מאָרגן אַגאַפיע מיכאַילאָוונען, — האָט וואַסילי געזאָגט און זיך אויפגעהויבן איר אַנטקעגן.

— נו, איר אויך דאָ! ס'איז מיר נישט ניחא דיין גוט־מאָרגן, — האָט זי געזאָגט און אים בייז אָנגעקוקט. — און צו וואָס גייסטו אַהער? שוין ושע פאַסט עס פאַר אַ מאַנספערשוין צו גיין צו מיידלעך?...

— איך האָב געוואָלט געוויר ווערן, וואָס איר מאַכט אין געזונט, — האָט וואַסילי ציטערדיק אַ זאָג געטון.

— איך וועל פגרן אינגיכן, אָט דאָס איז מיין געזונט, — האָט אַגאַפיע מיכאַילאָוונע אַ געשריי געטון הויך אויפן קול. נאָך מיט מער גרימצאָרן, ווי פריער.

וואַסילי האָט זיך צעלאַכט.

— נישטאָ דאָ וואָס צו לאַכן, און טאָמער זאָג איך, אַז דו זאָלסט זיך אָפּטראָגן פונדאַנען, באַדאַרפסטו מאַכן פיס! זעסטו, דערדאָזיקער מנוול, דער אויסוואורף, וויל אויך התונה האָבן. נו, מאַרש, טראָג דיך אָפּ!

און אַגאַפיע מיכאַילאָוונע איז אוועק צו זיך אין צימער, טופּענדיק מיט די פיס; זי האָט דערלאַנגט אַזאַ טראַסק מיט דער טיר, אַז די שויבן האָבן געציטערט.

הינטערן ווענטל האָט זיך נאָך לאַנג געהערט, ווי זי האָט געשליי־דערט אירע זאַכן אויף דער פּאָדלאָגע און געצויגן פאַר די אויערן איר געליבט קעצל; בעת מעשה האָט זי געהאַלטן אין איין זידלען אַלץ און אַלעם און פאַרשאָלטן איר אייגן לעבן. צולעצט, האָט זיך געעפנט די טיר און ס'איז אַרויסגעפלויגן מיט אַ יאָמערלעך מיאַוקען דאָס קעצל, וואָס איז צו זיך געשליידערט געוואָרן פאַרן עק.

— נו, וועט מען אַן אַנדערש מאָל קומען טרינקען טיי, — האָט וואַסילי, שעפּטשענדיק, געזאָגט. — מען זאָל זיך זעען אין פריידן.

— נישקשה, — האָט נאַדיאָזשאַ זיך אָנגערופן און אַ ווינק געטון מיט די אויגן. — אָט וועל איך גיין אַ קוק טון צום סאַמאָוואַר.

— און איך וועל טאַקע מאַכן אַ סוף פאַר איינמאָל, — האָט וואַ־סילי ווייטער געזאָגט און זיך נענטער צוגעזעצט צו גאַשען, באַלד

ווי נאַדיאַזשאַ איז נאָר אַרויס פון צימער. — אָדער איך וועל גיין גלייך צו דער גרעפין און וועל איר זאָגן: „אַזוי און אַזוי“, אָדער איך... וועל אַלץ אַוועקוואַרפן און וועל מיך אַוועקלאָזן אַן עק וועלט, איך שווער דיר בײַ גאָט.

— און ווי וועל איך בלייבן?

— אָט דיך אַליין טאַקע זשאַלעווע איך, אַנישט וואָלט מיין קעפּעלע שוין לאַ...נג געווען אויף דער פריי, איך שווער דיר בײַ גאָט.

— פאַרוואָס ברענגסטו מיר נישט, וואַסיע, דיינע העמדער צום וואַשן, — האָט זיך גאַשע אָנגערופן נאָך אַ קורצן שווייגן, — זעסט, סאַראַ שוואַרץ העמד דו טראָגסט, — האָט זי צוגעגעבן און אים אָנגענומען פאַרן קאָלנער פון העמד.

אין דער זעלבער צייט האָט זיך פון אונטן דערהערט דער באָבעס גלעקל, און גאַשע איז אַרויס פון איר צימער.

— נו, וואָס, געמיינער מענטש דו, פאַרדרייסטו איר דעם קאָפּ? — האָט גאַשע געזאָגט און גענומען שטויסן וואַסילין, וואָס האָט זיך באַלד אויפגעהויבן, דערזעענדיק זי, צו דער טיר. — האָסט דערפירט אַ מיידל צו דעם און שטייסט נאָך אַלץ צו צו איר, דיר איז, אַפּנים, כּלב איינער, געשמאַק צו קוקן אויף אירע טרערן. אַרויס פון דאַנען. דיין פוס זאָל דאָ מער נישט זיין. און וואָס האָסטו אין אים געפונען אַזוינס? — האָט זי זיך אָנגערופן צו מאַשען. — ווייניק האָט דיך היינט דער פעטער געמיתט פאַר אים? ניין, זי האַקט אַלץ דאָס איריקע: נאָר מיט וואַסילי גוסקאָוון חתונה האָבן, נישט מיט קיין אַנדערן. בהמה, וואָס דו ביסט!

— וועל איך טאַקע מיט קיינעם נישט חתונה האָבן, איך האָב קיינעם נישט ליב, כאָטש דערהרגע מיך ביז צום טויט פאַר אים, — האָט מאַשע געזאָגט און זיך מיטאַמאָל צעוויינט.

לאַנג האָב איך געקוקט אויף מאַשען, וואָס איז געלעגן אויפן קאַסטן און זיך אויסגעווישט די טרערן מיטן קאָפּטיכל; און איך, ווידער, האָב מיך בעת מעשה אַלץ באַמיט צו ענדערן מיין בליק אויף וואַסילין און אויסגעפונען יענעם פּונקט, פון וועלכן ער האָט געקאָנט אויסווייזן אַזוי רייצנדיק. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב אויפריכטיק מיטגעפילט איר טרויער, האָב איך דאָך בשום אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי אַזוי, אַ שטייגער, האָט אַזאַ כּישופדיק ווען, ווי מאַשע האָט אויסגעזעען אין מיינע אויגן, געקאָנט ליב האָבן וואַסילין.

„ווען איך וועל זיין אַ גרויסער, — האָב איך מיט זיך איינגע-

טענהט, אַרויפגייענדיק צו זיך אין צימער, — וועט פּעטראָווסקאַיע זיין מיינס, און וואַסילי מיט מאַשען וועלן זיין מיינע לייב-פּויערים. איך וועל מיר זיצן אין קאַבינעט און רייכערן מיין לולקע, און מאַשע וועט זיך בעת-מעשה אַדורכגיין אין קיך מיטן פּרעסאייזן אין דער האַנט. וועל איך זאָגן: „רופט מיר אַריין מאַשען אַהער", וועט זי אַריינקומען, און קיינער וועט נישט זיין אין צימער... פּלוצלינג אָבער וועט אַריינקומען וואַסילי, וועט ער דערזעען מאַשען און וועט זאָגן: „נו, מיין וויסטער סוף איז שוין געקומען!" און מאַשע וועט זיך צעוויינען. וועל איך אָבער זאָגן: „וואַסילי! איך ווייס, אַז דו האָסט זי ליב און זי האָט דיך ליב, גיב איך דיר טויזנט רובל, האָב חתונה מיט איר און גאָט זאָל דיר געבן גליק", און וועל אַריבערגיין אין דיוואַנצימער". צווישן די אומצאָליקע רעיונות און חלומות, וואָס גייען אַדורך אָן אַ שום שפּור אין קאָפּ און אין דמיון, זענען אָבער פאַראַן אַזעלכע, וואָס לאָזן איבער אין זיי אַ טיפן פילבאַרן צייכן, אַזוי, אַז ווען אפילו דער געדאַנק אַליין געדענקט שוין זיך נישט, געדענקסטו דאָך, אַז ס'איז געווען עפּעס גוטס אין קאָפּ, פילסטו דאָך דעם שפּור פון געדאַנק און באַמיסט זיך אים פונדאַסניי אויפצולעבן. אַזאַ מין טיפן שפּור האָט איבערגעלאָזט אין מיין נשמה דער געדאַנק וועגן דעם, איך זאָל מקריב זיין מיין געפיל לטובת מאַשעס גליק, וואָס זי האָט געקאָנט געפינען נאָר אינם צוזאַמענלעבן מיט וואַסילין.

XIX.

ייִנגליאָרן

מען וועט מיר קוים גלייבן, וועגן וואָס פאַר אַ זאַכן איך האָב ליי- בערשט און עפּטער געטראַכט אין דער צייט פון מיינע ייִנגליאָרן — אַזוי האָבן זיי נישט געשטימט מיט מיין עלטער און שטעלונג. אָבער לויט מיין מיינונג, איז די אומשטימענדיקייט צווישן דער שטעלונג פון אַ מענטש און זיין מאָראַלישער טעטיקייט דער בעסטער סימן פון אמת.

אין אַ משך פון אַ יאָר, בשעת איך האָב געפירט אַן איינזאַם, גייס- טיק לעבן, קאָנצענטרירט אין זיך גופא, האָב איך שוין געהאַט אַ פאַר-

שטעלונג וועגן די אלע אבסטראקטע פראגן — וועגן דער באשטימונג פון מענטשן, וועגן קינפטיקן לעבן, וועגן דער אומשטערבלעכקייט פון דער נשמה; און דער שוואכער קינדערשער שכל האט מיט דער גאנצער היץ פון אומדערפארנקייט זיך באמיט קלאר צו מאכן די פראגן, וואס דער המשך פון זיי איז דער העכסטער שטאפל, צו וועלכן עס קאן זיך דערהייבן דער פארשטאנד פון א מענטש, אבער פארענטפערן זיי קאן ער נישט.

מיר דאכט זיך, אז דער מענטשלעכער שכל אין יעדן מענטש באזונדער מאכט־דורך זיין אנטוויקלונג אויף דעמזעלבן דרך, אויף וועלכן דערדאזיקער שכל אנטוויקלט זיך גאנצע דורותווייז, אז די געדאנקען, וואס דינען פאר א יסוד צו פארשידענע פילאזאפישע טעאריעס, זענען אומטיילבארע חלקים פון פארשטאנד, און אז יעדער מענטש איז זיי משיג מער אדער ווייניקער נאך פריער, איידער ער ווייסט וועגן דער עקזיסטענץ פון פילאזאפישע טעאריעס.

דידאזיקע געדאנקען זענען מיר געקומען אויפן זינען אזוי קלאר און ראש, אז איך האב מיך אפילו געפלייסט אנצווענדן זיי אין לעבן, מיינענדיק, אז איך געפין ארויס דער ערשטער אזוינע גרויסע און נוצלעכע וואַרהייט.

איינמאל איז מיר געקומען אויפן רעיון, אז דאס גליק הענגט נישט אפ פון אויסערלעכע סיבות, נאר פון אונזער באציונג צו זיי, אז דער מענטש, וואס איז געוווינט איבערצוטראגן יסורים, קאן נישט זיין אומגליקלעך — און כדי איך זאל מיך צוגעוויינען צו ארבעט, פלעג איך, נישט געקוקט אויפן שרעקלעכן ווייטיק, האלטן בא פינף מינוט טאטישטשעווס לעקסיקאנען אין אויסגעצויגענע הענט, אדער איך פלעג אוועק אין פינצטערן קעמערל און דארט זיך שמייסן מיט א שטריקל איבערן נאקעטן רוקן אזוי שטארק, אז מיר פלעגן אומגערן ארויסטרעטן טרערן אויף די אויגן.

א צווייט מאל, דערמאנענדיק זיך פלוצלינג, אז דער טויט וואַרט אויף מיר יעדע שעה, יעדע מינוט, האב איך באשלאסן — נישט פארשטייענדיק, ווי האבן עס נאך מענטשן ביז היינט נישט פארשטאנען — אז דער מענטש קאן זיין גליקלעך נאר דעמאלט, ווען ער וועט געניסן פון היינט און נישט טראכטן וואס שפעטער וועט זיין; אונטער דער ווירקונג פון דעמדאזיקן געדאנק האב איך דריי טעג נישט געמאכט די לעקציעס, געלעגן אין בעט, געלייענט מיט הנאה עפעס א ראמאן און

געגעסן לעקעכלעך מיט קראַנאַווער האָניג, וואָס איך האָב געקויפט פאַרן לעצטן גראָש.

און דאָ גאָר אַמאָל, שטייענדיק פאַרן שווארצן טאָוול און צייכע־נענדיק דערויף מיט קרייד פאַרשידענע פיגורן, בין איך פּלוצלינג נתפּעל געוואָרן פון אַ געדאַנק: פאַרוואָס איז די סימעטריע אָנגענעם פאַרן אויג? וואָס איז אַזוינס סימעטריע? דאָס איז אַן אָנגעבוירן געפיל — האָב איך זיך געענטפערט. אָבער אויף וואָס שטיצט זיך עס? האָט דען אַלץ אין אין לעבן סימעטריע? פאַרקערט, אָט איז לעבן — און איך האָב אָנגע־צייכנט אַ לענגלעכע פיגור. נאָכן לעבן גייט די נשמה אַריבער אין איי־ביקייט; אָט איז אייביקייט — און פון איין זייט פון דער לענגלעכער פיגור האָב איך אַ פיר געטון אַ שטריך ביזן סאַמע ברעג פון טאָוול. פאַרוואָס איז פון דער צווייטער זייט נישטאָ אַזאַ שטריך? און אין דער אמתן, ווי קאָן עס זיין אייביקייט נאָר פון איין זייט. מיר האָבן מסתמא עקזיסטירט אויך פריער פאַר דעמדאָזיקן לעבן, הגם מיר האָבן פאַרלוירן די דערינערונג וועגן דעם.

אָט דער רעיון, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן זייער ניי און קלאָר און וואָס זיין פאָדעם קאָן איך איצט קוים אויפכאַפּן, איז מיר שטאַרק גע־פעלן געווען; האָב איך גענומען אַ בויגן פּאַפּיר און געוואָלט עס איבער־געבן שריפטלעך, אָבער אין מיין קאָפּ האָבן זיך פּלוצלינג אָנגעזאַמלט אַזויפיל געדאַנקען, אַז איך בין געווען געצוווּנגען זיך אויפצוהייבן און אַדורכצושפּאַנען איבערן צימער. אַז איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער, האָב איך דערזעען אַ פערדל, וואָס פירט וואַסער; דער וואַסערפירער האָט עס איצט איינגעשפּאַנט און אַלע מיינע געדאַנקען זענען קאָנצענ־טרירט געוואָרן דערויף צו פאַרענטפערן די שאלה: אין וואָס פאַר אַ חיה אָדער אַ מענטש וועט איבערגיין די נשמה פון דעמדאָזיקן פערדל, ווען עס וועט אָוועקפאַלן? אין דער צייט איז וואָלאָדיע אַדורכגעגאַנגען דאָס צימער; ער האָט דערזעען, אַז איך טראַכט וועגן עפּעס, האָט ער אַ שמייכל געטון, און אָט דער שמייכל איז געווען גענוג, איך זאָל פאַר־שטיין, אַז דאָס אַלץ, פון וואָס איך האָב געטראַכט, איז געווען די גרעס־טע נאַרישקייט.

איך האָב דערציילט דעמדאָזיקן פאַל, וואָס געדענקט זיך מיר גראָד בלויז דערפאַר, אַז דער לעזער זאָל האָבן אַ השגה, ווי אַזוי איך האָב מיך דעמאָלט געפּלפּולט.

אָבער אין קיין איין פילאָזאָפישער ריכטונג האָב איך מיך אַזוי

נישט אַריינגעטון, ווי אין סקעפּטיציזם, וואָס האָט מיך איין צייט דערפירט צו אַ צושטאַנד, נאָענט צו משוגעת. איך האָב מיך משער געווען, אַז אויסער מיר עקזיסטירט נישט אויף דער גאַנצער וועלט קיינער און קיין זאַך, אַז זאַכן זענען נישט קיין זאַכן, נאָר בילדער, וואָס ווייזן זיך נאָר דעמאָלט, בשעת איך קוק אויף זיי און אַז באַלד ווי איך הער אויף צו קלערן פון זיי, ווערן זיי תּיכּף אַנטרונען. מיט איין וואָרט, איך האָב אינגאַנצן איינגעשטימט מיט שעלינגס מיינונג, אַז עס עקזיסטירן נישט קיין זאַכן, נאָר מיין באַציונג צו זיי. געווען מינוטן, ווען איך בין אונטער דער ווירקונג פון דערדאָזיקער שטענדיקער אידעע דערגאַנגען צו אַזוינע משוגעתן, אַז איך פלעג מיך טיילמאָל שנעל אומקוקן אין דער צווייטער זייט, טאָמער וועל איך פּלוצלינג קאָנען פּאַקן די לעדיקייט (néant) דאָרט, וווּ איך בין נישט געווען.

אַן עלנט נישטיק שרייפל פון גייסטיקער טעטיקייט איז דעם מענטשנס שכל!

מיין שוואַכער פאַרשטאַנד האָט נישט געקאָנט אַדורכדרינגען דאָס, וואָס לאָזט זיך נישט אַדורכדרינגען, און אין דערדאָזיקער אַרבעט, וואָס איז איבער אונזערע כּוחות, האָב איך נאָכאַנאַנד פאַרלוירן די איבערצייגונגען, וואָס איך האָב זיי קיינמאָל נישט געטאָרט אָנרירן פאַרן גליק פון מיין לעבן.

פון אָט דער גאַנצער שווערער גייסטיקער אַרבעט האָב איך גאָרנישט אַרויסגעטראָגן, חוץ פּלפּול, וואָס האָט מיר אָפּגעשוואַכט די ווילנסקראַפט, און חוץ דער געוווינהייט צו שטענדיקן גייסטיקן אַנאַליז, וואָס טויט אָפּ דאָס פרישע געפיל און די קלאָרקייט פון שכל.

אַבסטראַקטע געדאַנקען אַנטשטייען צוליב דער פעיקייט פון מענטשן אויפצוכאַפּן מיטן באַוווסטזיין אין אַ געוויסן מאָמענט דעם צושטאַנד פון אַ נשמה און אַריבערטראָגן אים אין אַ דערינערונג. די נייגונג מיינע צו אַבסטראַקטע רעיונות האָט אין מיר אַזוי ווייט אומנאַטירלעך אַנטוויקלט דאָס באַוווסטזיין, אַז טיילמאָל, בשעת איך פלעג אָנהייבן טראַכטן פון גאָר אַ פשוטער זאַך, פלעג איך אַריינפאַלן אין דעם אויסגאַנגסלאָזן אַנאַליזקרייז פון מיינע געדאַנקען, און איך האָב שוין נישט געטראַכט וועגן דער פראַגע, וואָס האָט מיך אינטערעסירט — איך האָב געטראַכט פון דעם, פון וואָס איך האָב געטראַכט. פרעגנדיק זיך: פון וואָס טראַכט איך? פלעג איך זיך ענטפערן: איך טראַכט, פון וואָס איך טראַכט. און

איצט פון וואָס טראַכט איך? איך טראַכט, אַז איך טראַכט, פון וואָס איך טראַכט, און אַזוי ווייטער. איך האָב מיך איבערגעפּלפּולט...

דאָך האָבן די פילאָזאָפישע דערפינדונגען, וואָס איך האָב געמאַכט, שטאַרק געשמייכלט מיין אייגנליבע: אָפטער האָב איך מיך פאָרגעשטעלט פאַר אַ גרויסן מאַן. וואָס אַנטדעקט פאַר דער טובה פון דער מענטשהייט נייע וואָרהייטן און האָב מיט שטאָלצן באַוווסטזיין געקוקט אויף די אַלע געוויינלעכע בשר-ודמס. אָבער אַ מאָדנע זאַך: אַז איך בין געקומען אין אַ צוזאַמענשטויס מיט דידאָזיקע בשר-ודמס, האָב איך מיך געשראָקן פאַר יעדן איינעם פון זיי. און וואָס העכער איך האָב מיך געשטעלט אין דער אייגענער מיינונג. אַלץ ווייניקער בין איך געווען פעיק אַרויסצו-ווייזן פאַר אַנדערע נישט נאָר אַ באַוווסטזיין פון פערזענלעכן שטאָלץ — איך האָב מיך אפילו נישט געקאָנט זיך צוגעוויינען נישט צו שעמען זיך פאַר מיינס אַ פשוט וואָרט אָדער באַוועגונג

•

XX.

וואָלאָדיע

יאָ, וואָס ווייטער איך רוק מיך פאָרויס אין דער באַשרייבונג פון דערדאָזיקער צייט פון מיין לעבן. אַלץ שווערער און שווערער ווערט עס מיר. זעלטן געפין איך אין די דערינערונגען פון דער צייט מינוטן פון אַן עכט וואַרעמען געפיל, וואָס האָט אַזוי העל אין באַשטענדיק באַלויכטן דעם אָנהייב פון מיין לעבן. און אומגערן ווילט זיך מיר אַדורכלויפן וואָס גיכער דעם מדבר פון מיינע יונגליאָרן און קומען צו יענער גליקלעכער צייט, בשעת דאָס אמת צאַרטע איידעלע געפיל פון פריינטשאַפט האָט פון דאָסניי באַהעלט דעם סוף פון דערדאָזיקער עלטער און געמאַכט די התחלה פון אַ נייער יוגנט-צייט, פול חן און פּאָעזיע.

ווע איך מיר נישט נעמען שעה נאָך שעה נאָכגיין נאָך מיינע דערינערונגען, איך וועל נאָר וואַרפן אַ שנעלן בליק אויף די סאַמע וויכטיקסטע זכרונות פון יענער צייט, ביז וועלכער איך האָב דערפירט מיין דערציילונג און ביז מיין באַקאַנטשאַפט מיט אַן אומגעוויינלעכן

מענטש, וואָס האָט געהאַט אַן אַנטשיידענע און לייטזעליקע ווירקונג אויף מיין כאַראַקטער און ריכטונג.

וואָלאָדיע טרעט די טעג אַריין אין אוניווערזיטעט; די לערער גייען שוין צו אים באַזונדער און מיט קנאה און אומגערנדיקער אַכטונג הער איך מיך צו, ווי ער קלאַפּט געשמיידיק מיטן קרייד אויפן שוואַרצן טאָוול, ווי ער רעדט פון פונקציעס, סינוסעס, קאָאָרדינאַטן א. אַ. וו., וואָס זעען מיר אויס ווי אויסדריקן פון אומגעהייערער חכמה. נאָר אָט, איינמאָל אין אַ זונטיק, נאָך מיטאָג, פאַרזאַמלען זיך אין דער באָבעס צימער אַלע לערער, צוויי פּראָפעסאָרן, און אין דער אָנוועזנהייט פון פּאַפּאַ און מאַנכע געסט מאַכט מען אַ רעפּעטיציע פונם אוניווערזיטעט-עקזאַמען, און וואָלאָדיע ווייזט דאָ אַרויס, צו דער גרויסער שמחה פון דער באָבען, אומגעווייגלעכע קענטעניש. מיר שטעלט מען אויך פראַגן איבער מאַנכע געגנשטאַנדן, אָבער איך ענטפער זייער שלעכט, און די פּראָפעסאָרן באַמיען זיך צו פאַרבאָרגן פאַר דער באָבען מיינע שוואַכע ידיעות, וואָס פאַרשעמט מיך נאָכמער. איבעריקנס, אויף מיר לייגט מען ווייניק אַכט: פופצן יאָר איז מיר ערשט, הייסט עס, אַז איך האָב נאָך אַ יאָר ביזן עקזאַמען. וואָלאָדיע גייט נאָר אַראָפּ אונטן צום מיטאָג, און גאַנצע טעג און אפילו אָוונטן פאַרברענגט ער אויבן בײַ די למודים — נישט-געצוווּנגענערהייט, נאָר מיט זיין אייגענעם ווילן. דאָס געפיל פון איינגליבע איז בײַ וואָלאָדיען געוואַלדיק שטאַרק און ער וויל נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען מיטלמעסיק, נאָר אויסגעצייכנט.

און אָט קומט דער טאָג פונם ערשטן עקזאַמען. וואָלאָדיע טוט אָן אַ בלויען פראַק מיט קנעפּלעך פון בראָנז, אַ גאָלדענעם זייגער און לאַקירטע שטיוול; צו דער גאַניק פאָרט צו אַ פאַעטאָן, ניקאָלאַי וואַרפט אָפּ דאָס פאַרטוך און וואָלאָדיע מיט St.-Jerôme פאָרן אין אוניווערזיטעט. די מיידלעך, באַזונדערס קאַטיעלע, קוקן מיט שמחה און התפעלות אין פענצטער אויף וואָלאָדיעס שלאַנקער פיגור, ווי ער זעצט זיך אַנידער אין עקיפּאַזש און דער פּאַפּאַ זאָגט: „גאָט זאָל העלפן, גאָט זאָל העלפן". די באָבע האָט זיך אויך דערשלעפּט צום פענצטער; מיט טרערן אויף די אויגן קוקט זי נאָך וואָלאָדיען, באַצלמט אים כסדר, ביז דער עקיפּאַזש ווערט פאַרשוווּנדן ערגעץ אין אַ געסל, און שעפּטשעט עפּעס פאַר זיך.

וואָלאָדיע קומט צוריק. פרעגן אים אַלע מיט אומגעדולד: „וואָס? גוט? וויפיל?" אָבער פון זיין פריילעכן פּנים איז שוין קענטיק, אַז גוט. וואָלאָדיע האָט באַקומען אַ פינף. אויף מאָרגן באַגלייט מען אים מיט די

זעלבע ווינטשונגען און שרעק, און מיט דער אייגענער שמחה און אומגעדולד באַגעגנט מען אים. ניין טעג גייען אַזוי אַריבער. אויפן ניינטן טאָג איז דער לעצטער און דער שווערסטער עקזאַמען — רעליגיע. אַלע שטייען באַם פענצטער און ער ווערט דערוואַרט נאָך מיט גרעסער אומגעדולד. שוין צוויי אַ זייגער, און וואָלאָדיע איז נאָך נישטאָ.

— גאָט אין הימל! טאַטע געטרייער!!! זיי!!! זיי!!! — שרייט לובקעלע, אַ צוגעשמידטע צו די שויבן.

און טאַקע, אין עקיפּאַזש, לעבן St.-Jerôme, זיצט וואָלאָדיע, אָבער שוין נישט אין בלויען פראַק מיטן גרויען היטל, נאָר אין אַסטודענטישן מונדיר מיט אַן אויסגעהאַפטן קאָלנער, אין אַ דרייעקיקן הוט מיט אַ באַגילט שווערדל באַ דער זייט.

— אָט, ווען דו וואָלסט געלעבט! — שרייט אויס די באָבע, דערזעענדיק וואָלאָדיען אין מונדיר, און פאַלט אין חלשות.

מיט אַ שיינענדיק פנים לויפט וואָלאָדיע אַריין אין פאָרצימער, האַלזט און קושט מיך, לובקעלען, מימין און קאַטיעלען, וואָס רויטלט זיך דערבײַ ביז די סאַמע אויערן. וואָלאָדיע איז ממש צעמישט פון שמחה. און ווי שיין ער איז אין דעמדאָזיקן מונדיר! ווי עס פאַסט אים דער בלויער קאָלנער צו די שוואַרצע וואָנסעלעך, וואָס הייבן אים ערשט אָן צו וואַקסן! וואָס פאַר אַ דינע לאַנגע טאַליע און וואָס פאַר אַן איידעלער טריט! אין דעמדאָזיקן געדענקווירדיקן טאָג מיטאָגן אַלע אין דער באָבעס צימער, אַלעמענס פנימער שיינען פון שמחה און באַם מיטאָג, בשעת מען דערלאַנגט דעם טאָרט, ברענגט אַריין דער הויז-אויפזעער מיט אַ קאַלטער אָנגעצויגענער און צוגלייך אויך פריילעכער מינע אַ פלאַש שאַמפּאַניער, פאַרוויקלט אין אַ סערוועטל. דאָס ערשטע מאָל נאָך דער מאַמעס טויט טרינקט די באָבע שאַמפּאַניער, טרינקט אויס אַ גאַנצן באָקאַל, באַגריסט וואָלאָדיען, און וויינט ווייטער פון שמחה, קוקנדיק אויף אים. וואָלאָדיע פאָרט שוין אַליין אַרויס פון הויף אין אַן אייגענעם עקיפּאַזש, נעמט אויף באַ זיך ז ײ נ ע באַקאַנטע, רייכערט, פאָרט אויף באַלער, און איינמאָל האָב איך אַליין געזעען, ווי ער האָט באַ זיך אין צימער אויסגעטרונקען מיט זיינע באַקאַנטע צוויי פלעשער שאַמפּאַניער, און באַ יעדן באָקאַל האָט מען געטרונקען לחיים פאַר געהיימנישפולע פאַרשוינען און דערבײַ זיך געשפּאַרט, ווער עס זאָל באַקומען le fond de la bouteille. דאָך מיטאָגט ער רעגלמעסיק אינדערהיים און נאָכן מיטאָג זעצט ער זיך צוועק, ווי אַלעמאָל, אין דיוואַנצימער און פירט געהיימע שמועסן

מיט קאַטיעלען; אויף וויפיל איך האָב געקאָנט הערן — ווי אַזאַ איינער, וואָס באַטייליקט זיך נישט אין זייער שמועס — רעדן זיי וועגן די העלדן און העלדינס פון די דורכגעלייענטע ראָמאַנען, וועגן אייפערזוכט, וועגן ליבע, און איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין, וואָס פאַר אַן אינטערעס געפינען זיי אין דידאָזיקע שמועסן און פאַרוואָס שמייכלען זיי אַזוי שכל־דיק און שפּאַרן זיך הייס.

בכלל באַמערק איך, אַז צווישן קאַטיעלען און וואָלאָדיען, אויסער דער פאַרשטענדלעכער ברייטנשאַפט צווישן מענטשן, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאָדעוועט צוזאַמען, עקזיסטירן עפּעס מאָדנע באַציונגען, וואָס דערווייטערן זיי פון אונז און וואָס באַהעפטן זיי געהיים צווישן זיך.

XXI.

קאַטיעלע און לובקעלע

קאַטיעלע איז אַלט זעכצען יאָר; זי איז אויסגעוואַקסן; די פאַר־שפּיצטע פאָרמען, די שעמעדיקייט און די אומגעשיקטע באַוועגונגען, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ מיידל אין דער איבערגאַנגס־עלטער, האָבן איבערגעלאָזט זייער אָרט דער האַרמאָנישער פרישקייט און דער גראַציע פון אַן ערשט צעבליט בלימל; אָבער זי האָט זיך נישט פאַרענדערט. די זעלבע העל־בלויע אויגן און שמייכלענדיקער בליק, דאָס זעלבע גלייכע נעזל, כמעט אין איין ליניע מיטן שטערן, מיט פעסטע נאָזלעכער און אַ מיילעכל מיט אַ העלן שמייכל; די זעלבע קליינטשקע חן־גריבעלעך און די ראָזע דורכזיכטיקע בעקלעך, די זעלבע ווייסע הענטלעך... און ווי פריער פּאַסט זיך צו איר עפּעס דער נאָמען פון אַ ר יי ן מיידעלע... ניי איז אין איר נאָר דער געדיכטער העל־בלאָנדער צאָפּ, וואָס זי טראָגט, ווי אַ גרויסע, און די יונגע ברוסט, וואָס פרייט זי מערקלעך און פאַרשעמט זי.

נישט געקוקט דערויף, וואָס לובקעלע איז געוואַקסן און זיך געהאָדעוועט מיט איר צוזאַמען, דאָך איז זי אין אַלע פרטים גאָר אַן אַנדער מיידעלע.

לובקעלע איז נישט קיין הייכע, און צוליב דער ענגלישער קראַנקייט זענען איר נאָך ביז איצט די פיס, ווי בײַ אַ גאַנז, און גאָר אַ מיאוסע טאַליע האָט זי. בלויז שיינע אויגן האָט זי — גרויסע, שוואַרצע, מיט עפּעס אַן אומבאַשטימטן אָנגענומען אויסדרוק פון חשיבות און נאַאיווקייט, אַז מען מוז זיי גלייך באַמערקן. לובקעלע איז אין אַלץ פּשוט און נאַטירלעך; קאַטיעלע אָבער וויל זיין ענלעך צו עמעצן; לובקעלע קוקט שטענדיק גלייך און טיילמאָל, אַז זי שטעלט אָן אויף עפּעס אירע גרויסע שוואַרצע אויגן, נעמט זי זיי נישט אַראָפּ אַזוי לאַנג, אַז מען וואַרפט עס איר פאָר און מען זאָגט איר, אַז עס איז נישט אָנשטענדיק; קאַטיעלע, פאַרקערט, לאָזט אַראָפּ די וויעס, פאַרזשמורעט זיך און זאָגט, אַז זי איז קורצזיכטיק, בשעת איך ווייס אויסגעצייכנט, אַז זי זעט זייער גוט. לובקעלע האָט פיינט צו מאַכן אָנשטעלענישן פאַר זייטיקע מענטשן, און ווען עמעצער וויל זי קושן פאַר געסט אין די אויגן, בלאָזט זי זיך און זאָגט, אַז זי האָט פיינט צערטלעכקייטן; קאַטיעלע, פאַרקערט, איז פאַר געסט באַזונדערס צערטלעך צו מימין און האָט ליב צו גיין איבערן זאַל אַרומגענומען מיט אַ מיידל. לובקעלע האָט ליב אַ סך צו לאַכן און טיילמאָל, בשעת אַן אויסברוך פון געלעכטער, וואַרפט זי מיט די הענט און לויפט אַרום איבערן צימער; קאַטיעלע, פאַרקערט, פאַרשטעלט דאָס מויל מיט אַ טיכל אָדער מיט די הענט, בשעת זי הייבט אָן לאַכן. לובקעלע זיצט שטענדיק גלייך און גייט די הענט אַראָפּגעלאָזט; קאַטיעלע האַלט דעם קאָפּ עטוואָס אויף אַ זייט און גייט די הענט צוזאַמענגעלייגט. לובקעלע איז שטענדיק שרעקלעך צופרידן, ווען עס געלינגט איר צו רעדן מיט אַ דערוואַקסענעם מאַנספּערשוין און זאָגט, אַז זי וועט נאָר חתונה האָבן מיט אַ הוזאַר; קאַטיעלע אָבער זאָגט, אַז איר עקלט פון אַלע מענער, אַז זי וועט קיינמאָל נישט חתונה האָבן, און בשעת אַ מאַנספּערשוין רעדט מיט איר, ווערט זי גאָר אַן אַנדערע, פונקט ווי זי וואָלט זיך פאַר עפּעס געשראָקן. לובקעלע איז שטענדיק אין כעס אויף מימין דערפאַר, וואָס מען דריקט זי איין אין גאָרסעט אַזוי, אַז „מען קאָן שוין נישט אָטעמען“, און דאָט ליב צו עסן; קאַטיעלע, פאַרקערט, האָט ליב עפטער אַריינצולייגן דעם פינגער אונטערן העקל פון איר קלייד און ווייזן אונז, אַז עס איז ברייט אויף איר, און עסן עסט זי דווקא זייער ווייניק; לובקעלע האָט ליב צו צייכענען קעפּלעך; קאַטיעלע אָבער האָט ליב צו מאָלן בלומען און זומערפייגעלעך. לובקעלע שפּילט זייער ריין פילדס קאָנצערטן, מאַנכע בעטהאָווענס סאָנאַטן; קאַטיעלע אָבער שפּילט

וואַריאַנטן און וואַלסן, פאַרהאַלט דעם טעמפ, קלאַפט, דריקט כסדר דעם פעדאַל. און איידער זי הייבט אָן עפעס שפילן, נעמט זי מיט געפיל דריי אַקאָרדן arpeggio...

אָבער קאַטיעלע איז, לויט מיין דעמאָלטיקער מיינונג, מער ענלעך צו אַ גרויסער און איז מיר דעריבער אַ סך מער געפעלן.

XXII.

דער פאַפאַ

דער פאַפאַ איז באַזונדערס פריילעך פון יענער צייט אָן, זינט חאַלאַדיע איז אַריינגעטרעטן אין אוניווערזיטעט, און עפטער, ווי געוויינלעך, קומט ער מיטאָגן צו דער באָבען. איבעריקנס, איז די סיבה פון זיין פריילעכקייט, ווי איך האָב מיך דערנאָך דערוווּסט פון ניקאָלאַיען, דאָס, וואָס ער האָט די לעצטע צייט זייער אַ סך געוווּנען. עס טרעפט אפילו, אַז ער קומט אַריין צו אונז אינאָוונט, פאַרן גיין אין קלוב, זעצט זיך אַנידער פאַרן קלאַוויר, פאַרזאַמלט אונז אַרום זיך, און, צוקלאַפנדיק מיט זיינע ווייכע שטיוול (ער האָט זייער פיינט געהאַט אָפּצאַסן און טראָגט זיי קיינמאָל נישט), זינגט ער ציגיינער־לידלעך. און מען באַדאַרף דעמאָלט זעען די קאָמישע התפעלות פון זיין ליבלינג — פון לובקעלען, וואָס פאַרגעטערט אים. טיילמאָל קומט ער אין קלאַסצימער און הערט זיך צו מיט זייער אַ שטרענגער מינע, ווי איך זאָג די לעקציע, אָבער לויט די עטלעכע ווערטער, וואָס ער שטעלט אַריין, אויסצובעסערן מיין פעלער, זע איך, אַז ער פאַרשטייט שלעכט דאָס, וואָס מען לערנט מיט מיר. טיילמאָל ווינקט ער אונז אונטער שטילערהייט און וואַרפט אונז צו רמזים, בשעת די באָבע הייבט אָן וואָרטשען און זיך בייזערן אויף אַלעמען אָן אַ שום סיבה. „נו, האָבן מיר עס געכאַפּט אַ פּאָרציע, קינדער”, זאָגט ער אונז דערנאָך. בכלל לאָזט ער זיך אַראָפּ אין מיינע אויגן פון יענער אומדערגרייכבאַרער הייך, אויף וועלכער עס האָט אים אַוועקגעשטעלט מיין קינדערישע פאַנטאַזיע.

איינמאָל, שפּעט אין אָוונט, איז ער אַריינגעקומען אין אויפנאַם־

צימער אין אַ שוואַרצן פּראַק און אַ ווייסער זשילעט, צו גיין מיט וואָ-לאָדיען אויף אַ באַל; וואָלאָדיע האָט זיך דעמאָלט איבערגעטון באַ זיך אין צימער. די באָבע האָט געוואַרט אין שלאָפצימער — זי האָט געוואָלט זען וואָלאָדיען (געווען באַ איר אַזאַ געוווינהייט, צו רופן אים צו זיך פאַר יעדן באַל און בענטשן אים און באַקוקן אים און זאָגן, ווי ער זאָל זיך אויפפירן). איבערן זאַל, באַלויכטן פון איין לאָמפּ, זענען מימי און קאַטיעלע געגאַנגען אויף און אָפּ און לובקעלע איז געזעסן באַם קלאַוויר און איינגעחזרט פילדס צווייטן קאָנצערט, דער מאַמעס ליבסטע פּיעסע.

נאָך קיינמאָל האָב איך אין קיינעם נישט געטראָפן אַזאַ פאַמיליען-ענלעכקייט, ווי צווישן דער שוועסטער מיט דער מאַמען. דיזאָזיקע ענ-לעכקייט איז געלעגן נישט אין פּנים און נישט אינם בוי פון קערפּער, נאָר אין עפּעס אַזוינס, וואָס לאָזט זיך נישט כאַפּן: אין די הענט, אינם גאַנג און באַזונדערס אין דער שטימע און אין מאַנכע אויסדרוקן. בעת לובקעלע איז געווען בייז און פלעגט זאָגן: „אַ גאַנץ לעבן לאָזט מען נישט“, האָט זי דאָס וואָרט אַ ג אַ נ ץ ל ע ב ן, וואָס די מאַמע פלעגט עס אָפט געברויכן, אַרויסגעזאָגט אַזוי, אַז עס פלעגט זיך דאַכטן, די מאַמע זאָגט עס — עפּעס אַזוי אויסגעצויגן: אַ גאַ-נץ לע-בן. נאָר נאָכמער האָט זיך געלאָזט שפּירן די ענלעכקייט אין איר שפּילן קלאַוויר און אין די מאַנירן דערביי: זי פלעגט אויך אַזוי פאַרריכטן דאָס קלייד, אויך אַזוי איבערקערן דאָס בלאַט מיט דער לינקער האַנט פון אויבן, אויך אַזוי קלאַפּן פון פאַרדראָס מיט דער פויסט איבער די קלאַווישן, ווען עס פלעגט זיך איר נישט איינגעבן אַ שווערער פּאַסאַזש און זאָגן דערביי: „אַך, גאָט מיינער!“ און די זעלבע פאַרבאָרגענע ווייכקייט און ריינקייט אין שפּילן, דאָס שיינע פילדישע שפּילן, וואָס דער רייץ האָט געקאָנט מאַכן פאַרגעסן אַלע קונצן פון די נייעסטע פּיאַניסטן.

דער פּאַפּאַ איז אַריין אין צימער מיט גיכע דראָבנע טריטלעך און צוגעגאַנגען צו לובקעלען; דערזעענדיק אים, האָט זי אויפגעהערט צו שפּילן.

— ניין, שפּיל, לובע, שפּיל, — האָט ער געזאָגט און זיך אַנידער-געזעצט לעבן איר — ווייסט דאָך, ווי איך האָב דיך ליב צו הערן...

לובקעלע האָט ווייטער געשפּילט און דער פּאַפּאַ, אָנגעלענט אויף דער האַנט, איז לאַנג געזעסן קעגן איר; דערנאָך האָט ער שנעל באַוועגט מיט אַן אַקסל, זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין איבערן צימער. צוגע-

גאַנגען צום קלאַוויר, פּלעגט ער זיך יעדעס מאָל אָפּשטעלן און לאַנג און שאַרף קוקן אויף לובקעלען. לויט זיינע באַוועגונגען און לויט זיינע טריט האָב איך באַמערקט, אַז ער איז געווען אויפגערעגט. איבערגייענדיק עטלעכע מאָל איבערן זאַל, האָט ער זיך צוגעשטעלט הינטער לובקעלעס שטול, אַ קוש געטון איר אין שוואַרצן קאָפּ, נאָכדעם זיך שנעל אויסגע־דרייט און אַוועק פון דאָסניי שפּאַצירן איבערן צימער. און אַז לובקעלע האָט געענדיקט די פּיעסע, צוגעגאַנגען צום פּאַפּאַ און געפרעגט: „צי גוט ?" — האָט ער זי אָנגענומען פאַרן קאָפּ און גענומען זי קושן אין שטערן און אויגן מיט אַזאַ האַרציקייט, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעזען אין אים.

— אַך, גאָט מיינער! דו וויינסט! — האָט לובקעלע פּלוצלינג גע־זאָגט, אַרויסלאָזנדיק פון דער האַנט דאָס קייטעלע פון זיין זייגערל און אויסשטעלנדיק אויף אים אירע גרויסע פאַרוואונדערטע אויגן, — אַנטשול־דיקט מיר, פּאַפּאַ האַרציקער, איך האָב גאָר פאַרגעסן, אַז דאָס איז דער מ א מ ע ס פּ י ע ס ע.

— ניין, מיין פריינט, שפּיל אָפטער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטריק קול פון אויפרעגונג — ווען דו וואָלסט געוווּסט, ווי מיר איז גוט זיך אויסצוויינען מיט דיר...

ער האָט איר נאָכאַמאָל אַ קוש געטון, און, באַמיענדיק זיך איבער־צושטייגן אין זיך די אינערלעכע אויפרעגונג, איז ער, צוקנדיק מיטן אַקסל, אַרויס מיט דער טיר, וואָס פירט דורכן קאָרידאָר אין וואָלאָדיעס צימער אַריין.

— וואָלדעמאַר, ס'וועט נאָך לאַנג דויערן באַ דיר? — האָט ער אַ געשריי געטון און געבליבן שטיין אינמיטן קאָרידאָר. אין דער זעלבער רגע איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס שטוב־מיידל מאַשע; דערזעענדיק דעם פּריץ, האָט זי אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און געוואָלט זיך אַדורכשמוגלען. ער האָט זי אָבער אָפּגעשטעלט.

— און דו ווערסט אַלץ שענער, — האָט ער זאָג געטון און זיך אָנגעבויגן צו איר.

מאַשע האָט זיך פאַררויטלט און נאָך טיפער אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ.

— לאָזט מיך. — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט.

— וואָלדעמאַר, נו, וואָס, ביסט שוין פאַרטיק? — האָט דער פּאַ־פּאַ ווידעראַמאָל געפרעגט און בעת מעשה צוגעצוקט מיטן אַקסל און

צוגעהוסט; מאַשע איז פאַרבייגעגאַנגען און ער האָט מיך דער־זעין...

איך האָב ליב דעם פאָטער, אָבער דעם מענטשנס שכל לעבט אומאָפּהענגיק פונם הארץ; און טיילמאָל איז דער שכל כולל אין זיך אַזעלכע רעיונות, וואָס באַליידיקן דאָס געפיל, וואָס זענען אומפאַר־שטענדלעך און אכזריותדיק פאַר אים. און אַזעלכע רעיונות באַפאַלן אויך מיך, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך וויל זיי אַלץ באַזייטיקן פון זיך...

XXIII.

די באָבע

די באָבע ווערט פון טאָג־צו־טאָג אַלץ שוואַכער. איר גלעקעלע, גאַשעס וואָרטשענדיק קול און דאָס טראַסקען מיט די טירן הערן זיך אָפּטער אין איר צימער און זי נעמט אונז שוין אויף נישט אין קאַבינעט אויפן פאָטערשטול, נאָר אין שלאָפצימער, אויף אַ הימלבעט מיט אויס־געהאַפטע קישנס. באַגריסנדיק זיך מיט איר, באַמערק איך אויף איר האַנט אַ בלאַס־געלבלעכן גלאַנציקן געשוויר, און אין צימער שטייט אַ שווערער ריח, וואָס איך האָב מיט פינף יאָר צוריק געשפּירט אין דער מאַמעס צימער. דריי מאָל אין טאָג קומט דער דאָקטאָר צו איר און עס זענען שוין געווען עטלעכע קאָנסיליומס. אָבער דער כאַראַקטער, די גאַוהדיקע און מאַנירלעכע באַציונג צו אַלע הויזיקע און באַזונדערס צום פּאָטער, האָט זיך לגמרי נישט געענדערט. זי ציט נאָך ערשט אויך פונאַנ־דער די ווערטער, הייבט די ברעמען און זאָגט: „מיין ליבער“.

אָבער אָט לאָזט מען שוין אונז עטלעכע טעג צו איר נישט אַריין, און איינמאָל אינדערפרי, בשעתן לערנען, לייגט אונז St.-Jerôme פאָר זיך דורכצופאָרן מיט לובקעלען און קאַטיעלען. הגם בשעת איך זעץ מיך אַריין אין שליטן, זע איך, אַז די גאַס פאַר דער באָבעס פענצטער איז איבערגעבעט מיט שטרוי און עפּעס מענטשן אין בלויע קאַפּטאַנעס שטייען

פֿאַר אונזער טויער, דאָך קאָן איך בשום אופן נישט פֿאַרשטיין, פֿאַרוואָס הייסט מען אונז זיך דורכפֿאָרן אין אַזאַ אומפּאַסיקער צייט. און דווקא אין דעמדאָזיקן טאָג, בשעת מיר פֿאָרן זיך דורך, געפֿינען מיר זיך, איך און לובקעלע, אין יענער געהויבענער שטימונג, וואָס צווינגט אונז צו לאַכן פֿון יעדן פּשוטן צופֿאַל, פֿון יעדן וואָרט, פֿון יעדער באַוועגונג.

אַ גאַסן־הענדלער טוט אַ נעם דאָס קעסטל און לויפֿט העגדום־פּעגדום איבערן וועג — און מיר לאַכן. אַן צרומגעריסענער וואַנקע יאָגט געשמיידיק אָן אונזער שליטן, ציענדיק מיט די לייצעס — און מיר לאַכן. באַ פֿיליפּן האָט זיך פֿאַרטשעפּעט די בייטש אָן שליטן, דרייט ער זיך אום און זאָגט: „עכמאַ!" — און מיר שטאַרבן פֿון געלעכטער. מימי באַמערקט אונז מיט אַן אומצופֿרידענער מינע, אַז נאָר נ אַ ר אָ נ י ם לאַכן אָן אַ שום סיבה, און לובקעלע, אינגאַנצן רויט פֿון אָנגעשטרענגטן איינגעהאַלטענעם געלעכטער, קוקט אויף מיר פֿון אונטערן שטערן. אונזערע אויגן באַגעגענען זיך און מיר פּלאַצן אַרויס מיט אַזאַ האָמעריטן געלעכטער, אַז עס קומען אונז טרערן אויף די אויגן און מיר זענען נישט בכוח איינצוהאַלטן דעם געלעכטער־אויסברוך, וואָס שטיקט אונז. קוים זיך עטוואָס באַרויקט, טו איך אָבער אַ קוק אויף לובקעלען און זאָג איר אַ באַקאַנטווערטל, וואָס איז באַ אונז אין דער מאָדע פֿון אַ געוויסער צייט און וואָס רופֿט שטענדיק אַרויס געלעכטער, און אָט צעגיסן מיר זיך פֿון דאָסניי.

באַלד ווי מיר קערן זיך צוריק אַהיים און איך וויל מאַכן לובקעלען אַ שיין תנועהלע, דערזע איך אָבער אַ פֿאַרגאַפּטער אַ דעקל פֿון אַ טרומנע, וואָס שטייט אָנגעשפּאַרט אָן אונזער צופֿאָר־טיר, און מיין מויל ווערט פֿאַרגליווערט אין דער זעלבער אויסגעקרימטער לאַגע.

St.-Jerôme זאָגט — (*! Votre grand'mére est mort — מיט אַ בלאַס פּנים, אַרויסגייענדיק אונז אַקעגן.

פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס דער באָבעס קערפּער געפֿינט זיך אין שטוב, שפּיר איך אַ שווער געפֿיל פֿון טויט־שרעק, דאָס הייסט דער טויטער גוף דערמאָנט מיך שטאַרק און אומאָנגענעם, אַז איך וועל אויך ווען עס איז באַדאַרפֿן שטאַרבן — אַ שפּירונג, וואָס מען איז עפּעס געוווינט

---

*) אייער באָבע איז געשטאָרבן!

אויסצומישן מיט טרויער. איך באַדויער נישט די באָבען און עס איז אַ ספק, צי עמעצער באַדויערט זי אויפריכטיק. נישט געקוקט דערויף, וואָס דאָס הויז איז פול מיט טרויער-געסט; באַדויערט קיינער נישט איר טויט. אויסער איין מענטש, וואָס זיין גרויסער צער איבעררעשט מיך געוואַלדיק שטאַרק. און דערדאָזיקער מענטש איז — דאָס שטוב-מיידל גאַשע. גייט זי אַוועק אויפן בוידעם, פאַרשליסט זיך דאָרט, הערט נישט אויף צו וויינען, פאַרשעלט זיך אַליין, רייסט אויף זיך די האָר, וויל נישט הערן קיין שום עצות און זאָגט, אַז דער טויט איז פאַר איר די איינציקע טרייסט נאָך דעם אומגליק מיט דער געליבטער האַרין.

איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז דאָס, וואָס זעט נישט אויס וואָרהאַפטיק אין אַ געפיל-זאַך, איז דער בעסטער סימן פון אמת.

די באָבע איז שוין נישטאָ, אָבער אין אונזער הויז לעבן נאָך די דערינערונגען און פאַרשידענע מיינונגען וועגן איר. די מיינונגען באַציען זיך הויפטזעכלעך צו דער צוואה, וואָס זי האָט געלאָזט אָנשרייבן פאַרן טויט און וואָס איז אַלעמען אומבאַקאַנט, אויסער איר נאָענטסטן פריינט, דעם פירשט איוואַן איוואַנימש. צווישן דער באַבעס מענטשן באַמערק איך אַ געוויסע אויפרעגונג, טיילמאָל הער איך, ווי מען שמועסט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ חלק עס וועט דעם אָדער יענעם אָנקומען, און איך בין מיך מודה, איך האָב אויך מיט אומגערנדיקער שמחה געטראַכט, אַז מיר באַקומען אַ ירושה.

אין זעקס וואָכן אַרום האָט ניקאָלאַי, אונזער שטענדיקע צייטונג פון נייעס, מיר דערציילט, אַז די באָבע האָט אָפגעזאָגט איר גוט לובּ-קעלען און אַז ביז דער חתונה האָט זי איבערגעגעבן די אַפּוטרופּסות איבער איר נישט דעם פּאַפּאַ, נאָר דעם פירשט איוואַן איוואַניטש.

XXIV.

איך

ביזן אַריינטרעטן אין אוניווערזיטעט האָב איך נאָך זעקס חדשים. איך לערן מיך גוט. נישט וואָס איך וואַרט אויף די לערער אָן פּחד, נאָר איך האָב אפילו אַ געוויסע הנאה אין קלאַס...

מיר איז פרייליך — קלאָר און דייטליך אַרויסצוזאָגן די אויס־געחזרטע לעקציע. איך גרייט מיך צו דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט און, דעם אמת געזאָגט, האָב איך דעמדאָזיקן אויסוואַל געמאַכט בלויז דער־פאַר, ווייל די ווערטער: סינוסן, טאַנגענסן, דיפערענציאַלן און אינ־טעגראַלן א. ד. גל. זענען מיר זייער געפעלן.

אין וווּקס בין איך אַ סך נידעריקער פאַר וואָלאָדיען; ברייטפּליי־ציק און פליישיק, בין איך, ווי פריער, מיאוס, און, ווי פריער, פּייניק איך מיך דערמיט. איך פלייס מיך אויסצווייזן אָריגינעל; איין זאַך באַ־רויקט מיך — דער פּאַפּאַ האָט אַמאָל געזאָגט, אַז איך האָב אַ קלוג פּרצוף, און דערין גלייב איך טאַקע.

St.-Jerôme איז צופרידן מיט מיר, ער לויבט מיך און איך — נישט וואָס איך פאַרהאַס אים נישט, נאָר בשעת ער זאָגט, אַז מיט מיינע פעיקייטן, מיט מיין שכל איז נישט שיין צו טון דאָס און יענץ, ווייזט מיר אויס אפילו, אַז איך האָב אים ליב.

איך האָב שוין לאַנג אויפגעהערט צו מאַכן מיינע באַאָבאַכטונגען אין מיידל־צימער, ס'איז מיר אויך שווער זיך אויסצובאַהאַלטן הינטער דער טיר, און דערצו, בין איך מיך מודה, האָט מיך אַ ביסל אָפּגע־קילט די זיכערקייט, אַז מאַשע איז פאַרליבט אין וואַסילין. פון דערדאָ־זיקער אומגליקלעכער ליידנשאַפט וועל איך לגמרי אויסגעהיילט ווערן, ווען וואַסילי וועט חתונה האָבן; איך וועל אויספועלן באַם פּאַפּאַ אַ דערלויבעניש דערויף, ווי וואַסילי האָט מיך טאַקע געבעטן וועגן דעם.

בשעת די יונגע קומען מיט א טאָץ קאָנפעקטן צום פּאַפּאַ און דאַנקען אים, און מאַשע, אין הויב מיט בלויע בענדער, דאַנקט אונז אויך פּאַר עפּעס, קושנדיק יעדן איינעם אין אַקסל, פיל איך בלויז דעם ריח פון אירע האָר — דעם ריח פון ראָזעווער פּאַמאַדע, אָבער איך ווער נישט אויפגערעגט.

בכלל הייב איך מיך אָן ביסלעכווייז אויסצוהיילן פון מיינע יינגלי־שע פעלערן, מיט דעם אויסנאַם, איבעריקנס, פון הויפּטפעלער, וואָס באַדאַרף מיר נאָך ברענגען אַ סך שאָדן אין לעבן — דאָס איז די ניי־גונג צו שכלען זיך.

XXV.

וואָלאָדיעס חברים

הגם אין דער געזעלשאַפט פון וואָלאָדיעס באַקאַנטע האָב איך געשפּילט אַ ראָל, וואָס האָט באַליידיקט מיין אייגנליבע, דאָך האָב איך ליב געהאַט צו זיצן אין זיין צימער, בשעת בא אים זענען געווען געסט און שווייגנדיק באַקוקן דאָס אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געטון. עפטער פון אַלע פלעגן צו וואָלאָדיען קומען דער אַדיוטאַנט דובקאָוו און דער סטודענט פירשט נעכליודאָוו. דובקאָוו איז געווען אַ קליינינטשקער אָדער־דיקער ברונעט, שוין נישט גאָר קיין יונגער, עטוואָס אַ קורצפיסיקער, אָבער דאָך נישט קיין מיאוסער און שטענדיק אַ פריילעכער. געווען איז ער פון יענע באַגרענעצטע מענטשן, וואָס זענען טאַקע באַזונדערס אָנ־גענעם נאָר צוליב זייער באַגרענעצטקייט, וואָס זענען נישט אימשטאַנד צו זען אַ זאַך פון פאַרשידענע זייטן און וואָס זענען שטענדיק זייער צעהיצט. די מיינונגען פון דידאָזיקע לייט זענען איינזייטיקע און פע־לערהאַפטע, דערפאַר אָבער תמיד אָפנהאַרציקע און צוציענדיקע. אפילו זייער שמאָלער עגאָיזם האָט עפּעס אַ רייץ און מען קאָן אים מוחל זיין. אויסער דעם, האָט דובקאָוו געהאַט פאַר וואָלאָדיען און פאַר מיר אַ דאָפּלטן רייץ — זיין קריגערישע אויסערלעכקייט און איבערהויפּט די עלטער, וועלכע יונגעלייט האָבן ליב אויסצומישן מיטן באַגריף פון

אַנשטענדיקייט (Comme il faut), וואָס איז אין יענע יאָרן שטאַרק געשעצט געוואָרן. דובקאָוו איז, איבעריקנס, באמת געווען דאָס, וואָס מען רופט אָן homme comme il faut, נאָר איין זאַך איז מיר געווען אומאָנגענעם — וואָלאָדיע האָט זיך טיילמאָל אַזוי ווי געשעמט פאַר אים מיט די סאַמע אומשולדיקסטע מעשים מיינע און מער פון אַלץ — מיט מיין יונגקייט.

נעכליודאָוו איז געווען נישט שיין: קליינע גרויע אויגן, אַ הויכער געבויגענער שטערן; די אומפּראָפּאָרציאָנעל לאַנגע הענט און פיס האָט מען נישט געקאָנט צורעכענען פאַר שיינע שטריכן. שיין איז אין אים נאָר געווען די אומגעוויינלעך הויכע וווקס, די צאַרטע פאַרב פון געזיכט און די שיינע ציין. אָבער דאָסדאָזיקע געזיכט האָט באַקומען אַזאַ אָריגינעלן און ענערגישן כאַראַקטער צוליב די שמאָלע בלישטשעדיקע אויגן און צוליב דעם פאַרענדערלעכן אויסדרוק פון שמייכל, וואָס איז דאָ געווען שטרענג און דאָ קינדיש־אומבאַשטימט, אַז מען האָט אים געמוזט באַמערקן.

געווען איז ער, דאַכט זיך, זייער אַ שעמעוודיקער, ווייל פון יעדער קלייניקייט האָט ער זיך גערויטלט ביז די אויערן; אָבער זיין שעמעוודיקייט איז נישט געווען ענלעך צו מיינער. וואָס מער ער האָט זיך גערויטלט, אַלץ מער אַנטשלאָסנקייט האָט אויסגעדריקט זיין געזיכט, פּונקט ווי ער וואָלט געבעסט אויף זיך אַליין פאַר זיין שוואַכקייט.

נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט זיך שטאַרק געחברט מיט דובקאָוון און וואָלאָדיען, דאַך איז געווען קענטיק, אַז נאָר אַ צופאַל האָט אים פאַרייניקט מיט זיי. וואָלאָדיע און דובקאָוו האָבן זיך אַזוי ווי געשראָקן פאַר דעם אַלעם, וואָס האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון ערנסטקייט און עמפּפינדלעכקייט. נעכליודאָוו, פאַרקערט, איז געווען זייער אַ התפעלותדיקער מענטש און כאָטש מען האָט פון אים געחוזקט, האָט ער זיך דאָך טיילמאָל אַריינגעלאָזט אין פילאָזאָפישע פראַגן און געפילענינים. וואָלאָדיע און דובקאָוו האָבן ליב געהאַט צו רעדן וועגן זייערע געליבטע (און פלעגן זיך פּלוצלינג פאַרליבן אין עטלעכע מיטאַמאָל און ביידע אין די זעלבע); נעכליודאָוו, פאַרקערט, האָט זיך שטענדיק ערנסט געבייזערט, ווען מען פלעגט מרמז־זיין אויף זיין ליבע צו עפּעס אַ ג ע ל י נ ק ע ר.

וואָלאָדיע און דובקאָוו האָבן זיך עפּטער דערלויבט לייכט צו

חוזקן איבער זייערע קרובים; נעכליודאָוו, פאַרקערט, פלעגט אַרויס פון די כּלים, ווען מען פלעגט פּרוּוון אָנרירן זיין מומען, וועלכע ער האָט ממש פאַרגעטערט. וואָלאָדיע און דובקאָוו פלעגן נאָך אונטערוויט אַוועקפאָרן ערגעץ אָן נעכליודאָוון און אָנרופן אים שעמעדיק מיידל...

פירשט נעכליודאָוו האָט מיך איבערראַשט באַלד פון ערשטן מאָל סיי מיט זיין אַרט רעדן און סיי מיט זיין אויסערלעכקייט. אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס אין זיין ריכטונג האָב איך געפונען אַ סך ענלעכס צו מיינער — אַדער, מעגלעך, טאַקע נאָר דערפאַר — איז דאָס געפיל, וואָס ער האָט מיר גורם געווען, בשעת איך האָב אים דערזעען צום ערשטן מאָל, גאָרנישט געווען קיין פריינדלעכס.

מיר איז נישט געפעלן געווען זיין שנעלער בליק, זיין פעסטע שטימע, זיין שטאָלץ אויסזען, אָבער מער פון אַלץ די פולשטענדיקע גלייכגילטיקייט זיינע, וואָס ער האָט מיר אַרויסגעוויזן. טיילמאָל, אין אַ מיטן אַ שמועס, האָט זיך מיר זייער געוואָלט אים סותר זיין; עס האָט זיך געוואָלט אים איבערשפּאַרן און דערמיט אים באַשטראָפן פאַר זיין שטאָלץ, ווייזן אים, אַז איך בין קלוג, כאָטש ער וויל זיך גאָרנישט רעכענען מיט מיר. די שעמעוודיקייט האָט מיך אָבער אָפּגעהאַלטן.

XXVI.

שמועסן

וואָלאָדיע איז געלעגן מיט די פיס אויפן דיוואַן, און, אָנגעלענט אויף דער האַנט, געלייענט עפּעס אַ פראַנצויזישן ראָמאַן, בשעת איך בין נאָך די אָוונט-לימודים, ווי געוויינלעך, אַריין צו אים אין צימער. אויף אַ רגע האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ קוק צו טאָן אויף מיר און זיך ווידער געגומען צום לייענען — אַ גאַנץ פּשוטע און נאַטירלעכע באַוועגונג, אָבער זי האָט מיך געצוווּנגען רויט צו ווערן. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אין זיין קוק האָט זיך אויסגעדריקט אַ פראַגע, צו וואָס בין איך געקומען אַהער און מיט אַ שנעלן בויג פון קאָפּ האָט ער געוואָלט

פארבאָרגן די באַדייטונג פון זיין קוק. די טבע צוצוגעבן א באַדייטונג דער סאַמע געווייגלעכסטער באַוועגונג איז געווען אַ כאַראַקטעריסטישער שטריך פון מיין עלטער. איך בין צוגעגאַנגען צום טיש און אויך גענומען אַ בוך. אָבער איידער איך האָב גענומען לייענען, איז מיר געקומען אויפן רעיון, אַז עס איז עפּעס לעכערלעך, וואָס מיר רעדן נישט צווישן זיך, בשעת מיר האָבן זיך נישט געזען אַ גאַנצן טאָג.

— וואָס, דו ועסט היינט אין אָוונט זיין אין דער היים?

— איך ווייס נישט, וואָס איז?

— אַזוי, — האָב איך געזאָגט און באַמערקט, אַז אונזער שמועס קלעפּט זיך עפּעס נישט, האָב איך גענומען דאָס בוך און אָנגעהויבן לייענען.

עס איז משונה, וואָס אויג-אויף-אויג פאַרברענג איך מיט וואָלאָדיען גאַנצע שעהן שווייגנדיק, נאָר עס איז גענוג עס זאָל זיין צווישן אונז אַ דריטער, כאָטש אַ שווייגנדיקער — און באַלד פאַרבינדט זיך צווישן אונז אַן אינטערעסאַנטער און אַ פאַרשידנאַרטיקער געשפּרעך. מיר האָבן געפילט, אַז מיר קענען צו-גוט איינער דעם צווייטן. און צו פיל אָדער צו ווייניק קענען איינאַנדער שטערט אויף אַ גלייכן אופן צו דער דערנענטערונג.

— וואָלאָדיע איז אינדערהיים? — האָט זיך אין פּאָרצימער דערהערט דובקאָווס קול.

— אינדערהיים, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, און אַראָפּלאָזנדיק די פיס, אַוועקגעלייגט דאָס בוך אויפן טיש.

דובקאָוו און נעכליודאָוו, ביידע אין די מאַנטלען און קאַפּעליושן, זענען אַריין אין צימער.

— נו, וואָס, פאָרן מיר אין טעאַטער, וואָלאָדיע?

— ניין, איך האָב קיין צייט נישט, — האָט וואָלאָדיע געענטפערט, רויט ווערנדיק.

— נו, אָט האָסטו דיר! פאָרן מיר, איך בעט דיך!

— איך האָב דאָך קיין בילעט אויך נישט.

— בא דער קאַסע וועסטו קריגן וויפיל בילעטן דו ווילסט.

— וואַרט, איך וועל באַלד אַריינגיין, — האָט וואָלאָדיע אַ זאָג געטון, און צוקנדיק מיטן אַקסל, אַרויס פון צימער.

איך האָב געוווּסט, אַז וואָלאָדיען האָט זיך זייער געוואָלט פאָרן אין טעאַטער, ווהין דובקאָוו האָט אים גערופן, אָבער ער האָט זיך אָפּ-

געזאָגט בלויז דערפאַר, ווייל ער האָט קיין געלט נישט געהאַט און איצט איז ער אַוועק לייען אַ פינף רובל באַם הויז-אויפזעער ביז דער קומענ-דיקער פּענסיע.

— וואָס מאַכט איר, דיפּלאָמאַט! — האָט דובקאָוו געזאָגט און דערלאַנגט מיר די האַנט.

וואָלאָדיעס חברים האָבן מיך גערופן דיפּלאָמאַט דערפאַר, ווייל איינמאָל, נאָך אַ מיטאָג באַ דער פאַרשטאָרבענער באָבען, האָט זי זיך פונאַנדערגעשמועסט וועגן אונזער צוקונפט און געזאָגט, אַז וואָלאָדיע וועט זיין אַ מיליטערמאַן און מיך פאַרהאָפט זי צו זעען אַלס דיפּ-לאָמאַט אין אַ שוואַרצן פראַק, מיט אַ פריזור à la cog, וואָס דאָס איז לויט איר מיינונג אַ נויטווענדיקער באַדינג פאַר אַ דיפּלאָמאַטישן טיטול.

— וווהין איז דאָס וואָלאָדיע אַוועק? — האָט מיך נעכליודאָוו געפרעגט.

— איך ווייס נישט, — האָב איך געענטפערט, רויט ווערנדיק באַם געדאַנק, אַז זיי מיזן זיך מסתמא אָנשטויסן, צוואָס וואָלאָדיע איז אַרויס פון צימער.

— ער האָט מסתמא נישט קיין געלט! אמת? אָ, דיפּלאָמאַט! — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שמייכל. — איך האָב אויך קיין געלט נישט. דו האָסט, דובקאָוו?

— מיר וועלן זעען, — האָט דובקאָוו געזאָגט, אַרויסגענומען אַ בייטעלע און זייער אויפמערקזאַם אָנגעטאַפּט אין אים מיט זיינע קורצע פינגער עטלעכע קליינע מטבעות. — אָט איז אַ צענערל, אָט איז אַ פערציקער און ווייטער פּפּפיו! — האָט ער געזאָגט און געמאַכט אַ קאָ-מישן זשעסט מיט דער האַנט.

אין דער צייט איז וואָלאָדיע אַריין אין צימער.

— נו, וואָס, מיר פאָרן?

— ניין.

— ווי דו ביזט קאָמיש! — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — פאַרוואָס זאָגסטו נישט, אַז דו האָסט קיין געלט נישט. נעם מיין בילעט, אויב דו ווילסט.

— און ווי ווערסטו?

— ער וועט פאָרן צו די קוזינעס אין לאָזשע, — האָט דובקאָוו געזאָגט.

— ניין, איך וועל גאָרנישט פאָרן.

— פאַרוואָס ?

— דערפאַר, ווייל, דו ווייסט, איך האָב נישט ליב צו זיצן אין אַ לאָזשע.

— פאַרוואָס ?

— איך האָב נישט ליב, מיר איז נישט באַקוועם.

— ווידער דאָס אַלטע ! איך פאַרשטיי נישט, ווי קאָן דיר זיין נישט באַקוועם דאָרט, וווּ אַלע זעען דיך זייער גערן. דאָס איז לעכערלעך, mon cher.

— וואָס קאָן מען העלפן, si je suis timide !*) איך בין זיכער, אַז דו ביסט קיינמאָל אין דיין לעבן נישט רויט געוואָרן, אָבער איך ווער רויט יעדע מינוט פון אַ ליאַדע קלייניקייט ! — האָט ער געזאָגט און טאַקע באַלד רויט געוואָרן.

Savez-vous, d'où vient votre timidité ?... d'un excés d'amour propre, mon cher,**) — האָט דובקאָוו געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַן אויטאָריטעט.

— וואָס איז דאָ פאַר אַן excés d'amour propre ! — האָט נעכליודאָוו, שטאַרק אָנגעגריפן, געענטפערט — פאַרקערט, איך בין שעמעדיק דערפאַר, ווייל איך האָב ווייניק d'amour propre. מיר דאַכט זיך אַלץ, פאַרקערט, אַז מיט מיר איז אומאָנגענעם, לאַנגווייליק... און דערפאַר...

— טו זיך איבער, וואָלאָדיע ! — האָט דובקאָוו געזאָגט, אָנכאַפנדיק פאַר די אַקסלען און אָראָפציענדיק פון אים דעם סורטוק. — איגנאַט, דער באַרין דאַרף זיך אָנטון !

— און דעריבער געשעט עס מיט מיר עפטער... — האָט נעכליודאָוו ווייטער גערעדט.

אָבער דובקאָוו האָט אים שוין נישט געהערט. „טראַלאַ-

---

*) אַ ך בין אַ שעמעוודיקער.

**) איר ווייסט פונוואַנען עס קומט אייער שעמעוודיקייט ?... פון אייגנליבע, מיין הער.

לאַ, טאַראַ-ראַ-לאַ-לאַ" — האָט ער געמומען אויסזינגען עפּעס אַ מאָטיוו.

— דו האָסט זיך נאָך נישט אויסגעדרייט פון ענין, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט. — איך וועל דיר דערווייזן, אַז שעמעדיקייט שטאַמט גאָרנישט פון אייגנליבע.

— וועסט דערווייזן, אַז דו וועסט פאָרן מיט אונז.

— איך האָב געזאָגט, אַז איך פאָר נישט.

— נו, טאָ פאַרבלייב דאָ און דערווייז עס דעם ד י פּ ל אָ מ א ט; אַז מיר וועלן קומען, וועט ער עס אונז איבערגעבן.

— און איך וועל דערווייזן, — האָט נעכליודאָוו איינגעווענדט מיט קינדישער עקשנות. — פאָרט נאָר גיכער אַוועק.

— ווי מיינט איר: איך בין אַ מענטש מיט אייגנליבע? — האָט ער געזאָגט און זיך צוגעזעצט צו מיר.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב שוין געהאַט מיין מיינונג וועגן דעמדאָזיקן ענין, האָב איך מיך אַזוי דערשראָקן, בשעת ער האָט זיך פּלוצלינג אָנגערופן צו מיר, אַז איך האָב אים נישט באַלד געקאָנט ענטפערן.

— איך מיין, אַז יאָ, — האָב איך געזאָגט און געפילט, ווי עס ציטערט מיר דאָס קול און ווי אַ רויטקייט צעגיסט זיך מיר איבערן געזיכט בעת געדאַנק, אַז עס איז געקומען די צייט צו דערווייזן אים, אַז איך בין אַ ק ל ו ג ע ר: — איך מיין, אַז יעדער מענטש האָט אייגנליבע און אַז אַלץ, וואָס דער מענטש זאָל נישט טון, איז עס בלויז פון אייגנליבע.

— וואָס איז בעת אייך, אַלזאָ, אייגנליבע? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און געשמייכלט עטוואָס מיט פאַראַכטונג, ווי מיר האָט זיך אויסגעוויזן.

— אייגנליבע, — האָב איך געזאָגט, — איז די איבערצייגונג דערין, אַז איך בין בעסער און קליגער פון אַלע מענטשן.

— אָבער ווי קאָנען אַלע זיין איבערצייגט דערין.

— דאָס ווייס איך שוין נישט, צי עס איז גערעכט אָדער נישט, אָבער אויסער מיר איז זיך קיינער נישט מודה; איך בין איבערצייגט, אַז איך בין קליגער פון אַלעמען אויף דער וועלט און בין זיכער, אַז איר זענט אויך איבערצייגט דערין.

— ניין, וועגן זיך וועל איך דער ערשטער זאָגן, אַז איך האָב

געטראָפן מענטשן, וואָס איך האָב זיי אָנערקענט פאַר קליגערע פון מיר, — האָט נעכליודאָוו געזאָגט.

— עס קאָן נישט זיין, — האָב איך געענטפערט מיט איבער־צייגונג.

— טראַכט איר דען באמת אזוי? — האָט נעכליודאָוו געזאָגט און מיך שאַרף אָנגעקוקט.

— ערנסט, — האָב איך געענטפערט.

און דאָ איז מיר פּלוצלינג איינגעפאַלן אַ רעיון, וואָס איך האָב באַלד אַרויסגעזאָגט.

— איך וועל אייך דערווייזן. פאַרוואָס האָבן מיר זיך ליבער פון אַנדערע?... דערפאַר, ווייל מיר האַלטן זיך פאַר בעסער פון אַנדערע, ווייל מיר פאַרדינען מער ליבע פון אַנדערע. ווען מיר וואָלטן אָבער איינגעפונען, אַז אַנדערע זענען בעסער פון אונז, וואָלטן מיר זיי אויך מער ליב געהאַט, ווי זיך, אָבער דאָס טרעפט קיינמאָל נישט. און אויב עס טרעפט, בין איך פאָרט גערעכט, — האָב איך צוגעגעבן מיט אַן אומ־גערנדיקן צופרידענעם שמייכעלע.

נעכליודאָוו האָט בּאַ אַ מינוט געשוויגן.

— איך האָב מיך גאָרנישט גערעכט, אַז איר זאָלט זיין אַזוי קלוג! — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אַזאַ גוטמוטיקן ליבן שמייכל, אַז מיר האָט זיך מיטאַמאָל געגומען דאַכטן, אַז איך בין זייער גליקלעך.

אַ שבח ווירקט שטאַרק נישט בלויז אויפן געפיל, נאָר אויך אויפן שכל פון מענטש. און אונטער דער אָנגענעמער ווירקונג פונם שבח האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין געוואָרן אַ סך קליגער, און די געדאַנקען זענען מיר אָנגעלאָפן אין קאָפּ איינע נאָך די אַנדערע מיט אַן אומגעוויינלעכער שנעלקייט. פון אייגנליבע זענען מיר אומבאַ־מערקט איבערגעגאַנגען צו ליבע, און אויף דערדאָזיקער טעמע האָט צו אונזער שמועס גאָר קיין סוף נישט גענומען. נישט געקוקט דערויף, וואָס אונזערע רייד וואָלטן דעם זייטיקן צוהערער געקאָנט אויסווייזן ווי פּלוידעריי — אַזוי נישט קלאָר און איינזייטיק זענען זיי געווען — פאַר אונז אָבער האָבן זיי געהאַט אַ גרויסע באַדייטונג. אונזערע געמי־טער זענען געווען אַזוי גוט געשטימט אין איין טאָן, אַז ווען איינעם זאָל אָנגערירט ווערן עפּעס אַ סטרונע, האָט זיך עס געמוזט אָפּרופן

אין צווייטן. מיר האָבן געפונען אַ תענוג אין דעמדאָזיקן האַרמאָ-
נישן קלאַנג פון פאַרשידענע סטרונעס, וואָס מיר האָבן אָנגערירט
בשעתן שמועס. אונז האָט אויסגעוויזן, אַז עס פעלן ווערטער און
צייט, אויסצודריקן איינער דעם צווייטן די אַלע געדאַנקען, וואָס האָבן
זיך געבעטן אַרויס.

בחורשע יאָרן

I.

וואָס האַלט איך פאַר דעם אָנהייב פון די בחורשע יאָרן

איך האָב געזאָגט, אַז די פריינטשאַפט מיינע מיט דמיטריען האָט פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ נייעם בליק אויפן לעבן, אויף זיין ציל און זיינע פאַרהעלטעניש. דער מהות פונם דאָזיקן בליק איז באַשטאַנען אין דער איבערצייגונג, אַז דער תכלית פונם מענטש איז די שטרעבונג צו מאָראַלישער פאַרפולקאָמונג, און אַז דידאָזיקע פאַרפולקאָמונג איז לייכט, מעגלעך און אייביק. אָבער לעת עתה האָב איך געהאַט דעם תענוג בלויז פון אַנטדעקן די נייע געדאַנקען, וועלכע זענען געווען דער פועל־יוצא פון דערדאָזיקער איבערצייגונג, און פון שאַפן גלענצנדע פּלענער פאַר אַ מאָראַלישער טעטיקער צוקונפט. נאָר מיין לעבן איז געפלאָסן אַלץ מיט דעם זעלבן קליינלעכן, פאַרפּלאָנטערטן און פוסטעפּאַסנעם דרך.

יענע גוטע רעיונות, וועגן וועלכע איך האָב געשמועסט מיט מיין פאַרגעטערטן פריינט דמיטרי, דעם וווּנדערלעכן מיטיאַ, ווי איך אַליין פלעג אים פאַר זיך שעפּטשענדיק אַמאָל רופן, האָבן נאָך געהאַט חן בלויז באַ מיין שכל, אָבער נישט באַ מיין געפיל. עס איז אָבער געקומען די צייט, ווען דידאָזיקע רעיונות זענען מיר מיט אַזאַ פרישן כוח פון מאָראַלישער אַנטדעקונג געקומען אין קאָפּ אַריין, אַז איך האָב מיך דערשראָקן, דערמאָנענדיק זיך, וויפיל צייט איך האָב פאַרלוירן אומזיסט, און תיכף ומיד, אין דערדאָזיקער רגע, האָב איך שוין געוואָלט אָנווענדן דידאָזיקע רעיונות אין לעבן, מיט דער פעסטער כוונה, קיינמאָל זיי נישט צו פאַרראַטן.

און פון דערדאָזיקער צייט רעכן איך דעם אָנהייב פון מיין בחורשאַפט.

מיר איז דעמאָלט געווען סוף זעכצנטע יאָר, לערער זענען נאָך אַלץ געגאַנגען צו מיר. St.-Jérôme האָט השגחה געגעבן אויף מיין לערנען, און איך האָב מיך נישט ווילנדיק און אָן חשק געגרייט צו דעם אוניווערזיטעט. חוץ דעם לערנען, זענען מיינע באַשעפטיקונגען באַשטאַנען: אין פאַראיינזאַמטע, אומגעבונדענע טרוימערייען און מחשבות, אין מאַכן גימנאַסטיק, כדי צו ווערן דער גרעסטער גיבור אין דער וועלט, אין אַרומבלאָנקען זיך אָן שום באַשטימטן ציל און געדאַנק איבער אַלע צימערן, דער עיקר איבער דעם קאָרידאָר פון די דינסטמיידלעכס צימער, און אין באַטראַכטן זיך אין שפּיגל, פון וועלכן איך פלעג, אגב, אַלע מאָל אַוועקגיין מיט אַ שווער געפיל פון געפאַלנקייט און אפילו פון עקל. מיין אויסערלעכקייט, האָב איך מיך איבערצייגט, איז געווען נישט נאָר אַ מיאוסע, נאָר איך האָב מיך אפילו נישט געקאָנט טרייסטן מיט דעם, מיט וואָס מען טרייסט זיך אין ענלעכע פאַלן. איך האָב נישט געקאָנט זאָגן, אַז בײַ מיר איז אָן אויסדריקלעך, קלוג, אָדער איידל פּנים. קיין שום אויסדריקלעכקייט נישט געווען, — סאַמע געוויינלעכע, גראָבע און מיאוסע שטריכן; אויגן קליינינקע, גרויע, דערהויפּט דעמאָלט, ווען איך האָב אויף זיך געקוקט אין שפּיגל, זענען זיי געווען גיכער נאַרישע, איידער קלוגע. מענלעכקייט איז נאָך ווייניקער געווען. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געווען נישט פון קליינעם וווקס און זייער פעסט לויט מיינע יאָרן, זענען אַלע שטריכן פון געזיכט געווען ווייכע, פאַרוועלקטע, אומבאַשטימטע. אפילו קיין שום איידלס נישט געווען. אדרבא, מיין געזיכט איז געווען אַזאַ, ווי בײַ אַ פּשוטן פּויער, און פּונקט אַזעלכע גרויסע פיס און הענט; און דאָס האָט מיר דעמאָלט אויסגעוויזן איז אַ גרויסע חרפּה.

II.

פרילינג

אין יענעם יאָר, וואָס איך בין אָנגעקומען אין דעם אוניווערזיטעט, איז די הייליקע וואָך אויסגעפאַלן עפּעס שפּעט אין אַפּריל, אַזוי אַז די עקזאַמענס זענען באַשטימט געוואָרן אויף טאָמאַס-וואָך, און אויף דער פאַר-פּסח-וואָך האָב איך געמוזט אי פאַסטן, אי ענדגילטיק שוין צוגרייטן זיך. נאָך דעם נאַסן שניי, וואָס קאַרל איוואַניטש פלעגט אים אַמאָל אָנרופן „דער זון איז געקומען נאָכן פאָטער”, איז דאָס וועטער שוין אַ טאָג דריי געשטאַנען שטיל, וואַרעם און לויטער. אויף די גאַסן האָט זיך נישט געזעען קיין ברעקל שניי; אַנשטאָט דעם שמוציקן טייג איז געוואָרן אַ נאַסער גלאַנציקער ברוק מיט האַסטיקע שטראָמען. פון די דעכער האָבן שוין אויף דער זון אָפּגעטריפט די לעצטע טראָפּנס. אין גערטל, וואָס פאַרן הויז, האָבן זיך אויף די ביימער אָנגעבלאָזן די קנאָספּן. אויפן הויף איז געווען אַ טרוקענע סטעזשקע, צו דעם פערדשטאַל, פאַרביי דער פאַרפרוירענער קופּע מיסט, און אַרום גאַניק צווישן די שטיינער האָט געגרינט דאָס מאָכיקע גראָז. עס איז געווען יענער באַזונדערער פעריאָד פון פרילינג, וועלכער ווירקט אַמשטאַרקסטן אויף דער נשמה פון דעם מענטש: אַ העלע, אויף אַלץ גלאַנצנדיקע, נאָר נישט קיין הייסע זון, שטראָמען און אָפּגעטאַנגענע ערד, אַ שמעקעדיקע פרישקייט אין דער לופט און אַ צאַרט-בלויער הימל מיט לאַנגע דורכזיכטיקע וואָלקנדלעך. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז אין אַ גרויסער שטאָט איז נאָך פילבאַרער און שטאַרקער אויף דער נשמה די ווירקונג פון דעמדאָזיקן ערשטן פעריאָד פון דעם פרילינגס געבורט — מען זעט ווייניקער, נאָר פאַרגעפילן איז מעהער. איך בין געשטאַנען לעבן פענצטער, אין וועלכן די פרימאָרגנדיקע זון האָט דורך די דובלטן געוואָרפן שטויביקע שטראַלן אויף דער פּאָדלאָגע פון מיין אומדערטרעגלעך מיר דערעכן געוואָרענעם קלאַסן-צימער, און איך האָב

אויף דעם שוואַרצן טאָוול געמאַכט עפּעס אַ לאַנגע אַלגעבראַישע גלייכונג. אין איין האַנט האָב איך געהאַלטן די צעריסענע ווייכע „אַלגעבּרע“ פון פראַנקער, אין דער צווייטער — אַ קליין שטיקל קרייט, מיט וועלכן כ'האָב שוין אויסגעשמירט ביידע הענט, דאָס פּנים און די עלנבויגנס פון דעם האַלבּ-פּרעקל. אין אַ פאַרטוך מיט פאַרקאַשערטע אַרבל, האָט ניקאָלאַי מיט אַ צווענגל אָפּגעריסן דעם קיט און אָפּגעבויגן די טשוועקעס פונם פּענצטער, וואָס האָט זיך אָפּגעעפנט צום סעדל, וואָס פאַרן הויז. זיין אַרבעט און דאָס קלאַפּן, וואָס ער האָט געקלאַפּט, האָבן צעשטרייט מיין אויפמערקזאַמקייט. חוץ דעם בין איך געווען אין אַ שלעכטער אומצופרידענער שטימונג. עפּעס האָט זיך מיר גאָרנישט איינגעגעבן: איך האָב געמאַכט אַ פעלער אין אָנהייב פון די אויסרעכענונגען, אַזוי אַז מען האָט געמוזט אַלץ פון אָנהייב אָן איבערמאַכן, דאָס קרייט איז בּאַ מיר צוויי מאָל אַרויסגעפאַלן פון האַנט, איך האָב געפילט, אַז די הענט און דאָס געזיכט זענען בּאַ מיר פאַרשמירט, די שוואָם איז ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן. די קלעפּ, וואָס ניקאָלאַי האָט געגעבן, האָבן מיר ווייטיקדיק צעטרייסלט די נערוון. מיר האָט זיך געוואָלט אין כּעס ווערן און אַ ביסל בורטשען. איך האָב אַוועקגעוואָרפן דאָס קרייט, די אַלגעבּרע און אָנגעהויבן אַרומגיין איבערן צימער. נאָר איך האָב מיך דערמאַנט, אַז היינט איז פאַר-פּסח-וואָך, היינט דאַרפן מיר זיך מתוודה זיין, און מען דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון אַלדאָס שלעכטס. און פּלוצלינג בין איך צריינגעפאַלן אין עפּעס אַ בּאַזונדערן, אַ שטילן געמיט-צושטאַנד און בין צוגעגאַנגען צו ניקאָלאַיען.

— זיי אַזוי גוט, איך וועל דיר העלפן, ניקאָלאַי, — האָב איך געזאָגט, בּאַמיענדיק זיך צו געבן מיין קול דעם סאַמע רויקן אויסדרוק. און דער געדאַנק, אַז איך טו גוט, דערשטיקנדיק אין זיך דעם פאַרדראָס און העלפנדיק אים, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט אין מיר די שטילע שטימונג פון דער נשמה.

דער קיט איז אָפּגעקלאַפּט, די טשוועקעס אָפּגעבויגן; אָבער נישט געקוקט דערויף, וואָס ניקאָלאַי האָט מיט אַלע כּוחות געצויגן די ראַם, האָט זיך דער דובּלט נישט גערירט פון אָרט.

„אויב די ראַם וועט איצט פּאַראַמאָל אַרויס, ווען איך וועל זי אַ ציי טון צוזאַמען מיט אים, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — הייסט עס, אַז ס'איז אַן עבירה, און מען דאַרף היינט מער נישט אַרבעטן“. די ראַם האָט זיך אַ קער געטון אָן אַ זייט און איז אַרויס.

— וווהין אַוועקטראָגן זי? — האָב איך געזאָגט.

— דערלויבט מיר. איך וועל מיר שוין אַליין אַן עצה געבן, — האָט געענטפערט ניקאָלאַי, באַשיינפּערלעך אַ פאַרוווּנדערטער און, דאַכט זיך, אַן אומצופרידענער מיט מיין פלייס: — מען טאָר נישט צעפּלאָנטערן, וואָרים דאָרט אין קעמערל שטייען זיי בּאַ מיר לויט נומערן.

— איך וועל זי געדענקען, — האָב איך געזאָגט, אויפהייבנדיק די ראַם.

מיר דאַכט זיך, אַז ווען דאָס קעמערל וואָלט געווען פאַר אַ וויאָרסט צוויי די ווייט, און די ראַם וואָלט געוועגט צוויי מאָל אַזוי פיל, וואָלט איך געווען זייער צופרידן. מיר האָט זיך געוואָלט אָנמאַטערן, טוענדיק די דאָזיקע געפעליקייט ניקאָלאַיען. ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט אין צימער, זענען שוין די ציגעלעך און די זאַלץ-פּיראַמידלעך געווען אַריבערגעלייגט אויף די פענצטער-שוועלן, און ניקאָלאַי האָט מיט אַ ווישפעדערל אַראָפּגעקערט דאָס זאַמד מיט די טויטע פליגן דורכן אָפענעם פענצטער. די פרישע שמעקעדיקע לופט איז שוין אַריינגעדרונגען אין צימער און האָט עס אָנגעפילט. פונם פענצטער האָט זיך געהערט דער שטאָטיקער גערויש און דאָס פּישטשען פון די שפּערלען אין גערטל וואָס צו דער גאַס.

אַלע זאַכן זענען געווען העל באַלויכטן, דאָס צימער איז פריילעכער געוואָרן. אַ לייכט פרילינגס-ווינטעלע האָט געלאָזט רירן זיך די בלעטער פון מיין אַלגעברע און די האָר אויף ניקאָלאַיס קאָפּ. איך בין צו צום פענצטער, האָב מיך געזעצט דערויף, אַריינגעבויגן זיך אין סעדל און זיך פאַרטראַכט.

עפּעס אַ נייַ פאַר מיר, אַן אויסערגעוויינלעך שטאַרק און אָנגענעם געפיל איז מיר פּלוצלינג אַריינגעדרונגען אין דער נשמה. די פייכטע ערד, איבער וועלכער עס האָבן וווּ-נישט-וווּ אַרויסגעשפּראָצט די העלגרינע נאָדלען פון גראָז, מיט געלע שטענגעלעך, די אויף דער זון גלאַנצנדיקע שטראָמען, איבער וועלכע עס האָבן זיך געדרייט שטיקלעך ערד און שפּענדלעך, די צערויטלטע רימער פונם בעז מיט די אָנגעשוואָלענע קנאָספּן, וואָס האָבן זיך געשאָקלט סאַמע אונטערן פענצטער, דאָס פאַרשמייעטע פּישטשען פון די פייגעלעך, וועלכע האָבן זיך געפּאָרעט אין דעמדאָזיקן קוסט, דער שוואַרצלעכער, פייכטער פון דעם שניי, וואָס צעגייט אויף אים, פּאַרקאַן, און דער עיקר — די דאָזיקע שמעקעדיקע, רויע לופט און די פריידיקע זון — האָבן צו מיר גערעדט אויסדריקלעך,

קלאָר וועגן עפּעס נייעס און שיינס, וואָס, הגם איך קאָן נישט איבערגעבן אַזוי, ווי דאָס איז מיר געזאָגט געוואָרן, נאָר איך וועל מיך באַמיען איבערצוגעבן אַזוי, ווי איך האָב עס אויפגענומען — אַלץ האָט צו מיר גערעדט וועגן שיינקייט, גליק און מאָראַלישקייט; גערעדט, אַז סיי דאָס, סיי יענץ איז לייכט און מעגלעך פאַר מיר, אַז איינס איז נישט מעגלעך אָן דעם צווייטן, און אפילו אַז שיינקייט, גליק און מאָראַלישקייט זענען אַלץ איין זאַך. „ווי האָב איך דאָס געקאָנט נישט פאַרשטיין, ווי שלעכט איך בין געווען פריער, ווי וואָלט איך געקאָנט און קאָן זיין גוט און גליקלעך אין דער קומענדיקייט! — האָב איך אַליין צו זיך גערעדט; — מען דאַרף גיכער, גיכער, תּיכּף ומיד ווערן אַן אַנדערער מענטש און אָנהייבן צו לעבן אַנדערש". נישט געקוקט דערויף, בין איך פונדעסטוועגן לאַנג נאָך געזעסן אויפן פענצטער, געטרוימט און גאָרנישט נישט געטון. ס'איז אייך ווען אויסגעקומען זומער לייגן זיך באַטאָג שלאָפן אין אַ טריב רעגנדיק וועטער, און, דערוואַכט באַ זונאונטערגאַנג, עפענען די אויגן און דורך דעם זיך פאַרברייטערנדיקן פירווינקל פונם פענצטער, פון אונטער דעם לייוונטענעם שטאָר, וואָס קלאַפּט אַן אָנגעבלאָזענער מיט דער דראָט אָן דער פענצטער־שוועל, דערזעען די נאַסע פון רעגן, שאָטנדיקע, לילבלעכע זייט פון אַ ליפּאָווער אַלעע און די פייכטע סאָד־סטעזשקע, וועלכע איז באַלויכטן מיט העלע אלכסונדיקע שטראַלן, דערהערן פלוצלינג דאָס פריילעכע לעבן פון די פייגל אין גאָרטן און דערזעען די אינזעקטן, וועלכע דרייען זיך אין דער פענצטער־עפענונג, דורכלייכטנדיק אויף דער זון און פילן דעם ריח פון דער נאָכרעגנדיקער לופט און אַ טראַכט טון: „ווי האָב איך מיך נישט געשעמט צו פאַרשלאָפן אַזאַ אָוונט", און אויפדערגיך אויפהייבן זיך, כּדי אַרויסצוגיין אין סאָד אַנפרייען זיך מיטן לעבן? אויב עס האָט געטראָפן, איז אָט האָט איר אַ מוסטער פון יענעם שטאַרקן געפיל, וואָס איך האָב געפירט אין דער צייט.

III.

טרוימערייען

„היינט וועל איך מיך מתוודה זיין, אָפּרייניקן פון אַלע עבֿרות, — האָב איך געטראַכט — און מער וועל איך שוין קיינמאָל נישט...“ (דערביי האָב איך מיך דערמאַנט אַלע זינד, וועלכע האָבן מיך אָממערסטן געפּייניקט.) „איך וועל יעדן זונטיק אַנדערש נישט ווי גיין אין קלויסטער און נאָכדעם נאָך אַ גאַנצע שעה לייענען די עוואַנגעליע. נאָכדעם וועל איך פון דעם ווייסינקן*), וואָס איך וועל באַקומען יעדן חודש, בעת איך וועל אָנקומען אין דעם אוניווערזיטעט, אַנדערש נישט ווי צוויי מיט אַ האַלבן רובל (איין צענטל) אָפּגעבן אָרימע לייט, און אויף אַזאַ אופן, אַז קיינער זאָל נישט וויסן; און אפילו נישט אָרימע לייט, נאָר איך וועל אָפּזוכן אַזעלכע אָרימע מענטשן, אַ יתום, אָדער אַ זקנה, וואָס קיינער ווייסט פון זיי נישט.

איך וועל האָבן אַ באַזונדער צימער (מסתמא St.-Jerôme'ס), און איך וועל עס אַליין צוקלייבן און האַלטן וווּנדערלעך ריין, קיין מענטשן אָבער וועל איך גאָרנישט נישט לאָזן טון פאַר מיר. ער איז דאָך פּונקט אַזאַ ווי איך. נאָכדעם וועל איך אַלע טאָג אין אוניווערזיטעט גיין צופוס (און אויב מען וועט מיר געבן אַ דראָזשקע, וועל איך זי פאַרקויפן, און דאָס געלט וועל איך אָפּלייגן אויך פאַר אָרימע) און איך וועל פּינקטלעך אויספירן אַלץ. (וואָס איז אַזוינס געווען ס'דאָזיקע „אַלץ“, וואָלט איך בשום אופן נישט געקאָנט זאָגן, אָבער איך האָב קלאָר פאַרשטאַנען און געפילט ס'דאָזיקע „אַלץ“ פון פאַרשטענדיקן, מאָראַלישן ערלעכן לעבן). איך וועל צונויפשטעלן קאָלעקציעס און אפילו פאָרויס דורכגיין די לימודים, אַזוי אַז אויפן ערשטן קורס וועל איך זיין דער ערשטער און וועל אָנשרייבן אַ דיסערטאַציע; אויף דעם צווייטן קורס וועל איך

---

*) אַ פינפאונצוואַנציקער. (איבער.)

שוין אַלץ פאַרויס וויסן, און מען קאָן מיך איבערפירן גלייך אויפן דריטן קורס, אַזוי אַז צו אַכטצען יאָר וועל איך ענדיקן דעם קורס אַלס ערשטער קאַנדידאַט מיט צוויי גאָלדענע מעדאַלן, נאָכדעם וועל איך האַלטן אויף מאַגיסטער, אויף דאָקטאָר און וועל ווערן דער גרעסטער געלערנטער אין רוסלאַנד... אפילו אין אייראָפּע וועל איך זיין דער ערשטער געלערנטער". נו, און נאָכדעם? — האָב איך זיך אַליין געפרעגט, — נאָר דאָ האָב איך מיך דערמאַנט, אַז דיזאָזיקע טרוימערייען זענען — גאווה, זינד, וועגן וועלכע היינט שוין אינאָוונט וועט מען דאַרפן דערציילן דעם גלח, און איך האָב מיך אומגעקערט צו דעם אָנהייב פון די געדאַנקען... גרייטן זיך צו די לעקציעס וועל איך גיין אויף די וואָראָביאָווע בערג, איך וועל מיר דאָרט אויסקלייבן אַן ערטעלע אונטער אַ בוים און וועל לערנען די לעקציעס; אַמאָל וועל איך מיט זיך עפּעס נעמען צוצובייסן: קעז, אָדער אַ טשאַסטע פון פּעדאָטיס בעקעריי אָדער עפּעס אַנדערש. איך וועל אָפּרוען און נאָכדעם וועל איך אָנהייבן לייענען עפּעס אַ גוט בוך, אָדער איך וועל מאָלן פּייזאַזשן, אָדער שפּילן אויף עפּעס אַן אינסטרומענט (איך וועל אַנדערש נישט ווי אויסלערנען זיך שפּילן אויף אַ פלייט). נאָכדעם וועט זי אויך גיין שפּאַצירן אויף די וואָראָביאָווע בערג, און ווען עס איז וועט זי צוגיין צו מיר און פרעגן: ווער בין איך אַזוינער? איך וועל אויף איר אַ בליק טון אַזוי טרויעריק און זאָגן, אַז אַ זון פון איינעם אַ גלח, און אַז איך בין גליקלעך נאָר דאָ, ווען איך בין אַליין, אינגאַנצן איינינקער אַליין. זי וועט מיר דערלאַנגען די האַנט, עפּעס זאָגן און זעצן זיך לעבן מיר. אַזוי וועלן מיר יעדן טאָג קומען אַהער, מיר וועלן זיין פריינט, און איך וועל זי קושן... ניין, דאָס איז נישט גוט. אדרבא, פון היינטיקן טאָג אָן וועל איך שוין מער נישט קוקן אויף פרויען. קיינמאָל, קיינמאָל וועל איך שוין נישט גיין אין דעם צימער פון די דינסט־מיידלעך. און איך וועל מיך באַמיען אפילו נישט דורכצוגיין פאַרביי; און אין דריי יאָר אַרום ווער איך פריי פון דער אפּיטרופּסות איבער מיר, און איך וועל אַנדערש נישט ווי חתונה האָבן. — איך וועל בכיוון מאַכן וואָס מער באַוועגונגען, אַלע טאָג גימנאַסטיק, אַזוי אַז ווען מיר וועט ווערן פינפאונצוואַנציק יאָר, וועל איך זיין שטאַרקער פאַר ראַפּאַ. דעם ערשטן טאָג וועל איך האַלטן צו האַלבן פוד אין „אַן אויסגעצויגענער האַנט" פינף מינוט. אויף מאָרגן איינאונצוואַנציק פונט, דעם דריטן טאָג צווייאונצוואַנציק פונט און אַזוי ווייטער, אַזוי אַז לסוף צו פיר פוד אין יעדער האַנט, און אַזוי אַז איך וועל זיין שטאַרקער פאַר אַלעמען

פון די הויף־באַדינגער. און אַז עמעצן וועט פלוצלינג קומען אויפן זינען מיך צו באַליידיקן, אָדער ער וועט רעדן אָן אַכטונג וועגן אי ר, וועל איך אים נעמען אַזוי פשוט פאַר די לאַצן, אויפהייבן אויף אַן אַרשין צוויי פון דער ערד מיט איין האַנט, און נאָר האַלטן אַזוי אַ ביסל, ער זאָל פילן מיין כוח, און צוריק אַוועקשטעלן. איבעריקנס איז אָבער דאָס אויך נישט גוט; — ניין, גאָרנישט. איך וועל דאַך אים קיין שלעכטס נישט טון, איך וועל נאָר דערווייזן, אַז איך...“

זאָל מיר נישט אויסגערעדט זיין, וואָס די טרוימען פון מיין בחור־שאַפט זענען פונקט אַזוי קינדיש, ווי די טרוימען פון דער קינדשאַפט און פון דער יינגלשאַפט. איך בין איבערצייגט, אַז אויב מיר איז באַשערט צו לעבן ביזן טיפן עלטער, און מיין דערציילונג וועט דעריאָגן מיינע יאָרן, וועל איך אַלס פינפאונזיבעציקער זקן אויך פונקט אַזוי אוממעגלעך־קינדיש טרוימען, ווי איצט. איך וועל טרוימען וועגן עפעס אַ פראַכט־פולער מאַריע, וועלכע וועט ליב קריגן מיך, דעם זקן אָן ציינער, ווי זי האָט ליב געקריגן מאַזעפען, וועגן דעם ווי מיין גייסטיק־שוואַכער זון וועט דורך אַן אומגעווינלעכן צופאַל פלוצלינג ווערן מיניסטער, אָדער וועגן דעם, ווי באַ מיר וועט פלוצלינג ווערן אַ תהום מיט מיליאָנען געלט. איך בין איבערצייגט, אַז עס איז נישטאָ קיין מענטשלעך וועזן און עלטער, וואָס זאָלן נישט באַזיצן דידאָזיקע ווילטועוודיקע, טרייסטנדיקע פעיקייט צו טרוימערייען. אָבער, אויסגעשלאָסן דעם אַלגעמיינעם שטריך פון דער אוממעגלעכקייט — פון דער צויבערלעכקייט פון די טרוימערייען, האָבן די טרוימערייען פון יעדן מענטש און פון יעדן עלטער זייער באַזונדערן כאַראַקטער. אין יענעם פעריאָד, וועלכן איך האַלט פאַר דעם סוף פון יינגלשאַפט און פאַר דעם אָנהייב פון בחורשאַפט, איז דער יסוד פון מיינע טרוימערייען באַשטאַנען פון פיר געפילן: ליבע צו אי ר, צו דער אויסגעטראַכטער פרוי, וועגן וועלכער איך האָב געטרוימט אַלע מאָל אין איינעם און דעמזעלביקן זינען, און וועלכע איך האָב יעדע רגע געוואַרט ערגעץ־וווּ צו באַגעגענען. דידאָזיקע זי איז געווען אַ ביסל סאָניעלע, אַ ביסל מאַשע, וואַסיליס ווייב, דעמאָלט, ווען זי וואַשט וועש אין מולטער, און אַ ביסל די פרוי מיט פערל אויף דעם ווייסן האַלז, וועלכע איך האָב געזען אין טעאַטער, אין אַ לאָזשע לעבן אונז. דאָס צווייטע געפיל איז געווען די ליבע צו ליבע. מיר האָט זיך געוואָלט, אַז אַלע זאָלן מיך קענען און ליב האָבן. מיר האָט זיך געוואָלט זאָגן מיין נאָמען: ניקאָלאַי אירטעניעוו, און אַלע זאָלן ווערן איבערראַשט פון דעראָזיקער ידיעה,

זאָלן מיך אַרומרינגלען און דאַנקען פאַר עפּעס. דאָס דריטע געפיל איז געווען — די האָפנונג אויף אומגעווינלעך, גאוהדיק גליק, — אַזאַ שטאַרקע און אַ פעסטע, אַז זי איז נאָענט געווען צו משוגעת. איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז זייער גיך וועל איך דורך עפּעס אַן אומגעווינלעכן צופאַל פלוצלינג ווערן דער סאַמע רייכער און דער סאַמע באַרימטער מענטש אויף דער וועלט, — אַז איך האָב מיך כסדר געפונען אין אומרויקן וואַרטן אויף עפּעס צויבערלעך-גליקלעכס. איך האָב אַלץ געוואַרט, אַז אָט וועט זיך אָנהייבן, און איך וועל דערגרייכן אַלץ, וואָס עס קאָן ווינטשן אַ מענטש, און איך האָב מיך אַלעמאָל אומעטום געאיילט, מיינענדיק, אַז עס הייבט זיך שוין אָן דאָרט, ווו איך בין נישטאָ. דאָס פערטע און דאָס עיקרשטע געפיל איז געווען דאָס עקלגעפיל צו זיך אַליין און חרטה, נאָר חרטה, אין אַזאַ מאָס צוזאַמענגעגאָסן מיט דער האָפנונג אויף גליק, אַז אין איר איז קיין טרויעריקס נישט געווען. מיר האָט אויסגעוויזן אַזוי לייכט און נאַטירלעך אָפּצורייסן זיך פון אַלץ, וואָס איז פאַרביי, איבערמאַכן, פאַרגעסן אַלץ, וואָס עס איז געווען, און אָנהייבן מיין לעבן מיט אַלע זיינע פאַרהעלטענישן לחלוטין פון ס'נייי, אַז דער עבר האָט מיך נישט באַלעסטיקט, נישט געבונדן. איך האָב אפילו תענוג געפונען אין דעם עקל צו דעם עבר און האָב מיך געמיט צו זעען אים פינצטערער, איידער ער איז געווען. וואָס פינצטערער עס איז געווען דער קרייז פון די זכרונות וועגן עבר, אַלץ ריינער און ליכטיקער האָט זיך פון אים אויסגעטיילט דאָס ליכטיקע ריינע פינטל פון דעם הווה און האָבן זיך אַנטוויקלט די רעגנבויגנדיקע קאָלירן פון דעם עתיד. אָט-אָ די שטים פון חרטה און פון ליידנשאַפטלעכע געלוסטן צו פולקאָמקייט איז עס געווען די עיקרשטע נייע גייסטיקע שפּירונג אין דעראָזיקער עפּאָכע פון מיין אַנטוויקלונג, און זי האָט עס געלייגט די נייע יסודות פאַר מיין בליק אויף זיך, אויף מענטשן און אויף גאָטס וועלט. גוטע, טרייסטנדיקע שטים, וואָס פלעגט זינט דעמאָלט, אין די טרויעריקע צייטן, ווען די נשמה האָט זיך שווייגנדיק אונטערגעוואָרפן דער מאַכט פון לעבנס-ליגנט און פון צעלאָזנקייט, פלוצלינג דרייסט אויפשטיין אַקעגן יעדן נישט-אמת, ביין דערוויזן די שולדיקייט פון דער פאַרגאַנגענהייט, אָנווייזן, בייטנדיק ליב צו קריגן אים, דעם העלן פונקט פון דער איצטיקייט, און צוזאָגן גוטס און גליק אין דער קומענדיקייט, — גוטע, טרייסטנדיקע שטים! צי דען ווערסטו ווען נישט איז אויפהערן צו קלינגען?

IV.

אונזער משפחה־קרייז

דער פאָטער פלעגט דעמדאָזיקן פרילינג זעלטן זיין אינדערהיים. דערפאַר אָבער, ווען דאָס פלעגט טרעפן, איז ער געווען אויסערגעוויינלעך פריילעך, האָט געקלימפּערט אויף דער פאָרטעפּיאַנאָ זיינע געליבטע זאַכן, געמאַכט זיסינקע אייגלעך און אויסגעטראַכט וועגן אונז אַלעמען און וועגן מימין קאַטאָוועסלעך אַ שטייגער ווי דאָס, אַז דער גרוזינישער בן־מלך האָט דערזעען וועמען אויפן שפּאַציר און זיך אַזוי פאַרליבט, אַז ער האָט דערלאַנגט אין סינאָד אַ בקשה וועגן אַ גט, אַז מיך באַשטימט מען פאַר אַ געהילף צו דעם ווינער אַמבאַסאַדאָר, — און מיט אַן ערנסטער מינע פלעגט ער אונז מעלדן דידאָזיקע בייעסן; ער האָט קאַטיעלען געשראָקן מיט שפּיגען, פאַר וועלכע זי האָט מורא געהאַט. ער איז געווען זייער פריינטלעך מיט אונזערע פריינט דובקאָוו און נעכליודאָוו, און האָט כּסדר פאַר אונז און פאַר די געסט דערציילט וועגן זיינע פּלענער אויפן קומענדיקן יאָר. נישט געקוקט דערויף, וואָס דידאָזיקע פּלענער פלעגן זיך כּמעט יעדן טאָג ענדערן און זיי האָבן סותר געווען איינער דעם צווייטן, זענען זיי דאָך געווען אַזעלכע פאַרכאַפּנדיקע, אַז מיר פלעגן זיך נישט קאָנען גענוג אָנהערן זיי, און ליובעלע פלעגט, נישט אַ פּינטל טוענדיק מיטן אויג, קוקן דעם פאָטער גלייך אין מויל אַריין, כּדי נישט דורכצולאָזן קיין איין וואָרט זיינס. אַמאָל איז דער פּלאַן באַשטאַנען אין דעם, מען זאָל אונז איבערלאָזן אין מאָסקווע אין דעם אוניווערזיטעט, און ער אַליין מיט ליובעלען זאָלן אַוועקפאָרן אויף צוויי יאָר קיין איטאַליע; אַמאָל — אין דעם, מען זאָל קויפן אַ גוט אין קרים, אויף דעם דרום־ברעג, און פאָרן אַהין יעדן זומער; אַמאָל אין דעם, מען זאָל אַריבערפאָרן קיין פּעטערבורג מיט דער משפּחה, און דאָס גלייכן. נאָר חוץ דער באַזונדערער פריילעכקייט, איז אין דעם פאָטער פאָרגעקומען פאַר דער לעצטער צייט נאָך אַן ענדערונג, וועלכע האָט מיך זייער געוווּנדערט. ער האָט זיך אויפגעניית מאָדישע קליידער, אַ העל ברוינעם

פראַק, מאָדישע הויזן מיט רימענע פּאַסיקלעך און אַ לאַנגע בעקעשע, וועלכע האָט אים זייער געקליידט, און אָפט האָט פון אים פיין געשמעקט מיט פּערפום, ווען ער פלעגט פאָרן צו גאַסט, דערהויפּט צו איין דאַמע, וועגן וועלכער מימי האָט אַנדערש נישט גערעדט ווי מיט אַ זיפץ און מיט אַזאַ פּנים, אויף וועלכן עס האָט זיך קלאָר געלאָזט לייענען: „אָרימע יתומים! אומגליקלעכע ליידנשאַפט! גוט, וואָס זי איז שוין נישטאָ" און אַז. וו. איך האָב מיך דערוווסט פון ניקאָלאַיען, מחמת דער פּאַפּאַ האָט גאָרנישט נישט דערציילט וועגן זיינע קאָרטן-ענינים, — אַז דעם ווינטער איז אים באַזונדערס געגאַנגען אין קאָרטן. ער האָט געוווּנען עפּעס זייער אַ גרויסע סומע, אַריינגעלייגט דאָס געלט אין לאָמבאַרד, און אין פרילינג האָט ער שוין מער נישט געוואָלט שפּילן. מסתמא דערפאַר, מורא האָבנדיק, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען איינהאַלטן, — האָט זיך אים אַזוי געוואָלט וואָס גיכער אַרויספאָרן אין דאָרף. ער האָט אפילו באַשלאָסן נישט צו וואַרטן, ביז איך וועל אָנקומען אין דעם אוניווערזיטעט, און תיכף נאָך פּאַסכע פאָרן מיט די מיידלעך קיין פּעטראָווסקאָיע, ווהין איך מיט וואָלאָדיען האָבן געזאָלט קומען נאָכדעם.

וואָלאָדיע איז דעם גאַנצן ווינטער און ביז סאַמע פרילינג נישט אָפּגעטרעטן פון דובקאָוון (מיט דמיטרין אָבער האָט ער אָנגעהויבן קאַלט פונאַנדערצוגיין זיך). דאָס עיקרשטע פאַרגעניגן זייערס, אויף וויפיל איך האָב געקאָנט דרינגען פון די שמועסן, וועלכע איך האָב געהערט, איז שטענדיק באַשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבן אָן אויפהער געטרונקען שאַמפּאַניער, זענען געפאָרן אויף שליטנס הינטער די פענצטער פון אַ פריילין, אין וועלכער זיי זיינען, ווי ס'שיינט, ביידע צוזאַמען געווען פאַרליבט, און האָבן געטאַנצט וויז-אַ-ווי שוין נישט אויף קינדערישע, נאָר אויף אמתע בעלער. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך און וואָלאָדיע האָבן מיר זיך איינער דעם אַנדערן ליב געהאַט, האָט דערדאָזיקער לעצטער אומשטאַנד אונז פיל אָפּגעזונדערט איינעם פון דעם צווייטן. מיר האָבן געפילט דעם צו גרויסן אונטערשיד, — צווישן אַ ייִנגל, צו וועלכן עס גייען נאָך לערערס, און אַ מענטש, וועלכער טאַנצט אויף גרויסע בעלער, — אַז מיר זאָלן זיך באַשליסן איינער דעם אַנדערן מיטצוטיילן די געדאַנקען. קאַטיעלע איז שוין געווען גאָר אַ גרויסע, האָט געלייענט זייער פיל ראָמאַנען, און דער געדאַנק, אַז זי קאָן באַלד חתונה האָבן, האָט מיר שוין נישט אויסגעוויזן ווי קיין קאַטאָוועס; נאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס וואָלאָדיע איז אויך געווען אַ גרויסער, האָבן זיי צווישן זיך נישט

געשטימט, און דאַכט זיך, זיי האָבן זיך אפילו קעגנזייטיק איינע די אַנדערע פאַראַכט. בכלל, ווען קאַטיע איז געווען אַליין אין שטוב האָט זי אויסער די ראָמאַנען גאָרנישט נישט אינטערעסירט, און זי האָט זיך גרעסטנטייל געלאַנגווייליקט; אָבער ווען עס זענען געווען זייטיקע מאַנסבילן, פלעגט זי ווערן זייער לעבעדיק און ליבלעך און האָט געמאַכט מיט די אויגן דאָס, וואָס איך האָב שוין בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס האָט זי דערמיט געוואָלט אויסדריקן. נאָכדעם ערשט, דערהערט פון איר אין אַ שמועס, אַז די איינציקע כּאַר אַ מיידל דערלויבטע קאָקעטירונג — דאָס איז די קאָקעטירונג מיט די אויגן, האָב איך זיך געקאָנט דערקלערן דידאָזיקע משונהדיקע אומנאַטירלעכע העוויות מיט די אויגן, וועלכע האָבן אַנדערע, דאַכט מיר, גאָרנישט פאַרוווּנדערט. ליובעלע האָט שוין אויך אָנגעהויבן טראָגן כמעט לאַנגע קליידער. אַזוי אַז אירע גענזענע פיס האָבן זיך כמעט נישט געזעען, נאָר זי איז געווען אַלץ אַזאַ קלאָגמוטער ווי פריער. איצט האָט זי שוין געטרוימט חתונה צו האָבן נישט מיט קיין הוזאַר, נאָר מיט אַ זינגער, אָדער מיט אַ מוזיקאַנט, און צוליב דעם האָט זי זיך זייער פלייסיק פאַרנומען מיט מוזיק. St.-Jerôme, וועלכער האָט, ווייסנדיק, אַז ער בלייבט באַ אונדז אין הויז בלויז ביזן סוף פון מיין עקזאַמען, זיך געפונען אַ שטעלע באַ עפעס אַ גראַף, האָט פון דאַן אָן מיט פאַראַכטונג געקוקט אויף אונדזערע היימיקע. ער איז זעלטן געווען אינדערהיים, האָט אָנגעהויבן רייכערן פּאַפּיראָסן, מיט וואָס מען האָט זיך דעמאָלט שטאַרק אויסגעפּיינט, און האָט כּסדר איבער אַ טאָוועלע אויסגעפייפט עפעס פריילעכע מאָטיוון. מימי איז וואָס אַ טאָג געוואָרן אַלץ מער געערגערט, און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז זינט מיר זענען אויסגעוואַקסן גרויסע, האָט זי מער פון קיינעם און פון גאָרנישט קיין גוטס נישט דערוואַרט.

ווען איך בין געקומען מיטאָג עסן, האָב איך אין עסצימער דערווישט מער נישט ווי מימין, קאַטיעלען, ליובעלען און St.-Jerôme. דער פּאַפּאַ איז נישט געווען אינדערהיים, און וואָלאָדיע האָט זיך געגרייט צום עקזאַמען מיט חברים אין זיין צימער און האָט געפאָדערט דאָס מיטאָג צו זיך. בכלל האָט גרעסטנטייל פאַר דער לעצטער צייט דאָס ערשטע אָרט באַם טיש פאַרנומען מימי, וואָס קיינער פון אונדז האָט זי נישט געאַכט, און דאָס מיטאָג האָט פיל פאַרלוירן פון זיין פּרעכט. דאָס מיטאָג איז שוין נישט געווען, ווי פאַר דער maman, אָדער פאַר דער באָבעשי, עפעס אַ מין ריטואַל, וואָס האָט אין אַ געוויסע שעה פאַראייניקט די

גאַנצע משפּחה און געטיילט דעם טאָג אויף צוויי העלפטן. מיר האָבן זיך דערלויבט צו פאַרשפּעטיקן, זענען געקומען צום צווייטן געריכט, געטרונקען וויין אין גלעזער (וואָס אַ וועג דערצו האָט באַוויזן St.-Jerôme אַליין), אויסגעצויגן זיך אויף דער שטול, אויפגעהויבן זיך נישט ענדיקנדיק דאָס מיטאָג און ענלעכע דערצו פרייהייטן. זינט דעמאָלט האָט דאָס מיטאָג אויפגעהערט צו זיין ווי פריער אַ טעגלעכע פריידיקע משפּחה־פייערלעכקייט. קיין גלייכן נישט צו דעם, וואָס אין פּאָקראָווסקאָיע, ווען צוויי דעם זייגער זיצן אַלע איינגעוואַשענע און אָנגעטועטע צו מיטאָג אין זאַל און, פריילעך שמועסנדיק, וואַרט מען אויף דער אָפּגערעדטער שעה; פּונקט אין דער צייט ווען אין דעם אָפּיציאַנטן־צימער הייבט דער זייגער אָן צו כריפּען, כדי אויסצושלאָגן צוויי, קומט אַריין מיט אַ טיש־טוכל אויף דער האַנט, מיט אַ חשוב און אַ ביסל אַ שטרענג פּנים, פאָקאַ; „דאָס עסן איז גרייט!“ רופט ער אויס מיט אַ הויך אויסגעצויגן קול. און אַלע, מיט פריילעכע צופרידענע פּנימער, די עלטערע — פאָרויס, די יינגערע פון הינטן, רוישנדיק מיט די אָנגעקראָכמלטע קליידלעך און סקריפּענדיק מיט די שטיוול און מיט שיך, גייען אין עסצימער; און נישט הויך שמועסנדיק, זעצט מען זיך אויס אויף באַשטימטע ערטער. אָדער צי איז דאָס זעלבע, וואָס אין מאָסקווע, ווען אַלע פלעגן, שטיל שמועסנדיק, שטיין פאַרן געדעקטן טיש אין זאַל, וואַרטנדיק אויף דער באָבעשי, צו וועלכער גאַווריל‍אַ איז געגאַנגען מעלדן, אַז דאָס עסן איז אויפן טיש — און פּלוצלינג עפנט זיך די טיר, עס הערט זיך אַ שורשען פון אַ קלייד און אַ שמאָרען פון פיס און די באָבעשי אין טשיפּיק מיט עפּעס אַן אומגעווייגלעכן לילן שלייף, שווימט פון איר צימער אַרויס מיט אַ זייט, שמייכלענדיק, אָדער קרום קוקנדיק (אָפּהענגיק פון דעם געזונט־צושטאַנד). גאַווריל‍אַ פליט צו איר פאָטעל, די שטולן קלאַפּן, און פילנדיק, ווי איבערן רוקן לויפט דורך עפּעס אַ קעלט — אַן אָנזאָג פון אַפּעטיט, נעמסטו זיך פאַר דעם פייכטן געקראָכמלטן טיש־טוכל, עסט אויף אַ שטיקל טרוקן ברויט און מיט אומגעדולדיקער און פריידיקער זשעדנעקייט, רייבנדיק די הענט אונטערן טיש, קוקסט אויף די דעמפּיקע טעלערס זופּ, וואָס דער לאָקיי דערלאַנגט לויטן שטאַנד, לויט די יאָרן און דער באָבעשעס אויפמערקזאַמקייט.

איצט האָב איך שוין נישט געשפּירט קיין פרייד, קיין אויפרעגונג, קומענדיק צום מיטאָג.

דאָס פּלוידערן פון מימי, פון St.-Jerôme און די מיידלעך וועגן

דעם, סארא שרעקלעכע שטיוול עס טראגט דער רוסישער לערער, ווי בא די יונגע פירשטינס קארנאקאוו זענען די קליידער מיט קרייזן און א. ו., — זייער פלוידערן, וואס פלעגט בא מיר פריער ארויסרופן אויפריכטיקע פאראכטונג, וועלכע איך האב, דער עיקר בנוגע צו ליובעלען און קאטיעלען, מיך נישט באמיט צו פארבארגן, האט מיך נישט ארויסגעפירט פון מיין נייעם פרומען הומאר. איך בין געווען אומגעווייגלעך גינציק צו אלעמען; שמייכלענדיק האב איך זיי אויסגעהערט באזונדער פריינטלעך, האב מיט דרך ארץ געבעטן דערלאנגען מיר דעם קוואס, און האב מסכים געווען מיט St.-Jerôme, וועלכער האט מיר פארריכט אין א פראזע, וואס איך האב געזאגט בא מיטאג, אז עס איז שענער צו זאגן je puis איידער je peux. כ'מוז מיך פונדעסטוועגן מודה זיין, אז עס איז מיר געווען א ביסל אומאנגענעם דאס, וואס קיינער האט נישט אכטונג געגעבן אויף מיין שטילקייט און גוטסקייט. ליובעלע האט מיר נאכמיטאג באוויזן א פאפירל. אויף וועלכן זי האט פארשריבן אלע אירע עברות; איך האב געפונען, אז דאס איז זייער גוט, נאר נאך בעסער איז אין דער אייגענער נשמה צו פארשרייבן אלע עברות, און אז „דאס איז אלץ נישט דאס“.

— פארוואס-זשע נישט דאס? — האט ליובעלע געפרעגט.

— מילא, דאס איז אויך גוט; דו וועסט מיך נישט פארשטיין — און איך בין אוועק צו זיך אויבן, זאגנדיק St.-Jerôme-ן, אז איך גיי לערנען, נאר אייגנטלעך, כדי פאר דער ווידוי, ביז וועלכער עס איז פארבליבן נאך א שעה אנדערטהאלבן, אנצושרייבן זיך אויפן גאנצן לעבן א רשימה פון מיינע חובות און באשעפטיקונגען, פארשרייבן אויפן פאפיר דעם ציל פון מיין לעבן און די כללים, לויט וועלכע איך זאל ווירקן אלע מאל, שוין נישט אפטרעטנדיק פון זיי.

V.

די כּללים

איך האָב גענומען אַ בויגן פּאַפּיר און פריער פאַר אַלץ געוואָלט צוטרעטן צו דער רשימה פון די פליכטן און די באַשעפטיקונגען אויפן קומענדיקן יאָר. מען האָט געדאַרפט דאָס פּאַפּיר אָפּליניען. נאָר היות ווי איך האָב קיין ליניע נישט געהאַט, האָב איך דערצו אויסגענוצט דעם לאַטייַנישן לעקסיקאָן. חוץ דעם, וואָס, דורכפירנדיק מיט דער פעדער אין דער לענג פונעם לעקסיקאָן און נאָכדעם אָפּרוקנדיק אים, האָט זיך אַרויס-געוויזן, אַז אַנשטאָט אַ שטריך האָב איך אויפן פּאַפּיר געמאַכט אַ לענגלעכע לוזשע טינט, — האָט דער לעקסיקאָן נישט געקלעקט אויפן גאַנצן פּאַפּיר, און די ליניע האָט זיך פאַרקיילעכדיקט אויף דעם ווייכן ווינקל זייַנעם. איך האָב גענומען אַן אַנדער פּאַפּיר און, אונטעררוקנדיק דעם לעקסיקאָן, האָב איך עס ווי עס איז אָפּליניִרט. צעטיילט מייַנע פליכטן אויף דריי מינים: אויף חובות צו זיך אַליין, צו די נאָענטע און צו גאָט, האָב איך אָנגעהויבן שרייַבן די ערשטע, אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען אַזוי פיל און פון אַזוי פיל מינים און אונטערקאַטעגאָריעס, אַז מען וואָלט געדאַרפט פריער אָנשרייַבן „כּללים פון לעבן", און נאָכדעם ערשט נעמען זיך פאַר דער רשימה. איך האָב גענומען זעקס בויגן פּאַ-פּיר, צונויפגענייט אַ העפט און אָנגעשריבן פון אויבן „כּללים פון לעבן". דידאָזיקע צוויי ווערטער זענען געווען אָנגעשריבן אַזוי קרום און לאָם, אַז איך האָב לאַנג געטראַכט, אפשר זאָל איך איבערשרייַבן? און איך האָב מיך לאַנג געפּייניקט, קוקנדיק אויף דער צעריסענער רשימה און אויף דעמדאָזיקן מיאוסן קעפּל. פאַרוואָס איז אַלץ אַזוי פייַן, קלאָר בײַ מיר אין דער נשמה, און אַזוי מיאוס קומט עס אויס אויפן פּאַפּיר און בכלל אין לעבן, ווען איך וויל צו אים אָנווענדן עפּעס פון דעם וואָס איך טראַכט? ...

— דער גלח איז געקומען, גייט זייט מוחל אַראָפּ אונטן הערן די כּללים, — איז ניקאָלאַי געקומען מעלדן.

איך האָב דעם העפט באַהאַלטן אין טיש, אַ בליק געטון אין שפּיגל, פאַרקעמט די האָר אַרויפצו, וואָס עס האָט מיר, לויט מיין איבערצייגונג, צוגעגעבן אַ פאַרטראַכטן אויסזעען, און איך בין אַראָפּ אין דיוואַנען-זאַל, ווו עס איז שוין געשטאַנען אַ פאַרדעקטער טיש מיט אַ הייליק בילד און מיט ברענענדיקע וואַקסענע ליכט. דער פאָטער איז אין איין צייט מיט מיר אַריינגעקומען פון אַנדערער טיר. דער גלח, אַ גרויער מאַנאַך, מיט אַ שטרענג אַלטלעך פנים, האָט געבענטשט דעם פאָטער. דער פאָטער האָט אַ קוש געטון זיין נישט גרויסע, ברייטע, טרוקענע האַנט; איך האָב געטון דאָס זעלבע.

— טו אַ רוף וואָלאָדעמאַרן, — האָט דער פאָטער געזאָגט, — ווו איז ער? אָדער ניין, ער רעכט דאָך אָפּ דאָס פאַסטן אין דעם אוני-ווערזיטעט.

— ער לערנט דאָרט מיט דעם פירשט, — האָט געזאָגט קאַטיעלע און אַ בליק געטון אויף ליובעלען. ליובעלע איז פּלוצלינג פון עפּעס רויט געוואָרן, האָט זיך פאַרקרימט, כלומרשט עס טוט איר עפּעס וויי, און איז אַרויס פון צימער. איך בין אַרויס גלייך נאָך איר. זי האָט זיך אָפּ-געשטעלט אין גאַסט-זאַל און עפּעס נאָך פאַרשריבן מיט אַ בליישטיפטל אויפן פּאַפּירל.

— וואָס, דו האָסט געטון אַ נייע עברה? — האָב איך גע-פרעגט.

— ניין, גאָרנישט, אַזוי, — האָט זי געענטפערט, רויט ווערנדיק.

אין דער צייט האָט זיך אין פאָדערצימער דערהערט די שטים פון דמיטרי, וועלכער האָט זיך געזעגנט מיט וואָלאָדיען.

— אָט איז דיר אַלץ אַ נסיון, — האָט קאַטיעלע געזאָגט, אַריינ-קומענדיק און ווענדנדיק זיך צו ליובען.

איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס עס טוט זיך מיט דער שוועסטער. זי איז געווען פאַרשעמט אַזוי, אַז טרערן האָבן זיך איר באַ-וויזן אין די אויגן, און אַז די פאַרשעמטקייט אירע, דערגאַנגען ביז דער העכסטער מדרגה, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פאַרדראָס אויף זיך און אויף קאַטיענקען, וועלכע האָט זי באַשיינפּערלעך גערייצט.

— אָט זעט מען, אַז דו ביסט אַן א ו י ס ל ע נ ד ע ר י ן (פאַר קאַטיעלען איז קיין זאַך נישט געווען ערגער פאַר דעם נאָמען אויסלענ-דערין, מיט דעמדאָזיקן ציל האָט עס ליובעלע געברויכט): — פאַר אַזאַ געהיימניש — האָט זי ווייטער גערעדט מיט חשיבות אין דער שטים, —

און דו צערודערסט מיך בכיוון... דו וואָלסט געדאַרפט פאַרשטיין... דאָס איז גאָרנישט קיין קאַטאָוועס.

— דו ווייסט, ניקאָלינקע, וואָס זי האָט אָנגעשריבן? — האָט געזאָגט קאַטיעלע, אַ באַליידיקטע זייער פאַר דעם נאָמען אויסלענדערין: — זי האָט אָנגעשריבן...

— איך האָב נישט דערוואַרט, אַז דו זאָלסט זיין אַזאַ שלעכטע, — האָט ליובעלע געזאָגט, שיער איינגאַנצן שוין זיך נישט צעפלאַנכעט, אַוועקגייענדיק פון אונז: — אין אַזאַ רגע, און בכיוון, אַ גאַנץ לעבן אַלץ אַריינשלעפן אין עבירות. איך טשעפּע מיך נישט צו דיר מיט דיינע געפילן און ליידן.

VI.

די ווידוי

מיט די און מיט ענלעכע צעשטרייטע מחשבות האָב איך מיך אומגעקערט אין דיוואַנען-זאַל, ווען אַלע האָבן זיך אַהין צונויפגעקליבן און דער גלח, אויפגעשטאַנען, האָט זיך געגרייט צו זאָגן די תפילה פאַר דער ווידוי. אָבער ווי נאָר אין דעם אַלגעמיינעם שטילשווייגן האָט זיך געלאָזט הערן דאָס אויסדריקלעכע, שטרענגע קול פון דעם מאַנאַך, וואָס האָט געלייענט די תפילה, און דער עיקר ווען ער האָט צו אונז געזאָגט די ווערטער: „אַנטפּלעקט אַלע אייערע עבירות אָן חרפה, פאַרהוילונג און פאַרענטפערונג, וועלן אייערע נשמות גערייניקט ווערן פאַר גאָט, און אויב איר וועט עפּעס פאַרהוילן, וועט עס אייך פאַררעכנט ווערן פאַר אַגרויסע זינד", — האָט זיך צו מיר אומגעקערט דאָס געפיל פון הייליקן ציטער, וואָס איך האָב געשפּירט אינדערפרי באַם געדאַנק וועגן דעם פאַרשטייענדיקן געהיימניש. איך האָב אפילו געפונען אַ תענוג אין דעם באַוווסטזיין פון דעמדאָזיקן צושטאַנד, און איך האָב **מיך** געמיט צו פאַרהאַלטן אים לענגער,

אָפּשטעלנדיק אַלע געדאַנקען, וועלכע זענען מיר געקומען אויפן זינען און אָנשטרענגנדיק זיך פאַר עפּעס מורא צו האָבן.

דער ערשטער איז צוגעגאַנגען מתוודה זיין זיך דער פּאַטער. ער איז זייער לאַנג פאַרבליבן אין דער באַבעשיס צימער, און די גאַנצע צייט האָבן מיר אַלע אין זאַל געשוויגן, אָדער שעפּטשענדיק זיך דורכ־גערעדט וועגן דעם, ווער עס וועט גיין פריער. לסוף האָט זיך ווידער פון טיר דערהערט די שטים פון דעם מאָנאַך, וועלכער האָט געזאָגט אַ תפילה, און דעם פּאַטערס טריט.

— נו, איצט גיי דו, ליובע, נאָר זע, זאָלסט אַלץ זאָגן. דו ביסט דאָך בײַ מיר אַ גרויסע בעל־עבירהניצע, — האָט דער פּאַטער פריילעך געזאָגט, אַ צופּ טוענדיק איר פאַר דער באַק.

ליובעלע איז בלאַס און רויט געוואָרן, האָט אַרויסגענומען און צוריק באַהאַלטן דאָס צעטעלע אונטערן פאַרטוך און, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, גלייך ווי געקירצט דעם האַלז, פּונקט ווי וואַרטנדיק אויף אַ קלאַפּ פון דער הייך, איז זי אַריין אין טיר. זי האָט דאָרט פאַרבראַכט נישט לאַנג, נאָר אַרויסגייענדיק פון דאָרט, האָבן בײַ איר די אַקסלען זיך גע־הויבן פונם כליפּען.

לסוף נאָך דער שיינינקער קאַטיעלען, וועלכע איז שמייכלענדיק אַרויס פון דער טיר, איז אַנטשטאַנען מיין ריי. מיט דערזעלבער טעמפּער מורא און מיט דעם פאַרלאַנג, בכיוון אַלץ מער און מער אויפצורייצן אין זיך דידאָזיקע מורא, בין איך אַריין אין דעם האַלב־באַלויכטענעם צימער. דער גלח איז געשטאַנען פאַר אַן עמוד און האָט לאַנגזאַם אויסגעדרייט צו מיר זיין פּנים.

איך האָב פאַרבראַכט נישט מער ווי פינף מינוט אין דער באַבע־שיס צימער, נאָר כ׳בין אַרויס פון דאָרט אַ גליקלעכער און לויט מיין דעמאָלטיקער איבערצייגונג אינגאַנצן אַ ריינער, מאָראַליש אַ ווידערגע־בוירענער און אַ נייער מענטש. נישט געקוקט דערויף, וואָס מיך האָט אומגענגענעם איבערראַשט די גאַנצע אַלטע סביבה פונם לעבן, די זעלביקע צימערן, דאָס זעלביקע מעבל, די זעלביקע פיגור מיינע (מיר וואָלט זיך געוואָלט, אַז אַלדאָס אויסערלעכס זאָל זיך ענדערן פּונקט אַזוי, ווי, מיר האָט זיך געדאַכט, איך גופא האָב מיך געענדערט אינערלעך), — נישט געקוקט דערויף, בין איך פאַרבליבן אין דערדאָזיקער טרייסטלע־

כער שטימונג ביז סאַמע דער צייט, וואָס איך האָב מיך געלייגט אין בעט.

איך האָב שוין אָנגעהויבן אַנטשלאָפן ווערן, איבערעכענענדיק אין דער פאָרשטעלונג אַלע עבֿרות, פון וועלכע איך האָב מיך אָפּגערייניקט, ערשט, איך האָב מיך דערמאַנט איינע אַ מיאוסע עבֿרה, וועלכע איך האָב פאַרבאָרגן אויף דער ווידוי. עס האָבן מיר זיך דערמאַנט די ווערטער פון דער תּפֿילה פאַר דער ווידוי, און זיי האָבן מיר אָן אויפהער געקלונגען אין די אויערן. מיין גאַנצע רויקייט איז אין כּהרף עין פאַרשוונדן: „און אויב איר וועט עפּעס פאַרהוילן, וועט עס אייך פאַררעכנט ווערן פאַר גרויסע זינד״... האָב איך כּסדר געהערט, און איך האָב אויף זיך געקוקט ווי אויף אַזאַ גרויסן רשע, אַז עס איז פאַר מיר קיין שטראָף נישט גענוג געווען. איך האָב מיך לאַנג געוואָרפן פון איין זייט אויף דער אַנדערער, איבערטראַכטנדיק מיין לאַגע און יעדער רגע וואַרטנדיק אויף גאָטס שטראָף און אפילו אויף אַ פּלוצלינגן טויט, — אַ געדאַנק, וואָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַן אומבאַשרייבלעכע אימה. אָבער פּלוצלינג איז מיר געקומען אַ גליקלעכער געדאַנק אויפן זינען: באַגינען אוועקגיין אָדער אַוועקפאָרן אין קלויסטער צו דעם מאָנאַך, פאַר וועלכן איך האָב מיך מתוודה געווען, און מתוודה זיין זיך פונסניי — און איך האָב מיך באַרויקט.

VII.

די נסיעה אין קלויסטער

איך האָב מיך עטלעכע מאָל אויפגעכאַפּט בײַ דער נאַכט, מורא האָבנדיק צו פאַרשלאָפן דעם פרימאָרגן, און זעקס אַ זייגער בין איך שוין געווען אויף די פיס. אין די פענצטער האָט זיך קוים באַוויזן אַ בליאַסק אויף טאָג. איך האָב אָנגעטון די זאַכן און די שטיוול, וועלכע זענען צעקנייטשטע און נישט קיין גערייניקטע געלעגן לעבן בעט, ווייל ניקאָלאַי האָט נאָך נישט באַוויזן צוצוקלייבן, און נישט גאָט געבעטן, נישט

געוואַשן זיך, בין איך דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אַרויס איינער אַליין אויף דער גאַס.

אויף דער אַנטקעגנדיקער זייט, הינטער אַ גרינעם דאַך פון אַ גרויס הויז האָט זיך געררויטלט דער בעפלדיקער, קילער זונאויפגאַנג. אַ געניג שטאַרקער פרימאָרגנדיקער פרילינג־פראָסט האָט פאַרשמידט די בלאָטע און די שטראָמען, געשטאָכן אונטער די פיס און געצופט מיר דאָס געזיכט און די הענט. אויף אונזער זאַוולעק איז נאָך נישט געווען קיין איין דראָזשקע. אויף וועלכער איך האָב אויסגערעכנט, כדי גיכער אונטערצופאָרן און צוריקצוקומען. עס האָבן זיך נאָר געשלעפט עפּעס וועגענער איבער אַרבאַט, און צוויי אַרבעטער מוליאַרעס זענען רעדנדיק פאַרבייגעגאַנגען איבערן טראָטואַר. דורכגעגאַנגען אַ טויזנט טריט, האָבן זיך אָנגעהויבן באַגעגענען מענטשן און פרויען, וועלכע זענען געגאַנגען מיט קיישלעך אויפן מאַרק; פעסלעך, וואָס פאָרן נאָך וואַסער; אויף אַ שיידוועג איז אַרויס אַ בעקער מיט טשאַסטעס; עס האָט זיך אויפגעעפנט איין קוילעטש־בעקעריי, לעבן דעם אַרבאַטער־טויער איז אָנגעקומען אַנטקעגן אַ דראָזשקער, אַן אַלטינקער, וואָס איז געשלאָפן וואַקלענדיק זיך אויף זיין אָפּגעקראָכענער, בלוילעכער און פאַרלאַטעטער לייכטער דראָזשקע. אפנים, מחמת ער איז געווען פאַרשלאָפן, האָט ער בא מיר אויסגעבעטן סך־הכל אַ פערציקער ביזן קלויסטער און צוריק, אָבער נאָכדעם האָט ער זיך פלוצלינג געכאַפּט, און ווי נאָר איך האָב מיך געוואָלט זעצן, האָט ער גענומען שמייסן זיין פערדל מיט די לייצעס און איז שוין געהאַט גאָר אינגאַנצן אַוועקגעפאָרן פון מיר. „מען דאַרף דעם פערד עסן געבן, פריץ!״ — האָט ער געבורטשעט.

כ'האָב אים קוים איינגערעדט אָפּשטעלן זיך, פאָרלייגנדיק צוויי פערציקערס. ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס פערד, מיך אויפמערקזאַם באַקוקט און געזאָגט: „זעץ זיך, פריץ״. איך בין מיך מודה, איך האָב אַ ביסל מורא געהאַט, אַז ער וועט מיך פאַרפירן אין אַ שטילן זאַוולעק און באַרויבן. אָנגעכאַפּט אים פאַרן קאָלנער פון דער צעריסענער סערמיגע, מחמת וואָס זיין צעקנייטשטער נאַקן איבער דעם שטאַרק איינגעהויקערטן רוקן האָט זיך קלאָגעדיק אַנטבלויזט, בין איך אַרויפגעקראָכן אינדערהייך אויף דעם כוואַליעאַרטיקן בלויאינקן, וואַקלענדיקן געזעס און מיר האָבן זיך גענומען טרייסלען אַראָפּ־צו צו וואָזדוויזשענקע. אין וועג האָב איך באַוויזן צו באַמערקן, אַז דער אָנלען פון דער דראָזשקע איז געווען באַשלאָגן מיט אַ שטיקל גרינלעכער מאַטעריע, פון וועלכער עס

איז געווען אויך דעם פּורמאַנס סערמיגע. דערדאָזיקער אומשטאַנד האָט מיך עפּעס באַרויקט, און איך האָב שוין נישט מורא געהאַט, אַז דער פּור־מאַן וועט מיך פאַרפירן אין אַ שטיל געסל און באַרויבן.

די זון האָט זיך שוין אויפגעהויבן גאַנץ הויך און העל באַגילדט די קופּאָלן פון די צערקוועס, בשעת מיר זענען צוגעפאָרן צו דעם קלויס־טער. אין שאָטן האָט זיך נאָך געהאַלטן דער פראָסט, אָבער איבערן גאַנצן וועג האָבן געפליצט האַסטיקע טריבע שטראָמען און דאָס פערד האָט געפּאַטשט איבער דער אָפּגעגאַנגענער בלאָטע. אַר״ן אין דעם אָפּ־געצוימטן הויף פונם קלויסטער, האָב איך בײַ דער ערשטער פּערזאָן, וואָס איך האָב דערזעען, געפרעגט, ווי אַזוי קאָן איך געפינען דעם מאָנאַך, בײַ וועלכן איך האָב מיך מתוודה געווען.

— אָט איז זײַן צעל, — האָט מיר געזאָגט אַ פאַרבײַגייענדיקער מאָנאַך, אָפּשטעלנדיק זיך אויף אַ רגע און אָנווײַזנדיק אויף אַ קליין הײַ־זעלע מיט אַ גאַניקל.

— כ׳דאַנק אײַך אונטערטעניק, — האָב איך געזאָגט...

אָבער וואָס האָבן וועגן מיר געקאָנט טראַכטן די מאָנאַכן, וועלכע האָבן, איינער נאָך דעם אַנדערן אַרויסגייענדיק פון צערקווע, אַלע אויף מיר געקוקט? איך בין געווען נישט קיין גרויסער, נישט קיין קינד; מײַן פּנים איז געווען נישט איינגעוואַשן, די האָר נישט פאַרקעמט, די בגדים אין פּעדערן, די שטיוול נישט קיין געפּוצטע און נאָך אין קויט. צוואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע מענטשן האָבן מיך פאַררעכנט אין זייערע מחשבות די מאָנאַכן, וועלכע האָבן אויף מיר געקוקט? און זיי האָבן אויף מיר געקוקט אויפמערקזאַם. פונדעסטוועגן בין איך דאָך געגאַנגען אין דער ריכטונג, וואָס דער יונגער מאָנאַך האָט מיר באַוויזן.

אַן אַלטינקער אין שוואַרצע מלבושים, מיט געדיכטע גרויע ברעמען האָט זיך מיר באַגעגנט אויף דער שמאָלינקער סטעזשקע, וועלכע פירט צו די צעלן, און האָט געפרעגט, „וואָס דאַרף איך?“

געווען אַ רגע, ווען איך האָב געוואָלט זאָגן „גאָרנישט“, לויפן צוריק צו דער דראָזשקע און פאָרן אַהיים, נאָר, נישט געקוקט אויף די אַראָפּגערוקטע ברעמען, האָט דעם אַלטנס פּנים אַרויסגערופן צוטרויען. איך האָב געזאָגט, אַז איך דאַרף זעען דעם מאָנאַך, פאַר וועלכן איך האָב מיך מתוודה געווען, אָנרופנדיק אים בײַם נאָמען.

— קומט, יונג פּריצל, איך וועל אײַך אונטערפירן, — האָט ער געזאָגט, אומקערנדיק זיך אויף צוריק, און אַפּנים תיכף געטראָפן מײַן

לאגע. — דער פאטער איז בא דער פרימארגן־תפילה. ער וועט באלד קומען.

ער האט אויפגעעפנט די טיר און דורך א ריינינקן פירהויז און א פאדערצימער, איבער א ריינעם לייוונטענעם טרעטער, האט ער מיך אריינגעפירט אין דער צעל.

— אט דא ווארט אויף, — האט ער צו מיר געזאגט מיט א גוט־מוטיקן, בארויקנדיקן אויסדרוק און איז ארויסגעגאנגען.

דאס צימער, אין וועלכן איך האב מיך געפונען, איז געווען זייער נישט גרויס און אויסערגעוויינלעך ריין צוגעקליבן. מעבל איז אינגאנצן געווען: א טישל, באדעקט מיט א צעראטע, וועלכעס איז געשטאנען צווישן צוויי קליינע צווייפליגלדיקע פענצטער, אויף וועלכע עס זענען געשטאנען צוויי וואזאנעס מיט גערעניום; א טישעלע מיט הייליקע בילדער און א לעמפעלע, וואס איז געהאנגען איבער זיי, איין פאטערשטול און צוויי שטולן. אין ווינקל איז געהאנגען א וואנט־זייגער, מיט א באמאלטן מיט בלומען ציפערבלאט און מיט אנגעצויגענע אויף קייטעלעך מעשענע וואג. אויפן ווענטל, וואס האט זיך פארייניקט מיט דער סטעליע דורך הילצערנע מיט קאלך אפגעווייסטע שטעקעלעך (הינטער וועלכע עס איז אפנים געשטאנען א בעט), זענען געהאנגען אויף טשוועקעלעך צוויי גלחישע רעק.

די פענצטער זענען ארויס צו עפעס א ווייסער וואנט, וועלכע האט זיך געזען צוויי ארשין ווייט פון זיי. צווישן זיי און דער וואנט איז געווען א קלייניקער קוסט בעז. קיין קלאנג פון דרויסן איז נישט דער־גאנגען אין צימער אריין, אזוי אז אין דעררדאזיקער שטילקייט האט דאס גלייכמעסיקע אנגענעמע קלאפן פון דעם אומרו אויסגעוויזן ווי שטארקע קלאנגען. ווי באר איך בין געבליבן אליין אין דעמדאזיקן שטילן ווינקע־לע, זענען בא מיר פלוצלינג אלע מיינע פריערדיקע געדאנקען און דערינערונגען ארויסגעשפרונגען פון קאפ, גלייך ווי זיי וואלטן קיינמאל נישט געווען, און איך בין אינגאנצן פארזונקען געווארן אין עפעס אן אומאויסדריקלעך אנגענעמער פארטראכטקייט. דאסדאזיקע באקענגענע געל געווארענע גלחישע מלבוש מיטן אויסגעריבענעם אונטערשלאק, דידא־זיקע אפגעריבענע פעלענע שווארצע בענדער פון די ביכער מיט מעשענע האקנס, דידאזיקע טריב־גרינע בלומען מיט זארגעוודיק באגאסענע ערד און אפגעוואשענע בלעטער און באזונדער דעררדאזיקער איינטאניקער, זיך איבעררייסנדיקער קלאנג פון דעם אומרו, האבן מיר גערעדט דייטלעך

ווענן עפּעס אַ ניי, וואָס איז מיר ביז אומבאַקאַנט געווען, לעבן, ווענן אַ לעבן פון התבודדות, תפילה, שטילן רויקן גליק...

„עס גייען פאַרביי חדשים, יאָרן, — האָב איך געטראַכט, — ער איז אַלץ אַליין, ער איז אַלץ רויק, ער פילט אַלץ, אַז דאָס געוויסן זיינס איז ריין פאַר גאָט, און זיין תפילה דערגייט צו אים". באַ אַ האַלבער שעה בין איך אָפּגעזעסן אויף דער שטול, באַמיענדיק זיך נישט צו רירן און נישט צו אָטעמען הויך, כדי נישט צו שטערן די האַרמאָניע פון קלאַנגען, וועלכע האָבן צו מיר אַזוי פיל גערעדט. און דער אומרו האָט אַלץ געקלאַפּט פּונקט אַזוי, אויף רעכטס העכער, אויף לינקס שטילער.

VIII.

די צווייטע ווידוי

די טריט פון דעם גלח האָבן מיך אַרויסגעפירט פון דערדאָזיקער פאַרטראַכטקייט.

— גוט מאָרגן, — האָט ער געזאָגט, פאַרריכטנדיק מיט דער האַנט זיינע גרויע האָר. — וואָס פאַרלאַנגט איר?

איך האָב אים געבעטן בענטשן מיך און מיט באַזונדער פאַרגעניגן אַ קוש געטון זיין געלבלעכע נישט גרויסע האַנט.

ווען איך האָב אים דערקלערט מיין בקשה, האָט ער מיר גאָרנישט געזאָגט, איז צוגעגאַנגען צו די הייליקע בילדער און אָנגעהויבן די ווידוי.

ווען די ווידוי האָט זיך געענדיקט, און איך האָב, גובר זייענדיק די חרפה, געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געטראָגן אויפן האַרץ, האָט ער מיר אָנגעלייגט אויפן קאָפּ די הענט, און מיט זיין קלינגעוודיק שטיל קול אַרויסגערעדט: „זאָל, מיין זון, אויף דיר זיין די ברכה פון דעם הימלישן פאָטער, זאָל ער אין דיר פאַרהיטן אויף אייביק דעם גלויבן, די באַרויקטקייט און די ענוות. אמן".

איך בין געווען פולקאָם גליקלעך; טרערן פון גליק זענען מיר צוגעקומען צום האַלז, איך האָב אַ קוש געטון דעם פאַלד פון זיין דאָ-

מענטשכענעם מלבוש און האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ. דעם מאַנאַכס גע־זיכט איז געווען אינגאַנצן רויק.

איך האָב געפילט, אַז איך האָב תענוג פון דעם געפיל פון דער באַהאַרצטקייט, און מורא האָבנדיק מיט עפּעס פונאַנדערצוטרייבן עס, האָב איך מיך איילנדיק געזעגנט מיט דעם גלח און נישט קוקנדיק אויף די זייטן, כדי נישט צו צעשטרייען זיך, בין איך אַרויס פון הויף־פּאַרקאַן און ווידער זיך אַריינגעזעצט אין דער פּאַסעוואַטער זיך וויגנדיקער דראָזשקע. נאָר די שטויסן פון דעם עקיפּאַזש, די בונטקייט פון די זאַכן, וואָס זענען פאַרבייגעפלויגן פאַר די אויגן, האָבן באַלד צעטריבן דאָסדאָזיקע געפיל; און איך האָב מיר שוין פאַרגעשטעלט, ווי איצט טראַכט מסתמא דער גלח וועגן דעם, וואָס אַ יונגנמאַן מיט אַזאַ טייערער נשמה, ווי איך, האָט ער קיינמאָל נישט באַגעגנט אין לעבן, און וועט שוין נישט באַגעגענען, אַז אַזוינע זענען אפילו נישטאָ. איך בין אין דעם געווען איבערצייגט; און דידאָזיקע איבערצייגונגען האָבן אין מיר געשאַפן אַ געפיל פון פריילעכקייט פון אַזאַ מין, אַז עס האָט געפאָדערט כ'זאָל מיך מיט עמעצן טיילן.

מיר האָט זיך שרעקלעך געוואָלט רעדן מיט עמעצן; נאָר היות ווי קיינער איז דערביי נישט געווען חוץ דעם פורמאַן, האָב איך מיך צו אים געווענדט:

— וואָס, איך בין דאָרט לאַנג געווען?

— נישקשה, לאַנג, און ס'איז שוין לאַנג צייט צו קאָרמען דאָס פערד, איך בין דאָך אַ נאַכטיקער, — האָט געענטפערט דער אַל־טינקער פורמאַן, וועלכער איז אַפּנים איצט קעגן דער זון געוואָרן פריילע־כער ווי פריער.

— און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב דאָרט פאַרבראַכט סך־הכל אַ רגע, — האָב איך געזאָגט. — און צי ווייסטו, נאָך וואָס איך בין געווען אין קלויסטער? — האָב איך צוגעגעבן, איבערזעצנדיק זיך אין דער טיפעניש, וועלכע איז געווען אין דער דראָזשקע נעבנטער צו דעם אַלטן פורמאַן.

— וואָס איז אונזער עסק, וווהין דער פּאַסאַזשיר הייסט, אַהין פירן מיר, — האָט ער געענטפערט.

— ניין, פונדעסטוועגן, ווי מיינסטו? — האָב איך ווייטער געפאָרשט.

— מסתמא דאַרף מען עמעצן מקבר זיין, געפאָרן קויפן אַן אָרט, — האָט ער געזאָגט.

— ניין, ברודערקע; ווייסט נאָך וואָס בין איך געפאָרן?

— איך קאָן נישט וויסן, פּריץ, — האָט ער איבערגעחזרט.

דעם פורמאַנס שטים האָט מיר אויסגעוויזן אַזאַ גוטע, אַז איך האָב מיך באַשלאָסן, כּדי ער זאָל זיך אָראָפּנעמען אַ מוסר, דערציילן אים די סיבה פון מיין נסיעה, און אפילו דאָס געפיל, וואָס איך האָב געשפּירט.

— ווילסט, וועל איך דיר דערציילן? די מעשה איז, זעסטו...

און איך האָב אים אַלץ דערציילט, און באַשריבן אַלע מיינע פיינע געפילן. איך ווער אפילו איצט רויט, ווען איך דערמאָן מיך אָן דעם.

— יאָ, — האָט דער פורמאַן געמאַכט נישט צוטרוילעך.

און לאַנג נאָך דעם האָט ער געשוויגן און איז געזעסן אומבאַוועגלעך, נאָר זעלטן פאַרריכט די פאָלע פון דער סערמיגע, וועלכע האָט זיך איינגעצן אַרויסגערוקט פון אונטער זיין פאַסעוואַטער פוס, וועלכע איז אונטערגעשפּרונגען אין דעם גרויסן שטיוול אויף דעם פוס-טרעפּל פון דעם וואָגן. איך האָב שוין געמיינט, אַז ער טראַכט וועגן מיר דאָס זעלביקע, וואָס דער גלח, דאָס הייסט, אַז אַזאַ פיינעם מאַן, ווי איך, קאָן מען קיין צווייטן נישט געפינען אויף דער וועלט; נאָר ער האָט זיך פּלוצלינג צו מיר געווענדט:

מילא וואָס, פּריץ, ס'איז אייער פּריצישער ענין.

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— דער ענין, דער ענין איז אַ פּריצישער, — האָט ער איבערגעחזרט, שעפּעליאַוונדיק מיט די ציינלאָזע ליפּן.

„ניין, ער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען", — האָב איך אַ טראַכט געטון, נאָר איך האָב שוין מיט אים נישט גערעדט מער ביז דער סאַמע היים.

הגם נישט דאָס געפיל גופא פון דער באַהאַרצטקייט און פרומקייט, נאָר די זעלבסטצופרידנקייט דערפון, וואָס איך האָב עס געשפּירט, איז פאַרבליבן אין מיר דעם גאַנצן וועג, נישט געקוקט אויפן גאַנצן עולם, וואָס האָט פאַר דעם העלן זונען-גלאַנץ בונט געזעען זיך אומעטום אויף די גאַסן; אָבער ווי נאָר איך בין געקומען אַהיים, איז דאָסדאָזיקע געפיל אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. איך האָב נישט געהאַט קיין צוויי פּערציקערס צו באַצאָלן דעם פורמאַן. דער לאָקיי גאַווריליאַ, וועלכן איך בין שוין געווען שולדיק, האָט מיר גאָרנישט געליען. זעענדיק, ווי איך בין צוויי מאָל

דורכגעלאָפן איבערן הויף, כדי צו קריגן געלט, איז דער פורמאַן, מסתמא, שטויסנדיק זיך, נאָך וואָס איך לויף, אַראָפּגעקראָכן פון דער דראָזשקע און נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט מיר אויסגעזען אַזאַ גוטער, האָט ער אָנגעהויבן הויך צו רעדן, מיט אַ באַשיינפּערלעכער כוונה מיר אַ שטאָך צו טון, וועגן דעם, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע פּוסטע פּראַנטן, וועלכע באַצאָלן נישט פאַרן פאָרן.

אינדערהיים זענען נאָך אַלע געשלאָפן, אַזוי, אַז אויסער די מענטשן, האָב איך נישט געהאַט באַ וועמען צו לייען קיין צוויי פּערציקערס. לסוף האָט וואַסילי, אויף מיין סאַמע ערלעכן, ערלעכן וואָרט, אין וועלכן (איך האָב געזעען נאָך זיין פּנים) ער האָט לגמרי נישט געגלייבט, נאָר אַזוי זיך, ווייל ער האָט מיך ליב געהאַט און האָט געדענקט די טובה, וועלכע איך האָב אים געטון, באַצאָלט פאַר מיר דעם פורמאַן. אַזוי איז מיט אַ רויך צעפלויגן דאָסדאָזיקע געפיל, ווען איך האָב זיך גענומען אָנטון צו גיין אין צערקווע, כדי מיט אַלעמען צוזאַמען נעמען די הייליקע סעודה, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיין בגד איז נישט איבערגענייט און מען קאָן אים נישט אָנטון, האָב איך אָנגעזינדיקט אַ תהום מיט חטאים. אָנגעטון אַן אַנדער בגד, בין איך אַוועק צו דער הייליקער סעודה אין אַ משונהדיקן צושטאַנד פון איילקייט אין די געדאַנקען און מיט פולקאָמען אומצוטרוי צו מייגע פיינע נייגונגען.

IX.

ווי איך גרייט מיך צום עקזאַמען

דאָנערשטיק נאָך פּאַסכע זענען דער פאָטער, די שוועסטער און מימי מיט קאַטיעלען אַוועקגעפאָרן אין דאָרף, אַזוי אַז אין גאַנץ דעם גרויסן הויז דער באָבעשיס זענען געבליבן נאָר וואָלאָדיע, איך און — St.-Jerôme. יענע שטימונג, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען אין דעם טאָג פון ווידוי און פון דער נסיעה אין קלויסטער, איז אינגאַנצן אַריבער און האָט נאָך זיך איבערגעלאָזט מער נישט ווי אַ נישט-דייטלעכע,

הגם אפילו אַן אָנגענעמע דערינערונג, וועלכע איז אַלץ מער און מער פאַרטונקלט געוואָרן דורך די נייע איינדרוקן פון דעם נייעם לעבן.

דאָס העפט מיט דעם קעפּל כללים פון לעבן איז אויך באַהאַלטן געוואָרן מיט די שילערישע ברוליאָן־העפטן. נישט געקוקט דערויף, וואָס דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט צו שאַפן זיך כללים אויף אַלע אומשטענדן פון לעבן און אַלע מאָל נוהג זיין זיך לויט זיי, איז מיר געפעלן געוואָרן, האָט אויסגעוויזן אויסערגעוויינלעך פשוט און גלייכצייטיק גרויס און איך האָב בדעה געהאַט פונדעסטוועגן אָנצוווענדן אים אין לעבן, האָב איך ווידער גלייך ווי פאַרגעסן, אַז דאָס וואָלט מען געדאַרפט טון תיכף ומיד, און האָב אַלץ אָפּגעלייגט ביז אַ צייט. פונדעסט־וועגן האָט מיך געטרייסט דאָס, וואָס יעדער געדאַנק, וואָס קומט מיר איצט אין קאָפּ אַריין, האָט פונקט געפּאַסט צו אַ וועלכן נישט איז פון די רובריקן פון מיינע כללים און פליכטן: אָדער צו די כללים וועגן באַציונגען צו די נאָענטע, אָדער צו זיך, אָדער צו גאָט. „אָט דעמאָלט וועל איך דאָס אַוועקשטעלן אַהין, און נאָך פיל, פיל געדאַנקען, וואָס וועלן מיר דעמאָלט קומען, וועגן דעמדאָזיקן ענין" — האָב איך צו זיך אַליין גערעדט. איצט פרעג איך זיך אָפּט: ווען בין איך געווען בעסער און גערעכטער: צי דעמאָלט, ווען איך האָב געגלייבט אין דער אַלמעכ־טיקייט פון דעם מענטשלעכן שכל, צי איצט, ווען, פאַרלוירן די קראַפט פון אַנטוויקלונג, האָב איך ספקות אין דער קראַפט און אין דער באַדיי־טונג פון דעם מענטשלעכן שכל? און איך קאָן זיך נישט געבן קיין פּאָזיטיוון ענטפער.

דאָס באַוווסטזיין פון פרייהייט און יענץ פרילינגלעך געפיל פון וואַרטן אויף עפּעס, וועגן וועלכן איך האָב שוין גערעדט, האָבן מיך אין אַזאַ מאָס אויפגערודערט, אַז איך האָב לחלוטין נישט געקאָנט באַהערשן זיך אַליין, און האָב מיך געגרייט צו די עקזאַמענס זייער שלעכט. ס'פלעגט זיך מאַכן, דו אַרבעטסט אינדערפרי אין לערן־צימער און ווייסט, אַז מען מוז אַרבעטן, מחמת מאָרגן איז דער עקזאַמען פון דעם לימוד, פון וועלכן גאַנצע צוויי פראַגן האָב איך נאָך נישט איבערגעלייענט, נאָר פלוצלינג דערלאַנגט פונם פענצטער אַ שמעק מיט עפּעס אַ פרילינג־אָטעם, — ס'דאַכט זיך, אַז מען מוז אומבאַדינגט עפּעס אַזוינס תיכף ומיד זיך דערמאָנען, די הענט לאָזן אַליין אַרויס דאָס בוך, די פיס הייבן אַליין אָן צו רירן זיך און צו גיין הין און צוריק, און אין קאָפּ, גלייך ווי עמעץ וואָלט אַ דריק געטון אַ ספּרוזשינקע און אַוועקגעלאָזט גיין די מאַשין,

אין קאָפּ איז אַזוי לייכט און גאַטירלעך, און מיט אַזאַ שנעלקייט הייבן אָן דורכצולויפן פאַרשידענע בונטע פרייליכע טרוימערייען, אַז דו באַווייזט נאָר צו באַמערקן דעם גלאַנץ זייערן. און אַ שעה און צוויי גייען פאַרביי אומבאַמערקטערהייט. אָדער עס טרעפט אויך, אַז דו זיצט איבער אַ בוך און מיט צרות גיט זיך דיר איין צו קאָנצענטרירן די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט אויף דעם, וואָס דו לייענסט. פּלוצלינג דערהערסטו אין קאָרידאָר ווייבערישע טריט און דאָס גערויש פון אַ קלייד — און אַלץ איז שוין אַרויסגעשפּרונגען פון קאָפּ, און נישטאָ קיין מעגלעכקייט איינצוזיצן אויפן אָרט, הגם דו ווייסט גאַנץ גוט, אַז חוץ גאַשען, דער באָבעשיס אַלטע קאַמער־דינסט, האָט קיינער נישט געקאָנט דורכגיין איבערן קאָרידאָר. „און ווי אויב דאָס איז פּלוצלינג גאָר זי? — קומט אויפן זינען, — און ווי אויב אָט דאַ איצט זאָל זיך עס אָנהייבן, און איך וועל דורכלאָזן?“ — און דו לויפסט אַרויס אין קאָרידאָר און זעסט אַז דאָס איז טאַקע גאַשע; נאָר אַ לאַנגע צייט נאָך דעם קאָנסטו שוין נישט באַהערשן דיין קאָפּ. די ספּרוזשינקע איז אָנגעדריקט און ווידער האָט זיך אָנגעהויבן אַ מיש־מאַש אַ שרעקלעכער. אָדער אין אָוונט זיצסטו איינער אַליין מיט אַ חלבן ליכטל אין דיין צימער. פּלוצלינג אויף אַ רגע, כדי אָפּצושנייצן דאָס ליכט אָדער צו פאַרריכטן זיך אויף דער שטול, רייסטו זיך אָפּ פון בוך און דו זעסט, אַז אומעטום אין די טירן און די ווינקלען איז פינצטער, און דו הערסט, אַז אומעטום אין הויז איז שטיל, — איז ווידער אוממעגלעך נישט אויפצושטעלן זיך, און נישט צו הערן דידאָזיקע שטילקייט, און נישט צו קוקן אויף דערדאָזיקער פינצטערניש פון דער אָפענער טיר אין דעם פינצטערן צימער, און לאַנג, לאַנג נישט צו פאַרבלייבן אין אַן אומבאַוועגלעכער לאַגע; אָדער נישט אַראָפּצוגיין אונטן, און נישט דורכצוגיין זיך איבער אַלע פוסטע צימערן. אויך אָפט פלעג איך אין די אָוונטן זיצן אַן אומבאַמערקטער אין זאַל, צוהערנדיק זיך צו דעם קלאַנג פון דעם „סאָלאָוויי“, וואָס גאַשע פלעגט מיט צוויי פינגער שפּילן אויף דעם פאָרטעפּיאַן, זיצנדיק אַליין פאַר אַ חלבן ליכטל אין דעם גרויסן זאַל. און ווער רעדט שוין פאַר דער לבנה־שיין — האָב איך שוין לחלוטין נישט געקאָנט נישט אויפשטיין פון בעט און נישט לייגן זיך אויפן פענצטער צו צום סעדל און, איינקוקנדיק זיך אין דעם באַלויכטענעם דאַך פון שאַפּאָשניקאָווס הויז און אויף דעם שלאַנקן גלאָק־טורם פון אונזער פּאַראַפיע און אין דעם אָוונטיקן שאָטן פון דעם פאַרקאַן און פון דעם קוסט, וואָס האָט זיך געלייגט אויף דער

סטעזשקע פון גאָרטן; האָב איך נישט געקאָנט נישט אָפּזיצן אַזוי לאַנג, אַז נאָכדעם פלעג איך מיך קוים אויפכאַפּן ערשט צען דעם זייגער אינדערפרי.

אַזוי, אַז ווען נישט די לערער, וועלכע זענען צו מיר ווייטער געגאַנגען, ווען נישט St.-Jerôme, וועלכער פלעגט ווען-נישט-ווען נישט ווילנדיקערהייט אונטערהעצן מיין אייגנליבע, און, דער עיקר, ווען נישט דער פאַרלאַנג צו באַווייזן זיך אַלס טיכטיקער יונג אין די אויגן פון מיין פריינט נעכליודאָוו, ד. ה. אויסגעצייכנט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען, דאָס וואָס עס איז לויט זיינע באַגריפן געווען זייער אַ וויכטיקע זאַך, — ווען נישט דאָס, וואָלטן דער פרילינג און די פרייהייט געבראַכט דערצו, אַז איך וואָלט אפילו פאַרגעסן אַלץ, וואָס איך האָב פריער געקענט, און בשום אופן דעם עקזאַמען נישט אויסגעהאַלטן.

X.

דער עקזאַמען פון געשיכטע

דעם 16-טן אַפּריל בין איך אונטער דער שוץ פון St.-Jerôme אַריין אין דעם גרויסן אוניווערזיטעטישן זאַל. איך בין מיט אים געקומען צו פאָרן אין אונזער גאַנץ עלעגאַנטן פאַעטאָן. איך בין געווען אָנגעטון אין אַ פראַק דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, און אַלע בגדים, אפילו די וועש, די זאָקן זענען באַ מיר געווען נייע און פון בעסטן סאָרט. ווען דער שווייצאַר האָט אונטן פון מיר אַראָפּגענומען דאָס מאַנטל, און איך בין געבליבן שטיין פאַר אים אין דער גאַנצער פּראַכט פון מיינע זאַכן, איז מיר אפילו דאָס געוויסן אַ ביסל געווען נישט ריין דערפאַר, וואָס איך בין אַזוי בלענדנדיק. פונדעסטוועגן, ווי נאָר איך בין אַריינגעטרעטן אין דעם ליכטיקן פּאַרקעט-זאַל, וואָס איז פול געווען מיט עולם, און האָב דערזעען הונדערטער יונגעלייט אין גימנאַזיאַלע מונדירן און אין פראַקן, וואָס אייניקע פון זיי האָבן גלייכגילטיק אויף מיר אַ בליק געטון, און אין דעם ווייטן ווינקל די חשיבותדיקע פּראָפעסאָרן, וועלכע זענען פריי אַרומגעגאַנגען לעבן די טישן און געזעסן אין גרויסע פאָטעלן, — האָב

איך מיך תיכּף ומיד אַנטוישט אין דער האָפֿנונג צוצוציען אויף זיך די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט, און דער אויסדרוק פֿון מיין געזיכט, וואָס האָט איינדערהיים און אפילו דאָ אין פֿירהויז נאָך באַטייט עפּעס ווי באַדויערן וועגן דעם, וואָס קעגן מיין ווילן האָב איך אַן אויסזעען אַזאַ געהויבענעם און באַדייטיקן, האָט זיך פֿאַרביטן אויף דעם אויסדרוק פֿון שטאַרקסטער שרעקעדיקייט און פֿון אַ געוויסער אָפּהענטיקייט. איך בין אפילו אַריינגעפֿאַלן אין אַ צווייטן עקסטרעם און האָב מיך זייער דערפֿרייט, ווען איך האָב דערזעען אויף דער נאָענטסטער באַנק איינעם אַ זייער שלעכט און אומציכטיק געקליידעטן הער, נאָך נישט קיין אַלטן, נאָר כּמעט אינגאַנצן אַ גרויען, וועלכער איז, דערווייטערט פֿון אַנדערע געזעסן אויף אַ הינטערשטער באַנק. איך האָב מיך גלייך אַוועקגעזעצט לעבן אים און גענומען באַטראַכטן די, וואָס עקזאַמענירן זיך און מאַכן וועגן זיי מיינע אויספֿירן. דאָ זענען געווען אַ סך פֿאַרשידענע פֿיגורן און פּנימער, נאָר אַלע האָבן זיי זיך לויט מיינע דעמאָלטיקע באַגריפֿן לייכט געלאָזט איינטיילן אין דריי מינים.

עס זענען געווען פּונקט אַזעלכע ווי איך, וועלכע זענען געקומען צום עקזאַמען מיט די גוווערניאָרן אָדער עלטערן, און צווישן זיי — דער יינגערער איווין מיט דעם שוין מיר באַקאַנטן פֿראָסטן און איליִנקע גראַפּ מיט זיין אַלטן פֿאָטער. אַלע פֿון דעם מין זענען געווען מיט פּוכיקע גאָמבעס, האָבן געטראָגן אַרויסגעלאָזט די וועש, זענען געזעסן רויק, נישט עפּענענדיק די ביכער און די העפֿטן, וועלכע זיי האָבן מיט זיך געבראַכט, און האָבן באַשיינפּערלעך מורא געהאַט, קוקנדיק אויף די פּראָפֿעסאָרן און אויף די טישן, בײַ וועלכע עס זענען פֿאָרגעקומען די עקזאַמענס. צו דעם צווייטן מין פֿון די, וואָס זענען געגאַנגען צום עקזאַמען, האָבן געהערט די יונגעלייט אין גימנאַזיאַלע מונדירן, וואָס פֿיל פֿון זיי האָבן שוין געגאָלט די בערד. די זענען דאָס רוב געווען באַקאַנט צווישן זיך, האָבן גערעדט הויך, אָנגערופֿן די פּראָפֿעסאָרן בײַ די נעמען און די פֿאָטערסנעמען, דאָ גופֿא געגרייט די פֿראַגן, איינע די אַנדערע איבערגעגעבן די העפֿטן, אַריבערגעטרעטן איבער די בענק, פֿון פֿירהויז געבראַכט טשאַסטעס און בוטערבראָטן, וועלכע זיי האָבן דאָ גופֿא געגעסן, אָנבייגודיק בלויז אַ ביסל דעם קאָפּ ביז דער פֿלאַך פֿון דער פּאַרטע. און לסוף דער דריטער מין פֿון די, וואָס האָבן זיך עקזאַמענירט, וועלכע זענען אָבער געווען נישט פֿול, איז באַשטאַנען פֿון גאָר אַלטע, אין פֿראַקן, אָבער דאָס רוב אין סורדוטן און אָן וועש, וואָס זאָל זיך אַרויסזעען.

די האָבן זיך געהאַלטן זייער ערנסט, זענען געזעסן איינזאַם, און האָבן געהאַט זייער אַ פינצטער אויסזען. דער, וואָס האָט מיך געטרייסט דערמיט, וואָס ער איז זיכער געווען אַנגעטון ערגער ווי איך, האָט געהערט צו דעמדאָזיקן לעצטן מין. אָנגעלענט זיך אויף די עלנבויגנס פון ביידע הענט, וואָס צווישן זייערע פינגער האָבן געשטעקט צעפּודלטע האַלב-גרויע האָר, האָט ער געלייענט אין אַ בוך און, נאָר אויף אַ רגע אַ קוק טוענדיק אויף מיר מיט זיינע נישט גאָר גינציקע גלאַנציקע אויגן, האָט ער זיך פינצטער פאַרכמאַרעט און האָט נישט אויסגעשטעלט אין מיין זייט דעם גלאַנציקן עלנבויגן, כדי איך זאָל מיך נישט קאָנען צורוקן צו אים נענטער. די גימנאַזיסטן, פאַרקערט, זענען געווען צופיל גרייט אויף חברשאַפט, און איך האָב פאַר זיי אַ ביסל מורא געהאַט. — איינער האָט, אַריינרוקנדיק מיר אַ בוך אין האַנט, געזאָגט: „גיט איבער דאָרט יענעם"; אַ צווייטער האָט, פאַרבייגייענדיק, צו מיר געזאָגט: „לאָזט אָקאָרשט, פּעטערל", אַ דריטער האָט' אַריבערקריכנדיק איבער דער באַנק, זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין רוקן ווי אָן אַ פּאַרטע. דאָס איז מיר אַלץ געווען ווילד און אומאָנגענעם; איך האָב זיך געהאַלטן פיל העכער פאַר דידאָזיקע גימנאַזיסטן און האָב געמיינט, אַז זיי וואָלטן זיך נישט געדאַרפט דערלויבן מיט מיר אַזאַ פאַמיליאַרישקייט. לסוף האָט מען אָנגעהויבן אויסרופן די פאַמיליעס; די גימנאַזיסטן זענען אַרויס דרייסט און האָבן געענטפערט גרעסטן טייל גוט, אומגעקערט זיך פריילעך; אונזער עולם האָט זיך געשראָקן פיל מער, און האָט טאַקע, דאַכט זיך, געענטפערט ערגער. פון די אַלטע האָבן אייניקע געענטפערט אויסגעצייכנט, אַנדערע זייער שלעכט. ווען מען האָט אויסגערופן סעמיאָנאָוו, איז מיין שכן מיט די גרויע האָר און מיט די גלאַנציקע אויגן, אַ שטופּ טוענדיק מיך גראָב, אַריבערגעקראָכן איבער מיינע פיס און אַוועק צום טיש. ווי עס האָט אויסגעוויזן לויט די פּנימער פון די פּראָפעסאָרן, האָט ער געענטפערט אויסגעצייכנט און דרייסט. אומגעקערט זיך אויף זיין אָרט, האָט ער, נישט דערוויסנדיק זיך, וויפיל מען האָט אים אַוועקגעשטעלט, רויק גענומען זיינע העפטן און איז אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב שוין עטלעכע מאָל אַ ציטער געטון בײַ דעם קלאַנג פון דער שטים, וועלכע האָט אויסגערופן די פאַמיליעס, נאָר צו מיר איז נאָך נישט דערגאַנגען די ריי לויט דער רשימה, וועלכע איז צונויפגעשטעלט נאָכן אלף-בית, הגם מען האָט שוין אויסגערופן פאַמיליעס, וועלכע הייבן זיך אָן אויף „אי". — „איקאָנין און טעניעוו". האָט פלוצלינג

אויסגעשריגן עמעצער פונם פראָפעסאָרישן ווינקל. א פראָסט איז בא מיר דורכגעלאָפן איבערן רוקן און איבער די האָר.

— ווּעמען האָט מען גערופן? ווער איז באַרטעניעוו? — האָט מען אָנגעהויבן רעדן אַרום מיר.

— איקאָנין גיי, מען רופט דיך; ווער זשע איז עס דער באַרטעניעוו, מאָרדעניעוו? — איך ווייס נישט, לאָז זיך דערקענען, — האָט גערעדט אַ הויכער רויטער גימנאַזיסט, וועלכער איז געשטאַנען הינטער מיר.

— איר, — האָט געזאָגט St.-Jerôme.

— מיין פאַמיליע איז אירטעניעוו, — האָב איך געזאָגט צו דעם רויטן גימנאַזיסט, — מען האָט דען אויסגערופן אירטעניעוו?

— אוודאי, וואָס גייט איר נישט?... זע נאָר, סאַר אַ פראַנט! — האָט ער צוגעגעבן נישט הויך, אָבער אַזוי, אַז איך האָב געהערט זיינע ווערטער, אַרויסגייענדיק פון דער באַנק. פריער פאַר מיר איז געגאַנגען איקאָנין, אַ הויכער יונגערמאַן פון אַ יאָר פינפאונצוואַנציק, וועלכער האָט געהערט צו דעם דריטן מין, צו די אַלטע. ער האָט געטראָגן אַ גרינלעכן שמאָלינקן פראַק, אַ בלוי אַטלעסן האַלז-טוך, אויף וועלכן עס זענען פון הינטן געלעגן לאַנגע בלאָנדע האָר, זאָרגעווודיק פאַרקעמטע אַ-לאַ-מוזשיק. איך האָב נאָך באַמערקט זיין אויסערלעכקייט אויף די בענק. ער איז געווען נישט קיין מיאוסער, אַ באַרעדעוודיקער; און מיך האָבן באַזונדער פאַרוואונדערט די משונהדיקע געלע האָר, וועלכע ער האָט געלאָזט וואַקסן אויפן גאָרגל, און נאָך מער די משונהדיקע רגילות, וועלכע ער האָט געהאַט — כסדר אָפשפּילען דעם זשילעט און קראַצן זיך די ברוסט אונטערן העמד.

דריי פראָפעסאָרן זענען געזעסן בא דעם טיש, צו וועלכן איך בין צוגעגאַנגען צוזאַמען מיט איקאָנינען; קיינער פון זיי האָט נישט געענטפערט אויף אונזער גריסן זיך. אַ יונגער פראָפעסאָר האָט איבערגעטאַשט די בילעטן, ווי אַ טאַש קאָרטן; דער צווייטער פראָפעסאָר, מיט אַ שטערן אין פראַק, האָט געקוקט אויף אַ גימנאַזיסט, וועלכער האָט גיך עפּעס גערעדט וועגן קאַרל דעם גרויסן, צוגעבנדיק צו יעדן וואָרט „לסוף"; און דער דריטער, אַן אַלטינקער אין ברילן, האָט, אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ, אַ קוק געטאָן אויף אונז דורך די ברילן און אָנגעוויזן אויף די בילעטן. איך האָב געפילט, אַז זיין בליק איז צוזאַמען געווענדט געווען אויף מיר און אויף איקאָנינען, און אַז אין אונז איז אים עפּעס נישט געפעלן

געוואָרן (אפשר איקאָנינעס געלע האָר), מחמת ער האָט, ווידער אַמאָל קוקנדיק אויף אונז ביידע, געמאַכט אַן אומגעדולדיקן זשעסט מיטן קאָפּ, אַז מיר זאָלן גיכער נעמען די בילעטן. מיר איז געווען פאַרדראָסיק און באַליידיקנדיק, ערשטנס, דאָס, וואָס קיינער האָט נישט געענטפערט אויף אונזער גריסן זיך, און צווייטנס, דאָס, וואָס מען האָט מיך באַשיינפּערלעך צונויפגעמישט מיט איקאָנינען אין איין באַגריף פון די „וואָס עקזאַמענירן זיך" און מען איז שוין פאַרויסגעשטימט קעגן מיר פאַר איקאָנינעס געלע האָר. איך האָב גענומען אַ בילעט אָן מורא, און האָב מיך געגרייט צו ענטפערן; נאָר דער פּראָפעסאָר האָט מיט די אויגן אָנגעוויזן אויף איקאָנינען. איך האָב איבערגעלייענט מיין בילעט, ער איז מיר געווען באַקאַנט, און איך האָב רויק וואַרטנדיק אויף מיין ריי, אַכטונג געגעבן אויף דעם, וואָס עס קומט פאָר מיר פאָר. איקאָנין האָט זיך גאָרנישט דערשראָקן, און אפילו זייער דרייסט, עפּעס מיט דער גאַנצער זייט אַ לאָז געטון זיך נעמען אַ בילעט, אַ טרייסל געטון מיט די האָר און לעבעדיק איבערגעלייענט דאָס, וואָס אין בילעט איז געווען אָנגעשריבן. ער האָט געהאַט אויפגעעפנט דאָס מויל, ווי מיר האָט אויסגעוויזן, כדי אָנהייבן צו ענטפערן, ערשט פּלוצלינג האָט דער פּראָפעסאָר מיטן שטערן, אַפּלאָזנדיק מיט אַ לויב־וואָרט דעם גימנאַזיסט, אויף אים אַ קוק טון. איקאָנין האָט גלייך ווי אָן עפּעס דערמאָנט זיך און אָפּגעשטעלט. די אַלגעמיינע שטילקייט האָט געדויערט אַ מינוט צוויי.

— נו, — האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר אין די ברילן.

איקאָנין האָט אויפגעעפנט דאָס מויל, און איז ווידער אַנטשוויגן געוואָרן.

— איר זענט דאָך נישט איינער; באַוויליקט צו ענטפערן, אָדער נישט? — האָט געזאָגט דער יונגער פּראָפעסאָר, אָבער איקאָנין האָט אויף אים אפילו קיין בליק נישט געטון. ער האָט שאַרף געקוקט אין בילעט און קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. דער פּראָפעסאָר אין די ברילן האָט אויף אים געקוקט אי דורך די ברילן, אי אַריבער די ברילן, אי אָן די ברילן, מחמת ער האָט שוין פאַר דער צייט באַוויזן אַראָפּצונעמען זיי און, גוט אויסגעריבן די גלעזער, פונסניי אָנצוטון זיי. איקאָנין האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. פּלוצלינג האָט אַ שמייכל אַ גלאַנץ געטון אויף זיין פּנים, ער האָט אַ טרייסל געטון מיט די האָר, ווידער מיט דעם גאַנצער זייט אויסגעשפּרייט זיך צום טיש, אַוועקגעלייגט דעם בילעט, אַ בליק געטון אויף אַלע פּראָפעסאָרן נאָך דער ריי, נאָכדעם אויף מיר,

האָט זיך אויסגעדרייט און מיט לעבעדיקע טריט, מאַכנדיק מיט די הענט, אומגעקערט זיך צו די בענק. די פּראָפעסאָרן האָבן זיך דורכגעקוקט צווישן זיך.

— אַ פיינער פויגל! — האָט געזאָגט דער יונגער פּראָפעסאָר, אויף אייגענע קאָסטן!

איך האָב מיך צוגערוקט נענטער צום טיש, נאָר די פּראָפעסאָרן האָבן ווייטער כמעט שעפּטשענדיק גערעדט צווישן זיך, גלייך ווי קיינער פון זיי האָט נישט חושד געווען, אַז איך שטיי דאָ. איך בין דעמאָלט געווען פעסט איבערצייגט, אַז אַלע דריי פּראָפעסאָרן האָט אויסערגעוויינלעך אינטערעסירט די פראַגע, צי וועל איך אויסהאַלטן דעם עקזאַמען און צי וועל איך אים גוט אויסהאַלטן, נאָר זיי האָבן זיך בלויז אַזוי געמאַכט, כלומרשט עס איז זיי לחלוטין אַלצאיינס, און אַז זיי באַמערקן מיך נישט.

ווען דער פּראָפעסאָר אין די ברילן האָט זיך גלייכגילטיק צו מיר געווענדט, פאַרלייגנדיק צו ענטפערן אויף דער פראַגע, האָב איך אים אַ קוק געטון אין די אויגן און עס איז מיר געווען אַ חרפּה פאַר אים, וואָס ער איז אַזוי פאַלש געווען בנוגע צו מיר, און איך האָב מיך אַ ביסל פאַרטשעפּעט מיט דער צונג אין אָנהייב ענטפער. אָבער נאָכדעם איז אַוועק לייכטער און לייכטער, און היות ווי די פראַגע איז געווען פון דער רוסישער געשיכטע, וועלכע איך האָב געוווסט אויסגעצייכנט גוט, האָב איך געענדיקט גלענצענד, און איך האָב מיך אפילו אַזוי צעשאָקלט, אַז, וועלנדיק געבן צו פילן די פּראָפעסאָרן, אַז איך בין נישט איקאָנין, און אַז מיך דאַרף מען מיט אים נישט צונויפמישן, האָב איך פאָרגעלייגט נעמען נאָך אַ בילעט. נאָר דער פּראָפעסאָר האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און געזאָגט: „גוט" און האָט עפּעס געמאַכט אַ צייכן אין זשורנאַל. אומגעקערט זיך צו די בענק, האָב איך מיך גלייך דערוווסט פון די גימנאַזיסטן, וועלכע האָבן, גאָט ווייסט ווי אַזוי, אַלץ געוווסט, אַז מען האָט מיר אַוועקגעשטעלט אַ פינף.

XI.

דער עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק

אויף די ווייטערדיקע עקזאַמענס האָב איך שוין חוץ גראַפּן, וואָס איך האָב געהאַלטן, אַז ער פאַרדינט נישט מיין באַקאַנטשאַפט, און חוץ איווינען, וועלכער האָט זיך געהאַלטן עפּעס פרעמד פון מיר, געהאַט אַ סך נייע באַקאַנטע. אייניקע האָבן זיך שוין מיט מיר געגריסט. איקאָנין האָט זיך אפילו דערפרייט דערזעענדיק מיך, און האָט מיר מודיע געווען, אַז ער וועט זיך פון ס'ניי עקזאַמענירן פון געשיכטע, אַז דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע איז אויף אים בייז נאָך זינט פאַראַיאָריקן עקזאַמען, אויף וועלכן ער האָט אים אונטערגעשטעלט אַ פּיסל. סעמיאָנאָוו, וועלכער איז געגאַנגען אויף איין פאַקולטעט מיט מיר, אויפן מאַטעמאַטישן, האָט זיך פונדעסטוועגן ביזן סוף פון די עקזאַמענס געהאַלטן ווייט פון אַלעמען, איז געזעסן שווייגנדיק אײנער אַליין, אָנגעלענט אויף די עלנבויגנס פון די הענט, פאַררוקט די פינגער אין די גרויע האָר, און זיך עקזאַמענירט אויסגעצייכנט. ער איז געווען דער צווייטער; און דער ערשטער איז געווען אַ גימנאַזיסט פון דער ערשטער גימנאַזיע. דאָס איז געווען אַ הויכער, מאָגערער ברונעט, זייער אַ בלאַסער מיט אַ פאַרבונדענער אין אַ שוואַרץ האַלז-טוך באַק און מיט אַ באַדעקטן מיט בלאָטערן שטערן. די הענט זענען בײַ אים געווען מאָגערע, רויטע, מיט אויסערגעוויינלעך לאַנגע פינגער, און די נעגל אַרומגעביסענע אַזוי, אַז די עקן פון זיינע פינגער האָבן אויסגעוויזן ווי איבערגעבונדן מיט פעדעמלעך. דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן פיין און אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר אַן ע ר ש ט ן ג י מ נ אַ ז י ס ט. ער האָט גערעדט מיט אַלעמען פונקט אַזוי ווי אַלע, אפילו איך האָב מיך מיט אים באַקאַנט, אָבער פונדעסטוועגן, אַזוי האָט מיר אויסגעוויזן, איז אין זיין גאַנג, אין די באַוועגונגען פון זיינע ליפּן און אין די שוואַרצע אויגן געווען צו באַמערקן עפּעס אומגעוויינלעכס, מ אַ ג נ ע ט י ש ס.

אויף דעם עקזאַמען פון מאַטעמאַטיק בין איך געקומען פריער ווי

געוויינלעך. איך האָב דעם לימוד געוווסט אַנשטענדיק, נאָר עס זענען געווען צוויי פראַגן פון אַלגעברע, וועלכע איך האָב עפּעס פאַרבאָרגן פון דעם לערער און זיי זענען מיר געווען לגמרי נישט באַקאַנט. דאָס זענען געווען, ווי איך געדענק איצט: די טעאָריע פון באַהעפטונג און ביוטאָנס בענאָם. איך האָב מיך געזעצט אויף דער הינטערשטער באַנק און דורכגעקוקט די צוויי אומבאַקאַנטע פראַגן. אָבער די נישט-געוווינהייט צו אַרבעטן אין אַ טומלדיק צימער און די קאַרגקייט פון צייט, וועלכע איך האָב פאַרגעפילט, האָבן מיר געשטערט אַריינצודרינגען אין דעם, וואָס איך האָב געלייענט.

— אָט איז ער, קום אַהער, נעכליודאָוו, — האָט זיך הינטער מיר דערהערט וואָלאָדיעס באַקאַנטע שטים.

איך האָב מיך אומגעקערט און דערזען דעם ברודער און דמיטרין, וועלכע זענען אין פונאַנדערגעשפּילעטע סורדוטן, מאַכנדיק מיט די הענט, בעגאַנגען צו מיר צווישן די בענק. מען האָט גלייך געזען, אַז דאָס זענען סטודענטן פון צווייטן קורס, וועלכע זענען אין דער אוניווערזיטעט ווי אינדערהיים. דאָס אויסזען בלויז פון די אָפּגעשפּילעטע סורדוטן האָט אויסגעדריקט פאַראַכטונג צו אַן אונזעריקן, וואָס קומט ערשט אָן, ווען אַן אונזעריקער, וואָס קומט ערשט אָן, האָט געקוקט מיט קנאה און מיט דרך-ארץ. מיר איז געווען זייער אָנגענעם צו טראַכטן, וואָס אַלע אַרומיקע האָבן געקאָנט זען, אַז איך בין באַקאַנט מיט צוויי סטודענטן פונם צווייטן קורס, און איך בין גיכער אויפגעשטאַנען זיי מקבל פנים זיין.

וואָלאָדיע האָט זיך אפילו נישט געקאָנט איינהאַלטן נישט אויסצודריקן דאָס געפיל, אַז ער איז העכער פון אונז.

— אַך, דו שלימזל! — האָט ער געזאָגט, — וואָס, נאָך נישט עקזאַמענירט זיך?

— ניין.

— וואָס לייענסטו? האָסט זיך דען נישט צוגעגרייט?

— יאָ, צוויי פראַגן נישט גאָר גוט. דאָ פאַרשטיי איך נישט.

— וואָס? אָט דאָס? — האָט וואָלאָדיע געזאָגט און גענומען מיר דערקלערן ביוטאָנס בענאָם, נאָר אַזוי גיך און נישט קלאָר, אַז איבערלייענענדיק אין מיינע אויגן אומצוטרוי צו זיין קענטשאַפט, האָט ער אַ בליק געטון אויף דמיטרין, און, מסתמא אויך אין זיינע אויגן איבערגעלייענט דאָס זעלביקע, איז ער רויט געוואָרן, נאָר ער האָט פונדעסטוועגן ווייטער גערעדט עפּעס, וואָס איך האָב נישט פאַרשטאַנען.

— ניין, וואַרט, וואָלאָדיע, לאָז, איך וועל עס מיט אים דורכמאַכן, אויב מיר וועלן באַווייזן, — האָט דמיטרי געזאָגט, אַ בליק טוענדיק אויף דעם פּראָפעסאָרישן ווינקל, און זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר.

איך האָב גלייך באַמערקט, אַז מיין פריינט האָט זיך געפונען אין יענעם זעלבסטצופרידענעם שטילן הומאָר, וואָס פלעגט אויף אים שטענדיק אָנפאַלן, בעת ער איז געווען צופרידן מיט זיך, און וועלכן איך האָב אין אים אַזוי ליב געהאַט. היות ווי מאַטעמאַטיק האָט ער געקענט גוט און רעדן האָט ער גערעדט קלאָר, איז ער מיט מיר אַזוי וויל דורכגעגאַנגען די פראַגע, אַז איך געדענק זי נאָך עד היום. אָבער ווי נאָר ער האָט געענדיקט, האָט St.-Jerôme מיט אַ הויך שעפּטשען אַ זאָג געטון — a' vous, Nicolas — און איך בין גלייך נאָך איקאָנינען אַרויס פון באַנק, נישט באַוויזן דורכצומאַכן די צווייטע אומבאַקאַנטע פראַגע. איך בין צוגעגאַנגען צום טיש, בא וועלכן עס זענען געזעסן צוויי פּראָפעסאָרן, און עס איז געשטאַנען אַ גימנאַזיסט פאַר אַ שוואַרצן טאָוול. דער גימנאַזיסט האָט לעבעדיק פאַרשריבן עפּעס אַ פאָרמול, ברעכנדיק מיט אַ קנאַק דאָס קרייט אָן דעם ברעט, און האָט אַלץ געשריבן, הגם דער פּראָפעסאָר האָט אים שוין געזאָגט: „גענוג“ און אונז געהייסן נעמען בילעטן. „און ווי, אויב עס וועט מיר אַריינפאַלן די טעאָריע פון באַהעפטונג? האָב איך אַ טראַכט געטון, אַרויסנעמענדיק מיט ציטערדיקע פינגער אַ בילעט פון דער ווייכער קופּע אָנגעשניטענע פּאַפּירלעך. איקאָנין האָט מיט דעם זעלביקן דרייסטן זשעסט, ווי אויפן פאָריקן עקזאַמען, אונטערהוידענדיק זיך מיט דער גאַנצער זייט, נישט אויסקלייבנדיק, גענומען דעם אייבערשטן בילעט, האָט אויף אים אַ בליק געטון און ברוגז אָנגעכמורעט דאָס פּנים.

— אַלץ אַזעלכע צרות פאַלן אַריין! — האָט ער אַ מורמל געטון.

איך האָב אַ בליק געטון אויף מיינעם. אָ, אַן אומגליק! דאָס איז געווען די טעאָריע פון באַהעפטונג!

איך האָב אים באַוויזן.

— דעם קען איך, — האָט ער געזאָגט.

— איר ווילט זיך בייטן?

— ניין, אַלץ איינס, איך פיל, אַז איך בין נישט אין שטימונג, — האָט קוים איקאָנין באַוויזן צו זאָגן שעפּטשענדיק, ווי דער פּראָפעסאָר האָט אים שוין צוגערופן צום טאָוול.

„מילא, אַלץ פֿאַרלוירן! — האָב איך אַ טראַכט געטון: — אָנ־שטאָט דעם גלענצנדן עקזאַמען, וואָס איך האָב גערעכנט דורכצומאַכן, וועל איך מיך אויף אייביק פֿאַרדעקן מיט חרפּה, ערגער פֿאַר איקאָנינען״. באַר פּלוצלינג האָט איקאָנין, פֿאַר דעם פּראָפֿעסאָר אין די אויגן, אומ־געקערט זיך צו מיר, אַרויסגעריסן פֿון מײַנע הענט מײַן בילעט, און אָפּגעגעבן מיר זײַנעם. איך האָב אַ בליק געטון אויפֿן בילעט. דאָס איז געווען ניוטאָנס בענאָם.

דער פּראָפֿעסאָר איז געווען נישט קיין אַלטער מאַן, מיט אַן אָנגע־נעמען קלוגן אויסדרוק, וואָס עס האָט באַזונדער אים צוגעגעבן זײַן אויסערגעוויינלעך בולטער אונטערשטער טייל פֿונם שטערן.

— וואָס איז דאָס, איר בײַט זיך מיט די בילעטן, מײַנע הערן? — האָט ער געזאָגט.

— ניין, דאָס האָט ער אַזוי זיך, ער האָט מיר געגעבן זײַן בילעט אַ בליק טון, הער פּראָפֿעסאָר, — האָט זיך איקאָנין געפֿונען, און ווידער אַמאָל איז דאָס וואָרט הער פּראָפֿעסאָר געווען דאָס לעצטע וואָרט, וואָס איקאָנין האָט געזאָגט אויף דעמדאָזיקן אָרט; און ווידער האָט ער, גייענדיק פֿאַרבײַ מיר, אַ בליק געטון אויף די פּראָפֿעסאָרן, אויף מיר, אַ שמייכל געטון און אַ דריק געטון מיט די אַקסלען מיט אַזאַ אויסדרוק, וואָס האָט גערעדט: „נישקשה, ברודער!״ (איך האָב מיך נאָכדעם דער־וווּסט, אַז שוין דאָס דריטע יאָר האָט זיך איקאָנין געמאָלדן צום אײַנטריט־עקזאַמען.)

איך האָב אויסגעצייכנט געענטפֿערט אויף דער פֿראַגע, וועלכע איך האָב נאָר־וואָס דורכגעלערנט. דער פּראָפֿעסאָר האָט מיר אַפֿילו געזאָגט, אַז בעסער, איידער מען קאָן פֿאָדערן, און האָט מיר אויסגעשטעלט — 5.

XII.

דער לאַטײנישער עקזאַמען

אַלץ איז געגאַנגען אויסגעצײכנט ביז דעם לאַטײנישן עקזאַמען. דער גימנאַזיסט מיטן באַנדאַזש איז געװען דער ערשטער, סעמיאָנאָװ — דער צװײטער, איך — דער דריטער. איך האָב אפילו אָנגעהויבן שטאָלצירן און ערנסט מײנען, אַז, נישט געקוקט אויף מײן יוגנט, בין איך גאָר קײן קאַטאָװעס נישט.

נאָך פון דעם ערשטן עקזאַמען אָן האָבן אַלע מיט ציטערן דערצײלט װעגן דעם לאַטײנישן פּראָפעסאָר, װעלכער זאָל זײן כלומרשט אַ חיה רעה, װאָס האָט תענוג פון דער מפּלות פון די יונגעלײט, דער עיקר פון די, װאָס לערנען זיך אויף אײגענעם קאָסט, און רעדט כלומרשט נאָר אויף דער לאַטײנישער און דער גריכישער שפּראַך. St.-Jerôme, װעלכער איז געװען מײן לערער פון לאַטײן, האָט מיך געמוטיקט, מיר האָט אויך אויסגעװיזן, אַז איבערזעצנדיק אָן אַ לעקסיקאָן ציצעראָן, עטלעכע אָדעס פון האָראַציוש און קענענדיק אויסגעצײכנט צומפּטן, בין איך געװען צוגעגרײט נישט ערגער פאַר אַנדערע, אָבער ס'איז אויסגעקומען אַנדערש. דעם גאַנצן פרימאָרגן האָט מען נאָר געהערט װעגן די דורכפאַלן פון יענע, װאָס זענען געגאַנגען פריער פאַר מיר: דעם האָט מען אָװעקגעשטעלט אַ נאָל, דעם אַן אײנס, יענעם האָט ער נאָך אויסגעזידלט און געװאָלט אַרויסטרײבן א. אַז. װ., א. אַז. װ. נאָר סעמיאָנאָװ און דער ערשטער גימנאַזיסט זענען, װי אַלע מאָל, רויק אַרויס און צוריקגעקומען, באַקומענדיק יעדער צו 5. איך האָב שוין פאָרגעפילט דאָס אומגליק, װען מען האָט מיך אויסגערופן צוזאַמען מיט איקאָנינען צום קלײנינקן טישעלע. אַנטקעגן װעלכן דער שרעקלעכער פּראָפעסאָר איז געזעסן אײנגאַנצן אַלײן. דער שרעקלעכער פּראָפעסאָר איז געװען אַ קלײנינקער, אַ מאָגערער, אַ געלער מענטש מיט לאַנגע פעטע האָר און מיט זײער אַ פאַרטראַכטער פיזיאָנאָמיע.

ער האָט איקאַנינען געגעבן דאָס בוך מיט די רעדעס פון ציצעראָן און געהייסן איבערזעצן.

צו מיין גרויס ווונדער האָט איקאַנין נישט נאָר איבערגעלייענט, נאָר אפילו איבערגעזעצט עטלעכע שורות מיט דער הילף פונם פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אים אונטערגעזאָגט. פילנדיק זיך העכער פאַר אַזאַ שוואַכן קאָנקורענט, האָב איך נישט געקאָנט נישט קיין שמייכל טון, און אַ ביסל פאַראַכטלעך, ווען עס איז דערגאַנגען צום אַנאַליז, און איקאָנין האָט זיך ווי פריער פאַרטיפט אין אַ באַשיינפערלעך אויסגאַנגסלאָזן שווייגן. מיט דעמדאָזיקן קלוגן, אַ ביסל שפּאָטישן שמייכל האָב איך געוואָלט געפעלן ווערן דעם פּראָפעסאָר, ס'איז אָבער אַרויסגעקומען דער היפּוך.

— איר ווייסט מסתמא בעסער, וואָס איר שמייכלט, — האָט דער פּראָפעסאָר צו מיר געזאָגט אויף אַ שלעכטער רוסישער שפּראַך. — וועלן מיר זען. נו, זאָגט איר.

שפּעטער האָב איך מיך דערוווּסט, אַז דער לאַטיינישער פּראָפעסאָר האָט פּראָטעזשירט איקאָנינען, און אַז איקאָנין האָט אפילו בײַ אים געוווינט. איך האָב תיכּף געענטפערט אויף דער פראַגע פון סינטאַקסיס, וועלכע מען האָט געשטעלט איקאָנינען, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט געמאַכט אַן אומעטיק פּנים און האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט.

— גוט, ס'וועט באַלד קומען אייער ריי אויך. וועלן מיר אויך זען, ווי ווייסט איר, — האָט ער געזאָגט, נישט קוקנדיק אויף מיר, און האָט גענומען דערקלערן איקאָנינען דאָס, וועגן וואָס ער האָט געפרעגט.

— גייט, — האָט ער צוגעגעבן; און איך האָב געזען, ווי ער האָט אין דעם העפט פון די מיינונגען אַוועקגעשטעלט איקאָנינען 4. „נו, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — איז ער דאָך גאָרנישט אַזאַ שטרענגער, ווי מען האָט געזאָגט”. נאָך איקאָנינס אַוועקגיין האָט ער אַ זיכערע מינוט פינף, וועלכע האָבן מיר אויסגעוויזן ווי פינף שעה, צונויפגעלייגט די ביכער, די בילעטן, געשנייצט די נאָז, פאַרריכט דעם פאָטעל, ברייט פונאַנדערגעלייגט זיך אויף אים, געקוקט אין זאַל, אַרום אויף די זייטן און אומעטום, נאָר נישט אויף מיר. דערדאָזיקער גאַנצער אָנשטעל איז אים פונדעסטוועגן געווען נאָך ווייניק, ער האָט אויפגעעפנט אַ בוך און געמאַכט זיך כּלומרשט ער לייענט עס, גלייך ווי איך וואָלט דאָ גאָרנישט געווען. איך האָב מיך אונטערגערוקט נענטער און אַ הוסט געטון.

— אַ, יאָ! אייך נאָך? נו, זעצט אָקאָרשט עפּעס איבער, — האָט

ער געזאָגט, דערלאַנגענדיק מיר עפּעס אַ בוך. — נאָר ניין, בעסער אָט דאָס. — ער האָט געבלעטערט דאָס בוך האָראַציוש, און אויפגעעפנט אויף אַזאַ אָרט, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז קיינער וואָלט קיינמאָל נישט געקאָנט איבערזעצן.

— איך האָב דאָס נישט געגרייט, — האָב איך געזאָגט.

— און איר ווילט ענטפערן נאָר דאָס, וואָס איר האָט געלערנט אויף אויסנווייניק, — גוט! ניין, אָט דאָס זעצט איבער.

איך האָב מיך חי נישט איז גענומען אָפּזוכן דעם טייטש, אָבער דער פּראָפעסאָר האָט אויף יעדן פרעגנדיקן בליק מיינעם געשאָקלט מיטן קאָפּ און קרעכצנדיק נאָר געענטפערט „ניין“. לסוף האָט ער פאַרמאַכט דאָס בוך אַזוי נערוועיש שנעל, אַז ער האָט פאַרהאַקט צווישן די בלע־טער זיין פינגער; ברוגז אַרויסגעריסן אים פון דאָרט, האָט ער מיר געגעבן אַ בילעט פון גראַמאַטיק און אָפּגעוואָרפן זיך אויף הינטער אויפן פאָטעל, האָט ער גענומען שווייגן אויפן שרעקלעכסטן אופן. איך האָב געוועזן אָנגעהויבן צו ענטפערן, נאָר דער אויסדרוק פון זיין געזיכט האָט מיר פאַרשמידט די צונג, און אַלץ, וואָס איך זאָל נישט זאָגן, האָט מיר אויסגעוויזן נישט דאָס.

— נישט דאָס, נישט דאָס, לגמרי נישט דאָס, — האָט ער פּלוצ־לינג אָנגעהויבן רעדן מיט זיין עקלהאַפטער אויסשפּראַך, שנעל בייטנ־דיק די לאַגע, אָנשפּאַרנדיק זיך מיטן עלנבויגן אָן טיש און שפּילנדיק מיטן גאָלדענעם רינג, וועלכער האָט זיך בא אים שוואַך געהאַלטן אויף דעם דאַרן פינגער פון דער לינקער האַנט. — אַזוי, מיינע הערן, טויג נישט צו גרייטן זיך אין אַ הויכשול; איר ווילט אַלץ נאָר טראָגן אַ מונדיר מיט אַ בלויען קאָלנער, כאַפּן עפּעס וואָס פון אויבנאויף, און איר מיינט, אַז איר קאָנט זיין סטודענטן; ניין, מיינע הערן, מען דאַרף גרינטלעך אויסשטודירן דעם לימוד, און אַז. וו., און אַז. וו.

די גאַנצע צייט פון דערדאָזיקער רעדע, וועלכע איז געזאָגט גע־וואָרן אויף אַ צעקאַליעטשעטער שפּראַך, האָב איך מיט טעמפּער אויפ־מערקזאַמקייט געקוקט אויף זיינע אַראָפּגעלאָזטע אויגן. לכתחילה האָט מיך געפּייניקט די אַנטוישונג נישט צו זיין דער דריטער, נאָכדעם די אימה אינגאַנצן נישט אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען, און לסוף איז נאָך דערצו צוגעקומען דאָס געפיל פונם באַוווסטזיין פון דער עוולה, פון דער באַליידיקטער איגנליבע און פון דער נישט־פאַרדינטער דערנידערונג; חוץ דעם האָט די פאַראַכטונג צו דעם פּראָפעסאָר דערפאַר, וואָס ער איז,

לויט מײַנע באַגריפן נישט געווען פון די מענטשן comme il faut, — וואָס איך האָב אַנטדעקט, קוקנדיק אויף זײַנע קורצע, פעסטע און קײַלעכיקע נעגל, — נאָך מער און מער צעפּלאָקערט און גיפטיק געמאַכט דידאָזיקע געפילן. אַ בליק געטון אויף מיר, און באַמערקט מײַנע ציטערדיקע ליפּן, און די אָנגעגאָסענע מיט טרערן אויגן, האָט ער מסתמא אויסגעטײַטשט מײַן אויפרעגונג ווי אַ געבעט מוסיף צו זײַן מיר צו דעם באַל, און גלײַך ווי רחמנות געהאַט אויף מיר, האָט ער געזאָגט (און נאָך אין דער אַנוועזנהייט פון אַן אַנדערן פּראָפעסאָר, וועלכער איז בשעת מעשה צוגעגאַנגען):

— גוט, איך וועל אײַך אַוועקשטעלן אַן איבערגאַנג־מיינונג (דאָס האָט געהייסן אַ צוויי) הגם איר פאַרדינט זי נישט. אָבער דאָס איז נאָר מחמת איך נעם אין באַטראַכט אײַער יוגנט און מיט דער האָפנונג, אַז אין דעם אוניווערזיטעט וועט איר שוין נישט זײַן אַזוי לײַכטזיניק.

די לעצטע פראַזע זײַנע, וועלכע איז געזאָגט געוואָרן פאַר אַ זײַטיקן פּראָפעסאָר, וועלכער האָט אויף מיר געקוקט אַזוי, גלײַך ווי ער וואָלט אויך געזאָגט: „יאָ, זעט איר. אָט, יונגערמאַן!״ — האָט מיך גאָר צעטומלט. געווען איין רגע, ווען עפּעס ווי אַ נעפּל האָט מיר פאַרדעקט די אויגן: דער שרעקלעכער פּראָפעסאָר מיט זײַן טיש האָט מיר אויסגעוויזן, ווי ער וואָלט געזעסן ערגעץ ווייט, און עס איז מיר מיט אַ שרעקלעכער אײנזײַטיקער העלקייט געקומען אויפן זינען אַ ווילדער געדאַנק: „און ווי, אויב?... וואָס וועט דערפון אַרויסקומען?״ אָבער איך האָב דאָס צוליב עפּעס נישט געטון. נאָר פאַרקערט, איך האָב אומבאַוווסטזיניק מיט אַ באַזונדער דרך ארץ פאַרנייגט זיך פאַר בײדע פּראָפעסאָרן און, לײַכט אַ שמייכל טוענדיק, דאַכט זיך מיט דעם זעלביקן שמייכל, מיט וועלכן עס האָט געשמייכלט איקאָנין, בין איך אַוועק פונם טיש.

דידאָזיקע אומגערעכטיקייט האָט אויף מיר דעמאָלט געווירקט אַזוי שטאַרק, אַז ווען איך וואָלט געווען פרײַ אין מײַנע מעשים, וואָלט איך מער נישט געגאַנגען עקזאַמענירן זיך. איך האָב פאַרלוירן יעדן חשק צו כבוד (עס איז שוין נישט געווען וואָס צו טראַכטן וועגן זײַן דעם דריטער) און די לעצטע עקזאַמענס האָב איך דורכגעמאַכט אָן שום פלײַס און אפילו אָן אויפרעגונג. אין סך־הכל האָב איך פונדעסטוועגן געהאַט

4 מיט עפּעס, אָבער דאָס האָט מיך שוין גאָרנישט אינטערעסירט: איך

האָב אַליין פאַר זיך באַשלאָסן און דערוויזן זיך עס זייער קלאָר, אַז ס'איז אויסערגעוויינלעך נאַריש און אפילו monvais genre סטאַרען זיך צו זיין דער ערשטער, מען דאַרף נאָר אַזוי, עס זאָל זיין נישט צופיל שלעכט, נישט צופיל גוט, ווי וואָלאָדיע. פאַר דעם כּלל האָב איך מיך געהאַט בדעה צו האַלטן אויך אויף ווייטער אין דעם אוניווערזיטעט; נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דעם פאַל בין איך דאָס ערשטע מאָל זיך פונאַנדערגעגאַנגען אין די מיינונגען מיט מיין פריינט.

איך האָב שוין געטראַכט נאָר וועגן מונדיר, וועגן דעם דרייעקיקן הוט, וועגן אַן אייגענעם עקיפּאַזש און דער עיקר וועגן דער אייגענער פרייהייט.

XIII.

איך בין אַ גרויסער

איבעריקנס, אויך די געדאַנקען האָבן געהאַט זייער פּראַכט.

דעם 8-טן מאַי, אומקערנדיק זיך נאָכן לעצטן עקזאַמען פון רעליגיע אַהיים, האָב איך דערווישט אַ באַקאַנטן פּעול פון ראָזאַנאָוון, וועלכער האָט נאָך פריער געבראַכט אַ לייכט צונויפגעסטריגעוועטן מונדיר און אַ סורדוט פון גלאַנציקן שוואַרצן געוואַנט מיט אַן אָפּשאַטירונג, און האָט מיט קרייט אָנגעצייכנט די לאַצן; איצט האָט ער געבראַכט אינגאַנצן פאַרטיקע בגדים מיט גלאַנציקע גאָלדענע קנעפּ, פאַרוויקלטע אין פּאַפּירלעך.

אָנגעטון דידאָזיקע בגדים און געפונען, אַז זיי זענען גרויסאַרטיק, נישט געקוקט דערויף, וואָס St.-Jerôme האָט פאַרזיכערט, אַז דער רוקן פונם סורדוט קנייטשט זיך, בין איך אַראָפּ אונטן מיט אַ זעלבסט-צופרידענעם שמייכל, וועלכער האָט זיך אַליין פון זיך אויסגעשפּרייט איבער מיין פּנים, און האָב מיך אַוועקגעלאָזט צו וואָלאָדיען, פילנדיק און בלומדשט נישט באַמערקנדיק די בליקן פון די שטוביקע, וועלכע זענען געווען מיט דאָרשטיקייט אויסגעשטעלט אויף מיר פון פאָדער-צימער און פון קאָרידאָר. — גאַוורילאָ דער הויז-פאַרוואַלטער האָט מיך

דעריאָגט אין זאַל. אָפּגעגעבן מזל-טוב מיטן אָנקומען, איבערגעגעבן לויט דעם פּאָטערס באַפעל פיר ווייסינקע פּאַפּירלעך און געזאָגט, אַז, אויך לויטן פּאָטערס באַפעל, זענען פון היינטיקן טאָג גרייט אינגאַנצן צו מיין דינסט דער קוטשער קוזמאַ, די דראָזשקע און דער רויטער קראַסאַוושיק. איך האָב מיך אַזוי דערפרייט פון דעם כמעט אומדערוואַרטן גליק, אַז איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט מאַכן קיין אָנשטעל פון גלייכגילטיקייט פאַר גאַווריִלען און, אַ ביסל פאַרלוירן זיך און פאַרכלינענדיק זיך, האָב איך געזאָגט דאָס ערשטע, וואָס מיר איז געקומען אויפן זינען. — דאַכט זיך, אַז „קראַסאַוושיק איז אַ גוטער לויפער". אַ קוק געטון אויף די קעפּ, וועלכע האָבן זיך אַרויסגערוקט פון די טירן פון פאָדערצימער און פון קאָרידאָר, מער נישט האָבנדיק קיין כוח איינצוהאַלטן זיך, בין איך מיט אַ געלויף אַוועק דורכן זאַל אין מיין נייעם סורדוט מיט די גלאַנציקע גאָלדענע קנעפּ. בשעת איך בין אַריין צו וואָלאָדיען האָבן זיך הינטער מיר דערהערט די שטימען פון דובקאָוון און פון נעכליודאָוון, וועלכע זענען געקומען גראַטולירן מיר און פאָרשלאָגן צו פאָרן ערגעץ עסן מיטאָג און טרינקען שאַמפּאַניער לכבוד מיין אָנקומען. דמיטרי האָט מיר געזאָגט, אַז כאָטש ער האָט פיינט שאַמפּאַניער, וועט ער הייַנט פאָרן, כדי אויסצוטרינקען מיט מיר אויף דו. דובקאָוו האָט געזאָגט, אַז איך בין עפּעס בכלל ענלעך אויף אַ פּולקאָווניק; וואָלאָדיע האָט מיר נישט אָפּגעגעבן קיין מזל-טוב, און האָט נאָר זייער טרוקן געזאָגט, אַז איצט קאָנען מיר שוין איבערמאָרגן פאָרן אין דאָרף. הגם ער איז צופרידן געווען פון מיין אָנקומען, אָבער ס'האָט אויסגעוויזן גלייך ווי אים וואָלט געווען אַ ביסל אומאָנגענעם, וואָס איצט בין איך שוין אויך אַזאַ גרויסער, ווי ער. St.-Jerôme, וועלכער איז אויך צו אונז געקומען, האָט געזאָגט זייער מליצהדיק, אַז זיין פליכט האָט זיך געענדיקט, אַז ער ווייסט נישט, צי גוט, צי שלעכט, האָט ער זי געטון, אָבער ער האָט געטון אַלץ, וואָס ער האָט געקאָנט, און אַז מאָרגן פאָרט ער אַריבער צו זיין גראַף. אַלס ענטפער דערויף, וואָס מען האָט צו מיר גערעדט, האָב איך געפילט, ווי קעגן מיין ווילן האָט אויף מיין געזיכט זיך צעבליט אַ זיסער, גליקלעכער, אַ ביסל נאַריש-זעלבסט-צופרידענער שמייכל, און איך האָב באַמערקט, אַז דערדאָזיקער שמייכל האָט זיך איבערגעגעבן אויך אַלעמען, ווער עס האָט מיט מיר גערעדט.

בכן האָב איך נישט קיין גוווערניאָר, איך האָב מיין אייגענע דראָזשקע, מיין נאָמען איז אָפּגעדרוקט אין דער רשימה פון די סטודענטן,

איך האָב אַ שפּאַגע אויף דער זייט, די סטאַיקאָווע קאָנען מיר אַמאָל סאַלוטירן... איך בין אַ גרויסער, איך בין, דאַכט זיך, גליקלעך.

מיטאָג עסן האָבן מיר באַשלאָסן באַם יאַר פינף אַ זייגער. נאָר היות ווי וואָלאָדיע איז אַוועקגעפאָרן צו דובקאָוון, און דמיטרי איז אויך, ווי זיין שטייגער איז, ערגעץ נעלם געוואָרן, זאָגנדיק, אַז ער האָט נאָך עפּעס אַן ענין ביז מיטאָג, על-כּן האָב איך געקאָנט די צוויי שעה צייט אויסנוצן, ווי מיר האָט זיך געוואָלט. איך בין גאַנץ לאַנג אַרומגעגאַנגען איבער אַלע צימערן און געקוקט אויף זיך אין אַלע שפּיגלען, אַמאָל אין אַ פאַרשפּילעטן סורדוט, אַמאָל אין גאָר אַ פונאַנדערגעשפּילעטן, אַמאָל אין אַ פאַרשפּילעטן אויף איין אייבערשטן קנאָפּ, און אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן גרויסאַרטיק. נאָכדעם, ווי שטאַרק איך האָב מיך נישט געשעמט אַרויסצוווייזן צו גרויסע פרייד, האָב איך זיך דאָך נישט איינגעהאַלטן, בין אַוועק אין פערדשטאַל און אין וואָגן-שפּייכלער, האָב אַ בליק געטון אויף קראַסאַוושיקן, אויף קוזמען און אויף דער דראָזשקע, נאָכדעם האָב איך מיך ווידער אומגעקערט און גענומען אַרומגיין איבער די צימערן, קוקנדיק פון צייט-צו-צייט אין די שפּיגלען און אויסרעכענענדיק דאָס געלט אין קעשענע, און אַלץ אַזוי גליקלעך שמייכלענדיק. פונדעסטוועגן איז נישט אַריבער קיין שעה צייט, ווי איך האָב דערפילט אַ געוויסע אומעטיקייט, אָדער אַ באַדויערן, וואָס קיינער זעט מיך נישט אין אַזאַ גלענצנדן צושטאַנד, און מיר האָט זיך פאַרגלוסט באַוועגונג און טעטיקייט. מחמת דעם האָב איך געהייסן איינשפּאַנען די דראָזשקע און איך האָב באַשלאָסן, אַז בעסער פאַר אַלץ איז, כ'זאָל צופאָרן אויף קוזנעצקי-מאָסט איינקויפן פאַרשידענע זאַכן.

איך האָב מיך דערמאַנט, אַז בעתן אָנקומען אין דעם אוניווערזיטעט האָט וואָלאָדיע זיך געקויפט וויקטאָר אַדאַמס ליטאָגראַפיעס פון פערד, טאַבאַק און לולקעס, און מיר האָט אויסגעוויזן, אַז ס'איז נייטיק, איך זאָל אויך טון דאָס זעלביקע.

אונטער די בליקן, וואָס זענען אויף מיר געווענדט געווען פון אַלע זייטן און אונטער דעם העלן גלאַנץ פון דער זון אויף מיינע קנעפּ, אויף דער קאָקאַרדע פון מיין הוט און אויף מיין שפּאַגע, בין איך געקומען צו פאָרן אויף קוזנעצקי-מאָסט און האָב מיך אָפּגעשטעלט לעבן דאַציאַראָס בילדער-געשעפט. אַרומקוקנדיק זיך אויף אַלע זייטן, בין איך אַריין דערין. איך האָב נישט געוואָלט קויפן וו. אַדאַמס פערד, כּדי מען זאָל מיר נישט קאָנען אויפוואַרפן, אַז איך מאַך נאָך, ווי אַ מאַלפּע, וואָלאָדיען,

נאָר מחמת חרפּה, צוליב דער אומרויקייט, וואָס איך פאַרשאַף דעם דינסט-גרייטן אָנגעשטעלטן, איילנדיק זיך אויסצוקלויבן וואָס גיכער, האָב איך גענומען אַ גוֹאַשן פּרויענקעפּל, וואָס איז געשטאַנען אויפן פענצטער, און האָב פאַר דעם באַצאָלט צוואַנציק רובל. פונדעסטוועגן, נאָכדעם ווי איך האָב באַצאָלט אין מאַגאַזין צוואַנציק רובל, איז אַלץ נאָך דאָס געוויסן געווען בײַ מיר נישט רויק דערפאַר, וואָס איך האָב באַאומרויקט די צווייער־אָנגעטוענע מאַגאַזין־אָנגעשטעלטע מיט אַזעלכע קלייניקייטן, און דערצו האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיי קוקן נאָך אויף מיר אַלץ צופיל גרינגשעציק. װעלנדיק לאָזן זיי דערפילן, ווער בין איך אַזוינער, האָב איך געווענדט מײַן אויפמערקזאַמקייט אויף אַ זילבערן חפץ, וועלכעס איז געלעגן אונטער אַ גלאָז, און, דערוווּסט זיך, אַז דאָס איז געווען אַ porte-crayon, וואָס קאָסט אַכצען רובל, האָב איך געבעטן פאַרוויקלען אים אין אַ פּאַפּירל. און באַצאָלט דאָס געלט און דערוווּסט זיך נאָך, אַז גוטע ציבעקעס און טאַבאַק קאָן מען קריגן דאָ דערבײַ אין טאַבאַק-מאַגאַזין, האָב איך מיך איידל פאַרנייגט פאַר ביידע אָנגעשטעלטע און בין אַרויס אויף דער גאַס מיט דעם בילד אונטער דער פּאַכווע. אין דעם דערבײַיאיקן מאַגאַזין, וואָס אויף זײַן שילד איז געווען אויסגעמאָלט אַ נעגער, וועלכער רייכערט אַ ציגאַר, האָב איך געקויפט, אויך מחמת איך האָב קיינעם נישט געוואָלט נאָכמאַכן, נישט זשוקאָווס, נאָר סולטאַנישן טאַבאַק, אַ סטאַמבולישע ליולקע און צוויי ליפּאָווע און ראָזע ציבעקעס. אַרויסגעגאַנגען פונעם מאַגאַזין צו דער דראָזשקע, האָב איך דערזען סעמיאָנאָוון, וועלכער איז אין אַ ציווילן סורדוט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט גיכע טריט געגאַנגען איבערן טראָטואַר. מיר איז געווען פאַרדראָסיק, וואָס ער האָט מיך נישט דערקענט. איך האָב גאַנץ הויך אַ זאָג געטון „דערלאַנג!" און, אַרײַנגעזעצט זיך אין דער דראָזשקע, האָב איך דעריאָגט סעמיאָנאָוון.

— גוט מאָרגן, — האָב איך צו אים געזאָגט.

— גוט יאָר, — האָט ער געענטפערט, גייענדיק ווייטער.

— פאַרוואָס זשע זענט איר נישט אין מונדיר? — האָב איך געפרעגט.

סעמיאָנאָוו האָט זיך אָפּגעשטעלט, פאַרזשמורעט די אויגן, און, אַנטפּלעקט זײַנע ווײַסע ציין, גלײַך ווי אים וואָלט ווי געטון צו קוקן אויף דער זון, אָבער אין דער אמתן כדי אַרויסצווײַזן זיך גלײַכגילטיק

צו מיין דראָזשקע און צו מיין מונדיר, האָט ער שוויגנדיק אַ בליק געטון אויף מיר און איז אַוועק ווייטער.

פון קוזנעצקי־מאָסט בין איך פאַרפאָרן אין אַ קאָנדיטעריי אויף טווערסקאַיאַ און, הגם איך האָב געוואָלט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אין דער קאָנדיטעריי אינטערעסירן מיך דער עיקר די צייטונגען, האָב איך מיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב גענומען עסן איין זיסע טשאַסטקע נאָך דער צווייטער. נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב מיך געשעמט פאַר דעם הער, וועלכער האָט פון הינטער אַ צייטונג נייגיריק געוואָרפן בליקן אויף מיר, האָב איך אויסערגעוויינלעך גיך אויפגעגעסן אַ טשאַסטעס אכט פון אַלע מינים, וועלכע זענען נאָר געווען אין דער קאָנדיטעריי.

געקומען צו פאָרן אַהיים, האָב איך דערפילט, אַז עס ברענט מיר אַ ביסל אויפן האַרץ; אָבער, נישט לייגנדיק דערויף קיין שום אַכט, האָב איך מיך גענומען באַטראַכטן די קניהס, פון וועלכע דאָס בילד איז מיר אַזוי נישט געפעלן געוואָרן, אַז איך האָב עס קנאַפּ וואָס נישט אַריינגעשטעלט אין קיין ראַם און נישט אויפגעהאָנגען אין מיין צימער, ווי וואָלאָדיע, נאָר אפילו זאָרגעוודיק באַהאַלטן הינטערן קאָמאָד, ווו קיינער זאָל עס נישט קאָנען זען. דער Porte-crayon איז מיר אינדערהיים אויך נישט געפעלן געוואָרן, איך האָב אים אַריינגעלייגט אין טיש, טרייסטנדיק זיך פונדעסטוועגן מיט דעם געדאַנק, וואָס דאָס איז אַ זילבערן חפץ, אַ קרן־זאַך, און פאַר אַ סטודענט זייער אַ נייטיקע. נאָר די רייכער־פּרעפּאַראַטן האָב איך באַשלאָסן תיכף אויפן אָרט צו לאָזן אין געברויך און אויספּרובירן.

אויפגעעפנט דאָס פּערטעלע, זאָרגעוודיק אָנגעפילט די ליולקע מיט רויט־געלן דין־געבראָקטן טאַבאַק, האָב איך אין איר אַריינגעלייגט פייער, און, גענומען דעם ציבעק צווישן מיטלסטן פינגער און דעם צווייטן פון קליינינקן (אַ לאַגע פון דער האַנט, וואָס איז מיר באַזונדערס געפעלן געווען), האָב איך אָנגעהויבן ציען דעם רויך.

דער ריח פונם טאַבאַק איז געווען זייער אָנגענעם, אָבער אין מויל איז געווען ביטער, און עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. פונדעסטוועגן האָב איך איבער זיך געמאַכט אַ כוח און גאַנץ לאַנג געצויגן אין זיך דעם רויך, געפּרוווט לאָזן רעדער און פאַרציען זיך. דאָס צימער איז באַלד פיל געוואָרן מיט בלוילעכע וואָלקנס רויך. די ליולקע האָט גענומען הייזעריק פּייפן, דער הייסער טאַבאַק — אונטערשפּרינגען, און אין מויל האָב איך דערפילט אַ ביטערניש, און דער קאָפּ האָט זיך אַ ביסל פאַר־

דרייט. איך האָב שוין געוואָלט אויפהערן, נאָר אַ בליק טון אויף זיך מיט דער ליולקע אין שפּיגל, ערשט איך האָב מיך, צו מיין באַווונדערונג, אָנגעהויבן וואַקלען אויף די פיס; דאָס צימער האָט זיך גענומען דרייען. און, אַ בליק געטון אין שפּיגל, צו וועלכן איך בין קוים צוגעגאַנגען, האָב איך דערזעען, אַז מיין פּנים איז געווען בלאַס, ווי לייוונט. איך האָב קוים באַוויזן אַנידערצופאַלן אויף דעם דיוואַן, איז מיר שוין געוואָרן אַזוי איבלדיק און כ'האָב דערפילט אַזאַ שוואַכקייט, אַז, מיינענדיק, אַז די ליולקע איז פאַר מיר טויט-שעדלעך, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז איך שטאַרב אַוועק. איך האָב מיך ערנסט איבערגעשראָקן, און געוואָלט שוין רופן מענטשן צו הילף און שיקן נאָך אַ דאָקטאָר.

אָבער די מורא האָט פונדעסטוועגן נישט לאַנג געדויערט. איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס איז די מעשה, און מיט אַ שרעקלעכער קאָפּ-ווייטיק, אַן אָפּגעשוואַכטער בין איך לאַנג געלעגן אויפן דיוואַן און האָב מיט טעמפּער אויפמערקזאַמקייט געקוקט זיך אויף באַסטאַנזשאָגלאָס הערב, וואָס איז אויסגעמאָלט געווען אויף דעם פּעקל טאַבאַק, אויף דער ליולקע, וועלכע האָט זיך געוואַלגערט אויף דער פּאָדלאָגע, אויף די אויסגערייכערטע שטיקלעך און אויף די רעשטלעך פון די טשאַסטעס, און האָב מיט אַנטוישונג אומעטיק געטראַכט: „אפשר איך בין נאָך נישט אינגאַנצן קיין גרויסער, וויבאַלד אַז איך קאָן נישט רייכערן, ווי אַנדערע, האַלטן דעם ציבעק צווישן דעם מיטלסטן פינגער און מיט דעם צווייטן פון קליינינקן, פאַרציען זיך און לאָזן דעם רויך צווישן די בלאָנדע וואָנסעס".

פאַרפאָרן נאָך מיר אַרום פינף אַ זייגער, האָט דמיטרי מיך געפונען אין דערדאָזיקער אומאָנגענעמער לאַגע. אויסגעטרונקען אַ גלאָז וואַסער, בין איך פונדעסטוועגן כמעט צו זיך געקומען און בין גרייט געווען צו פאָרן מיט אים.

— וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן האָט איר פון רייכערן? — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק אויף די שפּורן פון מיין רייכערן; — דאָס זענען אַלץ נאַרישקייטן און אומזיסטע הוצאות. איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרט נישט צו רייכערן... נאָר לאָמיר גיכער פאָרן. מען דאַרף נאָך פאַרפאָרן נאָך דובקאָוון.

XIV.

מיט וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט וואָלאָדיע מיט דובקאָוון

ווי נאָר דמיטרי איז אַריין צו מיר אין צימער, האָב איך נאָך זיין פנים, גאַנג און נאָך דעם זשעסט, וואָס ער האָט געהאַט אַ טבע צו מאַכן בשעת אַ שלעכטער לוין — ווינקענדיק מיטן אויג, הייבן מיט אַ גרימאַסע דעם קאָפּ אויף דער לינקער זייט, גלייך ווי צו פאַרריכטן דעם האַלזטוך, — פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך אין זיין קאַלט-איינגעשפּאַרטער שטימונג, וועלכע פלעגט אויף אים אָנפאַלן, ווען ער איז געווען אומצופרידן מיט זיך, און וועלכע פלעגט האָבן אַן אָפּקילנדיקע ווירקונג אויף מיין געפיל צו אים. די לעצטע צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן באַאָבאַכטן און משפטן דעם כאַראַקטער פון מיין פריינט, אָבער צוליב דעם האָט זיך אונזער פריינטשאַפט קיין קאָפּ נישט געענדערט. זי איז נאָך געווען אַזוי יונג און שטאַרק, אַז פון וואָסער זייט איך זאָל נישט קוקן אויף דמיטרין, האָב איך אים נישט געקאָנט נישט זעען אַנדערש ווי אַ פולקאָמענהייט. אין אים זענען געווען צוויי פאַרשידענע מענטשן, וואָס ביידע זענען זיי פאַר מיר געווען גרויסאַרטיק. איינער, וועלכן איך האָב הייס געליבט, אַ גוטער, אַ פריינטלעכער, אַ שטילער, אַ פריילעכער און מיט דעם באַוווסטזיין פון דידאָזיקע ליבלעכע מעלות. ווען ער פלעגט זיך געפינען אין דערדאָזיקער שטימונג, האָט די גאַנצע אויסערלעכקייט זיינע, דער קלאַנג פון דער שטימע, אַלע זיינע באַוועגונגען, דאַכט זיך, גערעדט: „איך בין שטיל, איך בין ווילטעטיק, כ'האָב תענוג דערפון, וואָס איך בין שטיל און ווילטעטיק, און איר אַלע קאָנט עס זעען“. דער צווייטער — וועלכן איך האָב ערשט איצט אָנגעהויבן דערקענען, און וואָס פאַר זיין גרויסקייט האָב איך מיך געבויגן. — איז געווען אַ מענטש, אַ קאַלטער, אַ שטרענגער צו זיך און צו לייטן, אַ שטאָלצער, אַ רעליגיעזער ביז פאַנאַטיזם און אַ פּעדאַנטיש-מאָראַלישער. אין איצטיקער רגע איז ער געווען דער צווייטער מענטש.

מיט אָפנהאַרציקייט, וועלכע איז געווען דער צווייטער נויטווענדי-

קער תּנאי פון אונזערע באַציונגען, האָב איך אים געזאָגט, בשעת מיר האָבן זיך געזעצט אין דער דראָזשקע, אַז מיר איז געווען אומעטיק און ווייטיקלעך צו זעען אים אין היינטיקן פאַר מיר גליקלעכן טאָג אין אַזאַ שווערער אומאַנגענעמער פאַר מיר שטימונג.

— מסתּמא האָט אייך עפּעס צערודערט: פאַרוואָס זאָגט איר מיר נישט? — האָב איך אים געפרעגט.

— ניקאָלינקע! — האָט ער געענטפערט נישט איילנדיק, נערוועיש קערנדיק דעם קאָפּ אויף אַ זייט און צווינקענדיק. — אויב איך האָב געגעבן אַ וואָרט, אַז איך וועל פון אייך גאָרנישט נישט באַהאַלטן, האָט איר נישט קיינע סיבות חושד צו זיין, אַז איך באַהאַלט פון אייך עפּעס. מען קאָן נישט אַלע מאָל זיין אין דער זעלביקער שטימונג, און אויב מיך האָט עפּעס צערודערט, קאָן איך זיך אַליין קיין חשבון נישט אָפּגעבן אין וואָס.

„סאַר אַ ווונדערלעך אָפענער, ערלעכער כאַראַקטער", האָב איך אַ טראַכט געטון און מער מיט אים נישט גערעדט.

מיר זענען שווייגנדיק געקומען צו פאָרן צו דובקאָוון. דובקאָווס קוואַרטיר איז געווען אומגעווייגלעך שיין, אָדער עס האָט זיך מיר גע-דאַכט, אַז זי איז אַזאַ. אומעטום זענען געווען קאָבריצעס, בילדער, גאַר-דינען, בונטע טאַפּעטן, פּאָרטרעטן, אויסגעבויגענע פאָטעלן, וואָלטערישע פאָטעלן, אויף די ווענט זענען געהאָנגען ביקסן, פּיסטוילן, טאַבאַק-בייטע-לעך און עפּעס קאַרטאָנענע קעפּ פון חיות. דערזעענדיק דעמדאָזיקן קאַ-בינעט, האָב איך פאַרשטאַנען, וועמען מאַכט וואָלאָדיע נאָך אין דער אויסשטאַטונג פון זיין צימער. מיר האָבן דובקאָוון מיט וואָלאָדיען דער-וישט באַ די קאָרטן. עפּעס אַן אומבאַקאַנטער פאַר מיר הער (מסתּמא, נישט קיין וויכטיקער, משפּטנדיק לויט זיין באַשיידענער לאַגע) איז גע-זעסן לעבן טיש און האָט זייער אויפמערקזאַם געקוקט אויף דעם שפּיל. דובקאָוו אַליין איז געווען אין אַ זיידענעם שלאָפראָק און אין ווייכע שיך. וואָלאָדיע, אָן אַ סורדוט, איז געזעסן אַנטקעגן אים אויפן דיוואַן און איז, משפּטנדיק לויט זיין רויט-געוואָרענעם פּנים און דעם אומצופרידענעם, שנעלן בליק, וועלכן ער האָט אויף אַ רגע אָפּגעריסן פון די קאָרטן און אַ וואָרף געטון אויף אונז, געווען זייער פאַרנומען מיט דעם שפּיל. דער-זעענדיק מיך, איז ער נאָך מער רויט געוואָרן.

— איצט דאַרפסטו געבן, — האָט ער געזאָגט צו דובקאָוון. איך

האָב פאַרשטאַנען, אַז אים איז געווען נישט אָנגענעם, וואָס איך האָב מיך דערוווּסט וועגן דעם, וואָס ער שפּילט אין קאָרטן. אָבער אין זיין אויסדרוק איז נישט קענטיק געווען קיין צעמישטקייט. ער האָט צו מיר גלייך ווי געזאָגט: „יאָ, איך שפּיל, און דו וווּנדערסט זיך דערויף נאָר דערפאַר, וואָס דו ביסט נאָך יונג. דאָס איז נישט נאָר נישט שלעכט, נאָר אַזוי דאַרף עס זיין אין אונזערע יאָרן".

איך האָב עס גלייך דערפילט און פאַרשטאַנען.

פונדעסטוועגן האָט דובקאָוו די קאָ־טן נישט געגעבן, נאָר ער איז אויפגעשטאַנען, אַ דריק געטון אונז די הענט, אוועקגעזעצט און פאַרגע־לייגט ליולקעס, פון וועלכע מיר האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

— איז אָט איז ער, אונזער דיפּלאָמאַט, דער שולדיקער פון דעם יום־טוב. — האָט דובקאָוו געזאָגט, — איך שווער בײַ גאָט, שרעקלעך ענלעך אויף אַ פּולקאָווניק.

— הם! — האָב איך אַ מרוקע געטון, ווידער פילנדיק, ווי אויף מיין פּנים גיסט זיך פונאַנדער דער נאַריש־זעלבסטצופרידענער שמייכל.

איך האָב דובקאָוון געאַכט, ווי נאָר עס קאָן אַ זעכצניעריק ייִנגל אַכטן אַ זיבנאונצוואַנציקיעריקן אַדיוטאַנט, וועגן וועלכן דערוואַקסענע רעדן, אַז ער איז אַן אויסערגעוויינלעך אָנשטענדיקער מענטש, וואָס טאַנצט אויסגעצייכנט, רעדט פראַנצויזיש און וואָס פאַראַכטנדיק אין האַרץ מיין יונגקייט, סטאַרעט ער זיך באַשיינפּערלעך דאָס צו באַהאַלטן.

נישט געקוקט אויף גאָר דער אַכטונג מיינער, איז מיר די גאַנצע צייט פון אונזער באַקאַנטשאַפט, גאָט ווייסט פאַרוואָס, שווער און אומהיימ־לעך געווען צו קוקן אים אין די אויגן. און שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז עס איז מיר אומהיימלעך צו קוקן אין די אויגן דריי מינים מענטשן — די, וועלכע זענען פיל ערגער פאַר מיר, — די, וועלכע זענען פיל בעסער פאַר מיר, און די, וואָס מיר קאָנען זיך נישט באַשליסן איינער דעם אַנדערן זאָגן אַ זאַך, וואָס מיר ביידע ווייסן. ס'קאָן זיין, דובקאָוו איז טאַקע געווען בעסער, ס'קאָן זיין, אַז ערגער פאַר מיר, נאָר זיכער איז געווען דאָס, אַז ער האָט זייער אָפט געליייקנט, נישט מודה זייענדיק זיך אין דעם, אַז איך האָב אין אים באַמערקט דידאָזיקע שוואַכקייט, און, פאַרשטייט זיך, איך האָב מיך נישט באַשלאָסן אים צו זאָגן דאָס.

— לאָמיר שפּילן נאָך אַ קעניג, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, הייבנ־דיק דעם אַקסל, ווי דער פאָטער, און טאַשנדיק די קאָרטן.

— אָט ווי ער שטייט צו! — האָט דובקאָוו געזאָגט, — מיר וועלן שפּעטער ענדיקן שפּילן. איבעריקנס - נאָך אײנעם — גיב.

אין דער צייט, ווען זיי האָבן געשפּילט, האָב איך אכטונג געגעבן אויף זייערע הענט. וואָלאָדיע האָט געהאַט אַ גרויסע אַ שיינע האַנט, די אָפּטיילונג פון דעם גרעסערן פינגער און דער בייג פון די איבעריקע, בשעת ער האָט געהאַלטן די קאָרטן, זענען געווען אַזוי ענלעך צו דעם פאָטערס האַנט, אַז עס איז געווען אַ צייט, ווען מיר האָט זיך געדאַכט, אַז וואָלאָדיע האַלט אַזוי די הענט בכיוון, כדי צו זיין ענלעך אויף אַ גרויסן. אָבער, אַ קוק געטון אויף זיין פּנים, האָט מען גלייך געזעען, אַז ער טראַכט וועגן גאָרנישט, אויסער דעם שפּיל. בּאַ דובקאָוון, פאַרקערט, זענען די הענט געווען קליינינקע, פּוכקע, אינעווייניק אַריין פאַרבויגענע, אויסער־געוויינלעך פלינקע, מיט ווייכע פינגער; טאָקע דאָס מין הענט, אויף וועלכע עס געפינען זיך רינגען און וועלכע געהערן צו מענטשן מיט אַ נטיה צו האַנט־אַרבעטן און וואָס האָבן ליב צו האָבן שיינע זאַכן.

מסתמא האָט וואָלאָדיע פאַרשפּילט, מחמת דער הער, וואָס האָט געקוקט אין זיינע קאָרטן, האָט געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז וולאַדימיר פּעטראָוויטשן גייט זייער נישט, און דובקאָוו האָט אַרויסגענומען דעם פּאָרטפעל, דאָרט עפּעס אַריינגעשריבן און, באַוויזן דאָס פאַרשריבענע וואָלאָדיען, געזאָגט: „אַזוי?"

— אַזוי! — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, כלומרשט אַ קוק טוענדיק אין נאָטיץ־ביכל, — איצט לאָמיר פאָרן.

וואָלאָדיע האָט געפירט דובקאָוון, מיך האָט געפירט דמיטרי אין זיין פּאַעטאָן.

— אין וואָס האָבן זיי געשפּילט? — האָב איך געפרעגט בּאַ דמיטרין.

— אין פּיקעט. אַ נאַרישער שפּיל, און בכלל איז שפּילן אַ נאַרישע זאַך.

— און זיי שפּילן אויף גרויס געלט?

— נישט אויף קיין גרויס, אָבער נישט גוט.

— און איר שפּילט נישט?

— ניין, איך האָב געגעבן אַ וואָרט נישט צו שפּילן, און דובקאָוו קאָן אַנדערש נישט, ווי בּאַ עמעצן געווינען.

— דאָס איז דאָך נישט גוט פון זיין זייט, — האָב איך געזאָגט, — וואָלאָדיע שפּילט, מסתמא, ערגער פון אים?

— פאַרשטייט זיך, נישט גוט. אָבער קיין באַזונדער שלעכטס איז דאָ נישטאָ. דובקאָוו האָט ליב צו שפּילן און קאָן שפּילן, און פונדעסט־וועגן איז ער אַן אויסגעצייכנטער מענטש.

— איך האָב גאָרנישט געטראַכט... — האָב איך געזאָגט.

— און מען קאָן וועגן אים קיין שום שלעכטס נישט טראַכטן, מחמת ער איז באמת אַ פיינער מענטש. און איך האָב אים זייער ליב און וועל אים אַלעמאָל ליבן, נישט געקוקט אויף זיינע שוואַכקייטן.

מיר האָט זיך עפּעס געדאַכט, אַז דווקא דערפאַר, וואָס דמיטרי נעמט זיך אַזוי הייס אָן פאַר דובקאָוון, האָט ער אים שוין נישט ליב געהאַט און נישט געאַכט, נאָר ער האָט זיך אין דעם נישט מודה געווען אויס עקשנות און כדי קיינער זאָל אים נישט קאָנען פאָרוואַרפן, אַז ער איז נישט קיין אויסגעהאַלטענער. ער איז געווען איינער פון יענע מענטשן, וועלכע ליבן זייערע פריינט אויפן גאַנצן לעבן נישט אַזוי דערפאַר, וואָס דידאָזיקע פריינט בלייבן פאַר זיי שטענדיק ליבלעך, ווי דערפאַר, וואָס איינמאָל, אפילו על פי טעות, ליב געקריגן אַ מענטש, האַלטן זיי פאַר אַן אומכבוד אויפהערן אים ליב צו האָבן.

XV.

מען גראַטולירט מיר

דובקאָוו און וואָלאָדיע האָבן באַם יאַר געקענט אַלע מענטשן מיט די נעמען, און פון דעם שווייצאַר ביזן באַלעבאָס האָבן אַלע אַרויסגעוויזן צו זיי גרויס אַכטונג. מען האָט אונדז גלייך געגעבן אַ באַזונדער צימער, און מען האָט דערלאַנגט עפּעס אַ ווונדערלעך מיטאָג, וועלכעס דובקאָוו האָט אויסגעקליבן לויט אַ פראַנצויזישער קאַרטע. אַ פלאַש פאַרפרוירע־נעם שאַמפּאַניער, אויף וועלכער איך האָב מיך געסטאַרעט צו קוקן וואָס גלייכגילטיקער, איז שוין געווען צוגעגרייט. דאָס מיטאָג איז דורכגעגאַנגען זייער אָנגענעם און פריילעך, נישט געקוקט דערויף, וואָס דובקאָוו האָט לויט זיין געוווינהייט דערציילט די סאַמע משונהדיקע, כלומרשט אמתע צופאַלן, אגב, — ווי זיין באָבעשי האָט פון אַ מושקעטאָן דערהרגעט

דריי גזלנים, וועלכע זענען אויף איר אָנגעפאַלן (דערביי בין איך רויט געוואָרן און, אַראָפּגעלאָזט די אויגן, מיך אָפּגעקערט פון אים), און נישט געקוקט דערויף, וואָס וואָלאָדיע האָט באַשיינפּערלעך יעדעס מאָל מורא געהאַט, ווען איך האָב עפּעס אָנגעהויבן צו רעדן, (וואָס עס איז געווען אײַנגאַנצן אומזיסט, מחמת איך האָב, אויף וויפיל איך געדענק, נישט געזאָגט קיין באַזונדער מיאוסע זאַך). ווען מען האָט דערלאַנגט שאַמפּאַניער, האָבן אַלע אָפּגעגעבן מיר מזל טוב, און איך האָב אויסגעטרונקען איבער דער האַנט אויף „דו“ מיט דובקאָוון און מיט דמיטרין און האָב מיך מיט זיי צעקושט. אַזוי ווי איך האָב נישט געוווּסט, וועמען געהערט די דערלאַנגטע פלאַש שאַמפּאַניער (זי איז געווען אַן אַלגעמיינע, ווי מען האָט מיר נאָכדעם דערקלערט), און איך האָב געוואָלט מכבד זיין די חברים פאַר מיין געלט, וואָס איך האָב כסדר געטאַפּט אין קעשענע, האָב איך שטילינקערהייט אַרויסגענומען אַ צענרובלדיק פּאַפּירל און, צוגערופן צו זיך דעם מענטש, בעגעבן אים דאָס געלט און שעפּטשענדיק, נאָר אַזוי, אַז אַלע האָבן געהערט, ווייל זיי האָבן אויף מיר שווייגנדיק געקוקט, געזאָגט, אַז ער זאָל געפעליקסט ברענגען שוין נאָך אַ האַלב פלעשעלע שאַמפּאַניער. וואָלאָדיע איז אַזוי רויט געוואָרן, האָט זיך גענומען אַזוי הייבן און קוקן אויף מיר און אויף אַלעמען, אַז איך האָב דערפילט סאַר אַ פעלער איך האָב געמאַכט, אָבער אַ האַלב פלעשל האָט מען געבראַכט, און מיר האָבן עס אויסגעטרונקען מיט גרויס פאַרגעניגן. עס האָט ווייטער אויסגעוויזן זייער פריילעך. דובקאָוו האָט געפּראָוועט ליגנס אָן אויפהער, און וואָלאָדיע האָט אויך דערציילט אַזעלכע לעכערלעכע זאַכן און אַזוי גוט, אַז איך האָב עס בשום אופן פון אים נישט דערוואַרט. און מיר האָבן פיל געלאַכט. דער כאַראַקטער פון זייער קאָמיזם, ד. ה. פון וואָלאָדיעס און דובקאָווס, איז באַשטאַנען אין נאָכמאַכן און פאַרשטאַרקן אַ באַוווּסטן אַנעקדאָט: „וואָס, איר זענט געווען אין אויסלאַנד?“ זאָגט כלומרשט איינער. — „ניין, כ׳בין נישט געווען — ענטפערט דער צווייטער, — נאָר מיין ברודער שפּילט פידל“. זיי זענען אין דעם מין קאָמיזם דערגאַנגען צו אַזאַ פולקאָמהייט, אַז זיי האָבן שוין דעם אַנעקדאָט גופא דערציילט אַזוי, אַז „מיין ברודער האָט אויך קיינמאָל נישט געשפּילט קיין פידל“. אויף יעדער פראַגע האָבן זיי איינער דעם אַנדערן געענטפערט אויף דעם שטייגער און אַמאָל גאָר אָן אַ פראַגע האָבן זיי זיך נאָר געמיט צו פאַרייניקן צוויי סאַמע נישט געשטויגענע זאַכן, האָבן גערעדט דידאָזיקע זינלאָזיקייטן מיט אַן ערנסט פּנים, — און עס איז

אַרויסגעקומען זייער לעכערלעך. איך האָב אָנגעהויבן פֿאַרשטיין, אין וואָס דאָ גייט, און האָב אויך געוואָלט דערציילן אַ לעכערלעכע זאַך, נאָר אַלע האָבן מיט מורא געקוקט אויף מיר, אָדער מען האָט זיך געסטאַרעט נישט צו קוקן אויף מיר אין דער צייט, ווען איך האָב גערעדט, און מיין אַנעקדאָט איז נישט אַרויסגעקומען. דובקאָוו האָט געזאָגט: „פֿאַרפּלאָנטערט זיך, ברודער, דיפּלאָמאַט", נאָר מיר איז געווען אַזוי אָנגענעם פֿון דעם אויסגעטרונקענעם שאַמפּאַניער און פֿון דער געזעלשאַפֿט פֿון די גרויסע, אַז דידאָזיקע באַמערקונג האָט מיר קוים-קוים אַ ראַך געטון. נאָר איין דמיטרי איז געבליבן אין זיין שטרענגער, ערנסטער שטימונג, וועלכע האָט אַ ביסל איינגעצוימט די אַלגעמיינע פֿריילעכקייט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געטרונקען גלייך מיט אונז.

— נו, הערט, מיינע הערן, — האָט געזאָגט דובקאָוו, — נאָך מיטאָג דאַרף מען דאָך דעם דיפּלאָמאַט אַריינגעמען אין די הענט. אפֿשר זאָלן מיר אַריבערפֿאָרן צו דער מ ו מ ע ן, דאָרט וועלן מיר שוין מיט אים מאַכן אַ טאָלק.

— נעכליודאָוו וועט דאָך נישט פֿאָרן, — האָט געזאָגט וואָלאָדיע.

— אומדערטרעגלעכער תּם! דו, אומדערטרעגלעכער תּם! — האָט דובקאָוו געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו אים, פֿאָר מיט אונז, דו וועסט זען, אַז די מומע איז אַן אויסגעצייכנטע דאַמע.

— נישט נאָר איך וועל נישט פֿאָרן, נאָר איך וועל אים אויך מיט אייך נישט לאָזן, — האָט דמיטרי געענטפֿערט רויט ווערנדיק.

— וועמען? דעם דיפּלאָמאַט? דו ווילסט דאָך דיפּלאָמאַט? זע, ער האָט אפֿילו אָנגעהויבן שיינען אינגאַנצן, ווי נאָר מען האָט גענומען רעדן וועגן דער מומען.

— ס'הייסט, נישט איך וועל אים נישט לאָזן, — האָט דמיטרי ווייטער גערעדט, אויפֿשטייענדיק פֿון אָרט און אָנהייבנדיק אַרומצוגיין איבערן צימער, נישט קוקנדיק אויף מיר, — נאָר איך ראָט אים נישט, און איך וויל נישט, ער זאָל פֿאָרן. ער איז איצט נישט קיין קינד, און אויב ער וויל, קאָן ער אַליין אָן אייך פֿאָרן. און דיר דאַרף עס זיין מיאוס, דובקאָוו; אַז דו טוסט נישט גוט, ווילסטו, אַז אַנדערע זאָלן אויך אַזוי טון.

— וואָס-זשע איז דאָ שלעכטס, — האָט געזאָגט דובקאָוו, ווינקענדיק צו וואָלאָדיען, — וואָס איך לאַד אייך אַלעמען איין צו דער מומעש-

אויף אַ גלאָז טיי? מילא, אויב דיר איז נישט אָנגענעמ, וואָס מיר פאָרן, איז ביטע זייער. איך פאָר מיט וואָלאָדיען. וואָלאָדיע, דו פאָרסט?

— המם, המם! — האָט וואָלאָדיע געזאָגט מיט הסכמה, — מיר וועלן אַ פאָר טון אַהין, און נאָכדעם וועלן מיר זיך אומקערן צו מיר, און מיר וועלן פאָרזעצן דעם פּיקעט.

— וװי. דו ווילסט פאָרן מיט זיי, צי נישט? — האָט דמיטרי געזאָגט, צוגייענדיק צו מיר.

— ניין, — האָב איך געענטפערט, אָפּרוקנדיק זיך אויפן דיוואַן, כּדי צו מאַכן פאַר אים לעבן מיר אַן אָרט, אויף וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעזעצט. — איך וויל אַזוי אויך נישט, און אַז דו ראַטסט נישט, וועל איך בשום אופן נישט פאָרן. — ניין, — האָב איך נאָכדעם צוגע-געבן, — איך זאָג נישט קיין אמת, אַז מיר ווילט זיך מיט זיי נישט פאָרן; איך בין אָבער צופרידן, וואָס איך וועל נישט פאָרן.

— איז אויסגעצייכנט, — האָט ער געזאָגט. — לעב אויף דיין שטייגער, און טאַנץ נישט נאָך קיינעמס פייפל. דאָס איז בעסער פאַר אַלץ.

דידאָזיקע קליינע מחלוקת האָט נישט נאָר נישט צעשטערט אונזער פאַרגעניגן, נאָר זי האָט עס נאָך פאַרגרעסערט. דמיטרי איז פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין מיין געליבטער שטימונג. אַזאַ רושם האָט אויף אים געמאַכט, ווי איך האָב שפּעטער נישט איינמאָל באַמערקט, דאָס באַוווּסט-זיין פון אַ גוטן טאַט. ער איז איצט געווען צופרידן מיט זיך דערפאַר, וואָס ער האָט מיך באַשיצט. ער איז געוואָרן אויסערגעוויינלעך פריילעך, האָט געפאָדערט נאָך אַ פלאַש שאַמפּאַניער (וואָס עס איז געווען קעגן זיינע פּרינציפּן), האָט אַריינגערופן אין אונזער צימער עפּעס אַן אומבאַ-קאַנטן הער און גענומען אָנטרינקען אים, האָט געזונגען Gaudeamus igitur, געבעטן, אַז אַלע זאָלן אים אונטערהאַלטן און פאָרגעלייגט פאָרן אין סאָקאָלניקי דורכפאָרן זיך, אויף וואָס דובקאָוו האָט געמאַכט די באַמערקונג, אַז דאָס איז צופיל סענטימענטאַל.

— לאָמיר היינט פריילעך זיין, — האָט געזאָגט דמיטרי, שמייכ-לענדיק, — לכּבוד זיין אָנקומען וועל איך מיך היינט דאָס ערשטע מאָל אָנטרינקען שיכּור. — ער איז געווען ענלעך אויף אַ גוווערניאָר, אָדער אויף אַ גוטן פאָטער, וועלכער איז צופרידן מיט זיינע קינדער, האָט זיך צעשטיפט און וויל זיי פריילעך מאַכן און צוזאַמען דערווייזן, אַז מען

קען ערלעך און אָנשטענדיק פרייען זיך. אָבער נישט געקוקט דערויף, האָט אויף מיר און אויף אַנדערע, דאַכט זיך, דידאָזיקע אומדערוואַרטע פריילעכקייט געווירקט אָנשטעקנדיק; ובפרט, אַז אויף יעדן פון אונז איז שוין אויסגעקומען כמעט צו אַ האַלבע פלאַש שאַמפּאַניער.

אין אַזאַ אָנגענעמען צושטאַנד בין איך אַרויס אין גרויסן צימער, כדי צו פאַררייכערן אַ פּאַפּיראָס, וואָס דובקאָוו האָט מיר געגעבן.

בשעת איך בין אויפגעשטאַנען פון אָרט, האָב איך באַמערקט, אַז דער קאָפּ האָט זיך באַ מיר אַ ביסל געדרייט, און די פיס זענען געגאַנגען און די הענט זענען געווען אין אַ נאַטירלעכער לאַגע נאָר דעמאָלט, ווען איך האָב וועגן זיי שטאַרק געטראַכט. אין פאַרקערטן פאַל האָבן די פיס פאַרכאַפּט אָן אַ זייט, און די הענט האָבן געמאַכט עפּעס מאָדנע באַוועגונגען. איך האָב אויף דידאָזיקע איברים אָנגעשטרענגט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט, האָב געהייסן די הענט אויפהייבן זיך, פאַרשפּיליען דעם סורדוט און צוגלעטן די האָר (דערביי האָבן זיי עפּעס שרעקלעך הויך אונטערגעוואָרפן די עלנבויגנס), און די פיס האָב איך געהייסן גיין אין טיר אַריין, וואָס זיי האָבן דערפילט, נאָר זיי זענען געטרעטן עפּעס זייער פעסט, אָדער צו צאַרט, דערהויפּט דער לינקער פוס האָט זיך אַלץ געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער. עפּעס אַ שטים האָט צו מיר אויסגעשריגן: „וווּהין גייסטו? מען וועט ברענגען אַ ליכט". איך האָב מיך אָנגעשטויסן, אַז די שטים געהערט צו וואָלאָדיען, און מיר האָט פאַרשאַפט פאַרגעניגן דער געדאַנק, אַז איך האָב טאַקע געטראָפן, אָבער אַלס ענטפער האָב איך צו אים נאָר לייכט אַ שמייכל געטון און בין אַוועק ווייטער.

XVI.

די מחלוקת

אין גרויסן צימער איז פאַר אַ קליין טישל געזעסן אַ נישט קיין הויכער, פעסט געבויטער ציווילער הער מיט געלע וואָנסעס און האָט עפּעס געגעסן. לעבן אים איז געזעסן אַ הויכער ברוגעט אָן וואָנסעס. זיי האָבן גערעדט אויף פראַנצויזיש. זייער בליק האָט מיך צעמישט, אָבער איך האָב פונדעסטוועגן באַשלאָסן צו פאַרדייכערן דעם פּאַפּיראָס אָן דעם ברענענדיקן ליכט, וואָס איז פאַר זיי געשטאַנען. קוקנדיק אָן אַ זייט, כּדי נישט צו באַגעגענען זייערע בליקן, בין איך צוגעגאַנגען צום טיש און האָב גענומען אָנצינדן דעם פּאַפּיראָס. ווען דער פּאַפּיראָס האָט זיך אָנגעצונדן, האָב איך נישט געקאָנט אויסהאַלטן און אַ בליק געטון אויף דעם הער, וועלכער האָט געגעסן. זיינע גרויע אויגן זענען געווען שאַרף און פיינטלעך אויסגעשטעלט אויף מיר. ווי נאָר איך האָב געוואָלט אָפּקערן זיך, האָבן זיך זיינע געלע וואָנסעס גענומען באַוועגן, און ער האָט געזאָגט אויף פראַנצויזיש: „איך האָב נישט ליב, אַז מען זאָל רייכערן בשעת איך עס מיטאָג, מיין האַר!“

איך האָב אַ מורמל געטון עפּעס אומפאַרשטענדלעכס.

— יאָ, כ'האָב נישט ליב, — האָט ווייטער שטרענג גערעדט דער הער מיט די וואָנסעס, געלויפיק אַ בליק געטון אויף דעם הער אָן די וואָנסעס, גלייך ווי ער וואָלט אים איינלאַדן נחת צו קלויבן דערפון, ווי ער וועט מיך באַאַרבעטן. — איך האָב נישט ליב, מיין הער, און די, וועלכע זענען אַזוי נישט אַרטיק, אַז זיי קומען רייכערן אייך אונטער דער נאָז, אָט די האָב איך נישט ליב. — איך האָב זיך גלייך משער געווען, אַז דערדאָזיקער הער לייענט מיר אַ נאָטאַציע, אָבער מיר האָט זיך די ערשטע רגע אויסגעדאַכט, אַז איך בין געווען זייער שולדיק קעגן אים.

— איך האָב נישט געטראַכט, אַז דאָס וועט אייך שטערן, — האָב איך געזאָגט.

— אהאָ, איר האָט נישט געטראַכט, אַז איר זענט אַ גראָבער יונג, און איך האָב יאָ געטראַכט, — האָט דער הער אָנגעהויבן צו שרייען.

— וואָס פאַר אַ רעכט האָט איר צו שרייען? — האָב איך געזאָגט, פילנדיק, אַז ער באַליידיקט מיך, און אָנהייבנדיק אַליין אין כעס צו ווערן.

— אַזאַ רעכט, אַז איך וועל קיינמאָל קיינעם נישט דערלויבן מער צו מאַנקירן, און איך וועל אַלעמאָל לערנען דרך ארץ אַזעלכע פיינע לייט, ווי איר. ווי איז אייער פאַמיליע, מיין הער? און ווו וווינט איר?

איך בין געווען זייער דערצאָרנט, די ליפּן האָבן זיך באַ מיר געטרייסלט און עס האָט פאַרכאַפּט דעם אָטעם. אָבער איך האָב זיך פונדעסטוועגן געפילט פאַר אַ שולדיקן, מסתמא דערפאַר, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען אַ סך שאַמפּאַניער, און האָב דעמדאָזיקן הער נישט געזאָגט קיין גראָבע רייד, אדרבא, מיינע ליפּן האָבן אַליין אויפן סאַמע אונטערטעניקסטן אופן אָנגערופן מיין פאַמיליע און אונזער אַדרעס.

— מיין פאַמיליע איז קאָלפּיקאָוו, מיין האַר, און איר זאָלט ווייטער זיין אַרטיקער. מיר וועלן זיך נאָך זען מיט אייך, — האָט ער פאַרענדיקט, אַזוי אַז דער גאַנצער שמועס איז פאָרגעקומען איז פראַנצויזיש.

איך האָב נאָר געזאָגט: „זייער צופרידן“, און באַמיענדיק זיך צוגעבן מיין קול וואָס מער פעסטקייט, האָב איך מיך אויסגעדרייט מיטן פּאַפּיראָס וועלכער האָט שוין באַוויזן צו פאַרלעשן זיך, און אומגעקערט זיך אין אונזער צימער.

איך האָב וועגן דעם, וואָס עס איז געשעען מיט מיר, גאַרנישט געזאָגט נישט דעם ברודער, נישט די גוטע פריינט, בפרט, אַז זיי זענען געווען פאַרנומען מיט עפּעס אַ הייסער אַמפּעריי, און האָב מיך אַוועקגעזעצט איינער אַליין אין אַ ווינקעלע, פאַר זיך באַטראַכטנדיק די מאָדנע מעשה. די ווערטער: „איר זענט אַן אומאַרטיקער יונג, מיין הער“ (un mal élevé, monsieur) האָבן באַ מיר נישט אויפגעהערט צו קלינגען אין די אויערן, און זיי האָבן מיך אַלץ מער און מער דערצאָרנט. די שיכּרות איז שוין באַ מיר איינגאַנצן אַוועק. בשעת איך האָב געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי איך בין מיך באַגאַנגען אין דעם ענין, איז מיר פּלוצלינג געקומען אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַז איך בין מיך באַגאַנגען ווי אַ פּחדן. „וואָס פאַר אַ רעכט האָט ער געהאַט אָנצופאַלן אויף מיר?

פאַרוואָס האָט ער מיר פּשוט נישט געזאָגט, אַז דאָס שטערט אים? הייסט עס, ער איז געווען אומגערעכט? פאַרוואָס זשע, ווען ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַן אומאַרטיקער יונג, האָב איך אים נישט געזאָגט: „אַן אומאַרטיקער יונג, מיין הער, איז דער, ווער עס דערלויבט זיך גראָבקייטן"; אָדער פאַרוואָס האָב איך פּשוט נישט קיין געשריי געטון אויף אים: שווייגט! — דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכנט; פאַרוואָס האָב איך אים נישט אַרויסגערופן אויף אַ דועל? ניין! איך האָב עס אַלץ נישט געטון, נאָר ווי אַ מיאוסער פּחדן אַראָפּגעשלונגען די באַליידיקונג". — „איר זענט אַן אומאַרטיקער יונג, מיין הער!" האָט אָן אויפהער רייצנדיק געקלונגען אין מיינע אויערן. „ניין, דאָס טאָר מען אַזוי נישט לאָזן". האָב איך אַ טראַכט געטון, און בין אויפגעשטאַנען מיט דער פעסטער כּוונה אַרויסצוגיין פון ס'ניי צו דעמדאָזיקן הער און זאָגן אים עפּעס שרעקלעכס, און אפשר אפילו דערלאַנגען אים מיטן לייכטער איבערן קאָפּ, אויב עס וועט אויסקומען. איך האָב מיטן גרעסטן תּענוג געטרוימט וועגן דער לעצטער זאַך, אָבער נישט אָן שטאַרקער מורא בין איך פון ס'ניי אַרויס אין דעם גרויסן צימער. צום גליק איז שוין דער הער קאָלפּיקאָוו נישט געווען, דער לאָקיי איז אַליין געווען אין דעם גרויסן צימער און האָט צוגעקליבן פונם טיש. איך האָב געוואָלט מעלדן דעם לאָקיי וועגן דעם, וואָס עס איז געשען און דערקלערן אים, אַז איך בין כּלל נישט שולדיק. נאָר כ'האָב עפּעס חרטה געקריגן און אין דער סאַמער פינצטערער שטימונג מיך צוריק אומגעקערט אין אונזער צימער.

— וואָס איז דאָס געוואָרן מיט אונזער דיפּלאָמאַט? — האָט געזאָגט דובקאָוו. — אַפּנים, אַז ער באַשטימט איצט דעם גורל פון אייראָפּע.

— אַך, לאָז מיך צורו, — האָב איך געזאָגט ברוגז, אָפּקערנדיק זיך. גלייך נאָך דעם האָב איך, אַרומגייענדיק איבערן צימער, אָנגעהויבן צוליב עפּעס טראַכטן וועגן דעם, וואָס דובקאָוו איז נישט קיין גוטער מענטש. „און וואָס זענען עס פאַר אייביקע קאַטאָוועסן און דאָס צונעמעניש „דיפּלאָמאַט" — אין דעם איז גאָר קיין פריינטלעכקייט נישטאָ. ער וואָלט דיר נאָר געווינען געלט בא וואָלאָדיען און פאָרן צו עפּעס אַ מומעשי, און קיין שום אָנגענעמס איז כּלל אין אים נישטאָ. וואָס ער זאָל נישט זאָגן, איז אַלץ אַ ליגנט, אָדער אַ באַנאַליטעט עפּעס. און אַלע מאָל וויל ער רק אָפּלאַכן. מיר דאַכט זיך, ער איז פּשוט נאַריש, און דערצו אַ

שלעכטער מענטש". אין אַזעלכע רעיונות האָב איך פאַרבראַכט אַ מינוט פינף, אַלץ מער און מער צוליב עפּעס פילנדיק אַ פּיינטלעך געפיל צו דובקאָוון. דובקאָוו אָבער האָט אויף מיר קיין אַכט נישט געלייגט, און דאָס האָט מיך נאָך מער 'געערגערט. איך בין אפילו אין כעס געווען אויף וואָלאָדיען און אויף דמיטרין דערפאַר, וואָס זיי רעדן מיט אים.

— ווייסט איר וואָס, מיינע הערן? מען דאַרף דעם דיפּלאָמאַט אָפּגיסן מיט וואַסער, — האָט פּלוצלינג געזאָגט דובקאָוו, אַ בליק טוענדיק אויף מיר מיט אַ שמייכל, וועלכער האָט מיר אויסגעוויזן ווי אַ שפּאָטישער און אפילו אַ פאַררעטערישער, — אַנישט איז מיט אים שלעכט, אויף מיין וואָרט, שלעכט!

— אייך דאַרף מען אויך אָפּגיסן, מיט אייך אַליין איז שלעכט, — האָב איך געענטפערט, ביז שמייכלענדיק און פאַרגעסנדיק אפילו, אַז איך האָב אים געזאָגט „דו".

דער ענטפער האָט, אַפּנים, פאַרוואונדערט דובקאָוון, נאָר ער האָט זיך גלייכגילטיק אָפּגערוקט פון מיר און ווייטער גערעדט מיט וואָלאָדיען און דמיטרין.

איך האָב געפּרוווט צושטיין צו זייער שמועסן, אָבער איך האָב געפילט, אַז איך האָב מיך בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטעלן, און איך האָב מיך ווידער דערוויטערט אין מיין ווינקל, וווּ איך האָב שוין פאַרבראַכט סאַמע, ביז וואַנען מיר זענען אַוועקגעפאָרן.

בעת מיר האָבן זיך פונאַנדערגעצאָלט און גענומען אָנטון די מאַנטלען, האָט זיך דובקאָוו געווענדט צו דמיטרין:

— נו, און וווהין וועלן פאָרן אָרעסט און פילאַד? מסתמא אהיים שמועסן וועגן ל י ב ע; ציי איז עס דען דאָס אייגענע, וואָס מאַכן אַ באַזוך בא דער מומעשי, — בעסער פאַר אייער זויערער פריינטשאַפט.

— ווי וואַגט איר צו רעדן, לאַכן פון אונז? — האָב איך פּלוצלינג געזאָגט, צוגייענדיק צו אים זייער נאָענט און מאַכנדיק מיט די הענט. — ווי וואַגט איר צו לאַכן פון געפילן, וועלכע איר פאַרשטייט נישט? איך וועל עס אייך נישט דערלויבן. שווייגט! — האָב איך גענומען שרייען, און בין אַליין אַנטשוויגן געוואָרן, נישט ווייסנדיק וואָס ווייטער צו רעדן און שטיקנדיק זיך פון אויפרעגונג. דובקאָוו האָט זיך לכתחילה פאַרוואונדערט; נאָכדעם האָט ער געוואָלט אַ שמייכל טון און אָנגעמען עס

פאַר אַ שפּאַס, נאָר לסוף, צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג, האָט ער זיך דערשראָקן און אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— איך לאַך גאָרנישט פון אייך און פון אייערע געפילן, איך רעד סתּם אַזוי, — האָט ער געזאָגט, ווילנדיק אַרויסדרייען זיך.

— אַזוי רעדט! — האָב איך אָנגעהויבן שרייען, אָבער אין דער זעלביקער צייט גופא איז מיר געוואָרן אַ חרפּה פאַר זיך און אַ רחמנות אויף דובקאָוון, וואָס זיין רויט, צעמישט פּנים האָט אויסגעדריקט אמתע פּיין.

— וואָס איז מיט דיר? — האָבן צוזאַמען וואָלאָדיע און דמיטרי געזאָגט: — קיינער האָט דיך נישט געוואָלט באַליידיקן.

— ניין, ער האָט מיך געוואָלט באַליידיקן.

— סאַר אַ ביטערער יונג דיין ברודער איז, — האָט דובקאָוו געזאָגט אין דער זעלביקער צייט, ווען ער איז שוין געגאַנגען דורך דער טיר, אַזוי אַז ער וואָלט נישט געקאָנט הערן דאָס, וואָס איך וויל זאָגן.

אפשר וואָלט איך מיך אַ לאָז געטון דעריאָגן אים און וואָלט אים געזאָגט נאָך גראָבע רייד, אָבער בשעת מעשה האָט דער זעלביקער לאַקיי, וועלכער איז געווען בײַ מיין געשיכטע מיט קאָלפּיקאָוו, מיר דערלאַנגט מיין מאַנטל, און איך האָב מיך תּיכּף באַרויקט, מאַכנדיק זיך נאָר, פאַר דמיטרין, אַז איך בין אין כּעס, אין אַזאַ מאָס, אויף וויפיל דאָס איז געווען נייטיק, כּדי די אויגנבליקלעכע באַרויקונג זאָל נישט אויסוויזן משונה. אויף מאָרגן האָב איך מיך מיט דובקאָוון באַגעגנט בײַ וואָלאָדיען, מיר האָבן וועגן דערדאָזיקער געשיכטע נישט דערמאָנט, זענען אָבער פאַרבליבן אויף „איר", און קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן איז אונז געוואָרן נאָך שווערער.

די דערינערונג וועגן דער קריגעריי מיט קאָלפּיקאָוון, וועלכער האָט מיר אגב נישט אויף מאָרגן, נישט שפּעטער טאָקע נישט געגעבן de ses nouvelles, איז פאַר מיר אין אַ משך פון פיל יאָרן געווען שרעקלעך לעבעדיק און שווער. אַ יאָר פינף נאָך דעם פלעג איך טון אַ שפּרונג און אַ געשריי יעדעס מאָל, וואָס איך פלעג מיך דערמאָנען אָן דער נישט באַצאָלטער באַליידיקונג, און איך האָב מיך געטרייסט, דערמאָנענדיק מיט זעלבסטצופרידנקייט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ וווילער יונג איך האָב מיך דערפאַר אַרויסגעוויזן אין דעם ענין מיט דובקאָוון. ערשט פיל שפּעטער האָב איך גענומען גאַנץ אַנדערש קוקן אויף דער זאַך, מיט קאָמישן פאַר-

געניגן דערמאַנען זיך וועגן דער קריגעריי מיט קאָלפּיקאָוון און חרטה האָבן פאַר דער נישט פאַרדינטער באַליידיקונג, וואָס איך האָב באַליידיקט דעם וווילן יאַט דובקאָוון.

ווען איך האָב דעם זעלביקן טאָג אינאָווענט דמיטרין דערציילט וועגן מיין אַוואַנטורע מיט קאָלפּיקאָוון, וואָס איך האָב פאַר אים געענוי אויסגעמאָלט זיין אויסערלעכקייט, האָט ער זיך פאַרוווּנדערט אויסער־געוויינלעך.

— דאָס איז דאָך דער זעלביקער! — האָט ער געזאָגט. — קאָנסט זיך פאָרשטעלן, — אַז דערדאָזיקער קאָלפּיקאָוו איז אַ באַוווּסטער טויגע־ניכטס, אַ שולער און דער עיקר אַ פּחדן, אַרויסגעיאָגט דורך די חברים פון פולק דערפאַר, וואָס ער האָט באַקומען אַ פּאַטש און נישט געוואָלט זיך דועלירן. פונוואַנען האָט זיך עס צו אים גענומען אַזאַ האָפערדיקייט? — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ גוטן שמייכל, קוקנדיק אויף מיר: — ער האָט דאָך מיר גאָרנישט געזאָגט ווי „אומאַרטיק”?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, רויט ווערנדיק.

— נישט גוט, מילא, אָבער קיין בייז נישט! — האָט מיך דמיטרי געטרייסט.

ערשט פיל שפּעטער, טראַכטנדיק שוין רויק וועגן דעם ענין, האָב איך געמאַכט אַ השערה אַ גאַנץ וואָרשיינלעכע, אַז נאָך פיל יאָרן דער־פילנדיק, אַז אויף מיר קאָן מען אָנפאַלן, האָט קאָלפּיקאָוו אין דער אָנוועזנהייט פון דעם ברונעט אָן וואָנסעס צו מיר אויסגעלאָזט דעם כעס פאַר דעם באַקומענעם פּאַטש, פונקט אַזוי ווי איך האָב תיכף ומיד אויסגעלאָזט דעם כעס פאַר זיין „אומאַרטיק” צו דעם אומשולדיקן דובקאָוון.

XVII.

איך קלויב מיך מאַכן וויזיטן

אויפגעכאַפּט זיך אויפמאָרגן, איז דער ערשטער געדאַנק מיינער געווען וועגן דער אַוואַנטורע מיט קאָלפּיקאָוון; ווידער האָב איך געריעוועט, אַרומגעלאָפן איבער די צימערן, אָבער טון האָט מען גאָרנישט געקאָנט. חוץ דעם איז היינט געווען דער לעצטער טאָג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מאָסקווע, און מען האָט געמוזט לויט דעם פאָטערס באַפעל מאַכן וויזיטן, וועלכע ער האָט מיר אַליין פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירל. די זאָרג פון דעם פאָטער וועגן אונז איז געווען נישט אַזוי וועגן דער מאָראַליש-קייט און דער בילדונג, ווי וועגן די וועלטלעכע פאַרהעלטעענישן. אויפן פּאַפּירל איז געווען אָנגעשריבן מיט זיין געבראָכן שנעלן כתב: 1) צו פּירשט איוואַן איוואַנאָוויטש אומבאַדינגט, 2) צו די איווינס אומבאַדינגט, 3) צו פּירשט מיכאַילאָ, 4) צו דער פירשטין נעכליודאָוואַ און צו די וואַלאַכינס, אויב דו וועסט באַוויזן. און פאַרשטייט זיך, צו דעם קוראַטאָר, צו דעם רעקטאָר און צו די פּראָפעסאָרן.

די לעצטע וויזיטן האָט דמיטרי מיר געראָטן נישט צו מאַכן, זאָגנדיק, אַז לאַ-די וואָס מען דאַרף זיי נישט, וואָלט עס נאָך געווען נישט אָנשטענדיק; אָבער די איבעריקע האָט מען אַלע געדאַרפט מאַכן היינט. פון זיי האָבן מיך באַזונדער געשראָקן די ערשטע צוויי, לעבן וועלכע עס איז געווען אָנגעשריבן אומבאַדינגט. פירשט איוואַן איוואַניטש איז געווען גענעראַל-אַנשעף, אַ זקן, רייך און איינער אַליין; אַלזאָ האָב איך, דער זעכצניעריקער סטודענט, געדאַרפט האָבן מיט אים עסקים, וועלכע האָבן, איך האָב עס פאַרגעפילט, נישט געקאָנט זיין פאַר מיר זייער בכבודיק. די איווינס זענען אויך געווען גבירים, און זייער פאָטער איז געווען עפּעס אַ וויכטיקער ציוויל-גענעראַל, וועלכער איז אינגאַנצן איין מאָל, פאַר דער באָבעשיס צייטן, אַליין בײַ אונז געווען. נאָך דער באָבעשיס טויט, האָב איך באַמערקט, האָט דער ייִנגערער איווין זיך געהאַלטן פרעמד פון אונז און עפּעס ווי שטאָלצירט. דער עלטערער, לויט

איך האָב געוווסט פון די קלאַנגען, האָט שוין געענדיקט דעם קורס אין דער שול פון יורידישע וויסנשאַפטן און האָט געדינט אין פעטערבורג; דער צווייטער, סערגעי, וועלכן איך האָב אַמאָל פאַרגעטערט, איז אויך אין פעטערבורג געווען אַ גרויסער, גראָבער קאַדעט אין פּאַזשן־קאָרפּוס.

איך האָב אין דער יוגנט נישט נאָר נישט ליב געהאַט קיין באַציונגען מיט מענטשן, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן העכער פאַר מיר, נאָר אַזעלכע באַציונגען זענען פאַר מיר געווען אומדערטרעגלעך פּיינלעך, מחמת די שטענדיקע מורא פאַר אַ באַליידיקונג און די אָנשטרענגונג פון אַלע גייסטיקע קרעפטן אויף צו דערווייזן מיין זעלבסטשטענדיקייט. פונדעסטוועגן, נישט דערפילנדיק דעם לעצטן באַפעל דעם פאָטערס, האָט מען די שולד באַדאַרפט פאַרגלעטן פאַר דעם דורך דערפילן די ערשטע. איך בין געגאַנגען איבערן צימער באַקוקנדיק די אויף שטולן פונאַנדערגעלייגטע זאַכן, די שפּאַגע און דעם הוט, און כ׳האָב מיך שוין געקליבן פאָרן, ווען צו מיר איז געקומען אָפּגעבן מזל־טוב דער אַלטער גראַף און האָט מיט זיך געבראַכט אילינקען. דער פאָטער גראַף איז געווען אַ רוסיפיצירטער דייטש, אַן אומדערטרעגלעך זיסער, אַ חונף און זייער אָפט נישט קיין ניכטערער; ער פלעגט קומען צו אונז גרעסטנטייל נאָר כדי עפּעס צו בעטן, און דער פאָטער פלעגט אים אָפּטמאָל אַוועקזעצן בא זיך אין קאַבינעט, אָבער צום מיטאָג האָט ער אים קיינמאָל נישט געזעצט מיט אונז. זיין דערנידערונג און זיין מאַנצלעריי האָט זיך אַזוי צונויפגעגאָסן מיט עפּעס אַן אויסערלעכער גוטמוטיקייט און מיט דער געוווינהייט צו אונזער הויז, אַז אַלע האָבן אים פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן פאַרדינסט זיין כלומרשט צוגעבונדקייט צו אונז אַלעמען, אָבער איך האָב אים עפּעס נישט ליב געהאַט, און ווען ער האָט גערעדט, איז מיר אַלע מאָל געווען מיאוס פאַר אים.

איך בין געווען זייער אומצופרידן מיט דעם קומען פון דידאַזיקע געסט, און האָב מיך נישט געסטאַרעט פאַרבאָרגן מיין אומצופרידנהייט. אויף אילינקען בין איך אַזוי געוווינט געווען צו קוקן פון אויבן אַראָפּ, און ער איז אַזוי געוווינט געווען צו האַלטן, אַז מיר האָבן רעכט אַזוי צו טון, אַז מיר איז געווען אַ ביסל אומאָנגענעם, וואָס ער איז געווען פונקט אַזאַ סטודענט ווי איך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך אויך אַ ביסל געשעמט פאַר מיר מיט דערדאָזיקער גלייכהייט. איך האָב מיך

קאַלט מיט אים באַגריסט און, נישט בעטנדיק זיי זעצן זיך, ווייל איך האָב קיין געוויסן נישט געהאַט דאָס צו טון, טראַכטנדיק, אַז זיי קאָנען עס טון אָן מיין איינלאַדונג, האָב איך געהייסן שפּאַנען די דראָזשקע. אילינקע איז געווען אַ גוטער, זייער אַן ערלעכער און גאָרנישט קיין נאַרישער יונגערמאַן, נאָר ער איז געווען דאָס, וואָס עס הייסט מיט אַ פליג אין נאָז; אויף אים פלעגט כסדר און דאַכט זיך אָן שום סיבות אָנפאַלן אַ וועלכע נישט איז עקסטרעמע שטימונג — אַמאָל קלאָגעוודיקייט, אַמאָל לאַכעוודיקייט, אַמאָל באַליידיקעוודיקייט פאַר יעדער קלייניקייט. און איצט, דאַכט זיך, האָט ער זיך געפונען אין דערדאָזיקער לעצטער שטימונג. ער האָט גאָרנישט גערעדט, בייז געקוקט אויף מיר און אויפן פאָטער, און נאָר דעמאָלט, ווען מען האָט זיך צו אים געווענדט, האָט ער געשמייכלט מיט זיין אונטערטעניקן, געניטן שמייכל, אונטער וועלכן ער איז שוין געווינט געווען צו פאַרבאָרגן אַלע זיינע געפילן און דער עיקר דאָס געפיל פון חרפּה פאַר זיין פאָטער, וועלכן ער האָט אין אונזער אָנוועזנהייט נישט געקאָנט נישט שפּירן.

— אַזוי איז עס, ניקאָלאַי פּעטראָוויטש, — האָט צו מיר גערעדט דער אַלטער, נאָכגייענדיק נאָך מיר איבערן צימער, אין דער צייט ווען איך האָב מיך אָנגעטון, און מיט דרך־ארץ, לאַנגזאַם דרייענדיק צווישן זיינע גראָבע פינגער די זילבערנע, פון דער באָבעשי אַ מתנה, טאַבאַק־פּושקע: — ווי נאָר איך האָב מיך דערוווּסט פונם זון, אַז איר האָט באַוויליקט אַזוי אויסגעצייכנט אויסצוהאַלטן דעם עקזאַמען — אייער פאַר־שטאַנד איז דאָך אַלעמען באַקאַנט — בין איך תּיכף ומיד געקומען צו לויפן, פאָטערל; איך האָב דאָך אייך אויפן אַקסל געטראָגן, און גאָט איז אַן עדות, אַז איך האָב אייך אַלעמען, ווי אייגענע ליב, אויך מיין אילינקע האָט זיך אַלץ געבעטן צו אייך. ער איז שוין אויך געווינט צו אייך.

אילינקע איז בשעת מעשה געזעסן אַ שווייגנדיקער באַם פענצטער, באַטראַכטנדיק כלומרשט מיין דרייעקיקן הוט, און האָט קוים צו באַמערקן עפּעס בייז געמורמלט פאַר זיך אונטער דער נאָז.

— און איך האָב באַ אייך געוואָלט פרעגן, ניקאָלאַי פּעטראָוויטש, — האָט דער אַלטער ווייטער גערעדט, — ווי האָט מיין אילױשע עפּעס גוט אויסגעהאַלטן? ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט זיין מיט אייך צוזאַמען, זאָלט איר אים שוין נישט פאַרלאָזן, גיט אויף אים השגחה, אָן עצה.

— וואָס איז דען, ער האָט פיין אויסגעהאַלטן, — האָב איך גע־ענטפערט, אַ בליק טוענדיק אויף אילינקען, וועלכער איז רויט געוואָרן, דערפילנדיק אויף זיך מיין בליק, און האָט אויפגעהערט צו באַוועגן מיט די ליפּן.

— ער קאָן בא אייך היינט פאַרברענגען דעם טאָג ? — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַזאַ שרעקעדיקן שמייכל, גלייך ווי ער האָט זייער מורא געהאַט פאַר מיר, און וואוהין איך זאָל מיך נישט קערן, איז ער אַלץ געבליבן אויף אַזאַ נאָענטן שטח פון מיר, אַז דער ריח פון ווייַן און פון טאַבאַק, מיט וועלכן ער איז אינגאַנצן געווען דורכגענומען, האָט זיך מיר נישט אויפגעהערט פון אים צו הערן. מיר איז געווען פאַרדראָ־סיק, פאַרוואָס ער האָט מיך געשטעלט אין אַזאַ פאַלשער לאַגע בנוגע צו זיין זון, און דערפאַר וואָס ער האָט אָפּגעצויגן מיין אויפמערקזאַמקייט פון אַזאַ וויכטיקער פאַר מיר דעמאָלט אַרבעט, ווי אָנטון זיך; און דער עיקר דערדאָזיקער ריח פון איבערגעברענטער משקה, וואָס האָט מיך פאַרפאָלגט, האָט מיך אַזוי צערודערט, אַז איך האָב אים זייער קאַלט געזאָגט, אַז איך קאָן מיט אילינקען נישט פאַרברענגען, ווייל איך וועל דעם גאַנצן טאָג אינדערהיים נישט זיין.

— איר האָט דאָך, פאָטער, געוואָלט גיין צו דער שוועסטער, — האָט אילינקע געזאָגט, שמייכלענדיק און נישט קוקנדיק אויף מיר. — און איך האָב אויך אַן אַרבעט. — מיר איז געוואָרן נאָך פאַרדראָסיקער און מ־אוסער, און כדי צו פאַרגלעטן מיין אָפּזאָג, האָב איך גיכער געמאָלדן, אַז איך וועל נישט זיין אינדערהיים, ווייל איך דאַרף זיין בא פּירשט איוואַן איוואַנאָוויטש און בא פּירשטין קאָרנאַקאָווו, בא איווינען, בא דעם זעלביקן, וואָס האָט אַזאַ וויכטיקע שטעלע, און אַז איך וועל זיכער מיטאָג עסן בא פּירשטין נעכליודאָווו. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז, דערוויסנדיק זיך, צו וואָס פאַר וויכטיקע מענטשן איך פאָר, האָבן זיין שוין נישט געקאָנט פּרעטענדירן אויף מיר. ווען זיי האָבן זיך צוגעקליב אוועקגיין, האָב איך אילינקען איינגעלאַדן אַריינגיין צו מיר אַן אַנדערש מאָל. אָבער אילינקע האָט נאָר עפּעס געטון אַ הומקע און אַ שמייכל מיט אַן אויסדרוק פון געצוויינגענקייט. מען האָט געזעען, אַז זיין פוס וועט בא מיר קיינמאָל מער נישט זיין.

גלייך נאָך זיי בין איך אַוועקגעפאָרן מיט מיינע וויזיטן. וואָלאָדיע, וועלכן איך האָב נאָך אינדערפרי געבעטן פאָרן צוזאַמען, כדי מיר זאָל

נישט זיין אַזוי אומבאַקוועם אייבעם אַליין, האָט זיך אַנטזאָגט מיט דעם אויסרייד, אַז דאָס וואָלט געווען צופיל סענטימענטאַל וואָס צוויי ב ר י ד ע ר ל ע ך פאָרן צוזאַמען אויף איין ד ר אָ ז ש ק ע ל ע.

XVIII.

די וואָלאָכינס

בכן, בין איך אַוועקגעפאָרן אַליין. דער ערשטער וויזיט איז געווען, לויטן אָרט, צו די וואַלאַכינס אויף סיווצעוו-וורַאַזשאָק. איך האָב אַ יאָר דריי נישט געזען סאָניעלען, און די ליבע צו איר איז, פאַרשטייט זיך, שוין לאַנג אַוועק. אָבער אין דער נשמה איז נאָך פאַרבליבן די לעבעדיקע און רירנדיקע דערינערונג פון דער פאַרגאַנגענער קינדערישער ליבע. אין משך פון דידאָזיקע דריי יאָר פלעגט מיר אויסקומען דערמאַנען זיך וועגן איר מיט אַזאַ קראַפט און קלאָרקייט, אַז איך פלעג פאַרגיסן טרערן און מיך ווידער פילן פאַרליבט. אָבער דאָס פלעגט געדויערן נאָר עטלעכע מינוט און ווידער אָנקומען פלעגט עס נישט גיך.

איך האָב געוווּסט, אַז סאָניעלע איז געווען מיט דער מוטער אין אויסלאַנד, וווּ זיי האָבן פאַרבראַכט אַ יאָר צוויי און ווו מ'האָט זיי, אַזוי האָט מען דערציילט, אויסגעקערט פון די ליזשאַנס, און בײַ סאָניעלען איז צעשניטן געוואָרן דאָס געזיכט מיט די גלעזער פון דער קאַרעטע, פון וואָס זי איז כּלומרשט געוואָרן זייער מיאוס. אין וועג צו זיי האָב איך מיך לעבעדיק דערמאַנט די פריערדיקע סאָניעלע און כ'האָב געטראַכט וועגן דעם, אַ וועלכע וועל איך זי איצט באַגעגענען. מחמת איר צוויי־יעריקן פאַרווײַלן אין אויסלאַנד, האָב איך זי מיר עפּעס פאָרגעשטעלט פאַר זייער אַ הויכע, מיט אַ פיינער טאַליע, אַן ערנסטע און אַ געהויבענע, נאָר אַן אומגעוויינלעך צוציענדיקע. מיין דמיון האָט זיך אָפּגעזאָגט פאָר־צושטעלן זי מיט אַ פּנים אַ צעקאַליעטשעט דורך אַ שניט; פאַרקערט, געהערט ערגעץ וועגן אַ ליידנשאַפטלעכן פאַרליבטן, וועלכער איז געטריי געבליבן זיין געליבטער נישט געקוקט אויף די פּאָקן, וועלכע האָבן זי מיאוס געמאַכט, האָב איך מיך געמיט צו טראַכטן, אַז איך בין פאַרליבט

אין סאָניעלען, כדי צו האָבן דאָס פאַרדינסט צו בלייבן איר געטריי, נישט געקוקט אויף די שניטן. בכלל בין איך צופאַרנדיק צו דעם הויז פון די וואָלאַכינס נישט געווען פאַרליבט, נאָר אויפריענדיק אין זיך די אַלטע זכרונות פון דער ליבע, בין איך געווען גוט צוגעגרייט איינצולעבן זיך, און האָב עס זייער געוואָלט. ובפרט, אַז קוקנדיק אויף אַלע מיינע פאַרליבטע חברים איז דאָס געוויסן בא מיר שוין לאַנג נישט רויק געווען, וואָס איך בין פון זיי אַזוי אָפגעשטאַנען.

די וואָלאַכינס האָבן געוווינט אין אַ קליינינקן, ריינינקן הילצערן הויז, מיט דעם אַריינגאַנג פונם הויף. לויט אַ קלינג אין גלעקל, וואָס עס איז דעמאָלט געווען אַ גרויסע זעלטנהייט אין מאָסקווע, האָט מיר די טיר געעפנט אַ פּיצינק ריין אָנגעטוען יינגל. ער האָט נישט געקאָנט אָדער נישט געוואָלט זאָגן מיר, צי די הערשאַפטן זענען אינדערהיים און, אי־בערגעלאָזט מיך אַליין אין דעם פינצטערן פאָדערהויז, איז ער אַוועקגע־לאָפן אין דעם נאָך מער פינצטערן קאָרידאָר.

איך בין גאַנץ לאַנג פאַרבליבן איינער אַליין אין דעמדאָזיקן פינצ־טערן צימער, אין וועלכן עס איז אויסער דעם אַריינגאַנג אין דעם קאָרי־דאָר געווען נאָך איינע אַ פאַרשפאַרטע טיר, און האָב מיך טיילווייז געוווּנדערט אויף דעמדאָזיקן פינצטערן כאַראַקטער פון דעם הויז, טיילווייז געמיינט, אַז דאָס דאַרף אַזוי זיין בא מענטשן, וועלכע זענען געווען אין אויסלאַנד. אין אַ מינוט פינף אַרום האָט זיך די טיר אין זאַל אַריין אויפגעעפנט דורך דעם זעלביקן יינגל, און ער האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ ריינעם, נאָר נישט רייכן גאַסט־זאַל, אין וועלכן גלייך נאָך מיר איז אַריין סאָניעלע.

זי איז אַלט געווען זיבעצן יאָר. זי איז געווען זייער קליין געוואַקסן, זייער מאָגער, מיט אַ געלבלעכער נישט געזונטער קאָליר פונם פּנים. קיין שניטן האָבן זיך גאָרנישט געזען אויפן געזיכט, נאָר די פיינע בולטע אויגן און דער ליכטיקער גוטמוטיק־פריילעכער שמייכל זענען געווען דיזעלביקע, וועלכע איך האָב געקענט און ליב געהאַט אין דער קינדהייט. איך האָב זי אינגאַנצן נישט דערוואַרט אַזעלכע, און דעריבער האָב איך תיכף בשום אופן נישט געקאָנט אויסגיסן אויף איר דאָס געפיל, וועלכעס איך האָב צוגעגרייט אין וועג. זי האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, לויטן ענגלישן מנהג, וועלכער איז דעמאָלט געווען פונקט אַזאַ זעלטנהייט, ווי דאָס גלעקל, האָט אָפנהאַרציק אַ דריק געטון מיין האַנט און אַוועקגעזעצט לעבן זיך אויפן דיוואַן.

— אַך, איך בין אַזוי צופֿרידן, וואָס איך זע אייך, ליבער Nicolas, — האָט זי געזאָגט איינקוקנדיק זיך מיר אין פּנים, מיט אַזאַ אויפֿריכטיקן אויסדרוק פֿון פֿאַרגעניגן. אַז אין די ווערטער „ליבער Nicolas" האָב איך באַמערקט אַ פֿריינטלעכן און נישט קיין פּראָטעזשירנדיקן טאָן. צו מיין באַוווּנדערן, איז זי נאָך דער רייזע קיין אויסלאַנד געוועזן נאָך איינפֿאַכער, ליבער און קרובהשער אין באַנעמען זיך, ווי פֿריער. איך האָב באַמערקט צוויי קלייניקע שניטן לעבן דער נאָז און אויף דער ברעם, אָבער די וווּנדערלעכע אויגן און דער שמייכל זענען געווען לגמרי אַזעלכע, ווי איך האָב זיי געדענקט, און האָבן געגלאַנצט, ווי אַמאָל.

— ווי איר האָט זיך איבערגעביטן! — האָט זי געזאָגט: — גאָר אַ דערוואַקסענער געוואָרן, נו, און איך — ווי געפֿינט איר?

— אַך, איך וואָלט אייך נישט דערקענט, — האָב איך געענטפֿערט, נישט געקוקט דערויף, וואָס אין דער זעלביקער צייט האָב איך געטראַכט, אַז איך וואָלט זי אַלע מאָל דערקענט. איך האָב זיך פֿון ס'ניי געפֿילט אין יענער זאָרגלאָז-פֿרייַלעכער שטימונג, אין וועלכער איך האָב מיט פֿינף יאָר צוריק געטאַנצט מיט איר אַ גראָספֿאַטער בײַ דער באַבעשי אויפֿן באַל.

— וואָס-זשע, איך בין זייער מיאוס געוואָרן? — האָט זי געפֿרעגט אַ טרייסל טוענדיק מיטן קעפּל.

— ניין, גאָרנישט, אויסגעוואַקסן אַ ביסל, עלטער געוואָרן, — האָב איך מיך געאײַלט צו ענטפֿערן, — נאָר פֿאַרקערט... און אפֿילו...

מילאַ, אַלצאיינס; און איר געדענקט אונזערע טענץ, די שפּילן, St.-Jerôme, M-me Dorat? (איך האָב נישט געדענקט קיין שום M-me Dorat, זי האָט זיך אָפּנים געלאָזט מיטרייסן דעם פֿאַרגעניגן פֿון די קינדערישע זכרונות און האָט צעפּלאָנטערט). אַך, סאַר אַ טייערע צייט עס איז געווען, — האָט זי ווייטער גערעדט, און דער זעלבער שמייכל, אפֿילו נאָך אַ בעסערער פֿאַר יענעם, וועלכן איך האָב געטראָגן אין זכרון, און אַלץ די זעלבע אויגן האָבן געגלאַנצט אַקעגן מיר. אין דער צייט, ווען זי האָט גערעדט, האָב איך באַוויזן אַ טראַכט צו טון וועגן דער לאַגע, אין וועלכער איך האָב מיך געפֿונען אין איצטיקער רגע, און האָב אַליין פֿאַר זיך באַשלאָסן, אַז אין דער רגע בין איך געווען

פאַרליבט. ווי נאָר איך האָב עס באַשלאָסן, אין דער זעלבער רגע איז פאַרשוווּנדן מיין גליקלעכע זאָרגלאָזע שטימונג, עפּעס אַ נעפּל האָט פאַרדעקט אַלץ, וואָס עס איז געשטאַנען פאַר מיר, — אפילו אירע אויגן און איר שמייכל, מיר איז געוואָרן פאַר עפּעס מיאוס, איך בין רויט געוואָרן און האָב פאַרלוירן די פעיקייט צו רעדן.

— איצט זענען אַנדערע ציטן, — האָט זי ווייטער גערעדט, אַ זיפץ טוענדיק און אויפגעהויבן אַ ביסל די ברעמען: — ס'איז פיל ערגער געוואָרן, און מיר זענען ערגער געוואָרן, נישט אַזוי, Nicolas?

איך האָב נישט געקאָנט ענטפערן, און האָב שווייגנדיק געקוקט אויף איר.

— ווו זענען איצט אַלע דעמאָלטיקע איווינס, קאַרנאַקאָווס? איר געדענקט? — האָט זי ווייטער גערעדט, איינקוקנדיק זיך מיט עפּעס אַ נייגיריקייט אין מיין רויטגעוואָרן, דערשראָקן פּנים: — געווען אַ ווילע צייט!

איך האָב פונדעסטוועגן נישט געקאָנט ענטפערן.

פון דערדאָזיקער שווערער לאַגע האָט מיך צייטווייליק אַרויסגעפירט דאָס אָנקומען פון דער אַלטער וואָלאָכין אין צימער. איך בין אויפגעשטאַנען, האָב מיך פאַרנייגט און ווידער באַקומען די פעיקייט צו רעדן; דערפאַר אָבער איז מיט דער מוטערס אָנקומען אין סאָניעלען פאָרגעקומען אַ מאָדנע ענדערונג. די גאַנצע פריילעכקייט אירע און די קרובה־שאַפט זענען פּלוצלינג נעלם געוואָרן, אפילו דער שמייכל איז געוואָרן אַן אַנדערער, און זי איז פּלוצלינג, אַ חוץ דעם הויכן וווּקס, געוואָרן יענע פון אויסלאַנד געקומענע פריילין, וועלכע איך האָב פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל אין איר געפינען. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז קיין סיבה נישט געווען פאַר אַזאַ ענדערונג, ווייל די מוטער אירע האָט געשמייכלט פונקט אַזוי אָנגענעם און אין אַלע אירע באַוועגונגען אויסגעדריקט פונקט אַזאַ שטילקייט ווי אין די אַלטע צייטן. וואָלאָכין האָט זיך געזעצט אין אַ גרויסן פאָטעל און האָט מיר באַוויזן אַן אָרט לעבן זיך. דער טאָכטער האָט זי עפּעס געזאָגט אויף ענגליש, און סאָניעלע איז תּיכּף אַרויס, פון וואָס עס איז מיר פיל לייכטער געוואָרן. וואָלאָכין האָט זיך נאָכגעפרעגט וועגן די קרובים, וועגן ברודער, וועגן פאָטער, נאָכדעם האָט זי מיר דערציילט וועגן איר אומגליק — וואָס זי האָט פאַרלוירן דעם מאַן, און שוין צום סוף, פילנדיק, אַז מער איז נישטאָ וועגן וואָס מיט מיר צו רעדן, האָט זי אויף מיר שווייגנדיק אַ בליק געטון, גלייך ווי זי וואָלט

געזאָגט: „אויב דו וועסט איצט אויפשטיין, אָפּגעזעגענען זיך און אוועקפֿאָרן, וועסטו זייער גוט טון, מיין ליבער״, — אָבער מיט מיר איז געשען אַ מאָדנע זאַך. סאָניעליע האָט זיך אומגעקערט אין צימער מיט אַן אַרבעט און האָט זיך געזעצט אין דעם צווייטן ווינקל זאָל אַזוי, אַז איך האָב אויף זיך געפילט אירע בליקן. בשעת וואַלאַכין האָט דערציילט וועגן דעם טויט פון איר מאַן, האָב איך מיך ווידער דערמאַנט אָן דעם, אַז איך בין פאַרליבט, און איך האָב נאָך אַ טראַכט געטון, אַז אַפּנים די מוטער פאַרשטייט עס אויך, און אויף מיר איז ווידער אָנגעפאַלן אַ שעמעוודיקייט, אַזאַ שטאַרקע, אַז איך האָב זיך געפילט נישט אומשטאַנד, נאַטירלעך, אַ ריר צו טון זיך מיט אַן איבר. איך האָב געוווסט, אַז כּדי אויפצושטיין און אַוועקגיין, וועל איך דאַרפן טראַכטן וועגן דעם, וווהין אַוועקצושטעלן די פיס, וואָס צו טון מיטן קאָפּ, וואָס מיט דער האַנט, מיט איין וואָרט, איך האָב געפילט כּמעט דאָס זעלביקע, וואָס נעכטן, ווען איך האָב אויסגעטרונקען אַ האַלבע פלאַש שאַמפּאַניער. איך האָב פאָרגעפילט, אַז איך וועל מיר מיט דעם אַלעמען קיין עצה נישט געבן, און האָב דעריבער נישט געקאָנט אויפשטיין, און כ׳האָב ווירקלעך נישט געקאָנט אויפשטיין. וואַלאַכין האָט זיך אַפּנים געוווּנדערט, קוקנדיק אויף מיין רויטן, ווי געוואַנט, פּנים און אויף מיין פולשטענדיקע אומבאַוועגלעכקייט; אָבער איך האָב באַשלאָסן, אַז ס׳איז בעסער זיצן אין דערדאָזיקער נאַרישער לאַגע, איידער ריזיקירן אומגעלומפּערט אויפצושטיין און אַוועקגיין. בין איך אַזוי געזעסן גאַנץ לאַנג, וואַרטנדיק, אַז עפּעס אַ נישט פאָרויסגעזעענער צופאַל זאָל מיך באַפרייען פון דערדאָזיקער לאַגע. דערדאָזיקער צופאַל איז געקומען אין דער פּערזאָן פון אַ נישט אָנגעזעענעם יונגנמאַן, וועלכער איז מיט דעם האַלטן זיך ווי אַ היימישער אַריין אין צימער און האָט זיך מיט דרך־ארץ פאַרנייגט פאַר מיר. וואַלאַכין איז אויפגעשטאַנען, אַנטשולדיקנדיק זיך, אַז זי דאַרף רעדן מיט איר homme d'affaires, און האָט אַ בליק געטון אויף מיר מיט אַ פאַרווונדערטן אויסדרוק, וואָס האָט גערעדט: אויב איר ווילט אייביק זיצן, וועל איך אייך נישט אַרויסטרייבן. מאַכנדיק איבער זיך אַ שרעקלעכן כּוח, בין איך אויפגעשטאַנען, אָבער איך בין שוין נישט געווען אימשטאַנד אַ נייג צו טון זיך, און אַרויסגייענדיק, באַגלייט מיט בליקן פון מיטגעפיל מצד דער מוטער און דער טאָכטער, האָב איך פאַרטשעפּעט אַ שטול, וועלכע איז מיר גאָרנישט געשטאַנען אין וועג, — נאָר פאַרטשעפּעט דערפאַר, וואָס די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט מיינע איז געווען

אָנגעשטרענגט אויף דעם, אַז איך זאָל נישט פאַרטשעפּען דעם טעפּיך, וועלכער איז געווען אונטער די פיס. פונדעסטוועגן, אויף דער רייַנער לופט, אויסגעצויגן זיך און געהוימקעט אַזוי הויך, אַז אפילו קוזמאַ האָט עטלעכע מאָל געפרעגט „וואָס באַווייליקט איר?" — איז דאָסדאָזיקע געפיל פאַרשוווּנדן, און איך האָב גענומען גאַנץ רויק טראַכטן וועגן מיין ליבע צו סאָניעלען און וועגן אירע באַציוּנגען צו דער מוטער, וועלכע האָבן מיר אויסגעוויזן משונהדיקע. נאָכדעם ווען איך האָב דערציילט דעם פאָטער וועגן דעם, וואָס איך האָב באַמערקט, אַז וואַלאַכין מיט דער טאָכטער זענען נישט אין קיין גוטע באַציוּנגען, האָט ער געזאָגט:

— יאָ, זי פּייניקט זי נעבעך מיט איר שטאַרקער קאַרגקייט, און אַ מאָדנע זאַך, — האָט ער צוגעגעבן מיט אַ פיל שטאַרקער געפיל איידער אַזאַ וועלכן ער וואָלט געקאָנט האָבן פּשוט צו אַ קרובה: — סאַר אַ פּראַכטפולע, ליבלעכע, וווּנדערלעכע פרוי דאָס איז געווען! איך קאָן נישט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט זי זיך אַזוי געענדערט. דו האָסט דאָרט נישט געזעען בא איר עפּעס אַ סעקרעטאַר אירן? און וואָס איז עס פאַר אַ דרך פאַר אַ רוסישער פריצהטע צו האָבן אַ סעקרעטאַר? — האָט ער געזאָגט, ברוגז אָפּטרעטנדיק פון מיר.

— כ'האָב געזעען, — האָב איך געענטפערט.

— וואָס, ער איז אַ שיינער, לפּחות?

— ניין, גאָרנישט קיין שיינער.

— אומפאַרשטענדלעך, — האָט דער פאָטער געזאָגט און ברוגז אַ הייב געטון דעם אַקסל און אַ הוסט געטון.

„איז אַט בין איך פאַרליבט" — האָב איך געטראַכט, פאָרנדיק ווייטער אויף מיין דראָזשקע.

XIX.

די קאָרנאַקאָווס

דער צווייטער וויזיט, ווערליק דעם וועג, איז געווען באַ די קאָרנאַקאָווס. זיי האָבן געוווינט אויפן בעל־עטאַזש פון אַ גרויס הויז אויף אַרבאַט. די טרעפּ איז געווען זייער אַ פּאַראַדנע און אַ ציכטיקע, אָבער אָן לוקסוס. אומעטום זענען געלעגן טרעטערס צוגעפעסטיקטע מיט רייןריין אויסגעפּוצטע מעשענע דראָטן, אָבער קיין בלומען, קיין שפּיגלען זענען נישט געווען. דער זאַל, וואָס איבער זיין העל־געוועקסטער פּאָדלאָגע בין איך דורכגעגאַנגען אין גאַסט־צימער, איז אויך געווען אַזוי שטרענג, קאַלט און ציכטיק צוגעקליבן, אַלץ האָט געגלאַנצט און אויסגעזען פעסט, הגם נישט גאַנץ ניי, נאָר נישט קיין בילדער, נישט קיין גאַרדינען. קיינע באַפּוצונגען האָבן זיך ערגעץ נישט געזען. עטלעכע יונגע פירשטינס זענען געווען אין גאַסט־זאַל. זיי זענען געזעסן אַזוי פּינקטלעך און גאָרנישט טוענדיק, אַז מען האָט גלייך געזען: — נישט אַזוי זיצן זיי, ווען קיין געסט זענען באַ זיי נישטאָ.

— Maman וועט באַלד אַרויס, — האָט צו מיר געזאָגט די עלטערע פון זיי, זעצנדיק זיך נעבעטער צו מיר. באַ אַ פערטל שעה האָט די דאָזיקע פירשטין־טאָכטער מיך פאַרווײַלט מיט אַ שמועס זייער פריי און אַזוי געשיקט, אַז דער שמועס האָט זיך אויף קיין רגע נישט איבערגעריסן. אָבער ס'איז שוין צופיל קענטיק געווען, אַז זי פאַרווײַלט מיך, און דעריבער איז זי מיר נישט געפעלן געוואָרן. זי האָט מיר אגב דערציילט, אַז זייער ברודער סטעפּאַן, וועלכן זיי האָבן גערופן עטיען, און וועלכן מען האָט מיט אַ יאָר צוויי צוריק אָפּגעגעבן אין יונקער־שול, איז שוין געוואָרן אָפיציר. ווען זי האָט גערעדט וועגן ברודער, און דער עיקר וועגן דעם, וואָס ער איז קעגן דעם ווילן פון דער maman אָנגעקומען אין הוזאַרן, האָט זי געמאַכט אַ דערשראָקן פּנים, און אַלע יינגערע פירשטינס, וועלכע זענען געזעסן שווייגנדיקע, האָבן אויך געמאַכט דערשראָקענע פּנימער; ווען זי האָט גערעדט וועגן דער באָבעשיס טויט, האָט

זי געמאַכט אַ טרויעריק פּנים, און אַלע יינגערע פירשטינס האָבן אויך געמאַכט דאָס זעלביקע; ווען זי האָט זיך דערמאַנט וועגן דעם, ווי איך האָב אַ קלאַפּ געטון St.-Jerôme און מען האָט מיך אַרויסגעפירט, האָט זי זיך פונאַנדערגעלאַכט און באַוויזן שלעכטע ציין, און אַלע פירשטינס האָבן זיך פונאַנדערגעלאַכט און באַוויזן שלעכטע ציין.

די פירשטין איז אַריין; די זעלביקע קליינינקע, טרוקענע פרוי מיט אַרומלויפנדיקע אויגן און מיט דער רגילות אַרומצוקוקן זיך אויף אַנדערע אין דער צייט, ווען זי האָט גערעדט מיט אייך. זי האָט מיך גענומען פאַר דער האַנט, און אויפגעהויבן איר האַנט צו מיינע ליפּן, כדי איך זאָל זי אַ קוש טון, וואָס ווען נישט דאָס, וואָלט איך, נישט האַלטנדיק עס פאַר נייטיק, בשום אופן נישט געטון.

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איך זע אייך, — האָט זי אָנגעהויבן מיט איר געוויינלעכער באַרעדעוודיקייט, אַרומקוקנדיק זיך אויף די טעכטער. — אַך, ווי ענלעך ער איז אויף זיין maman ! נישט אמת, Lise ?

Lise האָט געזאָגט, אַז אמת, הגם איך ווייס אויף זיכער, אַז אין מיר איז קיין שום ענלעכקייט נישט געווען צו דער מוטער.

— איז אָט ווי דאָס איז בא אייך, שוין געוואָרן אַ גרויסער ! — אויך מיין עטיען, איר געדענקט אים, ער איז דאָך אייערס אַ גלידשוועסטערקינד... ניין, נישט קיין גלידשוועסטערקינד, נאָר ווי קומט עס אויס, Lise ? מיין מוטער איז געווען וואַרוואַרע דמיטריעוונע, די טאָכטער פון דמיטרי ניקאָלאַיעוויטש און אייער באָבעשי נאַטאַליע ניקאָלאַיעוונע.

— איז אַ גליד-גליד שוועסטערקינד, maman, — האָט געזאָגט די עלטערע פון די יונגע פירשטינס.

— אַך, דו צעפלאָנטערסט אַלץ, — האָט די מוטער אויף איר ביין אַ געשריי געטון. — לגמרי נישט קיין גליד-שוועסטערקינד, נאָר issns de germains — אָט וואָס איר זענט מיט מיין עטיענען. ער איז שוין אַן אָפיציר, איר ווייסט ? נאָר נישט גוט, וואָס ער האָט צופיל פרייהייט. אייך, יונגע לייט, דאַרף מען האַלטן אין די הענט, און אָט ווי אַזוי !... איר זענט אויף מיר נישט ברוגז, אויף אַן אַלטער מומען, וואָס איך זאָג אייך דעם אמת ; איך האָב עטיענען געהאַלטן שטרענג, און כ׳געפין, אַז אַזוי דאַרף מען.

— יאָ, אָט וואָס פאַר אַ קרובים מיר זענען, — האָט זי ווייטער גערעדט. — פירשט איוואַן איוואַנאָוויטש איז מיר אַ לייבלעכער פעטער,

אויך אייער מוטער איז ער געווען א פעטער. הייסט עס, מיר זענען מיט אייער מוטער געווען שוועסטערקינדער, ניין, גליד-שוועסטערקינדער. יאָ, אזוי. נו, זאָגט זשע מיר: איר זענט, מיין פריינט, געווען באַם פירשט איוואַנען?

— איך האָב געזאָגט, אַז נישט, נאָר איך וועל היינט זיין.

— אַך, ווי איז עס מעגלעך! — האָט זי אויסגעשריגן: — דאָס האָט איר דעם ערשטן וויזיט געדאַרפט מאַכן. איר ווייסט דאָך, אַז פירשט איוואַן איז פאַר אייך אַלצאיינס ווי אַ פאַטער. ער האָט קיין קינדער נישט, בכן זענען זיינע יורשים איר און מיינע קינדער. איר דאַרפט אים אַכטן סיי פאַר זיינע יאָרן, סיי פאַר זיין לאַגע אין דער געזעלשאַפט, און פאַר אַלץ. איך ווייס, איר יונגעלייט פון היינטיקער וועלט, האַלט איר שוין נישט פון קרובהשאַפט, און איר האָט נישט ליב די אַלטע. אָבער איר פאָלגט מיך, אַן אַלטע מומע, ווייל איך האָב אייך ליב, און כ׳האָב אייער maman אויך ליב געהאַט, און די באָבעשי אויך זייער, זייער ליב געהאַט און געאַכט. ניין, איר פאָרט אומבאַדינגט, אומבאַדינגט פאָרט צו אים.

איך האָב געזאָגט, אַז איך וועל אומבאַדינגט פאָרן, און אַזוי ווי דער וויזיט האָט שוין נאָך מיין מיינונג גענוג לאַנג געדויערט, בין איך אויפגעשטאַנען און האָב געוואָלט אַוועקפאָרן, נאָר זי האָט מיך אָפּ-געהאַלטן.

— ניין, וואַרט אַ רגע, ווו איז אייער פאָטער, Lise? רופט אים אַריין אַהער. ער וועט אַזוי צופרידן זיין, וואָס ער וועט אייך זען, — האָט זי ווייטער גערעדט, ווענדנדיק זיך צו מיר.

אין אַ מינוט צוויי אַרום איז ווירקלעך אַריין פירשט מיכאילאַ. דאָס איז געווען נישט קיין הויכער, איינגעפונדעוועטער הער, אַ זייער אומציכטיק אָנגעטועגער, נישט קיין געגאָלטער און מיט עפּעס אַזאַ גלייכ-גילטיקן אויסדרוק אין פּנים, אַז ער איז אפילו ענלעך געווען אויף אַ נאַרישן. ער איז כּלל נישט געווען צופרידן, וואָס ער האָט מיך געזען, לפּחות, ער האָט קיין צופרידנקייט נישט אויסגעדריקט, נאָר די פירשטין, פאַר וועלכער ער האָט אַפּנים מורא געהאַט, האָט צו אים געזאָגט:

— נישט אמת, ווי ענלעך וואָלדעמאַר (זי האָט מסתּמא פאַרגעסן מיין נאָמען) איז ענלעך צו זיין maman? — און האָט געמאַכט אַזאַ באַוועגונג מיט די אויגן, אַז דער פירשט האָט אַפּנים געטראָפן, וואָס

זי האָט געוואָלט, איז צוגעגאַנגען צו מיר מיט אַ שרעקלעך גלייכגילטיקן, אפילו מיט אַן אומצופרידענעם אויסדרוק פון פּנים, און דערלאַנגט מיר זיין נישט געגאָלטע באַק, אין וועלכער איך האָב אים געמוזט אַ קוש טון.

— און דו ביסט נאָך נישט אָנגעטון, און דו דאַרפסט פאָרן, — האָט די פירשטין גלייך נאָך דעם אָנגעהויבן רעדן צו אים מיט אַ בייזן טאָן, וועלכער איז בא איר אַפּנים געווען דער געוויינלעכער אין דער באַציונג צו די שטוביקע: — ווידער זאָל מען אויף דיר זיין אין כּעס, ווידער ווילסטו אויפרייצן קעגן זיך.

— באַלד, באַלד, מוטערל, — האָט פירשט מיכאַילאָ געזאָגט און איז אַרויסגעגאַנגען. איך האָב זיך פאַרנייגט און בין אויך אַרויסגעגאַנגען.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, אַז מיר זענען די יורשים פון פירשט איוואַן איוואַניטש, און דידאָזיקע ידיעה האָט מיך נישט־אָנגענעם איבערראַשט.

XX.

זי איווינס

מיר איז נאָך שווערער געוואָרן צו טראַכטן וועגן דעם פאָרשטייענדיקן נויטוועדיקן וויזיט. נאָר פריער ווי צום פירשט, האָט מען פאַרבייפאָרנדיק געדאַרפט אַראָפּפאָרן צו די איווינס. זיי האָבן געוווינט אויף טווערער אין אַ קאָלאָסאַל שיין הויז. נישט אָן פּחד בין איך אַרויף אויף דעם פּאַראַדנעם גאַניק, בא וועלכן עס איז געשטאַנען אַ שווייצאַר מיט אַ בולאַווע.

איך האָב בא אים געפרעגט, — צי איז מען אינדערהיים?

— וועמען דאַרפט איר? דעם גענעראַלס זון איז אינדערהיים, — האָט מיר דער שווייצאַר געזאָגט.

— און דער גענעראַל אַליין? — האָב איך דרייסט געפרעגט.

— מען דאַרף מעלדן. ווי באַפעלט איר? - האָט דער שווייצאַר

געזאָגט אין אָנגעקלונגען. לאָקייאישע פּיס אין שטיבלעטן האָבן זיך באַוויזן אויף די טרעפּ. איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, אַז איך האָב געזאָגט דעם לאָקיי, ער זאָל נישט מעלדן דעם גענעראַל, נאָר איך וועל פריער אַריין צו דעם גענעראַלס זון. ווען איך בין געגאַנגען אַרויף, איבער דערדאָזיקער גרויסער טרעפּ, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז איך בין געוואָרן שרעקלעך אַ קלייניקער (און נישט אין מעטאַפאָרישן, נאָר אין עכטן זינען פון וואָרט). דאָס זעלבע געפיל האָב איך געשפּירט אויך דעמאָלט, ווען מיין דראָזשקע איז צוגעפאָרן צו דעם גרויסן גאַניק, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אי די דראָזשקע, אי דאָס פערד, אי דער קוטשער זענען געוואָרן קלייניקע. דעם גענעראַלס זון איז געלעגן מיט אַן אָפן בוך פאַר זיך און געשלאָפן. ווען איך בין צו אים אַריין, זיין גוווערניאָר הער פראָסט, וועלכער איז נאָך פאַרבליבן בא זיי אין שטוב, איז גלייך נאָך מיר מיט אַ ווילדוגערישן גאַנג אַריין אין צימער און האָט אויפגעוועקט זיין תּלמיד. איוון האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערע פרייד, דערזעענדיק מיך, און איך האָב באַמערקט, ווי רעדנדיק מיט מיר, האָט ער מיר געקוקט אין די ברעמען. כאָטש ער איז געווען זייער העפלעך, האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער פאַרווילט מיך פּונקט אַזוי, ווי די יונגע פירשטין, און אַז קיין באַזונדערע ליבשאַפט צו מיר האָט ער נישט געשפּירט, און קיין נויטווענדיקייט אין דער באַקאַנטשאַפט מיט מיר האָט ער נישט געהאַט, ווייל ער האָט מסתּמא געהאַט זיין אייגענעם קרייז באַקאַנטע. איך האָב דאָס אַלץ משער געווען דערפאַר, וואָס ער האָט מיר געקוקט אין די ברעמען. מיט איין וואָרט, זיינע באַציונגען צו מיר זענען געווען, — ווי אומאָנגענעם מיר איז נישט מודה צו זיין זיך אין דעם, — כמעט אַזעלכע, ווי מיינע צו אילינקען. איך האָב אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין אַ צערייצטער שטימונג, כ׳האָב יעדן איוונס בליק אויפגעכאַפּט אין דער לופטן, און ווען ער האָט זיך באַגעגנט מיט פראָסטס אויגן, האָב איך אים איבערזעצט: „צוואָס נאָר איז ער צו אונז געקומען צו פאָרן?"

גערעדט אַ ביסל מיט מיר, האָט איוון געזאָגט, אַז זיין פאָטער און מוטער זענען אינדערהיים, איז אפשר וויל איך אַראָפּגיין צו זיי מיט אים צוזאַמען.

— איך וועל מיך באַלד אָנטון, — האָט ער צוגעגעבן, אַרויסגייענדיק אין אַן אַנדער צימער, נישט געקוקט דערויף, וואָס בא זיך אין צימער איז ער אויך געווען גוט אָנגעטון — אין אַ נייעם סורדוט און

אין אַ ווייסן זשילעט. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער צו מיר אַרויס אין מונדיר, פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּ, און מיר זענען צוזאַמען אַראָפּ אונטן. די פּאַראַדנע צימערן, דורך וועלכע מיר זענען דורכגעגאַנגען, זענען געווען אויסערגעוויינלעך גרויסע, הויכע און, דאַכט זיך, מיט לוקסוס פאַרפּוצטע. עפּעס איז דאָרט געווען פון מירמלשטיין, פון גאָלד, און זאַכן פאַרוויקלט אין מוסלין און פון שפּיגל. אין איין צייט מיט אונז איז פרוי איוווין אַריין פון אַן אַנדערער טיר אין קליינינקן צימערל הינטער דעם גאַסט-זאַל. זי האָט מיך זייער פריינטלעך-קאָמיש אויפגענומען, אַוועקגעזעצט לעבן זיך און מיט אַנטייל אויסגעפרעגט מיך וועגן דער גאַנצער משפּחה אונזערער.

פרוי איוווין, וועלכע איך האָב פריער אַמאָל צוויי געזעען אַ רגע און איצט באַטראַכט אויפמערקזאַם, איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. זי איז געווען גרויס געוואַקסן, אַ מאָגערע, זייער אַ ווייסע און האָט אויסגעוויזן שטענדיק אַן אומעטיקע און אַן אויסגעמאַטערטע. אַ שמייכל האָט זי געהאַט אַ טרויעריקן, נאָר אַן אויסערגעוויינלעך גוטן, די אויגן זענען געווען גרויסע, מידע, און אַ ביסל קרומע, וואָס עס האָט איר צוגעגעבן נאָך אַ מער טרויעריקן און אָנציענדיקן אויסדרוק. זי איז געזעסן נישט איינגעהויקערט, נאָר עפּעס אַראָפּגעלאָזט זיך מיטן גאַנצן קערפּער, אַלע באַוועגונגען אירע זענען געווען פאַלנדיקע. זי האָט גערעדט פויל, נאָר דער קלאַנג פון איר שטים און די אויסשפּראַך מיטן נישט קלאָרן אַרויסרעדן די ר און די ל זענען געווען זייער אָנגענעם. זי האָט מיך נישט פאַרווײלט. אַפּנים, אַז מיינע ענטפערן וועגן די קרובים האָבן איר פאַרשאַפט אַ טרויעריקע נייגיריקייט, גלייך ווי הערנדיק מיך, וואָלט זי זיך מיט טרויער דערמאַנט אָן בעסערע צייטן. איר זון איז ערגעץ אַרויסגעגאַנגען, זי האָט אַ מינוט צוויי שווייגנדיק געקוקט אויף מיר און פּלוצלינג זיך פונאַנדערגעוויינט. איך בין געזעסן אַנטקעגן איר און האָב בשום אופן נישט געקאָנט צוטראַכטן, וואָס אַזוינס זאָל איך זאָגן, אָדער טון. זי האָט ווייטער געוויינט, נישט קוקנדיק אויף מיר. לכתחילה איז מיר געווען אַ רחמנות אויף איר, נאָכדעם האָב איך אַ טראַכט געטון: „אפשר דאַרף מען זי טרייסטן, און ווי דאַרף מען דאָס טון?" און לסוף איז מיר געוואָרן פאַרדראָסיק, וואָס זי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ אומבאַקוועמער לאַגע. „צי דען האָב איך אַזאַ קלאָגעדיק אויסזעען? — האָב איך געטראַכט, — אָדער אפשר טוט

זי עס בפירוש, — כדי צו דערוויסן זיך, ווי וועל איך מיך באגיין אין אזא פאל?"

„אוועקגיין אבער איז איצט נישט באקוועם, גלייך ווי איך וואלט אנטלאפן פון אירע טרערן", — האב איך ווייטער געטראכט. איך האב מיך אויסגעדרייט אויף דער שטול, כדי כאטש דערמאנען זי, אז איך בין דא.

— אך, סאר א נארישע איך בין! — האט זי געזאגט, טוענדיק א בליק אויף מיר און באמיענדיק זיך צו טון א שמייכל: — ס'טרעפן אזעלכע טעג, ווען דו וויינסט גלאט אזוי אן א סיבה.

זי האט גענומען זוכן א טיכל לעבן זיך אויפן דיוואן, און פלוצלינג האט זי זיך פונאנדערגעוויינט נאך שטארקער.

— אך, גאט מיינער! ווי קאמיש דאס איז, וואס איך וויין. איך האב אזוי ליב געהאט אייער מוטער, מיר זענען אזוי באפריינדעט... געווען... און...

זי האט געפונען דאס טיכל, פארדעקט זיך מיט דעם און ווייטער געוויינט. ווידער האט זיך איבערגעחזרט מיין אומבאקוועמע לאגע און זי האט געדויערט גאנץ לאנג. מיר איז געווען אי פארדראסיק, אי נאך מער ארחמנות אויף איר. די טרערן אירע האבן אויסגעוויזן אויפריכטיקע, און מיר איז אלץ געקומען אויפן זינען, אז זי האט נישט אזוי געוויינט נאך מיין מוטער, ווי צוליב דעם, וואס איר אליין איז איצט געווען נישט גוט, און וואס פריער אין אמאליקע צייטן איז געווען בעסער. איך ווייס נישט, מיט וואס וואלט זיך דאס געענדיקט, ווען עס וואלט נישט אריינגעקומען דער יונגער איווין און געזאגט, אז דער אלטער איווין פרעגט אויף איר. זי איז אויפגעשטאנען און האט שוין געוואלט גיין, ערשט איווין אליין איז אריין אין צימער. דאס איז געווען א קליינינקער, א פעסטער, א גרויער הער, מיט געדיכטע שווארצע ברעמען, מיט א קורץ געשוירענעם קאפ און מיט אן אויסערגעוויינלעך שטרענגן און פעסטן אויסדרוק פון מויל.

איך בין אויפגעשטאנען און האב מיך פאר אים פארנייגט, אבער איווין, וועלכער האט געהאט דריי שטערן אויף דעם גרינעם פראק, האט לא די וואס נישט געענטפערט אויף מיין גריסן זיך, נאר ער האט אויף מיר כמעט קיין בליק נישט געטון, אזוי אז איך האב תיכף דערפילט, אז איך בין נישט קיין מענטש, נאר עפעס א חפץ, וואס פארדינט נישט קיין אויפמערקזאמקייט — א שטול, צי א פענצטער, און אויב שוין א מענטש,

איז אַזוינער, וואָס שיידט זיך קיין האָר נישט אונטער פון אַ שטול, אָדער אַ פענצטער.

— און איר האָט נאָך אַלץ דער גרעפין נישט אָנגעשריבן, מייַן ליבע, — האָט ער געזאָגט צו דעם ווייַב אויף פראַנצויזיש, מיט אַן אומ־ליידנשאַפטלעכן, נאָר מיט אַ האַרטן אויסדרוק פונם פּנים.

— אַדיע, m-r Irteneff, — האָט צו מיר געזאָגט פרוי איווין, פּלוצלינג עפּעס שטאָלץ אַ שאָקל טוענדיק צו מיר מיטן קאָפּ, און פּונקט אַזוי ווי דער זון אַ בליק געטון מיר אין די ברעמען. איך האָב מיך נאָך אַמאָל פאַרנייגט פאַר איר און פאַר איר מאַן, און ווידעראַמאָל האָט אויף דעם אַלטן איווין מייַן פאַרנייגן זיך געווירקט פּונקט אַזוי, ווי מען וואָלט אויפגעעפנט אָדער פאַרמאַכט די פענצטער. דער סטודענט איווין האָט מיך פונדעסטוועגן באַגלייט ביז דער טיר, און אויפן וועג האָט ער מיר דער־ציילט, אַז ער גייט אַריבער אין דעם פּעטערבורגער אוניווערזיטעט, מחמת זייַן פאָטער האָט דאָרט באַקומען אַ שטעלע (ער האָט מיר אָנגערופן עפּעס זייער אַ וויכטיקע שטעלע).

„מילא, ווי דער פּאַפּאַ וויל זיך, — האָב איך געמורמלט צו זיך אַליין, זעצנדיק זיך אין דער דראָזשקע, — נאָר מייַן פוס וועט שוין דאָ קיינמאָל מער נישט זייַן; דידאָזיקע קלאָג־מוטער וויינט, אויף מיר קוקנ־דיק, פּונקט ווי איך וואָלט זייַן עפּעס אַן אומגליקלעכער, און איוואַן איז אַ חזיר, גריסט זיך נישט; איך וועל אים שוין געבן...“ ווי אַזוי האָב איך עס אים געוואָלט געבן, ווייס איך לחלוטין נישט, נאָר אַזוי איז עס אויס־געקומען, צום וואָרט.

נאָכדעם איז מיר אָפט אויסגעקומען צו הערן דעם פאָטערס מוסר, אַז מען מוז „ק ו ל ט י ו ו י ר ן“ דידאָזיקע באַקאַנטשאַפט, און אַז איך קאָן נישט פאָדערן, אַז אַ מענטש אין אַזאַ לאַגע, ווי איווין, זאָל האָבן עסקים מיט אַ קליין ייִנגל, אָבער איך האָב גאַנץ לאַנג אויסגעהאַלטן כאַראַקטער.